אברהם ענגעלשער

# דער יודישער אוצר

א זאמלונג פון גלייכווערטלעך פון אלע גדולי ישראל
(שיחות חולין שנעשו על טהרת הקודש)

אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה לימוד, שנאמר ועלהו לא יבול. (סוכה כ"א)

---

רבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחו רבנן (שבת ל')

מוציא לאור:
יצחק אייזיק שענבערגער

מכירה הראשית:
ליע עווענין ספרים צענטער
סופר ובודק
חיים דוד ארי' איינהארן
CH. D. EINHORN
114 LEE AVENUE BROOKLYN 11, N. Y.

SINAI OFFSET CO.
אברהם יצחק פריעדמאן מנהל

# דער יודישער אוצר

1

צו דעם בעוואוסטען וועלט'ס גאון ר' יאָשע דענענבורגער ז"ל, דווינסקער רב (בעל המחבר ספרי צפנת פענח), זענען אַמאָהל געקומען צוויי יודען צו האָבען פאַר איהם אַ דין-תורה. דער גאון זייענדיג פערטיעפט אין אַ האַרבען „ירושלמי", האָט ער זיי אָבגעזאָגט, כמעט אַזוי ווי אַרויס געוואָרפען. זענען די צוויי יודען געגאַנגען צו הגאון ר' מאיר שמחה ז"ל, אויך דווינסקער רב, און זיי האָבען איהם דערציילט דאָס אַלעס — האָט זיי ר' מאיר שמחה ז"ל געזאָגט — ער איז דאָך גערעכט. עס איז אַ בפירוש'ע גמרא (אין מסכת בבא קמא דף ו'), די גמרא פרעגט, פאַרוואָס שטייט אין די משנה „חב" עס האָט געדאַרפט שטיין „חייב", מיט צוויי יודין? ענטפערט דערויף די גמרא, דער תנא איז געווען אַ ירושלמי-יוד, דאָרט זאָגט מען אַנשטאָט „חייב" „חב", וואַרפט ער אַרויס די צוויי יודין. דער גאון איז דאָך אויך אַ ירושלמי-יוד, ער איז דאָך קלאָר אין גאַנץ ירושלמי, דעריבער וואַרפט ער אַרויס צוויי יודין.

2

דער „חתם סופר" ז"ל האָט אַ מאָהל מאריך געווען ביים דאַווענען, נאָכ'ן דאַווענען איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ תלמיד און געזאָגט, דער רבי האָט היינט מאריך געווען ביים דאַווענען, איך האָב דערווייל אין דער צייט אָב-געלערינט צוויי בלאַט גמרא מיט תוספות. האָט דער „חתם סופר" דערויף געענטפערט: די חז"ל זאָגען, המאריך בתפילתו מאריכין לו ימיו ושנותיו, (ברכות נ"ד) דורך דעם לאַנגען דאַווענען וועל איך לענגער לעבען, וועל איך קענען צולערנען די בלעטלעך גמרא.

3

ר' שלמה קלוגער ז"ל איז געגאַנגען מבקר חולה זיין אום ראש חודש זיי-נעם אַ פריינד, אַריינקומענדיג האָט ער געטראָפען ליגען אויפ'ן טיש אַ ספר און אַ בוך, האָט ר' שלמה קלוגער געפרעגט, צי האָט איהר היינט געזאָגט הלל? — אַוודאי, ענטפערט דער חולה, ס'איז דאָך היינט ראש חודש.

האָט ר׳ שלמה קלוגער זיך אָנגערופען: די גמרא זאָגט, דערפאַר זאָגט מען ניט קיין הלל אום ראש השנה, ווייל „ספרי חיים וספרי מתים פתוחים". (ר"ה ל"ב) היינט אַז איך זעה אַז ביי אייך זענען „ספרי חיים וספרי מתים פתוחים", דורך דעם פרעג איך צי איהר האָט געזאָגט הלל.

## 4

**א** בעריהמטער מגיד, נישט קיין ירא שמים, איז אַמאָהל געקומען קיין בריסק האַלטען אַ דרשה, האָט ר׳ חיים ז"ל איהם ניט ערלויבט צו רעדין אין זיין בית המדרש. ס׳טייטש, רבי? — וואונדערט זיך דער מגיד — פאַרוואָס לאָזט איהר מיך ניט האַלטען די דרשה, זי איז דאָך כשר בתכלית הכשרות, איך, ברענג ציטאַטען פון מקרא, משנה, גמרא. ענטפערט איהם ר׳ חיים: פלייש וואָס ס׳איז געשאָכטען געוואָרען ווי געהעריג, דורך אַ שוחט מומחה, און אויך געבדק׳נט כדין, ניט געפונען קיין שום סירכא, און געזאַלצען כדין, פונדעסטוועגען איז עס טריף אויב עס איז געקאָכט אין אַ טריפה׳נער כלי...

## 5

**א**ויף אַ דין תורה זענען אַמאָהל אָנוועזענד געווען ר׳ אייזיל סלאָבימער ז"ל ר׳ יצחק אלחנן ז"ל, קאָוונער רב און דער קאָברינער רב ז"ל, גראָדע איז יענער טאָג געווען זעהר אַ הייסער, אַז זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט איינזיצען. אַ קלייניגקייט! — האָט זיך ר׳ אייזיל אָנגערופען — אַז די גמרא זאָגט: „לעולם יראה דיין בעצמו כאלו גיהנם פתוחה לו מתחתיו" (סנהדרין ז׳). היינט, אַז עס זענען זיך צונויפגעקומען ד ר י י דיינים, איז דאָך גאָר קיין חידוש נישט פאַרוואָס עס איז אַזוי הייס...

## 6

**ו**אָס איז די מעשה — פלעגט זאָגען דער חי׳ הרי"ם ז"ל — וואָס אין שלחן-ערוך געפינט זיך ניט קיין „הלכות תשובה" און אין רמב"ם יאָ? ווייל דער שלחן-ערוך גיט זיך אָב נור מיט דינים, וואָס זענען נוהג בזמן הזה, און כידוע איז תשובה היינט ווייניג נוהג, מען זעהט ניט קיין סך בעלי-תשובה, דער רמב"ם דאַגעגען גיט זיך יאָ אָב מיט אַזעלכע דינים, וואָס זענען היינט ניט נוהג, דעריבער ברענגט ער זיי יאָ...

## 7

**ו**ען האָט דערצעהלט ר׳ אייזשע סלאָנימער ז"ל, אַז דער און דער גדול ריהמט זיך, אַז אין בקיאות איז ער מעהר בקי ווי איהר — האָט ער גע-

ענטפערט: עס איז וואָהר, נאָר דער חילוק איז, ער ווייסט וואו עס שטעהט און איך ווייס וואָס עס שטעהט. דאָס האָט דוד המלך געזאָגט אין תהלים „סעיפים שנאתי". איך האָב פיינד די „סעיפים־קענער", די וואָס ווייסען בלויז אין וועלכען „סימן" און אין וועלכען „סעיף" די זאַך שטעהט.

## 8

**א** געוויסער רב פלעגט שטאַרק מיקל זיין אין שאלות, אפילו געגען ט"ז מיט'ן ש"ך, אַז מען האָט איהם געפרעגט: היתכן? — האָט ער געענט־פערט: אַז איך וועל שטעהן פאַר'ן בי"ד של מעלה וועלען קומען דער ט"ז מיט'ן ש"ך און מיך לאָדען, פאַרוואָס איך האָב גע'פסק'נט געגען זיי, וועל איך מיך פערענטפערען, אָבער אַלענפאַלס וועל איך דאָס פערדינען, אַז איך וועל שטעהן צוזאַמען מיט'ן ט"ז און ש"ך, אָבער ווען איך וועל טריפה מאַכען א בהמה, וועט מיך לאָדען די בהמה צו אַ דין־תורה, פאַר וואָס איך האָב זי טריפה געמאַכט, און אפילו איך וועל געווינען, אָבער איך וועל דאָך שטעהן מיט אַ בהמה צו אַ דין־תורה.

## 9

**צ**ום „תפארת שלמה", דער ראַדאָמסקער רבי ז"ל, זענען אַמאָהל אַריין בעלי־בתים פון שטאָדט איהם מבקר חולה צו זיין, זיצען זיי אַזוי און בעטראַכ־טען מיט פערוואונדערונג די אַלמערס מיט ספרים, וואָס שטעהען ביים רבי'ן אין שטוב. איהר ווייסט — מאַכט צו זיי דער „תפארת שלמה" — אַז די מחברים פון אָט די אַלע ספרים האָבען זיך קיין נעגעל־וואַסער נישט געשטעלט? קוקען זיי איהם אָהן פערוואונדערט. — וואָס מיינט איהר, רבי? — פרעגען זיי איהם — כ'מיין פשוט — ענטפערט ער זיי — די מחברים פון די ספרים האָבען קיין נאַכט נישט געשלאָפען...

## 10

**ד**ער ליסער רב ז"ל, זייענדיג אַמאָהל הינטערוועגס, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין אַ יודישע קרעטשמע, עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער פראָסט, אין דעם קומט אַריין דער שטאָדט־שוחט, שעכטען אַ קאַלב פאַר דעם בעל־הבית, דער שוחט איז געווען גוט דורכגעפרוירען, האָט איהם דער בעל־הבית דערלאַנגט אַ כוס בראָנפען, דערנאָך האָט זיך דער שוחט געהייסען געבען אַ צווייטען כוס, און אַזוי כסדר ביז ער האָט אויסגעטרונקען פיער כוסות, נאָך די כוסות געהט זיך דער שוחט נעמען צו דער שחיטה, זאָגט עס דער ליסער רב: לייגט אייך פריהער אַ ביסעל שלאָפען, יעצט טאָרט איהר ניט שעכטען, זיי האָבען ניט געוואוסט אַז דאָס איז דער ליסער רב, האָבען זיי איהם געהייסען גיין זיין וועג און ניט זיך מישען אין פרעמדע עסקים.

דער ליסער רב האָט זיך דאַן אָבגערופען:

— ס'איז מיר שטענדיג קשה געווען אין דעם „חד-גדיא", פאַר וואָס קומט עס דעם שוחט, אַז דער מלאך-המות זאָל איהם שעכטען? בשלמא, דער אָקס, די קאַץ, דער הונד א. אַ. וו. טהוען זיי דאָך אומרעכט, קומט זיי אַ שטראָף. דער שוחט אָבער, אַז ער שעכט דעם אָקס, מאַכט ער דאָך אַ ברכה, נו, אַז מען איז מקיים אַ מצוה, קומט איהם דערפאַר אַ עונש? איצט אָבער, פערשטעה איך שוין, דאָס קומט איהם דערפאַר, ווייל ביים „חד גדיא" איז ער שוין נאָך די ארבע כוסות!...

## 11

א מחבר איז אַמאָהל אַריינגעקומען מיט זיין ספר צו אַ נגיד, ער זאָל ביי איהם קויפען דאָס ספר, דער נגיד איז אָבער געווען אַ קאַרגער, האָט ער דעם מחבר זעהר בעליידיגט מיט פערשידענע זלזולים, און ניט געוואָלט קויפען דאָס ספר. האָט איהם דער מחבר געזאָגט, די חז"ל זאָגען: „פשוט נבילה בשוק ואל תאמר כהנא אנא, גברא רבא אנא" (פסחים קי"ג), איז דאָך קשה, וואו קומט צו אַ תלמיד חכם ער זאָל קאָנען שינדען נבילות? — די גמרא מיינט דערמיט, ווען אַ תלמיד חכם איז מחבר אַ ספר, מעג ער עס געהען פאַר-לעגען אפילו צו אַ גביר אַ קרח, אַ נבילה, אַבי ער זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו מענטשען, ליידער לאָזען זיך אָבער די נבילות נישט שינדען...

## 12

דער לעמבערגער רב הגאון ר' יצחק שמעלקיש ז"ל האָט אַמאָהל געהאַלטען אַ דרשה אום שבת. ווי ער האָט געזעהען, אַז עס איז געקומען ווייניג מענטשען צו הערען די דרשה, האָט ער געהאַט אַ ביסעל חולשות הדעת, ווייל אַ שבת פריהער האָט געזינגען אַ חזן, ער האָט געהייסען „ברוך", און עס איז יאָ געקומען אַ גרויסער עולם... — האָט דער גאון אָנגעהויבען זאָ-גען: „ברוך שאמר והי' העולם", ווען ברוך זאָל היינט זאָגען זיינע ניגונים וואָלט זיכער געווען אַ גרויסער עולם.

## 13

וען האָט געפרעגט דעם ליסער רב ז"ל, פאַר וואָס ער האָט געשריבען אין זיינע ספרים דעם „חות דעת", „נתיבות המשפט" קורצע זאַכען, אין אַנדערע חיבורים וואָס זענען אַרויס אין זיין צייט איז געשריבען לאַנגע פלפולים? — האָט דער גאון געענטפערט — די חז"ל זאָגען, „כל אמתא בריבוע אמתא ותרי חומשא באלכסונו" (סוכה ה'), דאָס הייסט, אַז אין די קרום פערנעמט דאָס

לענגער ווי אין דער גלייך. אַלזאָ, מיינע פלפולים זענען גלייך, דעריבער זענען זיי קורצע.

## 14

אײנער איז געקומען צום רבי'ן ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל און געזשאַלעוועט זיך אַז ער האָט נישט קיין פרנסה. — האָט איהם דער רבי ר' מאיר'ל געענטפערט: די חז"ל זאָגען, „תפלה עושה מחצה", איז דער טייטש „תפלה" אַז דו וועסט בעטען דעם איבערשטען „עושה" דער בעשעפער „מחצה" העלפט...

## 15

ווען ר' אייזשע סלאָנימער ז"ל האָט מחבר געווען דאָס ערשטע ספר, האָט אַ רב עס געזעהען, האָט ער איהם געזאָגט אַז עס איז זעהער גוט. אין עטליכע יאָהר אַרום האָט ר' אייזשע ז"ל אַרויס געגעבען נאָך אַ ספר, האָט דאָס דער זעלבער רב געזעהען — זאָגט צו איהם דער רב: די חז"ל זאָגען דאָך, „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין, דעתם מיתוספת עליהם" (סוף קינים). ד. ה. תלמידי חכמים וואָס עלטער זיי ווערען קריגען זיי אַ גרעסערען שכל. און איך זעה, אַז דאָס ערשטע ספר איז בעסער געווען ווי דער אַנדערער. — האָט איהם ר' אייזשע געענטפערט: זעהט וואָס עס שטעהט פריהער, עמי הארץ כל זמן שמזקינין דעתם מתטפשת, איבער דעם פערשטייט איהר שוין ניט — היינט ווען איהר זענט עלטער געוואָרען — מבחין צו זיין, אַז דאָס צווייטע ספר איז בעסער ווי דאָס ערשטע.

## 16

א למדן האָט אַמאָהל געזאָגט אַ פלפול פאַר דעם גאון ר' משולם איגרא ז"ל. ווי ער האָט געענדיגט דעם פלפול, פרעגט ער דעם גאון, צי געפעלט אייך דער פלפול? — האָט דער גאון געענטפערט: עס איז „כשר". פרעגט ער איהם, וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט דער גאון געענטפערט: די משנה זאָגט „ניקב קרום של מוח טריפה" (חולין מ"ב), אַז עס איז געלעכערט קרום איז טריפה, אָבער אַז עס איז גאַנץ קרום איז „כשר"...

## 17

א מחבר האָט געבערענגט זיין ספר צו אַ גאון צו נעמען פון עם אַ הסכמה. דער גאון האָט אַריינגעקוקט אין ספר האָט ער געזעהען, אַז עס איז פיעל מיט טעותים און גרייזען, האָט דער גאון געזאָגט צום מחבר: איך בין

שוין אַנ'אַלטער מאַן און אַ שוואַכער, און אין דיין ספר קען איך ניט לער־נען נאָר שטעהענדיג און דאָס איז מיר זייער שווער. — פרעגט איהם דער מחבר: פאַר וואָס דאַרפט איהר עפּעס אויפשטעהען לערענדיג אין מיין ספר? ענטפערט איהם דער גאון מיט אַ שמייכעל: עס איז דאָך אַ בפירוש'ער פּסוק, מפני שיבה (פאַר אַ גרייז) תקום (זאָלסט דו זיך אויף שטעלען).

## 18

**א** מחבר האָט געברענגט זיין ספר צו אַ גאון צו נעמען ביי איהם אַנ'הסכמה, אויך האָט ער געבעטען, אַז ער זאָל איהם זאָגען אַ פּאַסיגען נאָמען צו דעם ספר. דער גאון האָט אַדורך געקוקט דאָס ספר און עס איז איהם ניט געפעלען. רופט זיך אָן דער גאון צום מחבר: עס איז גלייך זאָלסט אַ נאָמען געבען דאָס ספר „אור פני משה". דער מחבר האָט זיך זעהער געפרייט טראַכטענדיג, אַז דאָס ספר איז דעם גאון זייער געפעלען געוואָרען, דערפאַר האָט ער אַזאַ שיינעם נאָמען געגעבען דאָס ספר. ווען דער מחבר איז אַוועק געגאַנגען, האָט דער גאון געזאָגט צו די שטוב־מענטשען: איהר ווייסט פאַר וואָס איך האָב געהייסען אָנרופען דאָס ספר „אור פני משה", ווייל אַזוי ווי עס איז געווען אונמעגליך צו קוקען אין די ליכטיגקייט פון משה רבינו אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה „כי קרן עור פניו", אַזוי קען מען ניט קוקען אין זיין ספר, ווייל עס איז לויטער טעותים.

## 19

**ד**ער גאון ר' וואָלף פרענקעל ז"ל, דער בעל המחבר פון ספר „משיב כהלכה", איז איינמאָהל פאַרטאָג'ס געגאַנגען אין מקוה און דער משמש איז נאָך געגאַנגען מיט דעם לאַמטער אונטער איהם, האָט דער גאון איהם געזאָגט: מה פשעי ומה חטאתי כי „דלקת" (פון לשון הדלקה אָנצינדען) אחרי (אונטער מיר).

## 20

**צ**ום הרב אַדלער פון האַנאָווע זענען געקומען אַ מאַן מיט אַ פרוי און איהם דערציילט אַזוי: זייער זוהן פאָהרט אַוועק ווייט, ער זאָל פועל'ן ביי איהם אַז ער זאָל אַלע טאָג דאַווענען און לייגען תפילין — האָט ער זיי געגעבען אַ עצה: אַז די טאַשען־טיכלעך זאָלען זיי איהם אַריינלייגען אין תפילין־זעקעל און באַהאַלטען אַז ער וועט אייך שרייבען, אַז איהר זאָלט עס שיקען די טאַשען־טיכלעך, וועט איהר ענטפערען, אַז דו וועסט לייגען תפילין און דאַווענען וועסט דו געפינען די טאַשען־טיכלעך, זעה זשע זונעשי ווי גרויס איז דער כח פון תפלה...

## 21

דער דובנער מגיד האָט געזעהען, ווי אַ חברה מושב־לצים האָבען געשפעט פון די יודישע אמונה און פון ביאת המשיח. האָט דער דובנער מגיד געזאָגט צו זיי: אַ הונגעריגער פוקס האָט געזעהען, ווי אַ קראָה שטעהט אויף אַ הויכען בוים, זאָגט ער צו די קראָה: וואָס האָסט דו מורא אַראָב צו גיין צו מיר, משיח איז דאָך שוין געקומען און עס איז מקויים געוואָרען די נבואה „וגר זאב עם כבש" און קיין שום חיה וועט שוין נישט פערציקען, און אַלע לעבען דאָך שוין בשלום, אַזוי ווי דער פוקס רעדט אַזוי צו די קראָה, הערט ער אַ קול ווי הונד בילען, איז ער דערציטערט געוואָרען און פרעגט די קראָה: זעה נאָר פון דערווייטענס, וואָס איז דאָס פאַר אַ קול? האָט די קראָה געענטפערט: עס געהען פענגער׳ס און זיי פיהרען מיט זיך גרויסע יאַגד־הונד, האָט דער פוקס אָנגעהויבען צו אַנטלויפען — האָט איהם די קראָה געפרעגט: דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז משיח איז שוין געקומען, טאָ פאַר וואָס אַנטלויפסט דו? — האָט דער פוקס געענטפערט: וואָס זאָל איך טוהען, אַז די הונד גלייבען נִיט אין ביאת המשיח...

## 22

א גאון איז אַמאָהל אַדורך געפאָרען אַ שטעדטעל, האָט ער בעזוכט די דאָרטיגע שוהל, האָט ער געזעהען, ווי עס איז דאָ פיעל שיינע בילדער, עס איז אויסגעמאָהלט אַ לעמפערט און אונטערגעשריבען „עז כנמר", אַזוי אַ לייב און אַזוי אַ אָדלער און אַ הערש. דער גאון האָט געזעהען, אַז די מתפללים פיהרען זיך בקלות ראש — האָט דער גאון געזאָגט: עס איז מיר אַ וואונדער, דער גאַנצער מאמר פון ר׳ יהודה בן תימא אין פרק אבות איז דאָ אויסגעמאָהלט „עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי", נאָר דעם סוף מאמר „לעשות רצון אביך שבשמים", דאָס איז דאָ נישט געמאָהלט...

## 23

איינער האָט אַמאָהל געפרעגט אַ קלוגען רב: וואָס טהוט רש״י הקדוש אויף מיט דעם פשט אויפ׳ן פסוק „ויענו בני יעקב את שכם ואת אביו במרמה" (בראשית ל״ד י״ג), זאָגט רש״י: „במרמה — בחכמה", וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ חכמה פון די בני יעקב, יעדער איינער ווייסט דאָס: אויב די מענטשען וועלען זיין שוואַך, וועט מען זיי לייכט קענען אויס הרג׳ענען? — עס איז געווען זעהער אַ גרויסע חכמה — האָט דער רב געענטפערט — ד׳ען זיי האָבען דאָך געקענט באמת אויס הרג׳ענען גאַנץ שכם, אַפילו ווען זיי זענען געווען געזונד, נאָר זיי האָבען מורא געהאַט דאָס די אַלע אַרומיגע מלוכות וועלען זיך אָנגעהמען פאַר זיי, האָבען זיי דעריבער געמאַכט די גאַנצע

שטאָדט פאַר יודען, און דאַן זענען זיי שוין געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיך פאַר זיי ניט אָננעהמען...

## 24

**ר'** אייזיל סלאָנימער ז"ל איז אַמאָהל געקומען אין שוהל האָט ער געזעהען, ווי איינער האָט געעפענט דאָס סידור'ל, אָנגעהויבען דאַוונען גלייך פון „הודו", געמישט די בלעטלעך ווי אַ ווינד-מיהל, געטוהן אַ קוש ס'סידור'ל און – ואיננו! האָט זיך ר' אייזעל אָנגערופען: יעצט איז מיר ערקלערט געוואָרען די אסתפקתא אין דער גמרא מגילה, צי „הודו וכוש רחוקות מהדדי" אָדער „סמוכות זו לזו" – איך זעה, אַז זיי זענען זעהער נאָהענט אייגע פון די אַנדערע, בסך-הכל אייניגע מינוט וועג...

## 25

**א**ין דער שטאָדט קעמפנא, וואו עס איז געווען רב ר' ישראל יונה לאַנדא דער בעל המחבר „מעון הברכות", איז אַמאָהל אַראָבגעקומען אַ גרויסער חזן – ער האָט געהייסען שמעון – נאָר ער איז געווען אַ קל שבקלים: און מען האָט געגען דעם רצון פון רב עס אויפגענומען אַלס חזן אין שטאָדט. דער רב האָט זיך נישט געקענט ענטשליסען, צי ער זאָל וועגען דעם פיהרען אַ מחלוקת, האָט ער זיך געוואָנדען מיט אַ בריעף צו זיין ידיד ר' יוסף הצדיק פויזנער רב, געפרעגט איהם אַ עצה און געשריבען בזה הלשון:...„שמעון זה דורש כל האת'ין שבתורה, את החזיר ואת הטריפה ואת הנבילה (ער עסט אַלע מאכלות אסורות), כיון שהגיע לאת ד' אלקיך תירא פירש... ער איז ניט קיין ירא שמים – וואָס זאָל ער אַלזאָ טהון. ר' יוסף האָט איהם געענטפערט „מוטב להעמיד צלם בהיכל ואל ירבה מחלוקת בישראל. וואָס טהוט דער „מעון הברכות", ער האָט איהם מקרב געווען און כסדר עס געבעטען ער זאָל קומען צו איהם, און יעדעס מאָל איהם מכבד געווען מיט בראָנפען און גוט אָנגעשיכור'ט, כדי ער זאָל נאַכהער פראַווען אין די גאַסען זיינע שטיק... און איז אין גיכען פער'מיאוס'ט געוואָרען ביי די שטאָדט און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען.

## 26

**א** רב האָט זיך בעריהמט פאַר דעם בערזשאַנער רב ז"ל, אַז ער קען פערשידענע שפראַכען, האָט איהם דער בערזשאַנער רב ז"ל געזאָגט: די חז"ל זאָגען „אם דומה הרב למלאך כו' יבקשו תורה מפיהו" (חגיגה ט"ו), ד. ה. אַז דער רב איז גלייך צו אַ מלאך, זאָלסטו לערנען תורה פון איהם, און אויב ער איז ניט גלייך צו אַ מלאך זאָלסטו נישט לערנען פון איהם

קיין תורה, איז דאָך אייגענטליך שווער, ווער קען דען אַ מלאך, צו וויסען אויב דער רב איז גלייך צו איהם? נאָר דער תירוץ איז, ווייל די גמרא זאָגט: „אין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי״ (שבת י״ב), מלאכים קענען נישט קיין שפראַכען. דאָס מיינט די גמרא, אויב דער רב איז גלייך צו אַ מלאך, אַז ער קען ניט קיין שפראַכען, קענסטו לערנען פון איהם תורה, אָבער אַז ער קען שפראַכען – קאָנסטו נאָר שפראַכען זיך פון עם לערנען, אָבער נישט קיין תורה...

## 27

ווען האָט געפרעגט אַ רבי׳ן: פון וואַנען קומט עס וואָס אַפּיקורסים, וועלכע זענען עובר על כל עבירות שבעולם, נאָר די מצוה פון צדקה האַלטען זיי און גיבען גראָד אַ שיינע נתינה? – ס׳איז אַ בפירוש׳ער פּסוק – האָט דער רבי געענטפערט – „זה יתנו כל העובר על הפקודים״...

## 28

דער פּרעמישלא רב ז״ל פלעגט געהען אויף יו״ט צו ר׳ נפתלי ראָפּשיצער ז״ל צו פוס. אַז דער ראָפּשיצער רבי ז״ל איז דאָס געוואָהר געוואָרען, פרעגט ער דעם פּשעמישלא רב: פאַר וואָס פאָהרסט דו ניט אין אַ וואָגען. אויב דו האָסט נישט קיין געלד וועל איך באַצאָהלען פאַר דיר? האָט דער רב איהם געענטפערט: די חז״ל זאָגען „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל״ (ר״ה ט״ז), מ׳דאַרף מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן מיט דעם „רגל״, ניט מיט אַ וואָגען...

## 29

דער גאון ר׳ אייזיל סלאָנימער ז״ל איז אַמאָהל געפאָהרען אין וועג אַריין צוזאַמען מיט אַ גרויסען גביר אין איין וואָגען, אין מיטען וועג האָט זיך דער וואָגען איבער געדרייט און זיי ביידע זענען אַריין געפאַלען אין אַ גרוב. האָט ר׳ אייזיל זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל: אַצינד זענען מיר „תורה וגדולה במקום אחד... (גיטין נ״ט).

## 30

א חסיד האָט געפרעגט דעם „הפלאה״ ז״ל: אַזוי ווי עס טרעפט זיך איהם צו קויפען דאָס ספר „הקנה״, עס איז אַ יקר המציאות, נאָר דאָס געלד דאַרף ער אויסצוגעבען אויף שבת, וואָס זאָל ער טהון? – האָט איהם דער „הפלאה״ ז״ל געענטפערט: די חז״ל זאָגען „אין מסיחין בסעודה שמא

יקדים קנה לושט" (תענית ה') ווייזט דאָך אויס אַז דער ושט איז פאַר'ן קנה:...

## 31

אַ מאָהל איז געקומען אַ מחבר מיט זיין ספר צו ר' אייזשע סלאָנימער ז"ל און האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר איהם, אַז די הוצאות הדפוס זענען זעהער גרויס. אַזוי ווי ער האָט געקוקט אין ספר, האָט איהם ר' אייזשע געענט-פערט: עס איז אַן'עבירה דאָס געלד — דאָס צו דרוקען, ווייל די חז"ל זאָגען „סימן לעבירה הדרוקן" (שבת ל"ג).

## 32

צו ר' יוסף שאול ז"ל לעמבערגער רב, איז אַמאָהל אַריינגעקומען אַן'אָרי-מאַן און פערלאַנגט אַ נדבה. ר' יוסף שאול ז"ל, נישט האָבענדיג ביי זיך קיין געלד, איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב און איבער געלאָזט אויף דעם טיש אַ זייגעריל. ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען און דערזעהען, אַז דאָס זייגער'יל איז נישטאָ, האָט ער געזאָגט: יעצט איז מיר פערענטפערט געוואָרען די גמרא „עני חשוב כמת" (נדרים ס"ד). איך האָב עס קיינמאָהל נישט פער-שטאַנען. מיר זעהען דאָך, דאָס דער גרעסטער אָרימאַן וויל אויך נישט שטאַרבען? נאָר דער פשט איז: „עני חשוב כמת", אַזוי ווי מען טאָר נישט אַ מת לאָזען אַליין אין אַ שטוב, אַזוי טאָר מען אויך נישט איבערלאָזען אַ אָרימאַן אַליין...

## 33

אַ מחבר האָט אַמאָהל געמאַכט אַ ספר אויף הלכות פסח, און שריט ביי שריט אָבגעפרעגט דעם ספר „מקור חיים" פון ליסער רב, אויספיהרענ-דיג יעדעס מאָל „ודלא כמק"ח" (כמקור חיים). מיט אָט דעם חבור איז ער געקומען צו אַ גדול בתורה: נעמענדיג ביי איהם אַ הסכמה, האָט איהם דער גאון געענטפערט: אומזיסט דיין אַרבייט, נאַר בלייבט נאַר און מק"ח בלייבט מק"ח;...

## 34

אַ בעריהמטער גוטער-יוד איז אַמאָהל געגאַנגען אונטער וועגענס אין אַ שליחות של מצוה, און עס האָט זיך מיט אַמאָהל אַראָבגעלאָזט אַ שלאָקס-רעגען. האָט זיך דער רבי געשטעלט אונטער אַ בוים און געבעטען צו השי"ת, אַז דער רעגען זאָל אויפהערען. וואונדערט זיך דער משמש און פרעגט דעם

רבי'ן: סטייטש, רבי! וואָס טהוט איהר? דער כּהן-גדול האָט דאָך געבעטען „ואל תבוא לפניך תפלת עוברי דרכים בשעה שהעולם צריך לכך" (זאָלסט נישט הערען, דאָס געבעט פון די וועג-וואַנדערער, אַז דער רעגען זאָל זיך אָבשטעלען, ווען די וועלט נויטיגט זיך דעריין)? — דער רבי האָט גלייך געענטפערט: דער כּהן-גדול האָט נור געבעטען, אַז עס זאָל נישט דערהערט ווערען דאָס געבעט פון די עוברי דרכים (דרך השם), אָבער נישט פון די עובדי דרך השם! איך געה אין שליחות של מצוה!

## 35

אין דער צייט פון מלבי"ם זענען מיט אַמאָהל ערשיענען צוויי העברעאישע צייטונגען „הבוקר אור" און „השחר", וועלכע האָבען דעם רעליגיעזען יו-דענטום קיין גרויס נחת נישט פערשאַפט... גלייכצייטיג, האָבען דיביידע צייטונגען זיך געגענזייטיג בעקעמפט קאָנקורענציעל אויסגיעסענדיג איינע אויף די צווייטע קיתונים של שופכין (נישט ערגער פון די היינטיגע). דער מלבי"ם האָט דערויף געזאָגט אַזאַ משל: צוויי הונד האָבען בייַנאַכט פערבלאָנדזשעט אין אַ פינסטערען וואַלד. דערזעהענדיג זיך איינער דעם אַנדערען פון ווייטענס, האָט יעדער געמיינט, אַז דער אַנדערער איז אַ וואָלף, און האָבען שטאַרק געציטערט פאַר פּחד. ווען עס איז טאָג געוואָרען, ד. ה. „כשהבוקר אור, כשהשחר עלה", האָבען זיי ערשט דערזעהן, אַז ביידע זענען זיי כּלבים...

## 36

ווען מען האָט ר' יעקעלע גוטווירט ז"ל (וועלכער האָט זיינער צייט געש'מ'ט אַלס גרויסער חכם) אויפגענומען אַלס רב אין דוקלע, האָט איהם איינער פון די בעלי-בתּים געפרעגט: אויב איהר שמ'ט אַלס אַזאַ גרויסער חכם פאַר-וואָס האָט מען אייך נישט אויפגענומען אַלס רב אין אייער וואוין-אָרט? — עס איז אַ בפירוש'ע גמרא — האָט ר' יעקעלע געענטפערט — „לא אד"ו ראש", דאָרט, וואו יעדער זאָגט דיר „דו", קענסטו קיין ראש נישט זיין...

## 37

איער ענין וואָס דער עולם האָט לעצטענס אויפגעהערט צו נעהמען תּלמידי-חכמים פאַר איידעם'ס און צו געבען קעסט — ערקלערט רבי יהושע'לע קוטנער אויף פאָלגענדען אופן: די חז"ל זאָגען אונז, אַז די שנאה פון די עמי-הארצים צו די תּלמידי-חכמים איז אַזוי גרויס, אַז זיי זענען זיי גרייט צוצובייסען. „אמר ר' עקיבא כשהיתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור". (פסחים מ"ט) איז אַמאָהל פערצייטענס, האָבען די עמי-הארצים כּדי צו שטילען זייער דאָזיגע תּאוה, חתונה געמאַכט זייערע טעכטער פאַר

תלמידי-חכמים, אריינגענומען זיי צו זיך אין הויז אויף קעסט און אזוי ארום געהאט די מעגליכקייט צו בייסען זיי וויפיל נאר זייער הארץ האט געגלוסט. מיט דער צייט האבען זיך אבער די עמי-הארצים אויסגעזעהען, אז דער דאזיגער געשמאקער ביסען קאסט צו טייער, עס שמעקט מיט א שעהנעם נדן, חתונה הוצאות און קעסט, און נאך די קעסט מוז מען ערשט זיין פריש צוגעגרייט, אז דער איידעם וועט באלד אויף צומארגענס ווי ער וועט פערליערען דעם נדן, צוריק קומען שוין מיט׳ן ווייב און קינדער נאכאמאל אויף קעסט, האבען זיי זיך מיישב געווען און אויסגעזוכט א ביליגער מיטעל — עס נעהמען זיך צונויף אלע עמי-הארצים פון שטעדטעל און האלטען אויס בשותפות א רב א תלמיד-חכם, מען צאהלט איהם א גראשענדיגע שכירות און — אלע בייסען איהם... דער מאמר פון רבי עקיבא׳ן זענען זיי מקיים, און ס׳מאכט זיי טאקי אויס ביליגער...

## 38

צו ר׳ דוד׳ל טאלנער ז״ל איז אמאהל געקומען א בעל-דרשן און געזאגט צו איהם: רבי! איך וועל אייך פרעגען א קשיא: ואם תאמר, מה נאכל? — איך וועל דיר ענטפערען א תירוץ — האט דער טאלנער געענטפערט און דערלאנגט דעם בעל-דרשן א רובעל. צומארגענס איז דער בעל-דרשן ווידער געקומען און געפרעגט די אייגענע קשיא. — איך האב דאך אייך נעכטען געענטפערט א תירוץ — האט דער טאלנער געזאגט. — הערט אויס, רבי — האט דער בעל-דרשן געענטפערט — איך האב נעכטען איבערגעקייט אייער תירוץ, איז ער מיר געבליבען ווייטער קשה...

## 39

דער קעלמער מגיד ז״ל, האט אמאהל אויסגערופען אין א דרשה: הערט אויס נגידים! איהר זאלט למען השם זעהען צו געבען צדקה, אויב נישט וועלען דאך די ארימעלייט אויסגעהן פון הונגער, וועט איהר דאך טענה׳ן טא מה רעש? — ניין רבותי — שרייט ווייטער דער קעלמער — די הייליגע תורה זאגט „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ״, וועט איהר דאך מוזען פארטרעטען זייער ארט...

## 40

דער קעלמער מגיד ז״ל האט געזאלט האלטען א דרשה אין א בית המדרש, נור דער גאנצער עולם האט זיך דאן געפינען אויפ׳ן הויף. ר׳ מגיד! — רופען זיך אב די יודען וואס האבען זיך געפינען אין בית המדרש — זאגט אייער דרשה, ווען שוין ממילא ווערען אנ׳עולם. — שרייט אויס דער קעלמער

מגיד: „קול אומר (קעלמער) קרא ואומר, מה אקרא, כי כל הבשר חציר", אַז דער יוד געפינט זיך אין חצר. איי וועט איהר דאָך פרעגן, ס'טייטש חצר קומט דאָך ניט מיט קיין יוד — אָט רבותי, דאָס פרעג איך טאַקע, ווי קומט אַ יוד אין חצר אַריין.

## 41

דער בעוואוסטער גאון ר' אייזעלע סלאָנימער ז"ל האָט זיך אַמאָהל צוזאַמענגעטראָפען מיט אַ בעריהמטען חזן. ביים טיש נעהמענדיג אַ ביסעל בראָנפען, איז דער חזן געוואָרען אַ ביסעל בגילופינ'דיג און פרעגט דעם רב: רבי, מען זאָגט אַ חזן איז אַ נאַר, יעדער וועט מודה זיין, אַז איך בין ניט קיין נאַר. — פון אייך איז קיין ראיה ניט — האָט איהם ר' אייזשע געענטפערט — ווייל די חז"ל זאָגען: „אין מביאין ראיה מן השוטים". (שבת ק"ד)

## 42

א גרופּע חסידים האָבען געגעסען אַ סעודה ביי ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל. דער רבי האָט געזעהן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער עולם און די סעודה איז נעבעך אַ קליינע. רופט זיך אָב דער רבי: רבותי! איך בעט אייך עס זאָל זיין ביי אייך דין מיט רחמים. — פרעגען איהם די חסידים, וואָס מיינט איהר רבי? — כ'מיין פשוט — ענטפערט ער — איהר זאָלט שניידען דין און עסען מיט רחמים.

## 43

דער בריסקער רב ר' יאָשע בער ז"ל איז אַמאָהל געשטאַנען און אַרויס געקוקט דורכ'ן פענסטער און געזעהן, ווי עס פאָהרען דריי פורישע פערד מיט וואָגענס היי, איינע אונטער די אַנדערע, און יעדעס פערד האָט געגעסען היי פון פאָדערשטען וואָגען. פרעגט דער בריסקער רב אַ שטעהענדיגען מענש נעבען איהם, וועלכען פערד — מיינט איהר — איז אַמבעסטען פון די אַלע דריי? — יענער האָט ניט געוואוסט צו ענטפערען — האָט דער גאון מני' ובי' געזאָגט: דעם מיטעלסטען פערד איז אַמבעסטען, ווייל אי ער עסט, אי עס ווערט עס גרינגער די משא פון וואָגען...

## 44

צו ר' חיים בריסקער ז"ל איז אַמאָהל געקומען אַ מחבר מיט אַ ספר נאָך אַנ'הסכמה, ר' חיים האָט אַריינגעקוקט אין ספר און געזאָגט צום מחבר: ווען איהר וועט געהן אין גאַס זאָלט איהר דאָס ספר מיט נעהמען מיט אייך

וועט עס אייך היטען. האָט דער מחבר געפרעגט: איז דאָס ספר אַזוי הייליג, ניין! — האָט ר׳ חיים געענטפערט — די כוונה מיינע איז אַנ׳אַנדערע, די גמרא זאָגט „תלמיד חכם אל יצא יחידי בלילה״ (ברכות מ״ג) (אַ תלמיד חכם זאָל ניט געהן אַליין בּאַנאַכט, כּדי די מזיקים זאָלען עם נישט טשעפּען) ווען איהר וועט אָבער דאָס ספר מיט נעמען מיט אייך, וועלען אייך די מזיקים נישט טשעפּען, זיי וועלען זעהענדיג דאָס ספר וויסען, אַז איהר זענט נישט קיין תלמיד חכם

## 45

א בעריהמטער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט ר׳ אייזיל חריף ז״ל, וואָס איז די מעשה, אַז אַמאָהליגע יודישע רבנים זענען געווען אויסער גאונים אין לערנען, אויך גרויסע געלעהרטע אין וועלטליכע וויסענשאַפטען, ווי למשל: דער רמב״ם, דער רלב״ג. און היינטיגע רבנים זענען אין וועלטליכע וויסענשאַפטען אין גאַנצען אומוויסענד? מיר אַהרט אויך די זעלבע קשיא — האָט ר׳ אייזיל געענטפערט — וואָס איז די מעשה אַז אַמאָהליגע יודישע געלעהרטע זענען אויך אין לערנען, געווען קלאָר אין ש״ס בבלי, ירושלמי, ווי למשל: דער רמב״ם, דער רלב״ג. און היינטיגע יודישע געלעהרטע זענען אין לערנען אין גאַנצען עמי הארצים?...

## 46

ווען האָט געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ יהונתן אייבעשיץ ז״ל: וואָס איז די סיבה אַז עס קומט אַ יוד מיט אַ שאלת-טריפה און דער רב פּסק׳נט ס׳איז טריף, מאַכט ניט דער יוד קיין טענות, אַפילו עס בעטרעפט אַ גרויסער היזק, אַנדערש אָבער איז, אַז עס קומען צום רב, איינער מאָנט ביים צווייטען געלד. און אַז דער רב פּסק׳נט איינעם צו, ווערט דער צווייטער צאָרנדיג אויפ׳ן רב, כאָטשע דער היזק איז אַ גאַנץ קליינער? דאָס איז דערפאַר — האָט דער רבי ר׳ יהונתן געענטפערט — ווייל דעם מענטש אַהרט נישט אַזוי וויט וואָס ער האָט היזק, נאָר וואָס דער צווייטער פערדיגט.

## 47

ווען ר׳ חיים אויערבאַך ז״ל, דער מחבר פון „דברי משפט״ אויפ׳ן ש״ך, איז געוואָרען אויפגענומען אַלס רב אין פּלאָצק, איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען דורך קוטנע, און ווי געוועהנליך, איז ער אַוועק צו ר׳ יהושע׳לע ז״ל. ר׳ יהושע׳לע האָט זיך זעהר נעפרעהט, ער האָט איהם שטאַרק מכבד געווען, און געבעטען, אַז ער זאָל זאָגען פאַר איהם דעם פּלפּול, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט צו זאָגען אין די ערשטע דרשה. ר׳ חיים האָט עס מיט צופרידענהייט געטהון. נאָר אַזוי ווי ר׳ יהושע׳לע איז געווען אַ געגנער פון

פלפול, ליב האָבענדיג צו לערנען אויפ׳ן אָרט, האָט ער צולעגט דעם גאַנ־
צען פלפול, האָט ר׳ חיים געהאַט גרויס חולשות־הדעת. און ער האָט זיך אָבּ־
גערופען: קוטנער רבי! איך וועל אייך עפּעס זאָגען, לעתיד – זאָגען די חז״ל –
וועט זיין די ערשטע שאלה ביים יום הדין: „פלפלת בחכמה״, (שבת ל״א) האָסטו
עפּעס מפלפל געווען – וועל איך ענטפערען יאָ, און אַז מען וועט מיר נישט גלוי־
בען, וועל איך נאָכזאָגען מיינע פּלפּולים, און אויב דער כביכול וועט מיך
אָבּוועגדען, וועל איך זיך ניט שעמען, און וועל זאָגען, איך האָב מחדש גע־
ווען לויט ווי מיין שכל האָט דערגרייכט. ווען אָבער די מתיבתא דרקיע וועט
לאחר מאה ועשרים שנה פרעגען דעם קוטנער רב „פלפלת בחכמה״ וועט ער
ענטפערען איך בין ניט קיין מפלפל, נאָר דאָס וואָס אַנדערע זענען מחדש
קען איך צולייגען, זאָל דער כביכול מוחל זיין און זאָגען אַ פּלפּול, וועל
איך ווייזען וואָס איך קען...

## 48

ר׳ משה יוסף טייטעלבוים ז״ל, רב אין דער אונגאַרישער שטאָדט אוהעל
האָט געפיהרט אַ ישיבה ווי עס האָבען געלערענט אַ גרויסע צאָהל
בחורים מופלגי תורה, זיי האָבען, ווי דער מנהג איז, געגעסען „טעג״ ביי
בעלי־בתים, אָבער נאָר ביי אַזעלכע בעלי־בתים, וואָס האָבען אָנגעהערט צו די אָרטאָ־
דאָקסישע קהלה. ביי אַנדערע בעלי־בתים פלעגט מען נעהמען נאָר שטיצע
וואָכען־געלד, אָדער ראש־חודש־געלד, אָבער עסען ביי זיי – דאָס נישט. האָ־
בען זיך איינמאָהל צוזאַמענגענומען עטליכע פון די נישט אָרטאָדאָקסישע יו־
דען און זיי זענען אַוועק צום רב מיט אַ טענה: פאַרוואָס לאָזט איהר איי־
ערע בחורים ביי אונז נישט עסען קיין „טעג״ און געלד זענט איהר מתיר
צו נעהמען פון אונז? ממה נפשך! אויב מיר זענען ביי אייך טריפה, דאַרף
אונזער געלד אויך זיין טריפה? – האָט דער גאון געענטפערט מיט אַ שמיי־
כעל: האָט איהר אַמאָהל בעמערקט, ווען איהר שיקט פרעגען אַ שאלה אויף
אַ גאַנז און זי ווערט טריפה, טאָר מען דאָס פלייש נישט עסען, אָבער די
פעדערען מעג מען יאָ נוצען, דאָס הייסט אַז כאָטש דאָס עוף איז טריפה,
אָבער די פעדערען מעג מען דערפון יאָ אָבּפּליקען...

## 49

צום קוזמער רבי׳ן ז״ל איז אַמאָהל אַריינגעקומען אַ מענטש און געבעטען,
אַז ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ תשובה אויף זיינע חטאים, מיט סיגופים
און תעניתים, האָט דער קוזמער ז״ל געענטפערט מיט אַ שמייכעל: די נשמה
האָט ער שוין בעגראָבען, יעצט געהט ער בעגראָבען דעם גוף אויך, (ער
האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ תשובה, אָבער נישט מיט קיין סיגופים, נאָר אַז
ער זאָל זיין אַנ׳עובד הד׳ בשמחה).

## 50

דער „נודע ביהודה" איז אַמאָהל געווען צו גאַסט ביים „פני יהושע", ווען זיי זענען אַזוי געזעסען און געשמועסט אין לערנען, איז אַריינגעקומען דעם פני יהושע'ס ווייב און געבייזערט זיך אויף איהר מאַן, די פרוי איז געווען אַ הינקעדיגע אויף איין פוס, און האָט געהאַט אַ הויקער און אַ בע-לעם אויף אַ אויג. דער „נודע ביהודה" האָט פערוואונדערט געפרעגט דעם „פני יהושע". ווי קומט צו איהם אַזאַ ווייב, האָט איהם דער „פני יהושע" געענטפערט: זי שטאַמט פון אַ גרויסער משפחה פון לויטער מיוחסים, מיין צרה איז אָבער, וואָס זי האָט נישט געהאַט מעהר קיין מיוחסים אין דער פאַמיליע... ווען דער „נודע ביהודה" האָט איהם געזאָגט, אַז ער פערשטעהט נישט, וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער איהם ערקלערט: פערציג טעג פאַר'ן געבוירען רופט מען אויס „בן פלוני לבת פלונית", ווען מען האָט אין הימעל אויסגערופען, אַז זי וועט זיין מיין פרוי, איז איהר זיידע, אַ גרויסער צדיק, געקומען צום רבש"ע מיט אַ טענה, אַז ער וויל נישט, אַז זיין אייניקעל זאָל חתונה האָבען מיט אַזאַ פּראָסטען מענטש ווי איך. האָט מען איהם געענט-פערט: אַז זי וועט זיין אַ הינקעדיגע אויף איין פוס, איז ער שוין געבליבען שטיל. איז אָבער געקומען איהר עלטער-זיידע, דער גרויסער גאון, און גע'טענה'ט: ווי קומט זי צו אַזעלכען ווי איך? האָט מען איהם געזאָגט אַז זי וועט האָבען אַ הויקער אויף די פּלייצע — און ער האָט שוין אויך מעהר ניט גערעדט. איז אָבער נאָך דעם געקומען דער עלטער-עלטער-זיידע און גע-טענה'ט: אַז זיין אייניקעל איז צו הויך פאַר אַזעלכען ווי איך, האָט מען איהם איינגעשטילט מיט דעם, וואָס זי וועט האָבען אַ בעלעם אויף אַנ'אויג. אָבער — האָט דער „פני יהושע" פערענדיגט — ווען זי וואָלט געהאַט נאָך אַ יחוס איז דער' משפחה, וואָלט זי דאָך געבוירען געוואָרען אַ שטומע און נישט געקאָנט שרייען אויף מיר.

## 51

אין הפלאה'ס צייטען איז געווען אין פראַנקפורט אַ חזן, וואָס האָט געקענט זינגען, מיט אַמאָהל האָט מען עם געהעכערט די פענסיע, אַזוי אַז זי האָט זיך אויסגעגלייכט באַלד מיט'ן הפלאה'ס פענסיע. דער גאון האָט דערויף גע-זאָגט „עושה מעשה זמרי" לשון זמר — (זינגען) ומבקשים שכר כפנחס" (דער נאָמען פון הפלאה).

## 52

ר' יעקב ליב בריסקער האָט מען געשדכנ'ט פאַר זיין טאָכטער אַ זוהן פון אַ גרויסען עושר, מען האָט אָט דעם זוהן געוואָלט אָבשרייבען אַ גאַנץ

גרויס גיט מיט אַ מיהל. ר׳ לייב האָט אָבער נישט געוואָלט הערען דערפון (ווייל דער חתן איז געווען אַ עם-הארץ). היתכן – זאָגט דער שדכן – ווי קען מען עס בידים אַוועקוואַרפען אַזאַ גליק? – וואָס זאָל איך אָבער טהון – האָט ר׳ לייב געלאַסען געענטפערט – אַז איך האָב מורא פאַר די צוואה פון ר׳ יהודה החסיד, איך הייס לייב און דער חתן הייסט לייב. – דאָס איז עס גאָר – האָט דער שדכן געזאָגט – האָט איהר במחילה אַ טעות, ער הייס גאָר משה שמעון. – איך האָב נישט קיין טעות – האָט ר׳ לייב געענטפערט – נאָר איהר האָט פערגעסען די גמרא „כל הנותן בתו לעם הארץ כאילו כופתה לפני ארי״ (פסחים מ״ט), הייסט ער זשע לייב און איך הייס דאָך אויך לייב...

## 53

דער צאַנזער רב ז״ל האָט אַמאָהל דערהאַלטען אַ שאלה פון אַ רב. זעהענדיג, אַז דער רב ווייסט נישט קיין פשט אין אַ רש״י, שרייבענדיג עס אַ טיטול האָט ער געקלעהרט, וואָסער טיטול זאָל איך עם שרייבען. „גאון״ קען איך דאָך נישט שרייבען, ווייל עס וועט דאָך זיין אַ ליגען. האָט ער זיך מיישב געווען און געשריבען טאַקע „גאון״, ווייל אין די גאונים׳ס צייטען האָט מען נאָך נישט געוואוסט רש״י׳ס פשט...

## 54

דער „אבני נזר״ ז״ל, בעוואוסטער סאָכאַטשאָווער רבי און רב, זייענדיג אין אַ אויסלענדישען קוהר-אָרט, האָט איהם אַ רעפאָרם-ראַבינער בעגעגענט אום שבת און געפרעגט: רבי, פאַרוואָס טראָגט איהר אום שבת אַזאַ וואַרימען ווינטער-הוט (שטריימיל)? – דאָס איז דערפאַר, ווייל דער שבת איז ביי אייך אַזוי קאַלט – האָט דער סאָכאַטשאָווער רבי ז״ל געענטפערט.

## 55

א מחבר האָט געבערענגט אַ חיבור אויף קהלת צום „נודע ביהודה״ אויף אַן׳הסכמה, ווי בעוואוסט האָט דער „נודע ביהודה״ קיינעם נישט געגעבען קיין הסכמה, ווי דער גאון האָט אַריינגעקוקט אין חיבור רופט ער זיך אָן צום מחבר, איך וועל אייך זאָגען אַ מקצת שבחו בפניו אַז איהר זענט אַ גרויסער חכם, דער מחבר האָט זייער אַ הנאה געהאַט, און ער האָט זיך אויך געוואָלט מאַכען פאַר אַן עניו, זאָגט ער צום נודע ביהודה – עס איז ניט מיין כח נאָר איך האָב געהאַט סייעתא דשמיא, און דער זכות פון מיינע עלטערן זענען מיר בייגעשטאַנען, – דער גאון האָט אָבער איהם געזאָגט, ניין! איך זעה ניט דאָ קיין סייעתא דשמייא נאָר פשוט, איך זעה

אַז עס איז אַ חכמה נפלאה, פרעגט איהם דער מחבר, פון וועלכען פשט זענט איהר אַזוי נתפעל געוואָרען, האָט איהם דער גאון רוהיג געענטפערט — עס איז דאָך בעוואוסט אַז שלמה המלך איז געווען אַ גרויסער חכם און דו ר' מחבר מיט דיין פשט האָסט דו איהם געמאַכט פאַר אַ שוטה און אים כדי צו מאַכען פון אַ גרויסען חכם אַ גרויסען שוטה דאַרף מען דאָך באמת צו זיין אַ גרויסער חכם...

## 56

דעם סראָצקער רב מוהרי"ל ז"ל האָט מען געפרעגט אַמאָהל: פאַרוואָס, אַז אַ מענטש קומט אויף די עלטער, ווערט פון איהם אָבגעטהון אַלע תאוות, נאָר די תאוה פון געלד בלייבט. — האָט דער גאון געענטפערט: געלד איז דאָך אַ דבר שבמנין (עס צעהלט זיך), און אַ „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל" — אַז מען זאָל אפילו אַלט זיין טויזענד יאָהר ווערט די תאוות הממון נישט בטל.

## 57

אַ גרויסער רב איז אַמאָהל אַריינגעקומען צו אַ קאַרגען גביר נאָך אַ נדי־ טיגע נדבה, האָט דער גביר געזאָגט מיט אַ שמייכעל: איהר ווייסט דאָך אַז איך בין אַ „בן־נח", וואָס ווערט נהרג אויף אַ פחות משוה פרוטה. — איך ווייס דאָס טאַקע — האָט דער רב געענטפערט — און דערפאַר וואונדערט מיך אויך, אויב איהר זענט שוין יאָ אַ „בן־נח", פאַרוואָס האָט איהר זיך אויס־ געקליבען צו זיין דוקא אַ „חם"?...

## 58

אַן אַפיקורוס איז געקומען צו אַ רב און מיט איראָניע געבעטען, אַז דער רב זאָל איהם מטיב־חלום זיין. — וואָס האָט דיר גע'חלומ'ט? — פרעגט דער רב — כ'האָב געזעהען: אַ ביינען הונד, ווי ער קריצט מיט די צייהן און רייסט זיך פון די קייט. אַ שרעק. — שרעק זיך נישט מיין קינד — האָט איהם דער רב בערוהיגט — דאָס האָסטו געזעהען דיין אייגענעם שאָטען! האָסט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען.

## 59

דער „הפלאה" ז"ל האָט אַמאָהל צוזאַמען גערופען אַ צעהן מענטשען צו דאַווענען מיט מנין. צווישען זיי האָט זיך געפונען איינער וואָס דער „הפלאה" ז"ל האָט איהם נישט געוואָלט מצרף צו זיין צו מנין, ווייל ער איז געווען

אַ חשוד, האָט ער געהייסען מען זאָל רופען אַנ'אַנדער'ן. דער מענטש האָט דאָס מרגיש געווען, זאָגט ער צום הפלאה: רבי! „חלבנה" איז דאָך אויך געווען גערעכענט פון די סימני הקטרת? — האָט דער „הפלאה" געענטפערט: צוליב דעם איז דאָך טאַקע געווען „אחד עשר סמנים"...

## 60

די שמשון רפאל הירש ז"ל איז אַמאָהל פערבעטען געוואָרען צו אַ חנוכת-הבית פון אַ ניי אויסגעבויטער סינאַגאָגע, וואָס די רעפּערמאַטאָרען האָבען אויפגעשטעלט. די בעלי-בתים האָבען עם אַרומגעפיהרט איבער'ן שיינעם בנין און אויך איהם דערציילט די נייע תקנות וואָס זיי ווילען איינפיהרען. ווען ער איז אַוועק געגאַנגען, האָבען איהם די בעלי-בתים געפרעגט: נו, וואָס זאָגט איהר עפּעס צום בנין? — עס איז זעהער עהנליך צו נח'ס תיבה — האָט ד"ר הירש געענטפערט — עס איז „מבית ומחוץ בכופר" פיעל מיט כפירה.

## 61

א למדן איז געקומען צום „נודע ביהודה" און האָט געבעטען ביי איהם, ער זאָל איהם געבען רשות נאָכצוזאָגען עם זיינע חידושים. דער גאון האָט איהם געגעבען רשות און ער האָט עם געזאָגט אַ פלפול פון פיער שעה צייט. ווי ער האָט געענדיגט דעם פלפול, פרעגט ער דעם גאון: ווי געפעלט אייך דער פלפול. — האָט דער גאון געענטפערט: דיין גאַנצער פלפול איז נישט ווי „ר' מאיר" און נישט ווי „ר' יהודה". דער למדן איז געבליבען שטיין פערוואונדערט, וועלכער ר"מ און ר"י מיינט איהר? האָט איהם דער „נודע ביהודה" געענטפערט — די גמרא ברענגט אַ פלוגתא אין פסחים י"ב, אַז ר"מ האַלט „אדם טועה ב' שעות" און ר"י האַלט „אדם טועה ג' שעות" און דו ביסט זיך טועה און רעדסט פיר שעה דברים של טעות, דאָס איז דאָך נישט ווי ר"מ און נישט ווי ר"י...

## 62

ווי בעוואוסט האָט דער חתם סופר ז"ל געפיהרט אַ ישיבה אין פרעשבורג, און די בחורים פלעגען עסען „טעג" ביי די נגידים פון שטאָדט. האָט זיך אָבער געפונען דאָרט אין שטאָדט אַ יוד אַ עושר, און ער האָט אין קיין פאַל נישט געוואָלט נעמען צו זיך אַ בחור אויף אַ „טאָג" צו עסען דער חתם סופר פלעגט זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ „מחזיק תלמידי חכמים" אָן אַ חי"ת, פ'הייסט אַ... „מזיק". איינמאָהל בעת עס איז פאָרגעקומען אין דער ישיבה אַ פייערונג, האָט מען דעם דערמאָהנטען עושר נישט איינגעלאַדען, דאָס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, און ער האָט דאָס פאָר-

געהאַלטען דעם „חתם סופר״, פאַרוואָס מען האָט איהם נישט איינגעלאַדען. דער „חתם סופר״ האָט איהם געענטפערט: ס׳שטעהט אין פסוק (חיי שרה) „וישתחו לעם הארץ לבני חת״. אייגענטליך ווי שיקט זיך עס, אַז מ׳זאָל זיך ביקען פאַר אַנ׳עם הארץ? איז דער תירוץ „לבני חת״, די עמי הארצים זע־נען אַזעלכע וואָס זענען „מחזיק״ תלמידי חכמים, מיט אַ „חי״ת״, צו זיי מעג מען זיך ביקען. ווי איז אָבער, אַז דער עם הארץ איז נישט פון די „בני חית״, ער איז אַ מחזיק ת״ח אָן אַ „חי״ת״, אַ מזיק הייסט עס, צו אַזעלכען טאָר מען זיך נישט ביקען, אַזעלכער האָט זיך קיין כבוד נישט פערדינט...

## 63

דער „חידושי הרי״ם״ ז״ל איז אַמאָהל, זייענדיג אין ווארשא, פערבעטען גע־וואָרען אום שבת אויף סנדקאות ביי איינעם פון די אַסימילאַטאָרען, קו־מענדיג אויפ׳ן ברית האָט דער „חי׳ הרי״ם״ באַמערקט, ווי די געסט האָבען אין איילעניש אַוועק געוואָרפען די ברענעדיקע פאַפּיראָסען. — האָט זיך דער „חי׳ הרי״ם״ אָנגערופען: דער מדרש זאָגט, אַז צוליעב דעם וואָס אליהו הנביא האָט אַמאָהל צו שאַרף געשטראָפט די יודען, איז ער נעבעך געוואָרען, אַז ער זאָל זיין אויף יעדען ברית. אייגענטליך, וואָס פאַר אַנ׳עונש איז דאָס, אַז מען געפינט זיך אויף אַ ברית? נאָר איצטער — האָט דער „חידושי הרי״ם״ ז״ל אויסגעפיהרט — זעה איך אַז צו זיין אויף אַ ברית איז טיילמאָהל טאַקע אַנ׳אָבקומעניש אַנ׳אמת׳ער עונש מן השמים...

## 64

דעם מהרש״ל׳ס ווייב איז אַמאָהל געווען איינגעלאַדען אויף אַ שמחה צו איין אָנגעזעהענעם בעל־הבית. אויף די שמחה איז גראָד אַנוועזענד געווען דער בירגערמייסטער פון שטאָדט, אַ בעהאַלטענער שונא ישראל. ווען זיי זע־נען געזעסען ביים טיש, רופט זיך אָהן דער בירגערמייסטער צו דעם מהרש״ל׳ס פרוי: איך האָב געהערט, אַז מ׳רוהמט אייך פאַר אַ קלוגע פרוי, ערקלערט מיר אַלזאָ, איך בעט אייך, פאַרוואָס אַז מען פרעגט עפּעס אַ פראַ־גע ביי אַ יוד, ווערט ער קיינמאָל נישט ענטפערען גלייך, נאָר ער ווערט ענט־פערען צוריק מיט אַ פראַגע? פאַרוואָס טאַקע זאָל ער נישט ענטפערען מיט אַ פראַגע? — האָט איהם די רביצין גלייך געענטפערט.

## 65

די אַלמנה פון דעם בעריהמטען גאון „תוספות יום טוב״ איז געווען זעהער אַ קלוגע און געלעהרטע פרוי, זי האָט אויך זעהער גוט געקענט תלמוד.

אַ צייט נאָך איהר מאַנ'ס טויט האָט מען איהר גערעדט אַ שידוך, און גראָד האָט דער צווייטער מאַן אויך געהייסען יום טוב, האָט די פרוי געזאָגט: „יום טוב שני לגבי ראשון כחול" (דער אַנדערער יום טוב געגען ערשטען איז ווי וואָכעדיג).

## 66

אַן אַפּיקורוס האָט אַמאָהל געהאַט אַ ויכוח מיט דעם רבי'ן ר' יהונתן ז"ל פון פּראָג, און צווישען זיי בײדע איז געווען אַ פּאַרקאַן. ר' יהונתן איז געשטאַנען פון דער זייט פּאַרקאַן און דער אַפּיקורוס איז געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט פּאַרקאַן. האָט דער אַפּיקורוס געפרעגט דעם רבי'ן ר' יהונתן: זאָגט מיר, דעם צווישענשייד פון אַ יוד צו אַ חזיר. האָט דער רבי ר' יהונתן געענטפערט: דער פּאַרקאַן איז דער צווישענשייד...

## 67

ר' מרדכי ז"ל פון טשערנאָביל האָט געפרעגט אַמאָהל זיינעם אַ חסיד, וואָס איז געקומען צו עם אויף שבת: צו וואָס ביסטו געקומען? האָט דער חסיד געענטפערט: צו הערען פון אייך רזין דאורייתא (דאָס הייסט, סודות התורה). האָט ר' מאָטעלע עם געזאָגט: ניין דו ביסט געקומען „לשובע ולא לרזין" (דאָס הייסט, בעטען אויף פרנסה נישט אויף צו הערען רזין)...

## 68

אַן אַפּיקורוס איז אַמאָהל אריין געקומען צו אַ גאון אום פּסח צו די הגדה צו שפּעטען פון איהם. האָט דער אַפּיקורוס געפרעגט: ווי האַלט איהר יעצט אין די הגדה? — האָט דער גאון געענטפערט: איך האַלט יעצט ביי ואתא כלבא...

## 69

אַ חברה הפקר-יונגען זענען אַמאָהל געשטאַנען אין גאַס צו שפּעטען פון יע-דען דורכגייענדיגען יוד. איז אַמאָהל אַדורכגעגאַנגען אַ עלטערער פרומער קלוגער יוד, האָט די מעשה איהם זעהער פערדראָסען, איז ער צו געגאַנגען צו איינעם פון זיי און האָט עם געגעבען די האַנד און האָט עם געזאָגט שלום עליכם, דו קענסט מיך? — האָט ער געענטפערט: איך קען אייך נישט, — האָט דער אַלטער געזאָגט אַ שאַנדע, דו ביסט אַ יונגערמאַן און איך בין אַ אַלטער מאַן, און איך דערקען געכער אַ מענטש פאַר דיר. — האָט ער געפרעגט: זאָגט מיר, פון וואַנען קענט איהר מיך? — האָט דער אַלטער עם

געענטפערט: דאָ נישט לאַנג האָב איך דיך געזעהען, איך האָב אַ הגדה פון פסח שטעהט אויס געמאָהלט די ארבעה בנים, און דו ביסט פונקט פּאָדאָבּ־נע צו דעם געשטאַלט פון דעם רשע, איבער דעם האָב איך דיך דער־קענט...

## 70

צום מלבי״ם ז״ל איז געקומען אַמאָהל אַ פרייער מענטש און איהם גע־פרעגט אַזאַ שאלה: דער דין איז, אַז מען דאַרף זיך אויף שטעלען פאַר תּלמידי חכמים. אויך ווייסט מען, אַז עס איז אַ סגולה, אַז מען זעהט היינד קומען אַ קעגען, צו זעצען זיך אויף דער ערד. וואָס זשע טהוט מען אויב מען זעהט אַ תּלמיד חכם קומט אַ קעגען און אויך הינד קומען אַ קעגען, צי זאָל מען זיך זעצען צי אויפשטעהען?

— האָט דער מלבי״ם ז״ל געענטפערט: עס איז אַ כלל וואו מען ווייסט נישט די הלכה ווי דער דין איז, גייט מען נאָך דעם מנהג פון דער וועלט (אַזוי ווי די חז״ל זאָגען: פוק חזי מה עמא דבר — ברכות מ״ה) טאָ קום מיט מיר אַרויס אין גאַס, וועלען מיר זעהען, וואָס מענטשען וועלען טוהען, אַז זיי וועלען זעהען מיך מיט דיר, צי וועלען זיי זיך זעצען אָדער שטעהן.

## 71

צו אַ בעוואוסטען רב איז געקומען אַ מחבר מיט אַ פירוש אויפ׳ן תּרגום און געבעטען, אַז ער זאָל איהם צופּאַסען אַ נאָמען אויף זיין חיבור, אין וועלכען ס׳זאָל זיך געפינען דאָס וואָרט יצחק, זיין נאָמען. — איהר קענט אַ נאָמען געבען אייער חיבור „יצחק כפשוטו ולא כתּרגומו״ — האָט איהם דער רב געענטפערט. סטייטש? — פרעגט דער מחבר פערוואונדערט. וואָס פערשטעהט איהר נישט — האָט דער רב געענטפערט; אויפ׳ן פסוק „כל השומע יצחק לי״ מאַכט דער תּרגום אויפ׳ן וואָרט יצחק — וחדי, זיד פרעהען, בשעת דער אמת׳ער פשט פון יצחק איז — שפּעטען...

## 72

א מגיד איז זייענדיג אַמאָהל אין קראָקא אַריינגעקומען אין אַ קלויז, האָט ער געזעהען, ווי מען געהט דאַווענען מנחה, בשעת אין דרויסען איז שוין געווען גוט פינסטער און מען האָט שוין זיכער געמעגט דאַווענען מעריב, האָט ער געגעבען אַ קלאַפּ אין בעלעמער און געזאָגט: יעצט איז מיר פערענט־פערט געוואָרען די גמרא „ברכות״, ווי די גמרא פרעגט „תנא היכא קאי דקתני „מאימתי״, ענטפערט די גמרא „תנא אקרא קאי״, דאָס הייסט, דער תּנא מיינט די שטאָדט קראָקא (אקרא-קאי), וואו מען דאַווענט שפּעט מנחה. אין

ממילא ריכטיג, דאָס די משנה פרעגט: „מאימתי״ — ווען־זשע דאַווענט מען מעריב.

## 73

ר׳ זקי׳ לוביטשער האָט אַמאָהל מלוה געווען אַ פרעמדען חסיד, נישט פון זיינע חסידים. אויף דער פראַגע: ווי קומט ער צו די לוי׳ — האָט ער געענטפערט: דער נפטר איז דאָך שוין אויפ׳ן עולם־האמת, ווייסט ער דאָך שוין, אַז דער אמת איז מיט מיין רבי׳ן, ממילא זענען מיר דאָך שוין חסידים פון איין רבי׳ן.

## 74

אין אַ שטעדטעל איז געווען אַ מנהג, נישט קובר צו זיין אַ מת, ביז מען וועט אויף איהם געפינען אַ זכות. איינמאָהל איז געשטאָרבען אַ גרויסער עם־הארץ און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ זכות איהם צו זאָגען. — האָט זיך אַ קלוגער רב אָנגערופען: איך האָב געפינען אויף איהם אַ זכות דאָס ער האָט אין בית־הכסא קיינמאָהל נישט מהרהר געווען אין דברי תורה . . .

## 75

פאַרוואָס, פרייטיג־צו־נאַכט׳ס מאַכט אין שוהל קידוש דער חזן און מוצאי־שבת־קודש מאַכט הבדלה דער שמש, נישט דער חזן. האָט אַ קלוגער רב געענטפערט: חייל די חז״ל זאָגען. „אם אין דעת הבדלה מניין״ און די וועלט זאָגט דאָך, אַז אַ חזן איז אַ שוטה.

## 76

א רבי האָט אַמאָהל געטראָפפען איינעם לויפען, פרעגט ער איהם: פאַרוואָס לויפסט איהר אַזוי? — כ׳לויף נאָך פרנסה — האָט ער געענטפערט. — האָט דער רבי געפרעגט: פון וואַנען ווייסטו, אַז דיין פרנסה געפינט זיך פאַר דיר און דו דאַרפסט זיך נאָך איהר יאָגען, טאָמער געפינט זיך דיין פרנסה אונטער דיר און דו ענטלויפסט גאָר דערפון?

## 77

א פרייער האָט געפרעגט אַ רב: פאַרוואָס האָט מען פאַר די עשרת בני המן געדאַרפט אויפשטעלען אַ תלי׳, מ׳האָט דאָך געקענט זיי מכבד זיין

מיט עשר מכות? – ווען מ'וואָלט זיי איינגעטיילט די מכּו־ת לויטן סדר, וואָלט „ערוב" אויסגעפאַלען פאַר „דלפון" און אַ קימא לן האָבען מיר, אז אַ „דלפון" קען קיין „ערוב" ניט זיין – האָט דער רב מני' ובי' געענט־פערט.

## 78

דער דובנער מגיד ז"ל איז אַמאָהל געקומען אין אַ שטעדטעל. פאַרטאָג'ס צום דאַוונען איז אַריינגעקומען אַ גביר, און ווען ער האָט געזאָגט בּיי ברכות „אלקי נשמה" ואתה עתיד ליטלה ממנה ולהחזירה בּי לעתיד לבא, האָט זיך דער גביר שטאַרק צעוויינט. פרעגט איהם דער דובנער מגיד ז"ל: וואָס וויינסטו בּיי „להחזירה" ניט בּיי „ליטלה". – האָט ער געענטפערט: איך האָב אַ קרעטשמע ב"ה, עס פעהלט מיר נישט פון כל טוב, און איך בּין אַ פּראָ־צענטניק, נאָר איך האָב אָבער אַזעלכע בנים גרויסע שאַרלאַטאַנ'עס הולטיי־ער'ס. האָב איך מורא, אַז איך וועל שטאַרבען, וועלען זיי דעם גאַנצען פאַר־מעגען פערהולטייען. און אַז איך וועל אויפשטעהען צו תחיית המתים, וועל איך שוין גאָר נישט האָבען און וועל דאַרפען געהן איבער די הייזער בעט־לען אַ שטיקעל ברויט. – שרעקט אייך נישט ר' יוד – האָט דער דובנער מגיד ז"ל עם געענטפערט – אויב איהר האָט געהאַט אַזעלכע קינדער און אויך איהר זענט אַ פּראָצענטניק וועט איהר שוין, דוכט זיך, קיין תחיית המתים נישט אויפשטעהען, דאַרפט איהר נישט וויינען.

## 79

א פערשטאָרבענער מסור און פושעי ישראל, וואָס האָט איבער געלאָזט קינ־דער נישט בעסערע פאַר איהם, האָט איהם דער רב מספיד געווען: אל תבכו למת, בכו להולך בלא בנים, מ'דאַרף וויינען דערויף, וואָס ער האָט די קינדער אין איינוועגס נישט מיט געגומען...

## 80

א משולח פון אַ ישיבה איז געקומען צו אַ גביר אַ קמצן נאָך אַ נדבה. אומזיסט אייער טרחה – ענטפערט דער גביר – די גאַנצע שטאָדט ווייסט, דאָס איך גיב נישט קיין נדבות. – איך בּין דען געקומען נאָך אַ נדבה – ענט־פערט דער משולח – איך בּין גאָר געקומען אייך מבקר חולה זיין. – מבקר חולה זיין? – פרעגט ער איהם פערוואונדערט – איך בּין ב"ה געזונד! – איהר האָט אַ טעות! איהר זענט קראַנק! שלמה המלך זאָגט אין קהלת: „גם זה רעה חולי... עושר שמור לבעליו לרעתו". – אָבער וואָס זענט איהר געקומען גראַד מיך מבקר חולה זיין, ס'איז פערהאַן נאָך חולאים אין שטאָדט?

— פערשטעהסט איהר מיך — ענטפערט דער משולח — די גמרא זאָגט: אַז אַ מבקר חולה נעהמט צו אחד מששים מחליו. טאָ וואָס זשע קען איך האָבען, ווען איך וועל קומען צו איינעם וואָס האָט ס'קדחת? אייערס אַ אחד מששים וועט עכ"פ בעטרעפען היבשע טויזענד'ערס...

## 81

דער „חפץ חיים" ז"ל, איידער ער איז געוואָרען מפורסם, איז ער געווען אַ גרויסער אָרימאַן און געלעבט אין דחקות. די שטאָדט-לייט האָבען איהם געוואָלט שטיצען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט נעהמען. איינמאָהל פרעגט איהם די מוטער: זעהסט דאָך, אַז עס איז נישט דאָ קיין שטיקעל ברויט אין שטוב און מען וויל דיך מהנה זיין, פאַרוואָס ווילסטו נישט נעהמען. — ליבע מוטער! — האָט דער „חפץ חיים" געענטפערט — מענטשען ווילען מיר געבען, נאָר דאַן, ווען איך וויל נישט נעהמען; ווען אָבער איך זאָל וועלען נעהמען, וועט מען שוין נישט וועלען געבען...

## 82

אין לעמבערג איז געווען אַ דיין וואָס האָט גענומען שוחד. דער דיין האָט געהאַט אַ טבע מאריך צו זיין ביים וואָרט „אחד" פון „קריאת שמע". דעם עולם איז די זאַך געווען קשה. ווען מען האָט דאָס דערצעהלט דעם גאון ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן ז"ל, האָט ער געזאָגט: וואָס חידוש'ט איהר זיך, די גמרא זאָגט „כל דיין שדן דין אמת לאמיתו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית" (שבת י'). דער דיין ווייסט אָבער ביי זיך, אַז ער איז נישט קיין דן דין אמת, איבער דעם איז ער מאריך ביים וואָרט „אחד", ס'הייסט אַז ער איז מודה, דאָס דער אויבערשטער איז אַ יחיד און ער איז צו איהם קיין שום שותף נישט...

## 83

א רב האָט געטהון אַ שידוך מיט אַ מחותן אַ פראָסטען מענטש, נאָר ער האָט געגעבען אַ סך געלד נדן. האָבען עם די מקורבים געפרעגט: היתכן? — האָט ער געענטפערט: עס איז דאָ אַ סך קשיות אויפ'ן רמב"ם, נאָר דער „כסף משנה" פערענטפערט דאָס.

## 84

ווען האָט אַמאָהל געפרעגט דעם אַפּאָטשנער רבי'ן וואָס איז דער חילוק פון אַ צדיק ביז אַ רשע: — לעולם — האָט דער רבי געענטפערט — זענען ביי-

דע זינדיג, נאָר דער חילוק איז: דער צדיק כל זמן ער לעבט, ווייסט ער, אַז ער איז זינדיג, און דער רשע — כל זמן ער זינדיגט, ווייסט ער, אַז ער לעבט.

## 85

א גוטער־יוד האָט געזאָגט, אַז פון אַלע ערפינדונגען קען אַ יוד זיך אַ סך אָבלערנען: פון טעלעפאָן — אַז וואָס מען רעדט דאָ הערט מען דאָרט; פון טעלעגראַף — אַז יעדעס וואָרט קאָסט געלד; פון באַהן — אַז מיט איין מינוט קאָן מען פערשפעטיגען; פון ראַדיאָ — אַז אַ וואָרט ווערט נישט פער־לוירען.

## 86

א קאַרגער נגיד האָט אַמאָהל געגעבען צדקה אַ פאַלשע מטבע, האָט מען דערציילט דאָס דעם רב, האָט ער זיך אָנגערופען: ער האָט מקיים גע־ווען „וצדקתו עומדת לעד", מען וועט זי קיינמאָהל נישט קענען אויסגעבען...

## 87

צו אַ רבי'ן איז אַמאָהל געקומען אַן אַפיקורוס זיך מתווכּח זיין. — פרעגט דער אַפיקורוס דעם רבין: רבי! צו וואָס בעדאַרף מען לאָזען אָנוואַקסען אַרום דעם מויל אַ באָרד מיט וואָנסעס, איז דען נישט בעקוועמער אָן אַ באָרד? — און צו וואָס — פרעגט איהם צוריק דער רבי — בעדאַרף מען אַרום אַ גאָרטען אַ צוים, אַ פלויט, אַ פאַרקאַן? — וואָס הייסט, צו וואָס? — ענטפערט דער אַפיקורוס — די צוים פערהיט דעם גאָרטען, אַז עס זאָל נישט אַריינקריכען קיין חזיר און די פלאַנצונגען צוטרעטען! — דערויף האָט דער רבי געענטפערט: די באָרד און די וואָנסעס אַרום דעם מויל זענען אויך אַ צוים, אַז עס זאָל נישט אַהין אַריינקריכען קיין חזיר, און אַלע יודישע פלאַנצינגען צוטראַטעוען...

## 88

אין אַ שטעדטעל איז אַ מאָל געשטאָרבען אַ גביר אַ קמצן ווי דער שטיי־נער. האָט די „חברה קדושה" געוואָלט געלד, אָבער די קינדער האָבען נִיט געוואָלט געבען, אין ער איז געלעגען צוויי טעג, ביים „הספד" האָט דער רב געזאָגט „אם יום או יומיים יעמוד" אויב דער מת איז אויפגע־האַלטען געוואָרען צוויי טעג „לא יוקם" טאָר מען נישט נעמען „נקמה" פון

דער חברה, „כי כספו הוא״ ווייל אין דעם איז נאָר שולדיג דאָס געלד...
אָבער נישט די חברה האָט געמיינט איהם מבזה צו זיין...

## 89

א גוטער־יוד, א שטאַרקער עניו פלעגט זאָגען, ווי גוט איז וואָס די תורה האָט געאַסרט גאוה, ווען די תורה זאָל הייסען זיך האַלטען בגאוה, ווי אַזוי וואָלט איך מיך געקאָנט האַלטען גרויס, איך — אַזאַ ווערעמיל, א גאָרנישט...

## 90

ר׳ יחזקאל שינאַווער ז״ל האָט א מאָל געשריבען א בריעף צו איינעם פון די „פרייע״ האָט ער זיך אונטערגעחתמעט „הדורש שלומו מאהבה״ האָבען איהם די מקורבים געפרעגט: היתכן? האָט ער געענטפערט: „מאהבת״ מאַכט די ראשי תיבות „מחניפין את הרשעים בעולם הזה״.

## 91

א קאַרגער נגיד איז אַמאָהל יום־טוב באַנאַכט צוגעגאַנגען צום רב און איהם געזאָגט: גוט יום־טוב! — גיט בעסער אין דער וואָכען — האָט דער רב געזאָגט מיט א שמייכעל — יום־טוב בין איך אייך מוחל...

## 92

א „שומר־שבת״ האָט אַמאָהל געטראָפען איינעם וואָס האָט געטראָגען אום שבת א זייגערל אויף אַנ׳אָרט וואו עס איז נישט געווען קיין עירוב. האָט ער איהם געפרעגט: פאַרוואָס טראָגט איהר, מ׳טאָר דאָך נישט טראָגען. — האָט יענער געענטפערט: ס׳איז דאָך א תכשיט און א תכשיט מעג מען דאָך טראָגען. — האָט דער „שומר־שבת״ געענטפערט: ווי איך זעה, ביסטו אויך א שעהנער תכשיט, פאַרוואָס דען טראָגט מען דיך נישט?

## 93

א יוד א למדן איז צוגעגאַנגען צום רב אין בית־המדרש און געפרעגט פשט אין דער גמרא „כל העוסק בבנין מתמסכן״, וואָס איז אייגענטליך די סכנה פון בויען? — ער בלייבט דערנאָך א גרויסער בעל־חוב — האָט דער רב איראָניש געענטפערט. — פון וואַנען איז דאָס די ראי׳ — פרעגט דער יוד. — וואָרום די גמרא זאָגט אין שבת — ענטפערט דער רב — „הבונה כמה

יבנה ויהא חייב", דאָס הייסט, וויפיעל דאַרף מען בויען ער זאָל זיך בעשולדיגען? – ענטפערט די גמרא: "הבונה כל שהוא...

## 94

צו אַ רעפאָרם-ראַבינער איז מען געקומען פרעגען אַ שאלה וועגען אַ צעבראָכען פיסעל ביי אַן עוף. – דער ראַבינער איז צוגעגאַנגען צו דער ספרים-שאַנק און אַרויס גענומען אַ גמרא "בבא קמא" און שטאַרק פערטיעפט זיך אין פרק "כיצד הרגל"...

## 95

בשעת ר' פנחס ז"ל איז געוואָרען רב אין פראַנקפורט, איז צו איהם געקומען אַ קהלה-פאָרשטעהער, אַ שטאַרקער מתנגד, און האָט איהם געפרעגט בזה הלשון: צי איז אמת, אַז איהר, ר' פנחס, זענט געפאָהרען קיין מעזריטש צום רבי'ן ר' בער? – האָט ר' פנחס געענטפערט: ס'איז אמת, אַז איך בין צום רבי'ן געפאָהרען. אָבער יעצט טהוט עס מיר באַנג. – יאָ – ביטערט דער מתנגד – אָבער ווי קומט עס, וואָס אַזאַ גרויסער פערזאָן, אַן'אָדם גדול, ווי איהר זענט, זאָל זיך נישט האָבען פריהער בעקלערט, וואָס ער טהוט? – איהר פערשטעהט מיך נישט – ענטפערט ווייטער ר' פנחס – מיר טהוט יעצט באַנג, פאַרוואָס איך בין נישט געגאַנגען צופוס, וואָס עס וואָלט נאָך געווען אַ פיעל גרעסערע מצוה...

## 96

ר' עקיבא איגר ז"ל איז אַמאָל אין ספירה-צייט געקומען קיין וואַרשא. האָבען איהם די ראשי-הקהל פערבעטען אין ראַבינער-סעמינאַר, ער זאָל פערהערען די תלמידים, וואָס לערנען זיך אויף רבנים. ר' עקיבא איגר פערהערט די תלמידים אין לערנען און אין יודישקייט – זענען זיי געבען זעהר ווייט דערפון. – קענט איהר חשבון? – פרעגט ער זיי – יאָ, אודאי – כאַפּען זיך אַלע אָהן – אויב אַזוי טאָ זאָגט-זשע מיר – מאַכט ר' עקיבא איגר – וויפיעל האָבען מיר היינט אין דער ספירה?...

## 97

ר' חיים בריסקער ז"ל איז אַמאָהל געגאַנגען אין אַ תענית-טאָג קלויבען נדבות, איז ער אַריין צו אַ גביר. דער גביר איז געזעסען ביי אַ פערטעל הוזהן און געגעסען. פון גרויס בושה האָט ער נישט געקענט פערענטפערען זיך, נאָר די פרוי האָט זיך אָנגערופען: רבי! מיין מאַן איז אַ שוואַ-

כער, ער מוז עסען. — האָט זיך ר׳ חיים אָנגערופען: דאָס וואָס ער עסט יעצט אַהרט מיך נישט, נאָר דער עיקר אַהרט מיך, אויב ער עסט יעצט אויף די הוהן, וואו וועט ער נעהמען אַ „כפרה״ אויף יום־כפור.

## 98

ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק ז״ל, רב אין ירושלים, איז אַמאָהל געזעסען אַ גאַנצע נאַכט און געשמועסט מיט זיין שוואָגער ר׳ דוד ראַבינאָוויטש ז״ל אין לערנען. די רעביצען האָט צוגעגרייט פאַר זיי נאַכט־עסען, אָבער זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו שמועסען. נאָכהער ווי די רעביצין האָט זיך געבייזערט אויף זיי, זיי זאָלען עסען, האָט זיך ר׳ אברהם אָנגערופען: אמת טאַקע, דו האָסט פאַר אונז געברענגט אַ בפירוש׳ן „שלחן ערוך״, אָבער דער מגן „דוד״ מיט דעם מגן „אברהם״ (געמיינט דעם מאָגען „קיבה״) זענען מחולק אויף דעם שלחן ערוך...

## 99

דער בעוואוסטער הוסטער רב ר׳ יואל צבי ראטה ז״ל, דער מחבר פון׳ם ספר „בית היוצר״, איז אַמאָהל געזעסען פסח ביי נאַכט צום סדר, נעבען עם איז געזעסען זיינס אַ יונגעלע פון פינף יאָר, און האָט זיך גיט איינגעהערט צום פאָטער׳ס ווערטער. ווען דער רב איז צו געקומען צו די ווערטער זכאי הוא, חסיד הוא, האָט ער געפרעגט דעם פאָטער, טאַטע, — אַז דער רבונו של עולם איז אַ חסיד, פאַר וואָס זשע זאָגט ער ניט, ויצמח פורקני׳ ויקרב משיחי׳,״ ? פאַר וואָס קומט ניט די גאולה ? דער פאָטער איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט פון׳ם קינד׳ס זעהר קלוגע פראַגע.

## 100

א בחור איז געקומען מיט זיין פאָטער נאָך סמיכה צו ר׳ אייזלען, האָט ער איהם ניט געגעבען, אין געזאָגט דעם פאָטער, אַז זיין זון איז אַ „מלאַך״ איז דער פאָטער אַוועק מלא שמחה, אַז מען האָט דערנאָך געפרעגט ר׳ אייזלען, ס׳טייטש ער איז דאָך אַ עם הארץ פאַר וואָס האָט ער עם גע־רופען „מלאַך״. — רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע — דאָס מיין איך דאָך טאַקי, ווייל „לא ניתנה תורה למלאכי השרת״, (קידושין נ״ד).

## 101

א ווילנער מורה־הוראה איז געקומען צו ר׳ אייזיל סלאָנימער מיט אַ זוהן און אַ איידעם, אויף צו נעהמען פאַר זיי סמיכה. ער האָט זיי פערהערט

און דעם זוהן האָט ער געגעבען סמיכה און דעם איידעם נישט, האָט דער מורה־הוראה איהם געפרעגט: סטייטש: דער איידעם איז דאָך דער זעלבער למדן וואָס דער זוהן? — האָט ר׳ אייזיל געענטפערט: קיין בעסערען זוהן האָט ער דאָך נישט געקענט נעהמען, אָבער אַנ׳איידעם האָט ער דאָך געקענט נעהמען אַ גרעסערען למדן...

## 102

ר׳ הירש מלך דינאָווער ז״ל האָט אַמאָל פערענטפערט די בעקאַנטע וועלט׳ס־קשיא: פאַרוואָס מען מאַכט נישט קיין ברכה אויף צדקה־געבען, ווייל אויב מען וועט דאַרפען מאַכען אַ ברכה איידער מען גיט צדקה, וועט מען זיך מאַכען הכנות, וואשען די הענט, דערווייל קען דער אָרימאַן שטאַרבען...

## 103

ווען האָט געפרעגט ר׳ אייזלען, פאַרוואָס ער מאַכט עפּעס קליינע חיבורים ווי דאָס ספר „מרבה עצה״, „מרבה תבונה״ — האָט ער געענטפערט: ספרים זענען דאָך ביי די בעלי־בתים אַ עקזעקוציע, איז בעסער אַ קליינע עקזע־קוציע...

## 104

אַמאָל זענען געקומען צו ר׳ אייזלען ז״ל אַ פּאָר ישובה־בחורים נאָך סמי־כמיכה, איינער אַ בקי דער אַנדערער אַ חריף, האָט ער דעם בקי געגעבען סמיכה און דעם חריף נישט, ווייל — האָט ער געזאָגט — „סיני ועוקר הרים סיני עדיף״ (סוף הוריות) ווייל ווען דער חריף זאָל אפילו וועלן עוקר זיין דעם הר סיני, וועט ער צוליעב זיינע חריפות נישט וויסען וואו דער „הר״ איז...

## 105

א ווילנער משכיל האָט געזאָגט צו ר׳ אייזיל: רבי! קוקט נישט וואָס איך בין אַ משכּיל, איך בין „אי פליישיג, אי מילכיג״. — ענטפערט איהם ר׳ אייזעלע: אויב אַזוי זייט איהר דאָך גאָר טריפה...

## 106

איינמאָהל האָט מען איינגעלאַדען ר׳ אייזעלע אין אַ קליין שטעדטעל אויף אַ ברית, זענען געקומען ביידע רבנים פון שטעדטעל, רופט זיך אָב ר׳ איי־

זיל: אַזאַ אָרעם „טויט" קליין שטעדטעלע, אין צוויי רבנים – „וגם את המת יחצון"...

## 107

ר' אייזיל פלעגט זיין גאַנצע חדשים אונטערוועגס צודרוקען זיינע חיבורים, ווען ער פלעגט צוריק קומען קיין סלאָנים, פלעגט ער זאָגען: אַ נס וואָס סלאָנים וויל מיר נישט אָבזאָגען, וואָרום אויב זיי וואָלטען יאָ וועלען, וואָלטען זיי מיך קיינמאָל נישט געטראָפען אין דער היים...

## 108

איינמאָהל האָט ר' אייזיל ז"ל געטראָפען די חברה-קדישא, גייענדיג פון בית-עולם אָנגעטרונקען. – רופט זיך אָן ר' אייזיל: זיי געהען פון עולם האמת מיט פוס פון „שקר" (שיכור) – ער האָט אויך זיי געזאָגט: עפרן איז אַלע מאָהל „חסר", נאָר ביי דער קבורה איז ער „מלא" (פרשת חיי שרה).

## 109

ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל ווען ער האָט געדרוקט זיין ספר האָט איהם אַ גילוח געפרעגט: וואָס דאַרפט איהר היינט מאַכען ספרים, קיינער דאַרף דאָס נישט היינטיגע צייט. – האָט איהם דער גאון געענטפערט: אדרבה, היינט דאַרף מען נאָך מעהר דרוקען ספרים ווי אַ מאָהל, וויל עס איז דאָך ידוע, אַז מ'פיהרט זיך, אַז ווען עס ווערט אויסגעריסען אַ האָר פון די באָרד, לייגט מען אַריין די האָר אין אַ ספר. און היינט – אַז עס איז דאָ אַזוי פיעל האָר פון די בערד, דאַרף מען דאָך אַ סך ספרים.

## 110

ר' אייזעלע פלעגט אויסגעהען גיך שמונה-עשרה, אַז מ'האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס אַלע רבנים זענען מאריך און ער נישט? האָט ער געענטפערט: „אַלע רבנים געהען אויס „נאָך" קהל, אָבער אין סלאָנים געהט אויס „קהל" נאָך מיר"...

## 111

אין דער שטאָדט ווי ר' אייזיל חריף ז"ל איז געווען רב האָט זיך אַמאָהל געמאַכט, אַז דער שטאָדטישער בעל-קורא איז זעהר אַלט און שוואַך גע-וואָרען און עס האָט זיך נישט געהערט זיין קריאה, איז מען געקומען צו

ר׳ אייזלען און עם דאָס דערציילט. — האָט ר׳ אייזעלע געזאָגט: מען זאָל געהמען אַן׳אַנדער׳ן בעל-קורא, אַ יונגערען, מיט אַ שטאַרקע שטימע, אַז מען זאָל הערען. איז געקומען דעם פריהערדיגען בעל-קורא׳ס צד צו ר׳ אייזעלען מענה׳ן, אַז דער בעל-קורא האָט דאָך אַ חזקה דערויף, ער איז דאָך שוין מעהר פון פערציג יאָהר אַ בעל-קורא. — רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע: איהר זענט דאָך לומדים, ווייסט איהר דאָך, אַז צו חזקת מוז מען דאָך האָבען אַ „קול״, אַז נישט איז די חזקה קיין חזקה נישט...

## 112

אמאָהל האָט ר׳ אייזעלע בעגעגענט דעם דאָקטאָר פון סלאָנים, רופט ער זיך אָב צו איהם: מילא, מיר וואוינען אין סלאָנים, ווייל מיר ווייסען, אַז עס איז דאָ אַ דאָקטאָר. אָבער איהר, וואָס איהר ווייסט, אַז אין סלאָנים איז נישטאָ קיין דאָקטאָר. ווי אַזוי וואוינט איהר דאָ? עס שטייט דאָך, „כל עיר שאין בה רופא, אסור לדור בה״ (סנהדרין)?...

## 113

ר׳ אייזיל איז אַמאָהל געקומען צו אַ גביר נאָך מעות-חטים, האָט דער גביר גאָר ניט געגעבען, רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע צו אים „איר מוזט מסתמא האַלטען, אַז „עץ הדעה תאנה היתה״, (ברכות מ׳) נישט קיין חטה, דעריבער גיט איר אַ פייג.

## 114

ווען ר׳ אייזיל חריף ז״ל איז אַוועק פון קוטנע, האָט דער קוטנער קהל שטאַרק חרטה געהאַט. וואָס זיי האָבען אַרויס געלאָזט אַזאַ גרויסען גאון, האָבען זיי געשיקט צו אים אַ שליח מיוחד, מיט אַ נייעם כתב רבנות. — האָט ר׳ אייזעלע עם געזאָגט — די גמרא זאָגט „קרי לה נערה וקרי לה קטנה, אמר ר׳ פפא קטנה דמן נעורן״ (חולין ה׳) פרעגט תוס׳ פאַרוואָס זאָגט מען ניט פאַרקערט נערה דמן קוטנא, נאָר דער תירוץ איז, נעורן געפונען מיר אַז עס איז געווען אַ שטאָדט, אָבער קוטנא איז קיין שטאָדט נישט...

## צווייטער העפט

## 115

דער גאון ר׳ נפתלי כ״ץ ז״ל, דער בעל מחבר פון ספר „סמיכת חכמים״, האָט געהאַט אַ תלמיד; ער האָט געהייסען ר׳ שמשון. דער ר׳ שמשון איז געוואָרען אַ גרויסער עושר – האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען אינ׳ם רבי׳ן – איז ר׳ נפתלי אַמאָל אַדורך געפאָהרען דורך זיין שטאָט, אין דער תלמיד ר׳ שמשון איז געקומען איהם מקבל פנים זיין, נאָר דער ר׳ שמשון האָט איהם ניט מכבד געווען, אַזוי ווי עס דאַרף אַ תלמיד מכבד זיין אַ רבי׳ן. רופט זיך אָב דער גאון: די משנה זאָגט (שבת ק״ג) „הכותב שם משמעון״ (ד. ה. אַז איינער שרייבט אין שבת דאָס וואָרט „שם״ פון וואָרט „שמעון״ — ער האָט געוואָלט שרייבען „שמעון״ אין האָט נאָר געשריבען די ערשטע צוויי אותיות פון „שמעון״ — איז ער חייב). אייגענטליך פאַר וואָס כאַפּט ניט די משנה אָן „שם משמשון״? — נאָר דער תירוץ איז — פירט אויס ר׳ נפתלי — ווייל דער מסדר פון משניות איז דאָך געווען ״רבי״. און ווייל „שמשון״ האָט פערגעסען אין „רבי׳ן״ – האָט „רבי״ פערגעסען אין „שמשון״...

## 116

צוויי גאונים האָבען זיך משדך געווען. האָבען זיי זיך געקריגט וועגען דעם נדן; האָט די כלה׳ס פאָטער געזאָגט צום חתן׳ס פאָטער: איהר דאַרפט זיך צוביי־גען צו מיר, ווייל מיין נאָמען דערמאָנט מען אין הימעל, און אייער נאָמען דער־מאָנט מען ניט, ווייל די חז״ל זאָגן „מ׳ יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני לפלוני״ (סוטה ב׳) אָבער „בן פלוני לפלונית״ רופט מען ניט אויס — דערמאָנט מען דאָך נאָר מיין נאָמען, ניט אייערען...

## 117

דער גאון ר׳ אליהו ווילקיטער ז״ל, האָט אַמאָל געגעבען איינעם שבת ביי דעם טיש „שיריים״ געפיהלטע פיש. — רופט זיך אָב דער מענטש: איך

פט ניט קיין געפיהלטע פיש; ענטפערט איהם דער גאון: „שוטה אינו מרגיש" (שבת י"ג), אַ שוטה פיהלט נישט...

## 113

דער גאון ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל, ווען ער האָט געדרוקט זיין ספר „מרבה תבונה", וועלכעס איז געווען אַ קליינער פאָרמאַט. האָט ער דאָס ספר אַמאָל געוויזען אַ עושר, פרעגט איהם דער עושר וויפיעל קאָסט דאָס? ענטפערט דער גאון: אַ רובעל, וואונדערט זיך דער עושר, אַזאַ קליין ספר'ל אַ רובעל? ענטפערט איהם דער גאון: לויט ווי איך זעה, האַלט איהר און די שיטה פון „דבר אחר" — ווייל די חז"ל זאָגען אויף דעם פסוק „ואהבת וגו' ובכל מאדך בכל ממונך", — דבר אחר, בכל מדה ומדה שמודד לך, (ברכות נ"ד) — קומט אויס אַז איהר, וואָס קוקט אויף די מדה (די מאָס) פון ספר — אויף די „לענג, ברייט און גרעבּ". — האַלט איהר דאָך אין די שיטה פון „דבר אחר"; איך אָבער — פיהרט אויס דער גאון — האַלט ווי דער ערשטער פשט — „בכל ממונך" — מיט'ן גאַנצען געלד, ניט לויט דער מאָס...

## 119

דער שינאָווער גאון האָט קיינמאָל ניט געזאָגט קיין תורה ביי דעם טיש. האָט מען איהם אַ מאָל געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט ניט קיין תורה ברבים? — האָט דער גאון געענטפערט: די גמרא זאָגט: „המתנבא מה שלא שמע מיתתו בידי אדם, והכובש נבואתו, — מיתתו בידי שמים: (סנהדרין פ"ט) (ד. ה., אַז אַ נביא זאָגט נביאות, וואָס ער האָט ניט געהערט דאָס נביאות, קומט איהם אַ עונש בידי אדם, אָבער אַ נביא, וואָס האַלט איין זיין נביאות און זאָגט אונגאַנצען ניט דאָס נביאות, קומט איהם נאָר אַ עונש בידי שמים.) —און איך ווייס טאַקע ניט, וואָס צו טוען, — צי איז מיין תורה „תורת אמת" — קומט אויס, אַז איך וועל ניט זאָגען — בין איך מחוייב בידי שמים, און טאָמער פערקעהרט - וועל איך דאָך זיין בכלל „נביא שקר" וועל איך זיין מחוייב „בידי אדם", — דעריבער קלויב איך זיך אויס גלייכער ניט צו זאָגען קיין תורה, און איך זאָל געשטראָפט ווערען „בידי שמים" איידער געשטראָפט צו ווערען בידי אדם, — ווייל דוד המלך האָט געבעטען „נפלה נא ביד ד' וביד אדם אל אפולה"...

## 120

צו ר' יאַנקעלע ראַדזימינער ז"ל איז איינער געקומען נעמען פון איהם אַ ברכה. — האָט איהם דער צדיק געענטפערט: „גיי צו אַלע רוחות"; —

האָט דער מענטש אָנגעהויבן ווייגען, זאָגט צו איהם ר׳ יאַנקעלע ז״ל: שוטה! — דאָס איז דאָך „יעקב׳ס״ ברכה „ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה״ (בראשית כ״ח י״ד).

## 121

צו ר׳ אייזיל חריף ז״ל סלאָנימער רב, זענען געקומען צוויי מחותנים צו האָבען פאַר איהם אַ דין-תורה; דעם חתנ׳ס פאָטער האָט געטענה׳ט, אַז די כלה׳ס פאָטער דאַרף געבען קעסט, ווייל ער האָט דאָך גענומען אַ איי-דעם אַ למדן, וואָס דאַרף זיצען און לערנען, — און די כלה׳ס פאָטער האָט געטענה׳ט, אַז אַזוי ווי אויף דעם חתן ליגט דאָך דער חוב צו געבען דאָס חייב מזונות, — דעריבער דאַרף זיין פאָטער געבען קעסט. — פרעגט זיי ר׳ אייזעלע: ווי הייסט די כלה? האָבן זיי געענטפערט: חיה. האָט זיך ר׳ איי-זיל אָנגערופען: „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני״ (תענית ח׳:), ד. ה. דער, וואָס האָט געגעבין חיה, דער דאַרף געבין מזונות...

## 122

ר׳ אייזיל חריף איז אַמאָל געזעסען ביי אַ סעודת-מצוה, איז אַריין ג. קוי-מען דער שוחט, האָט איהם ר׳ אייזיל מכבד געוועזען מיט פירות, וואָס זענען געליגען אויפ׳ן טיש; פרעגט איהם דער שוחט: רבי די חז״ל, זאָגען דאָך, „אין אורח מכניס אורח״ (ב״ב צ״ח) — האָט איהם ר׳ אייזיל געענט-פערט: ניט שטענדיג איז „אין״ דער טייטש „נישט״ אַמאָל איז „אין״ דער-טייטש „יאָ״, ווייל די חז״ל זאָגען דאָך „אין שוטה מרגיש״ (שבת י״ג) — טאָ דאַרף דאָך דיין שחיטה זיין אסור, ווייל אַ שוחט דאַרף דאָך האָבען אַ הרגשה אין דעם חליף, און אַ שוטה קען דאָך ניט מרגיש זיין, — מוז דאָך זיין, אַז דער טייטש פון „אין״ איז יאָ, — אַז אַ שוטה קען אויך מרגיש זיין... איז דאָ אויך דער טייטש „אין״ יאָ; אורח מכניס אורח...

## 123

דעם „פני יהושע׳ס״ ווייב איז געווען אַ גרויסע מלומדת, אין דער העב-רעאישער שפראַך. איינמאָל האָט ער אַהיים געברענגט אַ אורח, אויף שבת. און עס איז געווען ווייניג אָנגעגרייט, האָט ער דערקענט אין איהר אַז עס פערדריסט איהר אַביסעל. — רופט ער זיך אָב צו איהר: דו ווייזט טאַקע, אַז די חכמים זענען גערעכט, וואָס האָבען געזאָגט: „אשה עיניה צרה באורחים״ (ב״מ פ״ז) — האָט די רעביצין געענטפערט: ביי אַ רעביצען האָ-

בען דאָס די חכמים נישט געזאָגט, דעם רב'ס „עין" אַליין מוז זיין אַ „צרה" ווייל אַ רב מיט אַ גוטען „עין" ווערט פון רב — אַ „רעב"...

## 124

דער גאון ר' עקיבא איגר ז"ל האָט אַמאָל געזעהען אין שבת שטעהען צוויי יודען אין גאַס, איינער האָט גערייכערט אַ פּאַפּיראָס, און דער צווייטער האָט געבעטען אַ פּאַפּיראָס פון דעם ערשטען, — האָט דער גאון זיך אָנגע-רופען צו דעם צווייטען — „עשה שבתך חול" ביסטו מקיים, „ואל תצטרך לבריות" (שבת קי"ח) ביסטו ניט מקיים, היתכן?...

## 125

א געוויסער אפיקורס איז אַ מאָל געקומען צום ווילנער גאון, ריהמענדיג זיך, אַז ער האָט שוין עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה, נאָר קיין „מאבד עצמו לדעת" (מס' שמחות פרק ב'), איז ער נאָך נישט געווען, — ענטפערט איהם דער ווילנער גאון: ווען דו זאָלסט זיין אַ מאבד עצמך לדעת, — וואָלסטו מקיים געווען אַ מצוה „ובערת הרע מקרבך", (דברים י"ג) — דעריבער האָסטו דאָס ניט געטהון...

## 126

דער דובנער מגיד ז"ל איז אַמאָל אין אַ ווינטער-טאָג געווען אויף אַ סעודת-מצוה. ער האָט זיך ווי זיין שטייגער, געזעצט ביים עק טיש. ביים טיילען די מאכלים האָט מען, ווי געוועהנלעך, אָנגעהויבען ביים אויבענאָהן, וואו מען האָט געגעבען יעדען איינציגען אַ האַלב עוף, אַביסעל נידריגער — אַ האַלב עוף פאַר צוויי מענטשען; נאָך ווייטער, וואו דער דובנער מגיד איז געזעסען, — האָט מען געטיילט אַ האַלב עוף פאַר פיהר מענטשען. האָט זיך דער דובנער מגיד אָנגערופען: יעצט איז מיר רעכטיג די גמרא „המצפה לשלחן אחרים, עולם חשוך בעדו, (ביצה ל"ב): ד. ה. דער, וואָס זיצט ביי יענעמ'ס טיש — איז די וועלט פינצטער פאַר איהם, וואָס איז דער אויסדרוק דע פון? ווייל אַ האַלב פאַר פיהר איז שוין געוויס נאכט...

## 127

אמאָל איז געווען אַ יוד אַנ'אביון, וואָס האָט בעקומען בירושה אַ ש"ס מיט פוסקים, — האָט ער פערקויפט דאָס ש"ס מיט פוסקים אויף עסען. דערנאָך ווען ער האָט שוין ניט געהאט אויף עסען, האָט ער אָנגעהויבן זאמלען

נדבות, — האָט מען איהם געפרעגט: ס׳טייטש, איהר זאָלט װערען א מקבל? האָט ער געענטפערט: אצונד, אז איך האָב שוין ממלא כרסי געװען בש״ס ופוסקים, איז דאָך שוין פאר מיר „מותר“ קבלה...

## 128

דער גאון ר׳ עקיבא איגר ז״ל, איז אמאָל געגאנגען יו״ט אין גאס, האָט ער אָנגעטראָפען א חברה פרייע-יונגען — האָבען גערייכערט סיגארעטען, האָט זיי דער גאון געזאָגט „גוט שבת“ אייך, פרעגען זיי דעם גאון, רבי? היינט איז דאָך גאָר יו״ט, ניט שבת, האָט זיי דער גאון געענטפערט: אז איך האָב געזעהען אייך רויכערען, האָט זיך מיר געדוכטען אז היינט איז שבת...

## 129

צו ר׳ אבלי פאסאװילער איז געקומען א בעל-עגלה מיט די בייטש, און פרעגט איהם צי ער מעג נעמען א גרושה, פרעגט איהם ר׳ אבלי, איהר זענט א כהן? ענטפערט דער בעל-עגלה יאָ, — רופט זיך אָב ר׳ אבלי: איהר מעגט נעמען די גרושה, זענען אלע דיינים פון זיין בית-דין געבליבען פאר-װאונדערט — רופט זיך אָב צו זיי ר׳ אבלי, װאָס װאונדערט איר זיך אזוי, איהר זעהט דאָך אז דער בעל-עגלה איז געקומען מיט׳ן בייטש און ער פרעגט צי מעג ער נעמען א גרושה ארויף אויף זיין װאָגען...

## 130

אמאָל זענען פרנסים פון א קהלה, געקומען קלאָגען זיך אויף זייער רב, צו ר׳ אבלי פאסאװילער ז״ל, אז ער איז מיט זיי ניט שוה בשוה, האָט ר׳ אבלי געשיקט רופען דעם רב און זאָגט צו איהם: אז א רב דארפט דורכ-קומען מיט זיין קהלה בשלום, — רופט זיך אָב דער רב צו ר׳ אבלי׳ן: עס שטייט דאָך נאָר „ש״ך מותר להחניף“ אָבער ניט א רב — ענטפערט איהם ר׳ אבלי: אַז א ש״ך איז דאָך א נאר, דארף מען איהם זאָגען, אַז מותר להחניף, אָבער א רב איז דאָך א תלמיד-חכם, דארף ער אליין פערשטיין...

## 131

צו ר׳ אבלי פאסאװילער ז״ל איז געקומען א געפאלענער בעל-הבית נעמען פון איהם א בריװ צו זאמלען נדבות אויף הכנסת-כלה, האָט ער איהם געגעבען א בריװ, דער בעל-הבית האָט נעבען פון גרויס צרות גענומען זיך

צום כּוס: אזוי אַז ער האָט פארלוירען דעם בריוו, האָט מען דאָס איבער געגעבען ר׳ אבעלע׳ן: ווען דער בעל-הבית איז געקומען צו איהם נאָך א צווייטען בריוו, רופט זיך ר׳ אַבעלע אָב, צו איהם: פארוואָס זאָגט מען עפּעס שיכּור ווי לוט (עירובין ס״ה, הגיע לשכרותו של לוט), און ניט ווי נח (בראשית ט׳ כ״א), נאָר דער תירוץ איז: נח האָט קיין טעכטער נישט גע-האַט האָט ער גימעגט טרינקען, אָבער דו לויט, וואָס דו האָסט קינדער׳ חתונה צו מאַכען, ווי קומסטו צו שיכּור׳ען? ביסטו דאָך אַ אמת׳ר שיכּור ר׳ אַבעלע האָט איהם געגעבען אַ צווייטען בריעף, נאָר בתנאי ער זאָל שוי מעהר נישט טרינקען...

## 132

אמאָהל איז ר׳ אייזעל חריף ז״ל געפאָהרען אין אַ פיהר, דער פורמאַן האָט איהם זייער דערקוטשעט מיט דעם פאָהרען, ווייל אַלע ווײלע האָט ער זיך אַנידער געשטעלט אין וועג רוהען. – רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע צו איהם: איהר ווייסט, פאַר וואָס רופט מען אָהן די פורמאַנעס בעלי-עגלות? – ווייל מען איז ביי זיי אין גלות, וויל מען פאָהרען, ווילען זיי דווקא רוהען; וויל מען רוהען, ווילען זיי דווקא פאָהרען...

## 133

אמאָהל האָט אַ פורמאַן געפרעגט ר׳ אייזלען, אַזוי ווי ער האָט געהערט אין קלויז פון דעם מגיד, אַז עס וועלען זיין צוויי משיחים: משיח בן יוסף און משיח בן דוד, זאָל ער איהם זאָגען. צו וואָס דאַרף מען צוויי. – רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע: אייבער אויסצולייזען פון גלות, און דער צווייטער אויסצולייזען פון די בעלי-עגלות...

## 134

א מחבר איז געקומען צו ר׳ אַבעלי פּאָסאָווילער ז״ל אויף אַ הסכמה, האָט ר׳ אַבעלי אַריינגעקוקט אין ספר און געזאָגט: אַז דאָס ספר האָט גע-דאַרפט שרייבען דער ווילנער גאון. — פרעגט דעם מחבר: וואָס עפּעס דער ווילנער גאון? — ענטפערט ר׳ אבעלי: אַז דער גאון וואָלט דאָס געמאַכט וואָלט דאָס בעסער געווען...

## 135

א מחבר איז געקומען צו ר׳ אייזעל ז״ל בעטען א הסכמה אויף זיין פירוש צו משלי. — רופט זיך אָב צו איהם ר׳ אייזעל: דער פירוש האָט איהר בעסער געדאַרפט שרייבען אויף איוב. — פרעגט דער מחבר: פאַרוואָס ע־פּעס אויף איוב? — ענטפערט איהם ר׳ אייזיל: ווייל איוב איז שוין גע־וועהנט געווען צו צרות, וואָלט ער געהאַט נאָך א צרה. אָבער אויף שלמה המלך, וועלכער איז נישט געווען צוגעוואָהנט צו צרות, איז א רחמנות...

## 136

צו ר׳ אברהם דאַנציג ז״ל, דער מחבר פון „חיי אדם״, זענען אמאָהל גע־קומען צוויי יודען אויף א דין תורה – איינער האָט געהאַלטען א גאָל־דענעם רענדעל אין דער האַנד און געטענה׳ט, אז דעם רענדעל האָט ער גע־געפונען; און דער אַנדערער האָט געטענה׳ט, אז ער האָט איהם גאָר געסטו־בען, און דער מוחזק האָט דאָס ביי איהם צוגעגזל׳ט. — אויסהערענדיג די טענות, רופט זיך אָב ר׳ אברהם מיט אזא לשון: דעם רענדעל גיט מיר אַוועק און איך וועל אייך באַלד זאָגען דעם פסק־דין. — ר׳ אברהם איז אריין מיט דעם רענדעל אין א צווייטע שטוב, וועלכע איז נאָר געווען אָב־געטיילט מיט א לייוועגד־ווענטעל, און גענומען לערנען אויס׳ן קול אין א גמרא די דינים פון „סימנים״, און גערעדט צו זיך אזוי: „ווי וואָלט געווען, אז איינער פון זיי זאָל זאָגען א סימן, אז אין רענדעל איז דאָ א לעכעל — קומט אויס על פי הלכה, וואָלט ער דאָך געווינען״. — נאָכהער איז ער אריינגעקומען, און געזאָגט צו זיי: קינדערלעך, זאָגט מיר א „סימן״ אויפ׳ן רענדעל. — כאַפּט זיך אַרויס דער צווייטער און זאָגט: „ער איז מיט א לע־כעל״. — ענטפערט איהם ר׳ אברהם: געה געזונדערהייט, דער רענדעל גע־הערט צום מוחזק, ווייל דער רענדעל איז אָהן א לעכעל..

## 137

אויפ׳ן פאָניעוועזער שטאָדט־חזנ׳ס זוהן, אויך א חזן, אָבער אָהן דעם טאַ־לאַנט און שטימע פון פאָטער, פלעגט דער דעמאָלטיגער רב ר׳ שמואל פנחס ז״ל זאָגען: דער „ומפני חטאינו״ איז דעם טאַטענס; נאָר דער „ואין אנו יכולים״ איז שוין דעם זוהנ׳ס...

## 138

דער גרויסער חזן ר׳ ניסן בעלזער פלעגט קומען אַמאָהל אויף אַ שבת צו ר׳ דוד׳ל טאַלנער ז״ל. ניסן אַליין האָט געהאַט אַ הייזעריגע שטימע, נאָר דער עיקר איז געווען די קאַפעליע. — פרעגט איהם דער טאַלנער: זאָג מיר, ניסן, וויפיעל קאָסט דיך די קאַפעליע? — אַנדערהאַלבען טויזענד! — ענט־פערט ניסן — אויב אַזוי ביסטו אַ קמצן — זאָגט דער טאַלנער — עס קאָסט דיך אָב אַזוי פיעל, לאָזט מען זיך קאָסטען נאָך עטליכע הונדערטער אַ יאָהר און מען דינגט שוין אַ חזן אויך...

## 139

ר׳ יאָשע דינובורגער ז״ל, דווינסקער רב, איז אַמאָהל זייענדיג אין לובלין אַריין צום „תורת חסד״, לובלינער רב. — האָט דער תורת חסד ז״ל איהם געשטעלט אַ שטוהל און געזאָגט: „שב בני שב״ (יבמות ט״ז), און האָט איהם געפרעגט וויעפיעל מאָל געפינט זיך דאָס לשון אין ש״ס. — האָט ר׳ יאָ־שע געענטפערט מנ״ ובי״: זיבען מאָל כמנין „שב״... (אויף תרגום־לשון איז „שב״ דער טייטש זיבען).

## 140

דער גאון ר׳ ישעי׳ פיק האָט אַמאָהל געשריבען צו אַ רב, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרייז אין אַ גמרא, בכדי עס זאָל נישט זיין שווער. — די גמרא זאָגט (מגילה דף ו׳) „לאוקמי גירסא סייעתא דשמיא״, מיינט מען אַזוי אויסצומעקען אַ גירסא און צו מאַכען אַ גרייז איז קיין קונץ נישט, אָבער „לאוקמי גירסא״, ריכטיג צו מאַכען די גירסא, וואָס עס שטעהט אין דער גמרא, צו פערשטעהן דעם פשט, מען זאָל נישט דאַרפען מאַכען קיין גרייז, צו דעם דאַרף מען סייעתא דשמיא...

## 141

דער „קדושת לוי״ איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט אריין אויף שבת; זענען איהם גע ומען מקבל פנים זיין צוויי רבנים: דער רבי פון די שניידערס און דער רבי פון די מעהל־הענדלערס. דער קדושת לוי האָט דערקענט, אַז זיי זענען געקומען חוזק מאַכען, האָט ער צו זיי געזאָגט: אַזוי ווי איך ווייס נישט ווער פון אייך ביידע איז גרעסער — איך זאָל איהם פריהער געבען שלום, גיב איך אייך ביידע צוזאַמען „איין שלום״; ער האָט

דערמיט געמיינט דעם פסוק „אין שלום אמר ד׳ לרשעים״ – עס איז נישט דאָ קיין שלום צו די רשעים). נאָכדעם האָבען זיי איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיי זאָגען עפּעס אַ דברי־תורה; האָט ער זיי געזאָגט: די גמרא זאָגט „עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת״ (שבת ל׳) ד. ה., אַז ארץ ישראל וועט אַרויסגעבען זיידענע קליידער און פערטיגע עסענוואַרג. – איז דאָך קשה: וואָס פאַר אַ ריווח וועט פון דעם זיין? נאָר יעצט איז דאָס מיר פאַרענטפערט. ווייל יעצט דאַרף מען האָבען שניידער מיט מעהל־הענדלער און זיי מאַכען זיך באַזונדערע רבנים, אַ רב פון די שניידער, אַ רב פון די מעהל־הענדלער; אָבער ווען משיח וועט קומען, און די ערד וועט אַרויסגעבען פערטיגע זיידענע קליידער און פערטיגע שפּייז, וועלען מיר דאָך האָבען דעם ריווח, וואָס מיר וועלען פּטור ווערען פון אַ שניידער־רב, און אַ מעהל־הענדלער־רב.

## 142

איינמאָל איז דער „קדושת לוי״ צו געגאַנגען, נאָך שמונה־עשרה, צו מענטשען, וואָס האָבען מיט איהם מיט געדאַווענט, און האָט זיי געגעבען שלום; און ווי זיי האָבען זיך אַזוי געוואונדערט, האָט ער זיי געענטפערט: די אַלע מענטשען זענען ביי שמונה־עשרה נישט געוועזען דאָ, נאָר זיי האָבען מיט זייערע געדאַנקען, אַרומגעשוועבט אויף די ירידען אין פרעמדע שטעט, און נאָך שמונה־עשרה האָבען זיי אויפגעהערט צו טראַכטען און זענען צוריק אַהער געקומען פון יענע ווייטע ערטער, קומט זיי דאָך אַ אמת׳ן שלום־עליכם... (פון דעם שטאַמט דאָס ווערטעל „אין הימעל אַ יריד״, ווייל אין מיטען שמונה־עשרה זענען זיי מיט די געדאַנקען אויף די ירידען, און אַז די תפלות קומען אַרויף אין הימעל אַריין איז דאָך אַ גאַנצער יריד).

## 143

ווען דער „קדושת לוי״ האָט געגעסען קעסט ביי דעם שווער, האָט ער אַליין משמש געווען די אורחים, וואָס זענען געקומען צו זיין שווער; ער אַליין האָט זיי געברענגט בינדטלעך שטרוי און זיי געמאַכט די געלעגערס; האָט איהם זיין שווער געפרעגט, פאַרוואָס ער איז זיך אַליין מטריח, פאַרוואָס ער גיט בעסער נישט דעם ערל אַ פּאָר גראָשען ער זאָל טראָגען דאָס שטרוי? האָט ער איהם געענטפערט: אַזאַ איינפאַל! האָט דער שווער; מכבד זיין אַ ערל מיט אַזאַ גרויסע מצוה. און איהם נאָך צו געבען געלד.

## 144

ר׳ אייזיל סלאָנימער איז אַמאָל געפאָהרען אין באַהן מיט די רבנישע מלבו־שים, אַנטקעגען זענען געזיסען צוויי דייטשען אָנגעטוהען אייראָפּעאיש, האָט איינער פון זיי אָנגעהויבען ליצנות צו מאַכען פון גאון, ד׳ערביי זענען געזיסען אַ פּאָר מענטשען, וואָס זיי האָט פערדראָסען, און האָבען געבעטען דעם גאון ער זאָל איהם ענטפערען, און מקיים זיין דעם פסוק „ענה כסיל כאולתו״ (משלי כ״ו, ועי׳ שבת ל׳ ע״ב) — האָט דער גאון געענטפערט: וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי אויף איהם. ווער עס לערענט נאָר אַ שטיקעל חומש מיט רש״י, ווייסט, אַז ווי עס איז דאָ צוויי טייטשען איז איינער פון זיי ווערט שטענדיג אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „דבר אחר״...

## 145

אַ״נ־אַפּיקורס האָט אַמאָל געפרעגט דעם רשב״א. ז״ל (זעה שו״ת הרשב״א ח״ד סימן קפ״ז) וויא אַזוי שטייט אין פרשת ויחי „לא יסור שבט מיהודה עד כי יבוא שילה״ אַז ביז משיח וועט קומען וועט דאָס מלכות פון יהודה זיך נישט אָבטהון, מיר זעהען דאָך, אַז דאָס מלכות האָט זיך יאָ אָבגעטהון? האָט איהם דער רשב״א געענטפערט, אַז אַזוי איז דער טייטש אין פסוק „לא יסור שבט מיהודה עד״ (דאָס וואָרט „עד״ גייט צו צום פרי־הערדיגען) ד. ה. אַז אויף אייביג וועט זיך די ממשלה פון יהודה נישט אָבטהוען („עד״ איז דער טייטש אייביג ווי „לעד״) ווייל „כי יבא שילה״ משיח וועט קומען; „ולו יקהת עמים״ דעמאָלט וועט צוריקקעהרען די מלוכה צו יהודה...

## 146

דער דובנער מגיד ז״ל איז געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה, דער נגיד האָט זיך אָנגעבייזערט אויפן מגיד מיט חוצפה, — אויב אַזוי — האָט דער דובנער מגיד געזאָגט: קאָן מען אויף אייך זאָגען, אַז איהר זענט אַ פּסול אַ ממזר, — דער נגיד הערענדיג דאָס, איז געוואָרען שטאַרק בייז, — ביי־זערט זיך נישט — האָט דער דובנער מגיד רוהיג געענטפערט. די חז״ל זאָ־גען, אַז צוליב דעם וואָס, „ליצני הדור היו אומרים מאבימלך נתעברה שרה״ (בבא מציעא פ״ז), האָט דער אויבערשטער געמאַכט עהנליך יצחק׳ס צורה צו אברהם אבינו, כדי מען זאָל זעהען, אַז „אברהם הוליד את יצחק״, דאָס איז אָבער נאָר געווען פאַר די מענטשען וואָס האָבען געוואוינט אין

שכינות מיט אברהם אבינו און בעמערקט די עהנליכקייט, אָבער די וואָס האָבען נעוואוינט ווייט, און קיינמאָל יצחק'ן נישט געזעהן, פאַר זיי האָבען דאָך די ליצני הדור ווייטער געקאָנט רעדען? דערפאַר טאַקי זאָגען די חז"ל, אַז אברהם האָט אַרויסגעגעבען אַ מטבע „זקן וזקנה (אברהם ושרה) מצד זה ובחור ובתולה (יצחק ורבקה) מצד זה" (ב"ק צ"ז), אַזוי אַרום האָט, יעדער איינער וואָס האָט באַקומען די מטבע, געזעהן די עהנליכקייט פון יצחק'ן צו אברהם — דאָס איז אַלץ — האָט דער דובנער מגיד פערענדיגט: אַז מ'גיט אַרויס די מטבע, אָבער, אַז מען גיט נישט די מטבע, האָבען די לצים ווייטער אַ ברירה צו זאָגען וואָס זיי ווילען.

## 147

דער „חכם צבי" ז"ל האָט איינמאָל, צוליב אַ מחלוקה, געמוזט פערלאָזען זיין שטאָדט אַמסטערדאַם, און אַוועק קיין פוילען, וואו ער איז שפעטער געוואָרען רב אין לעמבערג. אויפ'ן וועג האָבען עהם מענטשען געפרעגט, ווי ער גייט — האָט דער חכם צבי ז"ל געענטפערט: אין דער תורה שטעהט, אַז דער מלאך האָט געפרעגט הגר'ן צוויי שאלות, פונוואַנען קומסטו און וואוהין גייסטו? דערויף האָט הגר געענטפערט: „מפני שרה גבירתי אנכי בורחת" (בראשית ט"ז ח'). בלויז אויף איין שאלה האָט זי געענטפערט, דאַגעגען אויף דער צווייטער פראַגע: „אנה תלכי", האָט זי נישט געענטפערט. דערפון איז געדרונגען, אַז ווען איינער אַנטלויפט, קען ער נישט ענטפערען וואוהין ער געהט, אַבי ער אַנטלויפט פון פייער...

## 148

אַ קאַרגער גביר האָט גענומען אַן אורח אויף שבת. נאָך די פיש האָט דער גביר געטרינקען אַ ריין גלעזעל שפירט, און דעם אורח האָט ער צוגעגאָסען אַ ביסעל וואַסער. — האָט דער אורח זיך אָנגערופען: איצט איז מיר פערענטפערט געוואָרען די רש"י אין פרשת נח, פריהער שטעהט „יי"ש" דורשין אותו לשבח — אויב עס איז ריינער בראָנפען איז גוט, אָבער „ויי"ש" מיט אַ „וא"ו" המוסיף — ד"ה, אַז מען גיט עפעס צו צום „יי"ש" איז שוין „לגנאי", מאַכט עס דאָס ערשטע ביסעל אויך קאַליע...

## 149

צום אַלטען טשאָרטקאָווער רבי'ן ז"ל איז געקומען אַ רב און פערקלאָגט זיך אויף די שטאַרקע פרעסט, וואָס זיי פערערגערען דעם מצב פון יודען.

— האָט דער רבי געענטפערט: אין אַלעם זענט איהר שולדיג. — ס׳הייסט מיר זענען שולדיג — האָט זיך דער רב געחידוש׳ט. — אַוודאי אַזוי — האָט דער רבי געזאָגט — די חז״ל זאָגען: כל הדן דין אמת לאמיתו, נעשה שותף להקב״ה במע״ב (שבת י׳). איז ממילא פערצייטענס, ווען די דיינים האָבען געפסק׳נט אַ דין אמת, זענען זיי געווען שותפים צום אויבערשטען. און ס׳איז דאָך אַן אַלטער כלל: קדירא דבי שותפא לא חמימא ולא קרירא (עירובין ג׳). און דערפאַר איז דאָס וועטער געווען נאָרמאַל, נישט צו קאַלט און נישט צו וואַרעם... אַנדערש איז אָבער היינט בעוונותינו הרבים, אַז ס׳איז פערהאַן דיינים וואָס פסק׳ענען נישט קיין דין אמת, איז דאָך ממילא אויס שותפות, איז טאַקע צוליעב דעם — גוט קאַלט אָדער גוט הייס...

## 150

**די** מאיר׳ל פרימישליאַנער פלעגט זאָגען, אַז דאָס וואָס יודען טרינקען צוזאַמען בראָנפען און זאָגען „לחיים״ איז מסוגל צו פרנסה, ווייל נאָכדעם ווי די צוויי יודען פון „לחיים״ צוגייען זיך בלייבט איבער „לחם״... (דער מקור פון „לחיים״ זאָגען, זעה אין מס׳ שבת ס״ז).

## 151

**א** כתה מתנגדים זענען אַמאָל געקומען צום „תורת יקותיאל״ ז״ל, אַז ער זאָל געבען אַ הסכמה מחרים צו זיין די חסידים, שטיצענדיג זיך, אַז דער ווילנער גאון האָט אויך מסכים געווען דערויף. — האָט דער „תורת יקותיאל״ געענטפערט: מ׳געפינט ביי דער עקידה, אַז די ציווי צו שעכטען יצחק׳ן איז געקומען פון אייבערשטען אַליין. דאַגעגען די ציווי נישט צו שעכטען איז שוין געקומען דורך אַ מלאך. — פאַרוואָס איז דער ערשטער ציווי אויך נישט געקומען דורך אַ מלאך? — איז געדרונגען דערפון, אַז ווען אַ מלאך הייסט „נישט שעכטען״ פאָלגט מען עהם, דאַגעגען ווען אַ מלאך הייסט „שעכטען״ קען מען איהם נישט פאָלגען. אויף שעכטען מוז מען שוין האָבען אַ הסכמה פון דעם רבונו של עולם אַליין...

## 152

**א** פריהער האָט געפרעגט ר׳ יאָשע בער ז״ל, בריסקער רב, אין ליצנות: אַזוי ווי ער האָט אַ מכה אויף די האַנד, צי מעג ער זיך צולייגען זויערע־מילך אויף אַ רפואה, ווייל עס וועט דאָך זיין „בשר בחלב״ וואָס איז אָסור אַפילו אויף אַ רפואה (פסחים כ״ד). — האָט אים דער גאון געענט־

פערט: דו האָסט אַ עצה, דו זאָלסט וואַרטען ביז די מכּה וועט גרויס ווע-רען, עס זאָל זיין זעכציג מאָל אַקעגן די זויערע-מילך, וועט עס דאָך בטל ווערען בששים, וועסטו שוין קענען צולייגען...

## 153

אַ קלוגער אָרימאַן איז געקומען צום גאון ר׳ אפרים זלמן מרגליות, בראָ-דער רב, בעטען פון עהם ער זאָל איהם באָרגען הונדערט רענדליך. — ר׳ אפרים זלמן האָט געוואָלט וויסען פריהער, צי ער איז אַ בן-תורה, האָט ער איהם געפרעגט פריהער, צי ער האָט שוין געזעהען זיינע ספרים: „ראש אפרים", „בית אפרים", „יד אפרים". — האָט דער אָרימאַן געענטפערט: דער „ראש אפרים" איז בעוואוסט אין דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז אויסגע-צייכענט. דעם „בית אפרים" זעה איך, איז אויך שיין (ווייל ער האָט געוואוינט אין שיינע שטיבען); נאָר דעם „יד אפרים" האָף איך, אַז אַצינד וועל איך זיך דערוויסען, צי ער איז גוט...

## 154

ר׳ דוד׳ל טאַלנער ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט: אויף צוויי זאַכען האָט אַ רבי תרעומות און די וועלט האָט הנאה: דאָס ערשטע — איינער קומט צום רבין נאָך אַ ברכה אויף אַ בן-זכר, בעט דער רבי 52 גילדען כמנין „בן", וואָלט אָבער „בת" געווען דער טייטש פון אַ זוהן, וואָלט ער דאָך געהאַט 402 גילדען; דאָס צווייטע — אַז מען קומט צום רבי׳ן, ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ חולה, זאָגט מען צו 18 גילדען כמנין ח"י — וואָלט „מת" געווען דער טייטש פון לעבען, וואָלט ער דאָך געהאַט 440 גילדען. דער רבי האָט דער-פון תרעומות און די וועלט האָט הנאה...

## 155

איינער האָט געפרעגט ר׳ גרשון העניך ז"ל, ראַדזינער רבי — די אנשי סדום האָבען געפרעגט: „האחד בא לגור וישפוט שפוט?" (בראשית י"ט ט׳). — וואָס איז דאָס פאַר אַ קשיא? אין סדום איז דאָך אַלץ געווען פער-קעהרט, דאַרף דאָך טאַקע אַזוי זיין, אַז דער תושב זאָל קיין דעה נישט האָ-בען, נאָר דער פרעמדער זאָל זיין דער גאַנצער דעה-זאָגער? — האָט ר׳ גרשון העניך געענטפערט: דער פרעגער איז דאָך געווען אַ סדום׳ער, האָט ער טאַקע געפרעגט פערקעהרט...

## 156

אַ רב האָט אַמאָל געפרעגט אַ בעל־מדקדק: ווי קומט צו זאָגען על פי דקדוק „שאול־תחתי", אָדער „שאול־תחתית". — האָט דער בעל מדקדק געענטפערט: „שאול תחתי" — ס'איז אין דר'ערד. — האָט דער רב כלאחר יד געזאָגט: כ'האָב געהאַט אַ טעות שאול תחתית — האָט דער בעל מדקדק פערבעסערט: ס'איז אויך אין דר'ערד! האָט דער רב געשמייכעלט...

## 157

צום „תפארת שלמה" איז מען געקומען פרעגען אַ שאלה: אַזוי ווי עס איז געשטאָרבען אַ גרויסער אפיקורס, וואו זאָל מען איהם מקבר זיין. ביים פּאַרקאַן, אָדער אין די רייהען פון אַנדערע קברים? — בעגראָבט איהם וואו איהר ווילט, האָט ער געענטפערט — אַבי בעגראָבט איהם...

## 158

ר' אייזיל חריף ז"ל איז געווען אַמאָל סנדק אויף אַ ברית. ווען מען האָט געהאַלטען ביי די ברכה, ביי די ווערטער: „ויקרא שמו בישראל", איז דער בעל ברית געבליבען שטעהן און נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבען דעם קינד. — האָט ר' אייזיל געהייסען, אַז מען זאָל איהם רופען אברהם. — נאָכ'ן ברית האָט מען דעם רב געפרעגט: פאַר וואָס ער האָט גראָד געהייסען דעם „רך הנימול" רופען אברהם. — האָט ר' אייזיל געענט־פערט: איך האָב געזעהען, אַז דער טאַטע שטעהט ווי אַ תרח — האָב איך זיך געטראַכט, אַז דער פּאַסיגסטער נאָמען פאַר'ן זוהן וועט זיין „אברהם"...

## 159

אַ מחבר אַ עם הארץ איז געקומען צו ר' אייזיל חריף ז"ל נאָך אַ הסכמה. אויף דעם שער איז געשטאַנען: „סאַרפאַסט פון רד"ק", ד. ה. ר' דוד קלמנ'ס. אַז דער מחבר איז אַוועק — רופט זיך אָב ר' אייזיל: ער האָט בעדאַרפט שטעלען דור"ק (דור"ק הייסט אַ עם הארץ), וואָלט עס געהייסען: דוד ר' קלמנ'ס...

## 160

איינער איז אַמאָל נאָך געגאַנגען אַ רב פון אונטען, און האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ בייטעל מיט געלד. דער רב האָט זיך אויסגעדרייט און דאָס דערזעהען, רופט ער זיך אָב: היתכן? עס שטעהט דאָך בפירוש „אין הולכין בממון אחרי הרוב" (ב"ק כ"ז).

## 161

איינער האָט דערלאַנגט אַ רב אַ כוס בראָנפען און האָט געזאָגט לחיים רבי. און האָט פערגעסען צו געבען איהם צו פערבייסען, צו מאַכען אַ בורא מיני מזונות. — האָט דער רב זיך אָנגערופען: די חז"ל זאָגן דאָך, „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני"... (תענית ח').

## 162

א ראש ישיבה איז אַמאָל ארויס געגאַנגען נאָכ'ן שיעור פון די ישיבה אויף אַ פאָר מינוט. און דערוויל האָבען די תלמידים אָנגעהויבען צו טאַנצען און צו שפרינגען. אין דעם עפּענט דער ראש-ישיבה די טהור. און אַ תלמיד האָט פונקט געעפענט אַ גמרא „שבועות" און אָנגעהויבען לערנען מיט אַ ניגון, כדי אָבצונאַרען דעם ראש-ישיבה, אַז ער האָט גאָרנישט געטהון. דער ראש-ישיבה האָט אָבער דערקענט, אַז ער האָט זיך ארומגעשלאָגען — רופט ער זיך אָב: „מכדי תנא ממכות קא סליק מאי שנא דתנא שבועות"... (שבועות ב').

## 163

אין אַ שטעדטעל האָט דאָס קהל, בשעת זאָגענדיג סליחות, ביי די ווערטער „אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה", שטאַרק אָנגעהויבען שרייען אויפ'ן קול און ביי „אבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות" האָבען זיי נישט גע-שריגען — האָט דער רב זיך אָנגערופען: דאָס קלאָגט טאַקע דער מקונן ירמיהו הנביא „כל עמה נאנחים מבקשים לחם" — אַלע זיפצען נאָר אין די צייט — ווען זיי בעטען אויף ברויט. אָבער נישט בשעת זיי בעטען צופער-שרייבען צו ווערען אין ספר זכיות...

## 164

**א** משולה האָט אַמאָל געזאָגט: פּערצייטענס איז געווען גוט צו פּאַתרען זאַמלען געלד —. איינער האָט געזאָגט: ר׳ יוד! נאַ, נעהם געלד! — אַ צווייטער האָט געזאָגט: נאַט אייך ר׳ יוד! נעהמט געלד! — און פון נאַ און נאַט האָט געלוינט צו זיין נע-ונד. היינט זאָגט קיינער נישט „נאַ“ און נישט „נאַט“ (מ׳גיט קיין געלד נישט), לוינט זיך נישט צו זיין נע-ונד.

## 165

**ד**ער גאון ר׳ יאַקילע חריף פון ווילנא, קומענדיג קיין אַמעריקא אַלעס רב, האָבען די גבאים איהם געבעטען, אַז די דרשה זאָל ער האַלטען שבת אין דער פריה — נישט אַזוי ווי דער אַלטער מנהג, אַז מען זאָגט די דרשה אין מיטען טאָג, נאָר אַזוי ווי די מאָדערנע רבנים — האָט ר׳ יאַקילע נישט געוואָלט. — האָבען זיי איהם געפרעגט: פאַרוואָס? — האָט ער געענטפערט: די משנה זאָגט, תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתם מתיישבת; עמי הארצים כל זמן שמזקינין דעתם מטורפת (סוף קינים). איבער דעם איז פאַר תלמידי חכמים גלייכער צו דרשה׳נען אין מיטען טאָג, ווייל זי איז שוין עלטער; אָבער היינט זענען די מאָדערנע רבנים עמי הארצים, איבער דעם דרש׳ענען זיי אין דער פריה, ווייל שפּעטער ווערט דאָך זיין דעתם מטורפת...

## 166

**א** קלוגער רב איז אַמאָל געזעסען ביי אַ סעודה צוזאַמען מיט אַ חברה לעהרערס פון די שקאָלעס. האָבען זיי איהם מכבד געווען מיט ברכת המזון, האָט דער רב אויפגעהויבען דעם כּוס און געזאָגט, אַז עס איז דאָ איין רב דאַרף מען זאָגען „ברשות מורי ורבי“, אָבער אַז עס איז דאָ אַ סך „מורים“ (לעהרערס) דאַרף מען זאָגען „שמעו נא המורים“... (במדבר כ׳, י׳).

## 167

**א**ין אַ שטאָדט איז אַמאָל געקומען אַ מגיד, זעהר אַ הויכער געוויקסיגער, איז ער ײן צום דאָזאָר, וועלכער האָט געהייסען אויפ׳ן ביינאָמען „פוקס“

צו נעהמען בײַ איהם רשות צו זאָגען אַ דרשה אין שטאָדטישען בית-המדרש. צוקומענדיג צום דאָזאָר'ס שוועל פון די טהור; האָט זיך דער מגיד געמוזט איינבייגען, ווייל ער איז געווען אַ הויכער, און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער ביקט זיך צום דאָזאָר. האָט איהם דער דאָזאָר געפרעגט אין געלעכטער: וואָס ביקט איהר זיך צו מיר, צי בין איך דען אַ שר. — האָט דער מגיד געענטפערט: איך ווייס, אַז איהר זענט נישט קיין שר; נאָר די חז"ל זאָגען: „תעלא בעידניה סגיד לי'" (מגילה ט"ז), אין דער צייט ווען דער „פוקס" איז דער פרנס, ביק זיך צו איהם...

## 168

**א** רב איז אַמאָל געפאָהרען אויף די באַהן דריטע קלאַס. אין דעם זעלבען וואַגאָן איז געזעסען אַ פרייהער און חוזק געמאַכט פונ'ם רב און געזאָגט: ווי קומט עס, רבי לעבען! אַז איהר, אַ יחסן, זאָלט פאָהרען דריטע קלאַס. — האָט דער רב געענטפערט: מילא, איך קען נאָך געפונען אַ תירוץ, אָבער דו, וואָס לויט ווי איך זעה, ביסטו אַ'ערשט קלאַסיגער עזות פנים, ווי קומסטו צו פאָהרען דריטע קלאַס...

## 169

**א** משכיל האָט געפרעגט דעם רבי'ן ר' ברוך פון מעזבוז ז"ל: פאַרוואָס זאָגען די חז"ל „שינת רשעים נאה להם ונאה לעולם" (סנהדר' ע"ב), וואָס איז דאָס אַזוי גוט פאַר די וועלט, ער וועט זיך אויסשלאָפען און ווייטער טהון זיינע מעשים? — הער אויס — האָט דער רבי געענטפערט — די חז"ל מיינען אַזוי, „ונאה" — ווען איז דאָס, אויב „לעולם", ווען זיי שלאָפען איין אויף אייביג...

## 170

**א** רב אַ למדן, נאָר אַ שטיקעל קל אין אַ קנאַפער ירא-שמים, איז געקומען צו אַ רבי'ן אויף יו"ט. דער רבי האָט דערקענט אין איהם, אַז ער איז נישט קיין ירא-שמים, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט: דו ווייסט דעם פשט פון דעם דרש „את ד' אלקיך תירא — לרבות תלמידי חכמים?" (ב"ק מ"א). אַ תלמיד-חכם ברויך אויך מורא האָבען פאַר'ן אויבערשטען.

## 171

דער בעהאוסטער בדחן שמואל מאַטשעוויטצער איז געקומען אויף אַ חתונה אין אַ שטעדטעל אין גרויס-פוילען. דאָרט איז געוועז אַ מנהג, אַז בשעת אַ סעודת מצוה האָט מען דעם רב געגעבען געלד. שמואל בדחן איז געשטאַנען און געשיט מים גראַמען און נוטריקונ׳ס און נישט בעקומען קיין גראָשען, און דעם רב האָט מען געהאַלטען אין איין געבין געלד. — רופט זיך אָהן שמואל בדחן: עולם! איך וועל אייך פרעגען אַ קלאָץ-קשיא, אומעטום אין דער גמרא ווייסט מען, אַז „רב און שמואל קריגען" (זענען מחולק) און דאָ זעה איך, אַז רב (געוויזען אויפ׳ן רב) קריגט (בעקומט), און שמואל (געוויזען אויף זיך) קריגט נישט... נאָכדעם, ווי דער עולם האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעלאַכט פונ׳ם געלונגענעם איינפאַל, רופט זיך אָהן שמואל בדחן: אָבער איך קאָן אייך די קשיא פערענטפערען. ווייסט איהר, פאַרוואָס דאָ קריגט רב און שמואל קריגט נישט? ווייל „רב תנא הוא ופליג" (עירובין נ), ווייל רב קען לערנען דעריבער קריגט ער, אָבער שמואל (געוויזען אויף זיך) איז אַ וואָיטעק – קריגט ער נישט!

## 172

ר׳ נח בדחן איז געשטאַנען אויף אַ רבי׳שע חתונה און געדרשנ׳ט פורים תורה. דער רבי האָט שטאַרק נהנה געוועזן, האָט ער געזאָגט צום משמש: גיט אים אַ גלעזעל וויין! נח האָט זיך מכלומר׳שט בעליידיגט און געזאָגט: ביי נח׳ן שפּיעלט דען אַ ראָלע אַ גלעזעל וויין, נח איז געוועזן דער ערשטער וויין-פלאַנצער! (ויטע כרם וישת בתוך אהלו): טאָ גיט איהם אַ גלעזעל בראָנפען! — זאָגט דער רבי. — רופט זיך אָהן נח: י״ש, דורשין אותו לגנאי ביי נח׳ן. פונדעסטוועגען — כאַפּט ער זיך צוריק — י״ש מרבותינו, י״ש פון אַ רבי׳ן דורשין אותו לשבח — און האָט געטרונקען לחיים.

## 173

אין לאָדז פלעגט אַרומגעהן איינער מיט אַנ׳איינרעדעניש, אַז ער איז לאָדזער מורה-הוראה. ר׳ חזקי׳ לוביטשער פלעגט איהם צובאַצעווען, אַז ער איז טאַקע לאָדזער מורה-הוראה, אַי פאַרוואָס בעקומט ער נישט קיין פענסיע? דערפאַר — זאָגט ער — פסק׳נט ער דאָך טאַקע נישט קיין שאלות.

## 174

די יאָשע דענעבורגער ז״ל, דווינסקער רב, איז אַמאָל געגאַנגען אויפ׳ן בית החיים אין ווארשא, און פון שטאַרקען פערקאָכט זיין שטענדיג אין לערנען, האָט ער אָנגעהויבען רעדען אין לערנען. האָבען מענטשען איהם געפרעגט: רבי! עס איז דאָך אַ לועג לרש! (ברכות י״ח). [דער רב האָט געזעהן לויט די אויפשריפטען פון די מצבות אויף פויליש וואָסערע תכשיטים דאָ ליגען] האָט ער געענטפערט: און אַז זיי וואָלטען געלעבט, וואָלטען זיי דען פערשטאַנען וואָס איך רעדט...

## 175

דער מלבי״ם ז״ל, האָט אַמאָל דערהאַלטען אין פורים „שלח מנות״ פון אַ חברה אַסימיליאַטאָרען אַ צורה פון אַ חזיר געמאַכט פון צוקער, האָט זיי דער מלבי״ם ז״ל צוריק געשיקט זיין אייגענע פאָטאָגראַפיע, און האָט צוגעשריבען: איהר האָט מיר געשיקט אייער צורה, שיק איך אייך מיין צורה. איבער אַ יאָהר האָבען זיי איהם ווייטער געשיקט אַ צורה פון אַ דבר אחר האָט ער זיי צוריק געשריבען: עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז איהר האָט מיך אַזוי ליעב, אַז דעם ביסען פון מויל האָט איהר מיר אויך אַוועק געגעבען...

## 176

דער „נודע ביהודה״ ז״ל, איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט, איז ער אַריין אין בית המדרש און האָט געוואָלט דאַווענען מנחה בציבור, איז דאָרט געווען צעהן יודען, נאָר איינער איז אַרויס געגאַנגען און האָט נישט געוואָלט מיט דאַווענען, ווייל ער איז געווען אַ פרייהער. – האָט דער גאון זיך אָנגערופען: אַצינד איז מיר רעכטיג געוואָרען, דאָס וואָס האָט מיך שטענדיג געאַהרט: פאַרוואָס? ווען יעקב האָט געשיקט אַ מנחה צו עשו׳ן, סטאַדעס שאָף מיט פאַסטוכער; און יאַגד־הינט וואָס דאָס געהער צו פאַסטוכער, האָט ער נישט געשיקט? – נאָר דער תירוץ איז, ווייל דאָס אַלעס איז דאָך געווען אַ מנחה, און די הינד – לויט ווי איך זעה – אַנטלויפען דאָך גאָר פון מנחה . . .

## 177

אַ קלוגער אָרימאַן איז געווען אויף אַ חתונה. ער איז געשטאַנען ביי דעם אויוען, ווי דער שטייגער, קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. נאָך די סעודה איז צוגעגנב'עט געוואָרען אַ זילבערנעם לעפעל, האָט מען באַזוכט דעם אָרימאַן און מען האָט ביי איהם נישט געפינען. רופט זיך אָן דער אָרימאַן: אויף מיר איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק „נשכחתי כמת מלב" (תהלים ל"א). בשעת די סעודה בין איך אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען, מען האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, מיר צו געבען עפּעס פון די סעודה, נאָר „הייתי", ווען בין איך דערמאָנט געוואָרען — „ככלי אובד", אַזוי ווי עס איז נאָר פערלוירען געוואָרען דער זילבערנער לעפעל, דעמאָלט האָט מען זיך אין מיר דערמאָנט...

## 178

ווען ר' שלמה קלוגער ז"ל איז חתן געוואָרען, האָט איהם דער פאָטער פון די כלה צוגעזאָגט צו שיקען אַ גאָלדענע קייט אַ מתנה. איז אָבער אַדורך אַ צייט און ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט דערהאַלטען די קייט — האָט דער גאון איהם געשריבען: איך האָב געפינען צו אייך אַ רמז אין דער תורה, אין פּרשת וירא שטעהט אויף דעם וואָרט „ויתמהמה" (פערזאַמט) אַ שלשלת (אַ קייט)...

## 179

ר' עקיבא איגער ז"ל ווען ער איז געווען אַ קליין יונגעל, איז ער שוין געווען אַ גרויסער חריף. איינמאָהל האָט איהם די מוטער דערלאַנגט צום מיטאָג „קאַשע", פרעגט איהם דער פאָטער: וואָסער תירוץ זאָגסטו אויף די קאַשע, האָט ר' עקיבא איגער געענטפערט: „אין מסיחין בסעודה" (תענית ו'). נאָך די סעודה פרעגט ער איהם: אַצינד האָסטו שוין אַ תירוץ. — ענטפערט ער: אַצינד איז דאָך שוין קיין קאַשע נישטאָ...

## 180

דער קעלעמער מגיד איז געקומען אין אַ שטאָדט האַלטען אַ דרשה. דאָרטען איז געווען נאָך אַ דרשן וואָס מען האָט אים געגעבען זייער אַ קליינעם

בעלוינונג פאַר זיינע דרשות, פרעגט ער דעם קעלעמער מגיד: זאָגט מיר פאַרוואָס איז מיין בעלוינונג אַ קלענערע ווי אייערע, איך בין דאָך אויך אַ בעריהמטער דרשן? האָט דער קעלעמער מגיד איהם געענטפערט: מיר געפינען אין דער גמרא, אַמאָל שטעהט „אמר רבא" און אַמאָל שטעהט „רבא אמר"? נאָר דער תירוץ איז, אַז ווען רבא קריגט זיך מיט איינעם שטעהט „רבא אמר", ד. ה. רבא זאָגט אַזוי און „אביי" זאָגט אַזוי. אָבער אַז עס איז גישטאָ קיין שום מחלוקת — שטעהט „אמר רבא", אַזוי איז שטענדיג דער זעלבער כלל — אויב דער „נאָמען" איז פאַר דעם „זאָגען", ד. ה. אַז דער דרשן איז אַ מפורסם נאָך איידער ער זאָגט די דרשה — „קריגט ער"; נאָר אויב דאָס זאָגען איז פאַר דעם נאָמען, ד. ה. ער איז נישט מפורסם, דענסטמאָל קריגט ער נישט, נאָר אַ קליינעם שכר...

## 181

אַ גאון האָט געהאַט זעהר אַ שלעכט ווייב. אַמאָל איז זי קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען, האָט דער גאון געלאָזט אויסקריצען אויף די מצבה: „פה נטמנת האשה הכשירה". — האָט מען געפרעגט דעם גאון: פאַרוואָס האָט איהר אַזוי געשריבען אויף איהר? זי האָט דאָך אייך שטענדיג מצער געווען? — האָט ער געענטפערט: די חז"ל זאָגען „איזהו אשה כשרה — כל שעושית רצון בעלה" (תדב"א פ"ט), און מיט איהר שטאַרבען האָט זי דאָך באמת געטהון דעם רצון פון מאַן — קומט דאָך איהר דעם טיטול „אשה הכשירה"...

## 182

אַ פרייהער האָט אַמאָל געזאָגט צום דובנער מגיד ז"ל: אויב איהר וועט מיך קענען מחזיר למוטב זיין, וועל איך ווי'סען אַז איהר קענט אויפטהוען. — האָט דער דובנער איהם געענטפערט מיט אַ משל, אַזוי ווי זיין שטייגער: אַ סוחר, וואָס איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע פון אויסלאַנד, האָט מיטגעבראַכט פאַר זיין דינסט אַ טייערען בלאָזער אויף אויפצובלאָזען גיך דאָס פייער פון קיך. ווען ער האָט דאָס געגעבען די דינסט, האָט ער געזאָגט צו איהר: אַז דו וועסט אַריין לייגען די קוילען אין די קיך און דו וועסט בלאָזען מיט דעם בלאָזער, וועט ווערען אַ גרויס פייער אין איין רגע. די דינסט האָט אַזוי געטהון. געהט זי צו צום בעל-הבית און זאָגט איהם: איך האָב געטהוען אַזוי ווי איהר האָט געהייסען, איך האָב געבלאָזען און גע-

בלאָזען און עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. דער בעל-הבית געהט צו צו דער קיך זעהט ער קאַלטע קוילען ליגען. זאָגט ער צו איהר: דו נאַר איינער, דער בלאָזער העלפט נאַר, אַז דו טוהסט אַריין אַ פונק פייער, דענסטמאָל דערוועקט דער בלאָזער דאָס פייער און עס ווערט אַ גרויסער פלאַקער פייער. אָבער אַז עס איז קיין פונק פייער נישטאָ, וואָס העלפט דער בלאָזער? — אַזוי איז מיט דיר — ענדיגט דער דובנער מגיד — אַז עס איז נישטאָ אין דיר קיין פונק אמונה, איז דאָך בחנם מיין בלאָזען...

## 183

אמאָל איז געווען אַ דין-תורה ביי דעם „הפלאה" ז"ל, און איין בעל-דין — וועלכער האָט געוואוינט אין אַ אַנדער שטאָדט האָט איבער געשיקט די טענות צום מורה-הוראה פון זיין שטאָדט, ער זאָל פאַר איהם טענה'ן. דער „הפלאה" האָט אָבער דערקענט, אַז די טענות זענען פאַלשע. האָט ער געשריבען אַ בריעף צום בעל-דין מיט דעם לשון „מערים אדם על „תביעתו" ומכניסה במו"ץ שלו" (פסחים ט'), „תביעתו" הייסט די טענות, מו"ץ איז ראשי תיבות מורה-צדק... (מורה-הוראה).

## 184

א מחבר איז געקומען צו ר' אייזיל חריף ז"ל בעטען אַ הסכמה אויף זיין — ספר „יהגה חכמה" — האָט ר' אייזיל אַריינגעקוקט אין ספר; און זעהענ-דיג, אַז די גוטע און קלוגע ווערטער איז נישט דעם מחבר'ס, עס שטעהט שוין אין די פריהערדיגע ספרים, און זיינע אייגענע ווערטער זענען טאַקע נישט גוט. — רופט ער זיך אָב צום מחבר (אויף פויליש): דו האָסט גאַנץ ריכטיג אַ נאָמען געגעבען דעם ספר „יהגה חכמה", ווייל צאָ יעגאָ טאָ ניע חכמה, אַ צאָ חכמה — טאָ ניע יעגאָ...

## 185

א רב האָט אַמאָל אַהיימגענומען צו זיך אויף שבת אַנ'אורח, אַ למדן. ער — איז אָבער געווען אַ גרויסער בעל-גאוה. ביים טיש האָט ער כסדר גע-שיט מיט דרשות, און האָט געבלאָזען פון זיך. ער האָט נישט געלאָזט דעם רב קומען צום וואָרט. דעם רב האָט דאָס זעהר פערדראָסען — רופט ער זיך אָן צום אורח: ס'איז בעוואוסט, אַז דער „שבת קודש" איז אַ גרויסער

בעל מכניס אורח, ווייל אַז „ראש-חודש״ געפאַלט אין שבת שענקט איהם דער שבת אַוועק דעם גאַנצען מוסף, ווייל מען זאָגט דעם נוסח פון ראש-חודש „אתה יצרת״ און אַ שענערען אורח, צום ביישפיעל: אַז „יום טוב״ געפאַלט אום שבת שענקט איהם דער שבת אַ גרעסערע „מתנה״ און ער לאָזט זיך באַניגען אין שמונה-עשרה, בלויז וואָס מ׳דערמאָנט איהם נאָר, און אַז „יום-כפור״ געפאַלט אום שבת, גיט ער איהם אַלס אַוועק, און פאַסט צו-זאַמען מיט דעם אורח יום-כפור; טאָ אייגענטליך, פאַרוואָס אַז ראש-השנה געפאַלט אום שבת, לאָזט איהם דער שבת נישט בלאָזען קיין שופר? — איז דאָך געדרונגען —פיהרט אויס דער רב — אַז אַ אורח אין אַ פרעמדע שטוב טאָר נישט בלאָזען פון זיך...

## 186

ווען מען האָט דעם רבי׳ן ר׳ העשיל ז״ל גערעדט אַ שידוך מיט די טאָכ-טער פון דעם גאון ר׳ שאול וואַהל ז״ל, זענען זיי זיך צוזאַמען געקומען אויף איין אָרט, נאָר דער חתן איז געווען אין אַ שטוב, און די כלה איז געשטאַנען אין פאָדער-הויז, וועלכער ס׳איז געווען נידעריגער ווי די שטוב מיט איין שטאַפעל. האָט ר׳ העשיל אָנגעהויבען מיט איהר צו רעדען פון די שטוב אַרויס, און ער האָט נישט געוואָלט אַראָב גיין צו א־הר ווי זי איז געווען. — רופט זי זיך אָן צו איהם: „נחות דרגא ונתיב איתתא״ (יבמות ס״ג), ני-דער אַראָב אַ שטאַפל ווען דו ווילסט נעהמען אַ ווייב (דער אמת׳ער פשט איז: דו זאָלסט נעהמען אַ ווייב, אפילו ווען זי איז נישט אַזאַ מיוחסת ווי דו)...

## 187

אַפיקורוס איז געקומען צו אַ גאון און האָט איהם געפרעגט: פאַרוואָס — האָט איהר אונז פיינד, אונז האָבען דאָך אַלע איין טאַטען. — ענטפערט איהם דער גאון: אמת טאַקע, דאָס מיר האָבען איין טאַטען, אָבער איין „סותר״ האָבען מיר נישט. דען וואָס עס איז ביי אייך „מותר״, איז ביי אונז „אסור״...

## 188

צום גאון ר׳ שלמה קלוגער ז״ל איז געקומען אַמאָל אַ בעל-הבית פון שטאָדט פאַרטאָג׳ס. ער איז געווען אַ גרויסער שטאָדט-בעל-מחלוקת אַ

מחרחר-ריב, און געקומען זיך קריגען מיט דעם גאון. דער בעל-הבית האָט געהייסען „זאב״ — רופט זיך אָן דער גאון: וואָס ביסטו געקומען אַזוי פריה צו מיר, עס איז דאָך נאָך נישט צומאָלט דער זמן פון קריאת-שמע, וייל די חז״ל זאָגען, אַז דער זמן קריאת-שמע איז „משיכּיר בין זאב לכלב״ (ברכות ט׳), ד.ה. אַז עס איז שוין לעכטיג, אַז מ׳קען דערקענען אַ צווישענ-שייד פון אַ זאב (וואָלף) ביז אַ כלב (הונד). און יעצט דערקענט מען גאָר-נישט קיין חילוק פון אַ זאב צו אַ כלב...

## 189

אַפּיקורוס וואָס האָט זיך שטענדיג פאַרשטעלט פאַר אַ ירא-שמים האָט זיך — געזשאַלעוועט פאַר דעם רב, אַז די חסידים יאָגען איהם שטאַרק. זאָגענ-דיג דעם רב, איך בין דאָך אויך אַ ירא-שמים. — ענטפערט איהם דער רב, וועלכער האָט איהם געקענט וואָס פאַר אַ תכשיט ער איז: אויב דו ביסט אַ ירא-שמים און דו ציטערסט פאַר אַ עבירה, טאָ פאַרוואָס קוקסטו אין אַ שפּיגל עטליכע מאָל אין טאָג. די חז״ל זאָגען דאָך, אָסור להסתכל בדמות אדם רשע (מגילה כ״ח). (ד. ה. מ׳טאָר נישט קוקען אַ רשע אין פּנים אַריין)...

## 190

ביי דעם לעמבערגער רב ר׳ יעקב אורינשטיין ז״ל (דער בעל מחבר פון ספר „ישועות יעקב״) איז געווען אַמאָל אַ דין-תורה, האָט ער די טענות פון די בעלי-דינים אויפגעשריב׳ן אויף אַ פּאַפּיער. זיין אייניקעל ר׳ הירש-עלע אורינשטיין איז געווען נאָך אַ קליין יונגעל האָט גענומען דאָס פּאַ-פּיער און האָט דאָס צושניטען אויף שטיקלעך. האָט זיך דער זיידע אויף איהם געבייזערט און איהם געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו צושניטען די טענות? — האָט ער געענטפערט: כ׳האָב „גוזר טענות״ געווען (גוזר איז טייטש צו-שניטען, אַזוי ווי מ׳געפינט „לגוזר ים סוף לגזרים״)...

## 191

דער גאון ר׳ עקיבא איגר איז אַמאָל געווען אין וואַרשא, האָט מען איהם פערבעטען אין ראַבינער-סעמינאַר, ער זאָל פערהערען די תלמידים. — ער האָט זיי געפרעגט אין לערנען און קיינער האָט נישט געוואוסט צו ענט-

פערען. פרעגט ער דעם פיהרער פון סעמינאַר: היתכן, מ'רופט דאָס ראַבּי-נער-סעמינאַר, ווי האָבּען זיי דאָס רבּנות, אַז זיי קענען גאָרנישט. האָט ער געענטפערט: דער סעמינאַר איז נאָר אויסצולערנען די עקזאַמענס וואָס אַ רב דאַרף צום דעם רבּנות, אָבּער נישט צו ענדיגען דאָס רבּנות. — האָט דער גאון זיך אָנגערופען: קומט דאָך אויס, אַז דער וואָס ענדיגט די לעהרע פון דעם סעמינאַר, איז ער נישט קיין „רב" נאָר אַ „ערב רב"... (שמות י"ב ל"ח).

## 192

אָרימאַן איז אַמאָל געקומען צו ר' חיים וואָלאָזינער ז"ל ערב פסח און האָט איהם געפרעגט: צי מעג ער טרינקען די פיער כוסות פון מילך? — האָט דער גאון אַרויסגענומען דריי רובּעל און האָט איהם געגעבּען ער זאָל זיך קויפען וויין. די תּלמידים האָבּען זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס ער האָט איהם נישט געענטפערט אויף די שאלה, אויך וואָס ער האָט איהם גע-געבּען דריי רובּעל. אויף די פיער כוסות איז דאָך גענוג אַ רובּעל. — האָט דער גאון זיי געענטפערט: איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, אַז דער יוד האָט אויך נישט קיין פלייש אויף יו"ט, ווייל ווען ער זאָל האָבּען פלייש, ווי אַזוי וועט ער מעגען טרינקען די לעצטע צוויי כוסות וואָס מ'דאַרף טרינקען נאָך די סעודה. ער וועט דאָך זיין פליישיג. וואָלט ער דאָך ממילא קיין שאלה נישט געפרעגט. — דערפאַר מוז מען דאָך איהם געבּען אויף פלייש אויך...

## 193

אַ קלוגער רב האָט אַמאָל געוואָלט בּאָרגען געלד בּיי אַ גוי — האָט ער איהם נישט געוואָלט בּאָרגען. רופט זיך אָן דער רב צו די מענטשען, וועלכע זענען דערביי געשטאַנען: דאָס איז אַ „מכּה אשר לא כתובה בּתורה, ווייל אין די תּוכחה שטעהט „הוא ילוך" וגו' (דברים כ"ח מ"ד) [ער וועט דיר בּאָרגען]. הייסט, אַז ער וויל אויך נישט בּאָרגען, איז עס דאָך אַ מכּה אשר לא כּתובה...

## 194

ווען דער צאַנזער רב ר' חיים ז"ל, איז נאָך געווען אַ יינגעל, האָט איהם אַ רב געפרובט, אין לערנען, און האָט איהם געפרעגט, זאָג מיר, ווען

אדם הראשון האָט מקדש געווען חוה׳ן ווער זענען געווען די „עדות״, (קידו-שין דאַרף צו האָבען עדות) (קידושין ס״ה), דענסטמאָל איז דאָך נאָך קיין מענטש אויף דער וועלט נישט געווען, — האָט ער געענטפערט: די גמרא זאָגט אין קידושין דף ס״ה, אַז צוליעב דעם דאַרף מען עדות ביי קידושין און מ׳זאָגט ניט דערביי הודאות בעל-דין כמאה עדים דמי, אַז מען זאָל זיי אליין גלייבען, ווייל עס איז אַ ריעותא פאַר אַנדערע מענטשען, ווייל קיין אַנדערער וועט דאָך שוין ניט קענען חתונה האָבען מיט איהר, ווייל זי ווערט דאָך אַ אשת-איש, איבער דעם גלייבט מ׳ניט זיי אליין, נאָר מ׳דאַרפט עדות, אָבער אדם הראשון האָט דאָך קיינעם ניט קיין שלעכט׳ס געטהוען מיט דעם וואָס ער האָט גענימען חוה׳ן, ווייל עס איז דאָך נאָך ניט געווען קיין שום מענטש אַחוץ זיי, דאַרפט מען דאָך ניט קיין עדות...

## 195

**ווען** דער „קדושת לוי״ איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט, איז ער פלוצלונג נישט געזונט געוואָרען. דער רב פון דער שטאָדט איז איהם ניט געקומען מבקר-חולה זיין, ווייל ער איז געווען אַ שטיקעל בעל-גאוה, נאָר ער האָט געשיקט זיין זוהן אויף זיין אָרט, איהם מבקר-חולה זיין, און דער זוהן האָט געזאָגט אַ תירוץ פאַרוואָס דער טאַטע איז נישט געקומען, דער קדושת-לוי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רב פלעגט זאָגן תורה וועלכעס ער האָט דאָס אַרויס גענומען פון ספרים און האָט דאָס געזאָגט און זיין נאָמען, גלייך ווי ער אליין וואָלט דאָס מחדש געווען, — רופט זיך אָן דער קדושת-לוי צו דעם רב׳ס זוהן. די זאָלסט זאָגען דעם טאַטען, אַז איך האָב חס-ושלום ניט קיין שום תרעומות אויף דיין טאַטען פאַרוואָס ער איז ניט געקומען מיך מבקר-חולה זיין, ווייל ער האָט רעכט, ווייל די חז״ל זאָגען „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול״ משום שהתורה שלו הוא (קידושין ל״ב), ד. ה. פאַרוואָס קען אַ רב מוחל זיין אויף זיין כבוד, ווייל די תורה איז זיינע, אָבער דיין טאַטע — פירט אויס דער קדושת-לוי: וואָס די תורה איז ניט זיין, קען ער דאָך ניט מוחל זיין אויף זיין כבוד, ער זאָל קומען צו מיר...

## 196

**א** אָרימאַן וואָס פלעגט אַרום פאָהרען קלויבען נדבות, איז אַמאָל אַדורך-געפאָהרען דורך די שטאָדט אַפּט, און ער האָט אָבגעטרעטען ביי דעם אַפּטער רב ז״ל, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט איהם, פרעגט דער אַפּטער

רב, ווי גייסטו פון דאַנען, — האָט דער אָרימאַן געענטפערט: איך ווייס אַליין ניט ווי צו גיין, נאָר איך גיי, ווי השי"ת וועט מיך פיהרען, אַזוי ווי עס שטייט „המכין מצעדי גבר" — האָט דער אַפּטער רב ז"ל געזאָגט צו איהם: יעצט פאַרשטעה איך וואָס די חז"ל זאָגען „עניות מעביר את האדם על דעת קונו" (עירובין מ"א), איז דער טייטש, דאָס עניות פיהרט דעם מענטש פון איין שטאָדט צו די אַנדערע שטאָדט, אויף דעם אייבערשטענ'ס דעת, ווי ער וועט איהם פיהרען...

## 197

ווען מען האָט געבויט דאָס בית-המדרש אין אַפּט, האָט דער אַפּטער רב אַליין אַכטונג געגעבען אויף די אַרבייטער, אַז זיי זאָלין ניט באַלמוטשען די צייט. ער האָט אָבער געהאַט „עגמת נפש" צוזעהנדיג זייער פוילקייט. — רופט ער זיך אָן: אַצונד פאַרשטיי איך דעם פּשט אין די גמרא „הרוצה לאבד מעותיו ישכור פועלים ואל ישב עמהם" (ב"מ כ"ט). אייגענטליך, צו דאַרפט די גמרא געבען אַ עצה ווי אַזוי צו פאַרלירען געלד? נאָר דער פּשט איז: דער וואָס וויל נאָר בלויז זיין געלד פאַרלירען זאָל ער דינגען אַרביי-טער, אין זאָל נישט זיצען מיט זיי ביי די אַרבייט. ווייל אויב ער וועט זיין ביי די אַרבייט וועט ער פערלירען דאָס געזונד אויך פאַר עגמת-נפש, נישט בלויז דאָס געלד...

## 198

ווען דער „רמ"א" איז געוואָרען רב אין קראָקע איז ער געקומען צום קיסר אָנגעטוהען זעהר שיינע מלבושים. האָט ער איהם געפרעגט עס שטעהט דאָך „אל תתהדר לפני מלך" אויך שטייט „יאה עניותא ליהודאי" (חגיגה ט') ד.ה. עס איז שיין אָרימקייט פאַר יודען, — האָט דער רמ"א געענטפערט. די צווייטע פראַגע פערענטפערט די ערשטע פראַגע ווייל אַז אָרימקייט איז שיין, איז דאָך שיינע מלבושים ניט שיין, האָב איך דאָך מקיים געווען טאַקע „לפני מלך אל תתהדר"...

## 199

ווען ר' פנחס ז"ל דער „הפלאה" פלעגט זיין אונטערוועגנ'ס האָט ער זיך געפירט ברייט, געגעכטיגט אין אַ שיינעם האָטעל, און פלעגט געבען אַסך

געלד צדקה, האָט איהם איינער געפרעגט, פאַרוואָס ביי אייך אין שטאָדט לעבט איהר קאַרג? – האָט ער געענטפערט: ווען פנחס איז אויפן אָרט איז ער „בין המצרים" (ווייל פרשת פנחס לייענט מען בין המצרים אין די דריי וואָכען), ד. ה. ענג, קאַרג, אָבער ווען פנחס איז ניט אויפען אָרט (ווען מען לייענט פרשת פנחס אין יום טוב.) דענסטמאָלט פיהרט מען זיך דאָך ברייט, (מען גרייט אָן לכבוד יום טוב גרויסע סעודות...)

## 200

דער „חיד"א" (ר' חיים יוסף דוד אזולאי ז"ל), האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ יוד אַ קדוש וואָס פלעגט שטענדיג קומען אין שוהל נאָך דעם ווען מען האָט שוין געענדיגט דאָס דאַווענען נאָך „עלינו לשבח": – איש קדוש עובר „עלינו" תמיד... ד. ה. דער איש קדוש קומט צו „עלינו"...

## 201

איינער איז אַמאָל געקומען צו זיין רבי'ן אויף שבת פרשת בא. האָט איהם דער רבי געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו נישט געוואַרט אויף פרשת בשלח? ווייל דער עולם קומט שטענדיג אויף שבת שירה. האָט ער געענטפערט: ווייל „מצוה בו יותר מבשלוחו" (קדושין מ"א)...

## 202

צום לעמבערגער רב זענען געקומען אַמאָל אַ שווער מיט אַ איידעם אויף אַ דין-תורה. דער חתן האָט געמאָהנט דעם שווער די קעסט, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט, כּדי ער זאָל קענען זיצען און לערנען, און זאָל ווערען אַ בקי בש"ס. און יעצט איז ער חוזר. דער שווער האָט געטענה'ט: די משנה זאָגט דאָך, „טוב תורה עם דרך ארץ" (אבות פרק ששי). האָט דער רב געזאָגט צום שווער: אמת, עס איז טאַקע אַ בפירוש'ע משנה, אָבער עס איז גלייכער אַז דיין איידעם זאָל זיצען און לערנען און זיין בקי אין גאַנץ ש"ס, און די איינע משנה זאָל בלייבען ביי איהם שווער. איידער ער זאָל ריכטיג מאַכען בלויז די משנה, און דורך דעם זאָל בלייבען ביי איהם גאַנץ ש"ס שווער...

## 203

דער רבי פון לובלין, דער „חוזה", פלעגט ליעב האָבען צו רעדען מיט ר' הירשלי זדיטשובער ז"ל שאַרפע ווערטלעך. איינמאָל ווען ר' הירשלי האָט זיך געזעגענט מיט דעם „חוזה", האָט איהם ר' הירשלי גערעדט ער זאָל איהם באָרגען אויף די הוצאות – האָט ער איהם געבאָרגט. זאָגט צו איהם דער „חוזה": ר' הירשלי! איך האָב דיך געכאַפּט אין מיין האַנד אַריין. ווייל עס שטעהט דאָך, „עבד לוה לאיש מלוה" (משלי כ"ב). – האָט איהם ר' הירשלי געענטפערט: פערקעהרט. איך האָב אייך געכאַפּט. ווייל די חז"ל זאָגען, „הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" (קידושין כ"ב)...

## 204

אין אַ שטאָדט איז אַמאָל געווען אַ „מסור". וואָס פלעגט האַלטען אין איין זאָגען „תהלים" און „תקון חצות". האָט דער רב געזאָגט: וואָס טויג מיר זיין זאָגען, „אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט דמי" (קידושין כ"ח)...

## 205

צוויי מענטשען זענען אַמאָל געקומען אויף אַ דין-תורה צום „הפלאה". פרעגט דער גאון צו איין בעל-הבית, צי ער קען זאָגען אַ „הן" (אַ הן-צדק), אַז דער אמת איז מיט איהם. האָט ער געענטפערט: אַז איך קען זאָגען אַפילו הונדערט מאָל „הן". דער גאון האָט אָבער דערקענט, אַז ער וויל זאָגען אַ ליגענד. האָט ער געמאַכט אַ „פשרה". האָבען די מענטשען וואָס זענען דאָרטען געווען געפרעגט דעם גאון: פאַרוואָס האָט איהר געמאַכט אַ פשרה, בשעת דער בע"ד וויל זאָגען אַ סך מאָל „הן". האָט דער גאון געענטפערט: רש"י זאָגט אין חומש אויף „הין" אַז אַ „הין" איז צוועלף לוגין (ליגענד) איז דאָך אַ קל-וחומר. אַז אין איין „הן" שטעקט צוועלף לוגען, טאָ וויעפיל ליגענד שטעקט שוין אין אַ סך מאָל „הן"...

## 206

ווען דער „נודע ביהודה" איז געוואָרען רב אין פּראָג איז דער דעמאָלס-דיגער גאון ר' זרח איידליץ נישט געווען מיט איהם בשלום. און דאָרט איז דעמאָלסט געווען אַ דיין, ער האָט געהייסען ר' ברוך. האָט דער ר'

ברוך דיין נאָך געזאָגט ר׳ זרח׳ן אַ חידוש פון „נודע ביהודה״, צוזאָגענדיג דערביי, אַז דער „נודע ביהודה״ האָט מכוין געווען צום „אמת״. — רופט זיך אָן ר׳ זרח צו די אַנוועזענדע: זעהט נאָר! „על שמועות רעות [„שמועות״ איז דער טייטש „הלכות״] אומר ברוך דיין [זאָגט ברוך דיין] אמת״ (ברכות נ״ד), אַז דאָס איז אמת; ד׳היתכן?!...

## 207

**א** תלמיד פון חתם-סופר האָט אַמאָל געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע תלמידים, — צווישען זיי האָט זיך אויך געפינען דער גאון „מהר״ם שי״ק״ ז״ל; ווען דער עולם איז זיך שוין צוזאַמען געקומען, האָט זיך געמאַכט אַ שאלה אויף דעם פלייש, איז דער בעל-הסעודה געווען זעהר מרה-שחורה׳דיג, ווייל ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל זיי אַצינד געבען צו עסען; רופט זיך אָן דער „מהר״ם שי״ק״: עס שטעהט, „ועשה [דו זאָלסט מאַכען] למען אוהביך [פאַר דיינע גוטע פריינד] שוכני עפר״ [קאַרטאָפּלעס וואָס ליגען אין דער ערד]. האָבען אַלע מסכים געווען צו עסען בלויז קאַרטאָפּלעס...

## 208

**ד**ער „לבושי שרד״ איז געווען רב אין „סאַראָקע״. די שטאָדט-מענשען זע-נען געווען זעהר שלעכטע. איז געבליבען ביי דעם גאון במוסכם, אַז ער זאָל אַוועק פון די שטאָדט. ווען ער איז אַוועק, זענען אַלע איהם געגאַנגען באַגלייטען. ווען אַלע זענען שוין געווען אונטער די שטאָדט, דרייט זיך דער גאון אויס מיט׳ן פנים צו דער שטאָדט און הייבט אָן צוליובען די שטאָדט. האָבען זיי איהם געפרעגט: פאַרוואָס האָט איהר פריהער געהאַט „תרעומות״ אויף די שטאָדט? — האָט ער געענטפערט: דעם גאַנצען פאַרדראָס האָב איך דאָך נאָר געהאַט אויף אייך, וואָס איהר האָט מ׳יך מצער געווען. דאָס איז אַלץ געווען ווען איהר זענט געווען אין שטאָדט, אָבער אַצינד, אַז איהר אַלע זענט אונטער די שטאָדט — פיהרט אויס דער גאון — ווי גוט און ווי שיין ביסטו טייערע שטאָדט סאַראָקע...

## 209

**ר**׳ אייזעלע איז אַמאָל געקומען ערב פסח צו אַ קאַרגען גביר נאָך מעות חטים. האָט דער גביר נישט געוואָלט געבען. דערביי האָט זיך דער

גביר גערייניגט די קעשענעס פון חמץ. — רופט זיך ר׳ אייזעלע אָן: איהר דאַרפט נישט רייניקען די קעשענעס, ווייל איהר זענט דאָך נאָר א יוד ביז צו די קעשענע - קומט דאָך אויס, אַז די קעשענע איז א „חור שבין יהודי לעכו״ם״ (פסחים ח׳), דאַרף מען דאָך נישט קיין בדיקה...

## 210

א מחבר וואָס ער האָט געהאַט „סמיכה״ פון דעם שטעדטעל „דאָלנע״ איז געקומען מיט זיין חיבור צו ר׳ אייזעל סלאָנימער נאָך א הסכמה. ר׳ איי- זעל האָט אַדורך געקוקט דאָס ספר - זאָגט ער צום מחבר: איהר זענט טאַקע א „סמוך״, אָבער „אינו נראה״ (עס געפעלט מיר נישט); ווייל די גמרא זאָגט „סמוך ואינו נראה, זה היושב בעמק״ (מגילה ג׳), און דו זיצט דאָך אין „דאָלנע״ (עמק)...

## 211

א גאון איז אַמאָל איינגעשטאַנען ביי ר׳ נתנאל ראָטשילד אין שטוב. פרעגט ער דעם גאון: רבי! זאָגט מיר צי ביי מיר אין שטוב פיהרט זיך על פי רוח התירה.— זאָגט ער איהם: — ניין - ווייל אין די תורה שטעהט, „ורם לבביך ושכחת כו׳״, און ביי אייך איז דאָך נישט אַזוי...

## 212

ר׳ אייזעלע סלאָנימער פלעגט זאָגען: וואָס איז די מעשה, וואָס די נגידים גיבען א נדבה אַ קאַליקע, און קיין למדן גיבען זיי נישט! — ווייל פאַר א קאַליקע האָבען זיי מורא, אויב זיי וועלען נישט געבען קיין נדבה, קענען זיי אפשר אויך ווערען אַזוי, אָבער קיין למדן זענען זיי שוין פאַר- זאָרגט, אַז זיי וועלען נישט ווערען...

## 213

אמאָל איז ר׳ אייזעלע אַריין צו א גביר, א פרומען, נאָר זייער א קאַרגער. — ווי דער גביר האָט דערזעהען פון דערווייטענ׳ס ר׳ אייזעלען האָט ער זיך בעהאַלטען אונטער דעם אויוען. אויף דעם טיש איז געלעגען אָפען א מוסר-

ספר אויפגעמישט „שער הענוה״. — רופט זיך אָב ר׳ אייזעלע: ער האָט בעסער געדאַרפט לערנען „שער הגאוה״, וואָלט ער זיך נישט געמאַכט אַזוי נידעריג...

## 214

אַנ׳אַפּיקורוס איז אַריין געקומען צו דעם לעמבערגער רב. דער אַפּיקורוס — איז שוין אַלט געווען אַ ניינציגער. — רופט זיך אָן דער גאון צו איהם: די חז״ל זאָגען, „כל איסורים שבתורה בטל בששים״ (פסחים ל׳), [ווען דער מענטש ווערט זעכציג יאָהר — ווערען זיי בטל, און ער וואַרפט זיי אַוועק]; אבל מין במינו [אַ מין און אַ אַפּיקורוס], אפילו באלף לא בטל [אַפילו ער זאָל אַלט זיין טויזענד יאָהר וואַרפט ער דאָס נישט אַוועק...

## 215

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה. האָט ער נישט געוואָלט געבען. — זאָגט ער צו איהם: „לא תקפוץ את ידך״, פאַרמאַך נישט דיין האַנד פון צו געבען אַ נדבה, „כי פתוח תפתח את ידך״, דערמאַן זיך, אַז דו וועסט אַמאָל עפענען די האַנד פאַר׳ן טויט און דו וועסט גאָרנישט מיטנעמען...

## 216

ווען דער „אבני נזר״ איז געווען אין קאָצק פסח צום סדר — האָט דער קאָצקער רבי ז״ל נישט געגעבען קיין מרור. — האָט דער „אבני נזר״ זיך אָנגערופען: די גמרא קלערט, צי מרור דאורייתא צי דרבנן, איז דאָך אַ ראי׳, אַז ס׳איז דאורייתא, ווייל די רבנן געבען דאָך נישט קיין מרור.

### 217

א „משכיל" האָט געפרעגט דעם בריסקער רב, ר׳ יאָשע בער ז"ל, פאַר־וואָס געפינט זיך אין אייערע ספרים וואָס איהר האָט מחבר געווען, בלויז „חומרות", נישט קיין „קולות"? — האָט דער גאון געענטפערט — אין 7 דינים האָב איך מיקל געווען. 1) אַז מען מעג דאַווענען „מעריב" נאָך „חצות", (זעה רבינו יונה ברכות) 2) אַז יעדער מעג לייגען רבינו תם׳ס תפילין, נישט בלויז גרויסע יראי שמים, (זעה אין ברכי יוסף פון חיד"א) 3) אַז יוצר זאָגען אין מיטען דאַווענען איז נישט קיין „הפסק", 4) מען מעג פאַסטען אום ראש השנה (זעה אין ת׳ שאגת ארי׳), 5) אַז מען פערגעסט איין טאָג צו ציילען ספירה, זאָל מען ווייטער ציילען מיט אַ ברכה (זעה או"ח), 6) אַז מען מעג לערנען ערב תשעה באב וואָס איז געפאַלען אין שבת (זעה או"ח 7), אַז מען מעג פאַסטען 2 טאָג יום כפור, צוליעב ספיקא דיומא... (זעה ירושלמי חלה, און ירושלמי ר"ה פ"א).

### 218

דער „חי׳ הרי"ם" פלעגט זאָגען, דער טעם פון זאָגען „לחיים" ווען מען טרינקט אַ כוס ווין, ווייל די חז"ל זאָגען היוצא ליהרג משקין אותו קורט של לבונה בכוס של יין, כדי שתיטרף דעתו", (סנהדרין מ"ג.) אויך זאָגען די חז"ל, אַז אַ „אָבל" האָט מען געגעבן צו טרינקען ווין כדי צו טרייסטען, (סנהדרין ע׳ כתובות ח׳). דעריבער זאָגט מען „לחיים" אַז דער כוס זאָל זיין צום לעבען נישט אַזוי ווי יענער כוס... מיט דעם האָט דער „נצי"ב ז"ל„ פון וואָלאָזין פערענטפערט דעם מאמר חז"ל „חמרא וחיי לפום רבנן. חיי וחמרי לפום רבנן, ולפום תלמידיהון", (שבת ס"ג:) מיט דעם לשון האָט מען זיך געווונשען, וואָס איז דער מיינונג „חמרא וחיי" נאָכהער „חיי וחמרא". אויך "לפום רבנן" „ולפום תלמידיהון".? נאָר פריהער זאָגט מען חמרא נאָכהער זאָל זיין „חיי" נישט אַזוי ווי אַ „יוצא ליהרג" וואָס נאָך דעם טרינקען איז „מיתה" נישט קיין „חיים" נאָכהער

זאָגט מען „חיי וחמרא" נישט אַזוי ווי אַ אבל וואָס מ'גיט דעם „חמרא" נאָכ'ן „מיתה" און די חז"ל זאָגען אין מסכת דרך ארץ, אַז אַ רבי מיט תלמידים זעצען זיך עסען זאָל דער רב, פריהער מאַכען די ברכה און אַלע ענטפערען אָמן. קומט אויס, אַז דער רבי וואָס מאַכט די ברכה דאַרף פריהער פאַרזיכען פון ווייַן נאָכהער זאָגען לחיים, כדי עס זאָל נישט זיין קיין הפסק דאָס איז די מיינונג, „חמרא" פריהער טריבקען נאָכהער זאָגען לחיים. דאָס איז אַלץ „לפום רבנן" פאַר דעם רבי'ן אָבער די תלמידים קענען פריהער זאָגען לחיים ווייל זיי האָבען דאָך קיין ברכה נישט געמאַכט· איז טאַקע „חיי" פריהער נאָכהער „חמרא" „לפום תלמידיהון...״

## 219

ר' שלמה'לע אַלטער ז"ל אַ ברידער פון דעם „שפת אמת" ז"ל, האָט אַ מאָל געבּרענגט „שלח מנות" פון שפת אמת צום „חי' הרים" ז"ל, האָט דער חי' הרי"ם ז"ל געזאָגט צו איהם — מ'פיהרט זיך דאָך אַז מען גיט דעם „שליח" פאַר דעם וועג. איך וועל דיר געבען פאַר'ן וועג, דעם טעם פאַרוואָס מ'גיט פאַר'ן וועג, ווייל פורים איז דאָך אַ זכר אויף „מחיית עמלק" וואָס אויף איהם שט"ט אין פסוק „אשר קרך בדרך" דעריבער גיט מען פאַר'ן „דרך"...

## 220

דער גאון ר' יצחק סג"ל ז"ל וויענדיג רב אין „דוקלא" איז ער געווען אַ אָרימאַן געלעבט בצמצום. נאָכהער ווערענדיג רב אין פרעסבורג, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גרויסע פענסיע, דאָך האָט ער אויך געלעבט בצמצום אַזוי ווי אין דוקלאַ, — האָט די רביצען זיך אָנגערופען צו איהם — דו ביזט מקיים דעם מאמר חז"ל, „אי חקלאי מלכא ליזוני „דוקלא" מצוארי' לא נחית" (מגילה ז') ד"ה אַז אַ דאָרפסמאַן אַפילו ווען ער זאָל ווערען אַ מלך, וועט ער דעם „דוקלא" (קויש) פון זיין האַלז נישט אַראָפּנעמען — דו פיהרסט זיך נאָך אַזוי ווי אין דוקלא...

## 221

דער גאון ר' יהושע'לע דזיקובער ז"ל האָט געזאָגט, דעם טעם וואָס מ'גיט אַ רבי'ן אַ פדיון. ווייל די חז"ל זאָגען „אין הקב"ה נותן משלו כלום אלא נוטל מזה ונותן לזה" (מדרש במדבר פכ"ב ה') קומט דאָך אויס אַז דער צדיק בעהט פאַר איינעם פרנסה, איז ער דאָך אַ „חב

לאחרים" ער שאָדענט דערמיט אַ צווייטען. און דער דין איז „התופס לבעל חוב במקום שחב לאחרים לא קנה", (בבא מציעא ח') קומט דאָך אויס אַז דער צדיק קען נישט ווערען קיין שליח, דעריבער גיט מען אַ פּדיון, הייסט ער אַ „שליח בשכר" און די פּוסקים זאָגען אַז אַ שליח וואָס נעמט שכר קען כאַפּען, אַפילו ווען ער שאָדענט אַנדערע...

## 222

אַ מחבר איז געקומען צום גאון ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל נעמען אַ הסכמה אויף אַ קבלה ספר, עס איז געווען פרייטאָג פאַר נאַכט, זאָגט דער גאון צו איהם, איצט איז שוין שפּעט, לאָמיר ביידע גיין דאַווענען, נאָך שבת וועל איך זעהן דעם חיבור, קומענדיג אין בית-המדרש האָט דער גאון מכבד געווען דעם מחבר, אַז ער זאָל דאַווענען פאַר'ן עמוד, דער מחבר האָט זיך כסדר טועה געווען צוליעב אימתא דציבורא. נאָכ'ן דאַווענען פרעגט איהם דער מחבר, ווי פאַלט איהר אויס מיך מכבד צו זיין מיט'ן דאַווענען, איך בין נישט קיין בעל-תפלה — האָט דער גאון געענטפערט — איהר האָט געוואָלט פון מיר אַ הסכמה אויף קבלה, וועלכעס איך קען זיך נישט דערויף, דעריבער האָב איך אייך מכבד געווען מיט'ן דאַווענען. איך זאָל פון דעם וויסען צו איהר זענט טאַקע אַ „מקובל" צו נישט. ווייל די חז"ל זאָגען, אַז ווען ר' חנינא בן דוסא האָט מתפּלל געווען אויף אַ חולה, האָט ער געזאָגט אם שגורה תפילתי בפי יודע אני שהיא „מקובל" ואם לאו יודע אני שהוא „מטורף"... (ברכות ל"ד:)

## 223

שום „ישמח ישראל" אלעקסאַנדער רבי ז"ל, איז געקומען אייגער אויף שבת, ער איז געווען אַ קנאַפּער ירא שמים, האָט איהם דער רבי מכבד געווען ער זאָל דאַווענען פאַר'ן עמוד, האָט ער זיך אָבער כסדר טועה געווען. ווייל ער האָט געהאַט אימתא דציבורא — זאָגט צו איהם דער ישמח ישראל — דאַווען פאַר'ן אייבערשטען ווענען, וועסט דו זיך נישט טועה זיין, ווייל פאַר איהם האָסטו דאָך קיין מורא נישט...

## 224

דער גאון ר' צדוק הכהן ז"ל פון לובלין. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט'ן צווייטען ווייב, (זי איז געווען דעם יוד הסדוש'ס אַן אייניקעל),

האָט ער געזאָגט פאַר די חופה׳ — דער קאָצקער רבי ז״ל ביי דעם זיווג שני האָט געזאָגט צום חי׳ הרי״ם פאַר די חופה, די חז״ל זאָגען: „המקדש את האשה על מנת שאני צדיק ונמצא רשע מקודשת, שמא הרהר תשובה בלבו״ (קידושין מ״ח), אָבער ווי איז אַז ער איז מקדש אויף דעם תנאי אַז איך בין אַ „רבי״ און צום סוף איז ער נישט קיין רבי, דאַרף דאָך די קדושין נישט טויגן? האָט דער חי׳ הרי״ם געענטפערט — דאָס שאַט נישט. ווייל זי האַלט דאָך נאָר אייך פאַר אַ רבי ווייל דער עולם חסידים האַלטען אייך פאַר אַ „רבי״ און זיי וועלען דאָך אייך שטענדיג האַלטען פאַר אַ רבי׳ן- אפילו ווען איהר האַלט אייך נישט פאַר קיין רבי. דאָס איז נאָר געווען ביי דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל, — האָט ר׳ צדוק פערגענדינג — וואָס די גאַנצע וועלט האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ רבי, און איז באמת געווען אַ רבי, אָבער מיך האַלטען זיי דאָך נישט פאַר קיין רבי, בעט איך אייך אַז איהר זאָלט איהר דאָס מודיע זיין פאַר די חופה, אַז איך בין נישט קיין רבי, כדי עס זאָל נישט זיין קיין חשש אויף די קדושין...

## 225

דער „תפארת שלמה״ ראַדאָמסקער רבי ז״ל האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר ז״ל, אַז די חסידים קומען צו איהם און זיי זענען איהם מבטל פון לערנען. האָט ר׳ יחזקאל׳ע געענטפערט — די חז״ל זאָגען דאָך „איזהו חסיד שוטה, הרואה אשה טובעת בנהר ואינה מצילה, הרואה תינוק טובע בנהר ואומר לכשאחלוץ תפליי״ (ירושלמי סוטה פ״ג ה״ד) כאָטש ער איז דאָך מכוון לשם שמים ער זאָל נישט האָבען קיין הרהור חטא׳ אָדער ער זאָל לייגען תפילין, דאָך הייסט ער אַ חסיד שוטה, זעהען מיר, אַז צוראַטעווען אַ יוד איז מען מחויב, כאָטש עס קען אַרויסקומען אַ שאָדען פאַר זיך...

## 226

ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר ז״ל פלעגט זאָגען, אַז אַ יוד איז אַזוי ווי אַ מצה טייגעל, כל זמן מען וועלגערט עס איז עס יום-טובדיג, אָבער אַז מען הערט עס אויף צו וועלגערען ווערט עס חמצ׳דיג.

## 227

צום „תפארת שלמה״ ז״ל איז געקומען אַ באַוואוסטער „מסור פון ראַ-דאָמסק איהם מכבד זיין מיט אַ „בנדקאות״, זאָגט צו איהם דער

תפארת שלמה — עבירות טהאסטו אַליין, און מיט מצוות ביזטו מיך מכבד? פרעגט איהם דער מסור — אויב דער רבי וועט נישט זיין או״פ׳ן ברית, וועל איך דאָך מבייש ווערן, ווסט דאָך דער רבי האָבען אַן עבירה? — האָט ער איהם געענטפערט — דו, מעגסט טהון גרויסע עבירות, און מיר פערגינסטו נישט קיין קליינע עבירה אויך?...

## 228

איינער האָט געפרעגט דעם „תפארת שלמה" אויף אַ שידוך פאַר זיין זוהן וואָס מ׳האָט איהם געשדכנ׳ט מיט אַ מחותן פון אויסלאַנד. האָט ער נישט מסכים געווען. פרעגט איהם דער מענטש, אפשר איז דאָס אַ זיווג וואָס מען האָט אויסגערופען „בת פלוני לפלוני" (סוטה ב׳) — האָט דער ראַדאָמסקער רבי געענטפערט — ווי אַזוי האָט דער מלאך געקענט אויסרופען אַז דו זאָלסט טהון דעם שידוך פון אויסלאַנד „דער מלאך ווייסט דאָך אַז דו האָסט נישט אויף הוצאות...

## 229

אַ חסיד האָט געפרעגט דער „תפארת שלמה" ז״ל אויף אַ שידוך פאַר זיין זוהן וואָס מ׳האָט איהם געשדכנ׳ט מיט אַ „בת־יחידה" — האָט ער נישט מסכים געווען, ווייל אַז איינער קומט אויף די עלטער, אויב ער האָט אַסאַך קינדער, איז ער אַמאָל ביי דעם זוהן, אַמאָל ביי דעם זוהן. אָבער אַז דיין מחותן האָט נאָר אַ בת יחידה, וועט ער דאָך אויף די עלטער נישט האָבען ביי וועמען צו זיין נאָר ביי די „בת יחידה" און די חז״ל זאָגען דאָך, „סבא בביתא פאחא בביתא" (ערכין י״ט). ד. ה., אַ אַלטער מאַן אין אַ שטוב איז פאַר די שטוב־מענשען אַ טרחה...

## 230

כל מי שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין (ברכות ח׳), האָט דער קאָזשעניצער מגיד ז״ל געטייטשט, פאַר דעם, וואָס דער הימעל האָט מורא פאַר איהם. דאָס הייסט פאַר אַ צדיק, וואָס „הקב״ה גוזר גזירות וצדיק מבטלה" (מו״ק ט״ז: שבת ס״ג, ב״מ פ״ה, והקדמת הזוהר י׳) „דבריו נשמעים" אפילו אונטען אויף די וועלט — כאָטש עס זענען דאָ רשעים — וועלען זיינע רייד געהערט...

## 231

א גאון האָט אַמאָל געזעהען אין שול ווי 2 מענטשן קריגען זיך צוליעב א קדיש זאָגען, רופט זיך אָן דער גאון — איצט איז מיר רעכטיג געוואָרען וואָס עשו האָט געזאָגט „יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב"? ער האָט אַזוי געזאָגט, אַז דער טאַטע וועט שטאַרבען, און מירביידע וועלען דאַרפען זאָגען קדיש, וועל איך איהם קענען געבען אַ טויט קלאַפּ, און איך וועל נאָך בלייבען ביי מענטשן אַ צדיק...

## 232

א גאון האָט געטייטשט „אדם ובהמה תושיע ד'" אַז אַ מענטש מיט אַ מענטש קריגען זיך אָדער אַ בהמה מיט אַ בהמה, קענען זיי נאָך אַדורכקומען צווישען זיך, אָבער אַ אדם מיט אַ בהמה קריגען זיך, זאָל שוין דער הימעל זיי העלפען...

## 233

א קאַרגער נגיד האָט געפרעגט דעם דובנער מגיד ז"ל, רבי! צו וועל איך עסען פון לויתן? — האָט ער געענטפערט — אַז איהר גיט נישט קיין צדקה, וועט איהר דאָך אויף יענער וועלט מיטנעמען אַ קדחת, און צו קיין קדחת טאָר מען קיין פיש נישט עסען...

## 234

די בעלי בתים פון טיקטין האָבען געוואָלט אויפנעמען ר' אייזלען ז"ל פאַר אַ רב, האָט ער נישט געוואָלט, צוליעב די קליינע פענסיע, האָבען די בעלי בתים איהם געזאָגט, רבי! ביי אונז איז דאָך זער ביליג פיש, האָט ער געענטפערט — אַז איהר גיט מיר פענסיע אַ קדחת און צו אַ קדחת טאָר מען קיין פיש נישט עסען...

## 235

מ'האָט געפרעגט דעם גאון ר' ישעי' פיק ז"ל, ווי געפינט זיך דער מאמר „מכה אשר לא כתובה, זו מיתת צדיקים", האָט ער געענטפערט — וואָס אַליין איז אַ מכה אשר לא כתובה, ווייל עס שטייט נישט אין ערגעץ דער מאמר...

## 236

דער „מחנה לוי" ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט אין פורים, אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגען, אַז המנ'ס טאָכטער האָט אַרויפגעגאָסען אויף זיין קאָפּ אַ כלי מיט אומריינקייט, (מגילה ט"ז) אַז עס איז אויסגעהאַלטן על פי דין. ווייל די חז"ל זאָגען, „המן מן התורה מניין שנאמר המן העץ" (חולין קל"ט:) און די חז"ל זאָגען עץ הדעת חטה היה (ברכות מ'.) און די מעשה פון המן איז דאָך געווען אין פסח. (זעה: רש"י מגילה ט"ז), און דער דין איז „המוצא חמץ בפסח כופה עליו את הכלי" (פסחים ה')...

## 237

דער טשערנאָוויצער רבי ז"ל איז אַמאָל געקומען אויף יו"ט צו ר' הירשלי זדיטשובער ז"ל. יו"ט ביינטאָג נאָכן טיש האָט ער געטרונקען משקה צוזאַמען מיט חסידים אין אכסניא, ווען די חסידים זענען געווען פריילך האָבען זיי געהייסען דעם בעל אכסניא ברענגען ווין אויף דעם רב'ס קאָנטע אָהן די ידיעה פון רב, ווען ער האָט זיך דערוווסט דערפון האָט ער זיך געבייזערט אויף דעם בעל אכסניא. נאָך יו"ט האָבען זיי די גאַנצע מעשה דערציילט דעם רבי'ן, אַז דער רב וויל נישט באַצאָלען. האָט דער רבי געפרעגט דעם רב, צו האָסטו געטרינקען, נאָכדעם ווי דו האָסטו שוין געוויסט אַז עס איז אויף דיין רעכנונג? האָט ער געענטפערט יאָ — זאָגט דער רבי צו איהם, אויב אַזוי דאַרפסט דו באַצאָלען. ווייל עס איז אַ בפירוש'ע משנה „כל משקה שתחילתו באונס וסופו ברצון הרי זה בכי יותן" (מכשירין פ' א') דאַרפסט דו באַצאָלען...

## 238

דער גאון ר' הירשלי הורוויטץ ז"ל פראַנקפורטער רב, האָט געהערט אַ נגיד אַז ער זאָל אַהיים נעמען אויף שבת אַ אורח אַ תלמיד חכם, דער נגיד האָט איהם אָבגעזאָגט, פערענטפערענדיג זיך, אַז ער האָט שוין אַ סך צדקה פושקעס. רופט זיך אָן דער רב צו איהם — די משנה זאָגט: „מפנין ד' וה' קופות מפני האורחים ומפני ביטול בית המדרש" (שבת קכ"ו) און דו ווילסט גאָר מאַכען פערקעהרט מפנה זיין דעם אורח, וואָס ער איז אויך אַ תלמיד חכם, צוליעב די קופות (פושקעס)...

## 239

**א**רב האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב נאָר אַ פרומע, ווען ער האָט געוואָלט עסען האָט זי געזאָגט תהלים. — רופט זיך אַמאָל אָן דער רב, — איצט פערשטיי איך די גמרא, „זכה עזר לא זכה כנגדו" (יבמות ס"ג) אַז ער איז זוכה צו אַ גוט ווייב, איז זי אַ עזר. אַז ער דאַוונט קאָכט זי איהם דערווי"ל דאָס עסען. אָבער לא זכה איז „כנגדו" אַז ער דאַוונט אין דעם ווינקעל, שטייט זי אַנטקעגען איהם אין אַנדערען ווינקעל און דאַוונט אויך...

## 240

**א**רב האָט גענומען זווג שני אַ שלעכט ווייב. ווען ער האָט געדאַוונט האָט זי אויך געדאַוונט און נישט צוגעגרייט דאָס עסען. — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איצט פערשטיי איך די גמרא, „זיווג שני לפי מעשיו" (סוטה ב') וואָס ער טהוט, טהוט זי אויך נאָך, ער דאַוונט, דאַוונט זי אויך...

## 241

**ד**עם טעם וואָס מ'כאַפּט די מוציא פון חתן — האָט ר' עקיבא איגער ז"ל געזאָגט — ווייל די חז"ל זאָגען: „מצא או מוציא", (ברכות ח') כאַפּט מען צו די „מוציא" אַז עס זאָל נישט זיין „ומוציא אני מר ממות את האשה" נאָר „מצא אשה מצא טוב"...

## 242

**„כ**י דור תהפוכות המה" (האזינו) — האָט אַ גאון געטייטשט: אַז אַ פאָטער שיקט דעם זוהן פרייטאָג צו נאַכט'ס נאָך וויין אין קעלער אריין, גיט ער דעם קריסט דאָס ליכט, און דעם זון הייסט ער ברענגען דעם וויין, און דער זון טהוט פערקעהרט, ער טראָגט די ליכט און דעם קריסט גיט ער דעם וויין, איז עס דאָך יין נסך...

## 243

**ר'** הירשל'י ודיטשובער ז"ל איז אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אַ גביר אין לעמבערג, האָט ער געזעהן אַז אויפ'ן שפיגעל שטעהען גאָלדענע כלים,

כדי עס זאָלען זיך אָבשפּיגלען די כלים, עס זאָל זיך דוכטן אַז עס איז דאָ טאָפּעלט. — רופט זיך אָן ר' הירשלי ז"ל — איצט איז מיר פאַרענטפערט גפוואָרען די וועלט'ס קשיא אויפ'ן מאמר חז"ל. „אין אדם מת וחצי תאוותו בידו, מי שיש לו מנה רוצה מאתיים" (קהלת רבה פ"א י"ג ופ"ג י'.) אויב אַז ער וויל טאָפּעלט, האָט ער דאָך יאָ אַ העלפט פון דער תאווה? נאָר איצט איז ריכטיג, ווייל דו באַגערסט טאָפּעלט פון דעם אָבגעשפּיגעלטען אויך. און באמת האָסטו נישט מער ווי אַ פערטעל פון דיין תאווה...

## 244

א רב האָט גצהייסען אויסקריצען אויף די מצבה פון אַ מסור דעם טיטול „שבק חיים לכל חי" — האָט מען אים געפרעגט היתכן? — האָט ער געענטפערט — וואָס פאַרשטייט איר נישט, ביי זיין לעבען האָט ער דאָך קיינעם נישט געלאָזט לעבען. איצט אָבער „שבק חיים לכל חי" וועט ער שוין לאָזען אַלעמען לעבען...

## 245

א קאַרגער גביר, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט געבען אַ גראָשען צדקה, האָט זיך גצרומט פאַר דעם רב פון שטאָדט, אַז ער איז דעם מגן אברהמ'ס אַ אייניקעל, האָט איהם דער רב געזאָגט — אָהן דעם „מחצית השקל" (דער בעוואוסטער פּירוש אויפ'ן מגן אברהם) קען מען נישט דעם מגן אברהם...

## 246

ווען ס'איז געווען די מחלוקת פון ווילנער גאון מיט'ן רב, וועגען חסידים, האָט אַ מתנגד פערמסר'ט פאַר'ן רב אויף איינעם פון די חסידים אַז ער האָט געטוען אַ מיאוסע עבירה, — האָט דער רב געענטפערט — גלייב מיר אַז ער האָט נישט געטוען די עבירה צוליעב חסידות...

## 247

ר' ישעי'לע פּראַגער ז"ל האָט גזאָגט פשט אין די גמרא (סוטה מ"ט) „בעוקבא דמשיחא הגפן תתן פרי' והיין יהי' ביוקר" אייגענטליך, אַז

עס וועט זיין אסך ווייטנטרויבען, וועט דאך זיין ווייץ ביליג? נאר דער תירוץ איז, ווייל די חז"ל זאגען: „בעוקבתא דמשיחא חוצפא יסגא" (סנהדרין צ"ז) וועלען זיך אלע האלטען פאר „תלמידי חכמים" און די חז"ל זאגען „הרוצה לנסך יין על גבי המזבח, ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין" (יומא ע"א) וועט דאך אויסשפילען ווייץ...

## 248

ווען ר' אבא מנקר פון לעמבערג איז נפטר געווארען, האט דער רב איהם מספיד געווען: „אבא מת וכלבים של בית אבא רעבים" (שבת ל') ווען ר' אבא האט געלעבט, זענען די הונט געווען זאט, ווייל ער איז געווען נזהר אין כשרות, האט ער די טרפות געגעבען די הינט, אזוי ווי די תורה זאגט: „לכלב תשליכון אותו". אבער איצט אז ער איז געשטארבען בלייבען דאך די הונט הונגעריג. ווייל אנדערע וועלען אויפעסען זייערס"...

## 249

ווען עס איז נפטר געווארען דער גאון ר' ראובן דענענבורגער ז"ל, האט דער רב איהם מספיד געווען: „אלו זכינו היינו קוראים יחי ראובן ואל ימות, עכשיו שלא זכינו אנו קוראים: וישב ראובן אל הבור"

## 250

„הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל" (זהר נשא קל"ד, ותיקוני זוהר תיקון ס"ט, ותיקון ע'). אייגענטליך, פארוואס דארף א „ספר תורה" צו האבען מזל? זאגט דערויף דער „מהרם שיף" ווייל די חז"ל זאגען „המוציא מציאה יקנה ספר תורה" (עירובין ס"ד) קומט אויס אז מען דארף שרייבען א ספר תורה, דארף מען פריהער געפונען א מציאה..

## 251

„אל תאמר שהימים הראשונים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת זה" (קהלת ז') זאגט דער „מהרם שיף" ווייל די חז"ל זאגען „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתן מתישבת" (סוף קינים) קומט אויס, אז דער וואס זאגט אז די פריהערדיגע טעג זענען בעסער, איז דאס נישט מחמת חכמה, ווייל ביי די חכמים איז פערקעהרט...

## 252

דער אָסטראָווער רב ז״ל צוזעהענדיג אין אַמעריקא דעם שלעכטען מצב אין ענין כשרות, האָט ער אין אַ שמועס געזאָגט: איצט איז ריכטיג דאָס וואָס מען זאָגט: „אבינו מלכנו כתבינו בספר פרנסה וכלכלה", וואָס הייסט „כלכלה" נאָר עס קען אַמאָל זיין אַז איינער האָט פרנסה נאָר ער האָט נישט וואָס צו קויפען, ווייל אַלעס איז טריף, דערויף בעהט מען אַז עס זאָל אויך זיין „כלכלה", מען זאָל געפינען וואָס צו עסען בכשרות...

## 253

אַ פרייער האָט געפרעגט אַ גאון, מען זאָגט אין „הודו" „כי כל אלהי העמים אלילים" (כאן צריך להפסיק) און נאָכהער „וד׳ שמים עשה" פאַר וועמען שטייט דער כאן צריך להפסיק? אַזעלכער וואָס ווייסט נישט „פירוש המלות" וועט דאָך „כאן צריך להפסיק" אויך נישט פערשטעהן. און אַזעלכער וואָס ווייסט פירוש המלות, וועט דאָך אַליין אויך מפסיק זיין. האָט דער גאון געענטפערט — דאָס איז טאַקי פאַר די, וועלכע פערשטעהן נישט, וועלען זיי דעם כאן צריך להפסיק אויך זאָגען, וועט שוין מכילא זיין אַ הפסק...

## 254

דער „קצות החושן" פלעגט ראש חודש ניסן הייסען אויפקלעבען מודעות אין בית המדרש, אין וועלכע סוגיא ער וועט האַלטען אַ דרשה אין שבת הגדול, כדי דער עולם זאָל דערווייל אַדורכלערנען גוט די סוגיא, דאָרטען איז געווען אַ רעפאָרם ראַבינער, וואָס פלעגט קלעבען די מודעות ערב שבת הגדול, נישט פריהער. — האָט דער גאון דערויף געזאָגט: עס איז אַ בפירושע הגדה, „יכול מראש חודש", ד״ה; אַז דער רב יכול׳ט. ער קען דרשנ׳ען, איז ער מודיע פון ראש חודש אָן, ער האָט נישט קיין מורא אַז דער עולם אַדורכלערנענדיק פריהער די סוגיא, וועלען איהם באַשיטען מיט קשיות, ווייל ער איז זיכער, אַז ער וועט זיך קענען אַ עצה געבען אַנטקעגען זיי. אָבער „תלמוד לומר" אַז ער לערנט זיך צו זאָגען אַ דרשה, איז נאָר ביום ההוא" מוז ער קלעבען די מודעות אין זעלבען טאָג דער עולם זאָל זיך נישט צוגרייטען...

## 255

פאַר וואָס איז אַ חזן אַ נאַר? ווייל עס שטייט ביי דוד המלך „יודע נגן" און דאָך „ונבון דבר"... נאָך אַ טעם, האָט אַ גאון געזאָגט: ווייל

דער דין איז „המשלח ביד חרש שוטה וקטן, המשלח חייב" (ב"ק ט׳) און די חז"ל זאָגען: „שליח ציבור שטעה סימן רע לשולחיו" (ברכות ל"ד.) איז דאָך אַ ראיה אַז ער איז אַ נאַר, ווייל קיין קטן אין אַ חרש איז ער דאָך נישט... נאָך אַ טעם, ווייל עס שטייט: „אין חכמה כו׳ לנגד ד׳", ביים „שויתי ד׳ לנגדי תמיד" איז נישטאָ קיין חכמה... נאָך אַ טעם זאָגט די וועלט; ווייל דער עולם הניגון איז ביים עולם התשובה, און ס׳רוב חזנים זענען נישט קיין יראי שמים, דערפאַר איז ער אַ נאַר, ווייל אַז דו שטייסט שוין ביים עולם התשובה, טהוושע תשובה אויך..

## 256

צום רבי׳ן ר׳ העשיל ז"ל איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ עושר, אַ גרויסער עזות פנים — האָט איהם דער רבי געזאָגט: איצט איז מיר ריכטיג געוואָרען דער מאמר חז"ל „כסף מטהר ממזרים" (קידושין ע"א) פאַר וואָס איז דאָס אַזויז נאָר די חז"ל זאָגען: אַז אַ עזות פנים איז אַ סימן ממזר (ב"מ פ"ג) אָבער אַז ער איז אַ עושר קען דאָך זיין אַז זיין חוצפה נעמט זיך פון „עשיר יענה עזות" נישט פון ממזרות. קומט אויס אַז דאָס כסף איז איהם מטהר פון „חשש ממזר"...

## 257

אַ צדיק איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ בית המדרש. האָט ער געזעהן ווי לומדים שפּאַרען זיך אין לערנען, נאָר ער האָט דערקענט, אַז עס איז „לקנטר" נישט „לשם שמים" — ווּפט ער זיך אָן: דאָס בית המדרש איז פיעל מיט תורה. — האָבען זיי געמיינט אַז ער רוהמט זיי אַזוי, — האָט ער זיי געזאָגט: עס שטייט אין זוהר „אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחת לעילא", בלייבט דאָך, דאָס ביהמ"ד פיעל מיט תורה...

## 258

אין דער שטאָדט בערגסאַז (אונגאַרען) ווי דער „קול ארי", איז געוועזען רב. האָבען אַ חברה שוסטערס מיט שניידערס אויפגענומען אַ פרישען חזן געגען דעם רצון פון רב. — רופט זיך אָן דער רב. — איצט איז מיר ריכטיג, פאַר וואָס, ווען די יודען אין דעם מדבר האָבען געגליסט צו ציבעלעס מיט פלייש נישט צום מן. פאַרוואָס האָבען זיי נישט פערלאַנגט קיין חזן אויך. דאָס האָבען זיי דאָך אויך נישט געהאַט פון דעם

מן. נאָר איצט אַז איך זעה, אַז דער עיקר אויפנעמער פון אַ חזן זענען די שוסטערס און שניידערס, דאָס איז דאָך דעמאָלט נישט געווען, ווייל די קליידער זענען דאָך נישט פערפוילט געוואָרען, און די פוס זענען נישט געשוואָלען געוואָרען, האָט מען דאָך קיין שוסטערס מיט שניידערס נישט בעדאַרפט, ממילא איז דאָך נישט געווען ווער עס זאָל פערלאַנגען אַ חזן...

## 259

אַ רב איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר פון זיין שטאָדט נעמען אַ נדבה אויף אַ נויטיגע זאַך. — האָט דער גביר איהם געזאָגט: אַז ער גיט שוין גענוג „צדקה בסתר" — האָט איהם דער רב געזאָגט: פאַרוואָס אַז דו טהוסט אַ „עבירה בסתר" ווייס מען דערפון אין די גאַנצע שטאָדט, און פון דיין „צדקה בסתר" האָט נאָך קיינער נישט געהערט...

## 260

צו דעם „נודע ביהודה" איז אַמאָל געקומען איינער אין אַ ווינטער נאַכט פרעגען אַ שאלה, אין דרויסען איז געווען אַ גרויסע פראָסט, נאָר ביים „נודע ביהודה" איז געווען ליכטיג און וואַרעם. — פרעגט ער דעם „נודע ביהודה" — רבי! לויט ווי איך זעה, האָט איהר עולם הזה, ווערט איהר דאָך שוין געוויס קיין עולם הבא נישט האָבען, ווייל מ'גיט אייך אָב אויף דער וועלט. אָבער איך וואָס האָב נישט קיין עולם הזה, צו וועל איך כאָטש האָבען עולם הבא? — האָט איהם דער גאון געענטפערט: עס איז דאָך אַ קל וחומר, אַז איך וועל יאָ האָבען עולם הבא און דו נישט, מאַידך אַז איך אַרבעט נאָר אויף עולם הבא, גיט מען מיר עולם הזה דאָס וואָס איך אַרבעט נישט, אויך, מכל־שכן „עולם הבא" וואָס איך אַרבעט דערויף, וועל איך דאָך אַוודאי בעקומען. אָבער דו, מאַידך אויף „עולם הזה" וואָס דו אַרבייטסט דערויף האָסטו נישט, מכל שכן, עולם הבא, וואָס דו אַרבייטס נישט דערויף ווערסט דו דאָך אַוודאי נישט האָבען...

## 261

ווען דער „שאגת ארי'" איז געוואָרען רב אין מיץ, האָט מען איהם געבּרענגט דעם פנקס ער זאָל איינשרייבען אַ נייע תקנה, ווייל דער מנהג איז אַזוי געווען אין גאַנץ דייטשלאַנד. האָט ער איינגעשריבען די „עשרת הדברות", האָט מען איהם געפרעגט: דאָס איז דאָך נישט קיין

נייעס, — האָט ער געענטפערט: איך זעה אַז די תקנות פון פנקס זענען איהר מעהר מקיים ווי די תורה, האָב איך דעם „עיקר הדת" איינגע-שריבען צווישען די תקנות, אפשר וועט איהר פון היינט אָן שוין מקיים זיין כאָטש די „עשרת הדברות"...

## 262

דער מחבר פון „ספר הברית" האָט אַרויסגעשיקט אַ פראָסטען מענטש, ער זאָל אויספערקויפען די ספרים, דער שליח האָט זיך פאַר יעדען בערוהמט, אַז ער איז דער מחבר אַליין. איינמאָל אַריינקומענדיג צו אַ קלוגען גביר, האָט ער מיט איהם אָנגעהויבען שמועסען אין „חכמת הטבע", האָט ער געזעהען אַז ער האָט זיך בלויז געבראָכט, רופט זיך אָן דער גביר צו איהם, איך זעה אַז דו ביסט גאָר דער סנדק, נישט דער בעל הברית...

## 263

דער „קדושת לוי" ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט צו דעם גרעסטען בעל עבירה פון בערדיטשעוו: איך בין דיך מקנא, — פרעגט ער איהם פאַרוואָס? — ענטפערט איהר דער „קדושת לוי" — די חז"ל זאָגען; אַז איינער טהוט „תשובה מאהבה זדונות נעשו לו כזכיות" (יומא פ"ה) היינטושע אַזאַ גרויסער בעל עבירה ווי דו, אַז דו וועסט טהוען תשובה, וועסטו דאָך האָבען מעהר מצוות ווי איך, דערפאַר בין איך דיך מקנא, דער „קדושת לוי" האָט געפּועלט ביי איהם ער זאָל תשובה טהון, זאָגענדיג צו איהם אויך דעם טייטש פון דעם מאמר חז"ל „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד" (ברכות ל"ד) ווייל וואָס מער ער איז געווען אַ בעל עבירה האָט ער דאָך מעהר זכיות...

## 264

במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד" (ברכות ל"ד) פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? — זאָגט דער בעל עקידה": אין „כי תצא" ווייל תשובה איז דאָך נאָר „באותו מקום ובאותו אשה" (יומא פ"ו) און דאָרט קען דאָך קיין צדיק נישט שטעהען...

## 265

איינער איז געקומען צום „ישועות יעקב״ לעמבערגער רב ז״ל, נעמען „סמיכה״. ער האָט איהם געפּרווט אין „יורה דעה״ ער האָט אָבער נישט געיכול׳ט, — רופט זיך אָן צו איהם דער גאון, אין אַ שמייכעל: דער „פּני יהושע״ האָט בעסער געקענט די הוראה ווי דו. זאָגט צו איהם דער מענטש: „יפתח בדורו כשמואל בדורו״ (ר״ה כ״ה.) — זאָגט צו איהם דער גאון: „וכי יפתח איש בור״ (משפטים) ד״ה איז דען יפתח געווען אַ בור („עם הארץ?״)...

## 266

אַ רב האָט געהאַלטען אַ דרשה אין שבת הגדול אין דער סוגיא פון „טעם כעיקר״ נאָך די דרשה געהט צו איהם צו אַ דאָזער פון שטאָדט און גיט איהם אַ „יישר כח״, נאָר איין זאַך זאָגט ער איז מיר שווער, וואָס האָט איהר עפּעס נאָר געזאָגט וועגען דעם „תם״ און נישט פון די איבעריגע „ארבעה בנים״? — זאָגט צו איהם דער רב: דו האָסט רעכט, ווייל איך זעה טאַקע, אַז דער „שאינו יודע לשאול״ איז ביי אונז אין שטאָדט דער חשוב׳סטער.

## 267

איינער האָט געפרעגט ר׳ ישעי׳לע פּראַגער ז״ל פאַרוואָס צום בענטשען דאַרף מען „שבעה שאכלו״ און צו „מנין״ איז גענוג זעקס מענשען, וואָס האָבען נישט געדאַוונט? ענטפערט איהם דער גאון: וואָס אַהרט דיך אַז נאָך אַ יוד עסט...

## 268

איינער אַ קנאַפּער „ירא שמים״ האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר דעם סאָכאַטשאָווער רבי׳ן ז״ל אַז ער האָט נישט קיין פרנסה, האָט ער געענטפערט: טהו תשובה, ווייל דער מדרש זאָגט אין פרשת תשא, אַז דער אייבערשטער האָט גענומען אַ מטבע פון אונטערען כסא הכבוד און האָט געזאָגט: „כזה יתנו״ און די חז״ל זאָגען אַז תשובה גרייכט צום כסא הכבוד (יומא פ״ו) ממילא אַז דו וועסט תשובה טהון, וועסטו דאָך זיין ביים כסא הכבוד, וועסטו דאָך קענען נעמען די מטבע...

## 269

דער דין איז, בײ א „נשתטית" גיט מען דעם מאַן אַ היתר מאה רבנים. אויף דעם האָט דער „נודע ביהודה" געפּסקנט מיקל צו זײן אַז אַפילו סתם לומדים, נישט רבנים, איז אויך גוט. האָט אַ גאון דערויף געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר אַ חומרא נישט קײן קולא. װײל עס איז גרינגער צו געפינען מאה רבנים, אײדער מאה לומדים"...

## 270

דער רבי ר' ברוך מעזיבוזער ז"ל, האָט זיך משדך געװען מיט אַזעלכען װאָס חסידים האָבען גערעדט אויף איהם. רופט זיך אָן אַ חסיד „דער גרויסער „והוא רחום" האָט זיך משדך געװען מיט'ן „ועל חטא" — ר' ברוך האָט דאָס פערשטאַנען, פרעגט ער די אַלטע חסידים: איהר האָט עפּעס געהערט רעדען אויף מײן מחותן? האָט אײנער געזאָגט; אַז בײ דעם „אור המאיר" האָט מען איהם אַמאָל פערמאַסערט איבער אַ מעשה. נאָר דער „אור המאיר" האָט געזאָגט אַז אויב ס'איז ליגען, װעט ער זיך משדך זײן מיט אַ גדול הדור. די חסידים האָבען שײן אויפגעהערט צו רעדען.

## 271

דער „חוזה" פון לובלין האָט אַמאָל פערהערט ר' יצחק'ל װאָרקער ז"ל װען ער איז געװען אַ קינד. האָט ער איהם געפרעגט — פאַרװאָס איז אַ קרוב פּסול לעדות אַפילו „לחובה" דענסמאָל איז ער דאָך שוין נישט קײן נוגע? — האָט ער געענטפערט — עס שטײט בײ עדות „ועמדו שני האנשים" װײזט אויס אַז אַ עדות מוז זײן אַ מענטש, און אַז ער זאָגט עדות אויף זײנס אַ קרוב שלעכטס, איז ער דאָך קײן מענש נישט...

## 272

א גאון האָט געזאָגט, פאַר װאָס שטײט בײ מתן תורה „וכל העם רואים את הקולות" (יתרו) נאָך װאָס האָבען זײ געדאַרפט זעהען די עשרת הדברות? כדי מען זאָל נישט מײנען „לא תגנוב" מאַכט „לו תגנוב" מיט אַ „ו" איבער דעם האָט מען געדאַרפט זעהען אַז דער לא איז מיט אַן „אלף"...

## 273

א דרשן איז אמאָל אריינגעקומען צו ר׳ מאיר׳ל פרישמילאַנער ז״ל, האָט ער געזעהען ווי די חסידים גיבען גרויסע פדיונים, טראַכט ער ביי זיך: פאַרוואָס אַז אַלע האָבען הנאה פון מיינע דרשות גיט מען מיר אַ קדחת, און דאָ גיבען זיי אַזוי פיעל. — ר׳ מאיר׳ל האָט מרגיש געווען זיינע תרעומות, רופט ער זיך אָן: אַ רבי איז דאָך אַ משפיע, איז ער משפיע זיינע כחות צו די חסידים, היינט אַז איך בין אַ „שונא בצע" זענען מיינע מענשען אויך „שונאי בצע" גיבען זיי אַוועק דאָס געלד. דו ביסט אָבער אַ „אוהב כסף" ביסט דו משפיע אויף די צוהערער זיי זאָלען אויך אַזוי זיין, ווילען זיי דאָס דיר נישט אַוועקגעבען...

## 274

ר׳ חיים צאַנזער ז״ל האָט אַמאָל געזאָגט, אויף דעם וואָס אַ טייל חסידישע יונגעלייט, אַז זיי ווערען „שוחטים", ווערען זיי אַביסעל קעלטער אין חסידות, — אַז עס איז מיר פערענטפערט געוואָרען די גמרא׳ס קשיא, „הכל שוחטין לכתחלה ושחיטתן כשירה דיעבד? (חולין ב׳) נאָר דער תירוץ איז, ווען מען האָט זיי אויפגענומען פאַר שוחטים איז זייער שחיטה כשר געווען אַפילו לכתחילה, נאָר דערנאָך אַז זיי זענען שוין שוחטים, איז זייער שחיטה נאָר כשר בדיעבד...

## 275

צום פּאַריסאָווער רבי׳ן איז געקומען אַ חסיד וואָס האָט פערגעסען מיטצונעמען מיט זיך די תפילין, האָט ער געבעטען דעם רבי׳ן אַז ער זאָל איהם באָרגען די תפילין, — פרעגט איהם דער רבי — צו האָסט דו מיטגענומען דעם „פאַס"? — יאָ רבי! צו האָסט דו מיטגענומען „פת" (ברויט) זאָגט ער ווייטער יאָ, – זאָגט צו איהם דער רבי: דעם „פאַס" האָסט דו נישט פאַרגעסען מיטצונעמען, דעם „פת בסלו" האָסט דו אויך נישט פערגעסען, נאָר פונקט דעם „פת באפריקי שתיים" (מנחות ל״ד) האָסט דו פערגעסען היתכן?...

## 276

א גאון האט אמאל געזאגט צו א קארגען גביר, וואס האט זיך אליין אויך נישט פארגינען צו עסען — איצט פערשטיי איך די גמרא; „המקדש אשה על מנת שאני עני ונמצא עשיר אינה מקודשת" (קידושין מ"ח) היתכן? זי זאל נישט בעשטיין אז ער איז א עושר! נאר מען מיינט א קארגען גביר, וואס לעבט ווי אן ארימאן און באמת איז „ונמצא עשיר" איז פאר די אשה א בזיון סאקי אבצולעבען אזא לעבען. אז דו האסט זאלסט דו געבען!...

## 277

א גאון, וואס האט געהאט 8 טעכטער חתונה צו מאכען, האט געשריבען צו א צווייטען גאון אין א מליצה בריעף: „קצתי בחיי מפני בנות חי"ת"...

## 278

א רב האט אמאל מסדר קידושין געווען ביי א חתן א אפיקורס, נאך די חופה פרעגט מען דעם רב, צו האט דער חתן אלעס געטהוען אזוי ווי דער רב האט געהייסען, — האט דער רב געענטפערט — ער האט מיך אלעס געפאלגט אויסער איין זאך האט ער מיך נישט געהארכט, ווען איך האב איהם געהייסען צוברעכען דאס גלעזעל מיט'ן פוס, אזוי ווי דער דין איז (זעה שלחן ערוך אבן העזר ס"ה) האט ער נאר בלויז דאס גלעזעל צובראכען און דעם פוס האט ער נישט צובראכען...

## 279

א בחור א „בעל גאוה" וואס פלעגט אלע שדוכים אבזאגען, ווייל ער האט זיך געהאלטען גרויס, און קיין שום מחותן איז איהם נישט געפאלען, פלעגט איהם דער בראדער רב ז"ל זאגען מוסר, ער זאל זיין א עניו, ביז וואנען ער האט צוגעזאגט — אז ער וועט שוין זיין א עניו, דער שדכן האט איהם דערנאך אנגעשלאגען א שידוך, מיינענדיג אז איצט וועט ער שוין וועלען. — האט זיך דער בחור שטארק געבייזערט און געזאגט צום שדכן, דו שוטה! מאידך פריהער, וואס איך האב נאך נישט פערמאגט די מדה פון „ענוה" האט מיר קיין שום שידוך נישט

געפאלען, אַ כל שכן היינט אַז איך האָב שוין די מדה פון „ענוה" אויך, האָב איך דאָך שוין אַלע מעלות קומסטו מיר אנשלאגען אַזאַ שידוך? דער רב דערהערענדיג דאס האט ער זיך אנגערופען, איצט פערשטיי איך וואס שלמה המלך האט געזאגט, „גאות אדם תשפילנו (משלי כ"ט) דאס גאות ברענגט איהם, אַז ער זאל זיך שפל'דיג מאַכען, כדי מען זאָל זאגען אויף איהם אַז ער איז אַ עניו אויך...

## 280

דער „אייזע־נער קאפ" האט געפרעגט דעם „קדושת לוי' ער זאל איהם זאגען פשט אין ירושלמי, אַז ר' חייא האט געזעהען איינעם אַקערען אַ פעלד אין שבועות, האט ער געזאגט, נאך יום טוב, וועל איך אויפ־שרייבען אַנשטאַט „עצרת תהיה לכם" „עצרת „תחיה" לכם" אַז דער עצרת איז אייך מחיה, אייגענטליך נאך וואס האט ער געדארפט נאך יו"ט אויפשרייבען, ער האָט דאָך געקענט אין יו"ט זאָגען מיט'ן מויל, האָט איהם דער „קדושת לוי" געענטפערט — די גמרא זאָגט: אַז ר' חייא האָט געזאָגט אויף אַ ת' אַ ה' (מגילה כ"ד) האָט ער דאָך נאָר געמוזט שרייבן...

## 281

אַ בעל הוראה איז געקומען צו אַ רב, וועלכער האָט פאַר אַ פאָר דאָלאַר געגעבען די הוראה. דער בעל הוראה איז אָבער געווען אַ אָרימאַן, האָט דער רב איהם נישט געגעבען סמיכה, — רופט זיך אָן דער בעל הוראה: איהר ווילט אַז איך זאָל זיין בקי אויך אין „נקודות הכסף" און אויך אין דעם „כסף משנה"? איך קען אייך זאָגען אַז אין גאַנץ „יורה דעה" בין איך בקי מיט אַלע „נקודות" אויסער די נקודת הכסף פעלט מיר...

## 282

דער רבי ר' שמעלקא פלעגט זאָגען אַ דרשה האָט דער עולם שטאַרק געוויינט, דערנאָך איז ער געוואָהר געוואָרען אַז דער עולם פירט זיך ווייטער אויף זייער שטייגער, און זיי מאַכן זיך אינגאַנצען פערגעסען פון דעם מוסר, וואָס ער פלעגט זיי זאָגען. — האָט ער געזאָגט אין אַ דרשה: דאָס זאָגט דוד המלך „לכו בנים שמעו לי" (תהלים ל"ד) עס האָט געדאַרפט שטיין „באו בנים" נישט „לכו" — נאָר דער תירוץ איז, אַז אַפילו ווען איהר וועט שוין אַוועקגעהן פון די דרשה, זאָלט איהר אויך מיך הערען און געדענקען וואָס איך האָב אייך געזאָגט...

## 283

איינער האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר'ן רבי'ן ר' ברוך ז"ל אויף פרנסה. גיט ער אַ געשריי „רבונו של עולם" איך וועל דיר געבען אַ עצה: נעם צו פון יענעם „בעל עבירה" זיין געלד און גיב דאָס איהם. ווערסט דו אפשר זאָגען, אַז ער וועט זיין אויף דיר בייז, טאָ נעם זשע צו פון אַ „כופר בעיקר" ער וועט דאָך געוויס נישט בייז זיין אויף דיר, ווייל ער גלייבט דאָך נישט אין דיר...

## 284

דער גאון ר' מרדכי בנעט ז"ל האָט געפרעגט ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל: „פאַרוואָס זאָגט מען וידוי מיט'ן סדר פון א"ב ? — האָט ער געענט-פערט: כדי מען זאָל וויסען ווען אויפצוהערען...

## 285

פאַר די פטירה פון רבי'ן ר' בונם ז"ל פון פשיסחא, האָט די רבי'צן זעהר געוויינט, זאָגט צו איהר דער רבי ר' בונם: וואָס וויינסט דו? דאָס גאַנצע לעבען האָב איך זיך געלערנט ווי אַזוי נפטר צו ווערען — האָט די רביצן געענטפערט — איך וויל טאַקע דו זאָלסט נאָך לעבען, כדי זאָלסט זיך קענען מעהר לערנען ווי אַזוי נפטר צו ווערען...

## 286

איינער וואָס האָט שטענדיג ליעב געהאַט צוצושרייבען הגהות אויף ספרים און אונטערשרייבן זיך, האָט אַמאָל געבעטען ביי ר' חיים וואָלאָ-זשינער ז"ל ער זאָל איחם באָרגען אַ גמרא עירובין. האָט איהם ר' חיים געזאָגט: איך וועל דיר באָרגען, נאָר בתנאי דו זאָלסט נישט שרייבען הגהות, און בפרט דיין נאָמען זאָלסט דו נישט אויפשרייבען, אַזוי ווי דיין שטייגער. ווי דער מענש האָט געלערנט די משנה אין (עירובין ל"ה) „חמר גמל" האָט ער נישט פערשטאַנען דעם פשט דערפון האָט ער געטראַכט, אַז עס איז אַ גרייז און האָט צוגעשטעלט אַ הג"ה אין דער זייט „חמור גדול". ווען ער האָט צוריקגעגעבען די הגהות, זאָגט צו איהם ר' חיים. דו האָסט זיך נישט געקענט איינהאַלטען, האָסט דו אויס-געשריבען די הג"ה צוזאַמען מיט דיין נאָמען אויך...

## 287

ר׳ יאָשע בער׳ל ז״ל בריסקער רב איז אַמאָל געווען שבת אין אַ אכסניא, ווי עס איז נישט געווען צו שלש־סעודות קיין לחם משנה. פרעגט איהם איינער: „מען קען דאָך יוצא זיין מיט דברי תורה״ (זעה: מגן אברהם ה׳ פסח ס׳ תמ״ד ס״ק ב׳) האָט ר׳ יאָשע בער געענטפערט: טאָמער וועט איינער אָבווענדען די דברי תורה, וואָס איך וועל זאָגען וועל איך דאָך בלייבען אָהן תורה און אָהן שלש סעודות...

## 288

דער גאון ר׳ מאיר שמחה ז״ל דווינסקער רב, האָט געוואוינט אין ביאַליסטאָק איידער ער איז געוואָרען רב. ווען די דווינסקער בעלי־בתים זענען געקומען איהם אויפנעמען פאַר אַ רב, האָבען זיי געזעהען, אַז די שטיגען וואָס פיהרען אַרויף צו זיין שטוב זענען קרומע און שלעכטע, האָבען זיי זיך אַזוי געוואונדערט ווי אַזוי די שטאָדט זעהט נישט צו דינגען דעם גאון אַן אַנדער וואוינונג. רופט זיך אָן דער גאון: ביי די שטאָדט זענען די שטיגען „מעלות״ (טרעפען, שטיגען), און ביי איך איז דאָס גאָר הסתרות...

## 289

אַ משמש האָט אַ מאָל אַראָב געגנב׳עט פון אַ רב׳ס טיש אַ פלעשעל וויין. ווען דער רב האָט דערזעהען איהם טראָגען דאָס פלעשעל, פרעגט ער איהם: וואָס איז דאָ אין דעם פלעשעל? — רופט זיך אָן דער משמש: עס איז אַ פלעשעל וואַסער, זאָגט דער רב צו איהם: גיב מיר אַ ביסעל וואַסער צו טרינקען, דער רב טרינקט, זעהט ער אַז עס איז גאָר זיס. דאָס איז וויין? רופט זיך אָן דער רב, דאָס האָט געזאָגט שלמה המלך „מים גנובים ימתקו״...

## 290

אין דינאַבורג האָט אַ מאָל חתונה געהאַט אַ כהן, און דער גאון ר׳ מאיר שמחה ז״ל איז געווען מסדר קידושין. נאָך די חופה האָט איהם דער רב געבענטשט מיט דעם לשון: עס זאָל מקוים ווערען ביי דיר וקמץ ממנה הכהן, דאָס הייסט, אַז דער מצא זאָל זיין מיט אַ קמץ, „מצא אשה מצא טוב״, נישט מיט אַ חולם „ומוצא אני מר ממות את האשה״ (זעה אין ברכות דף ח׳)·

## 291

ר׳ יאָשע דענצבורגער ז״ל, דווינסקער רב, האָט אַ מאָל מספיד געווען אַ בחור פון 18 יאָהר. „מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו״ (איכה ג׳) דער מדרש זאָגט: מצן וועט פרעגען אדם הראשון, פאַרוואָס האָסט דו גורם געווען מיתה אויף די וועלט? וועט ער ענטפערען: יעדער שטאַרבט איבער זיינע אייגענע חטאים. דאָס איז נאָר ריכטיק ביי אַ עלטערען מענש נאָך 20 יאָהר וואָס דער ב״ד של מעלה איז מעניש. אָבער מה יתאונן אדם־ וואָס וועט אדם ענטפערען „חי״ אויף אַ בחור פון 18 יאָהר? בשלמא, „גבר״ אַ עלטערער מענטש, „על חטאיו״ שטאַרבט איבער זיינע אייגענע זינד. אָבער אַ בחור פון 18 יאָהר, וואָס דער ב״ד של מעלה איז נאָך נישט מעניש, קען דאָך נישט זיין אַז עס איז צוליעב זיינע חטאים. נאָר ער איז געשטאָרבען צוליעב דעם חטא פון אדם הראשון (זעה אין מסכת שבת נ״ה).

## 292

ר׳ שלמה קלוגער ז״ל בראָדער רב, האָט אַ מאָל געשריבען אַ בריעף איינעם וואָס האָט געוואוינט אין אַ דאָרף הינטער בראָד. אין דעם טיטעל האָט ער איהם געשריבען, „להרב הגאון בכפר פלוני״ דער מענש, וואָס האָט דערהאַלטען דעם ב־יע, האָט זיך זעהר געוואונדערט אויף דעם טיטול, ווייל ער האָט געוווסט אַז זיין שטייגער איז נישט צו שרייבען אַזאַ טיטול אפילו צו גרויסע רבנים, האָט ער איבערגעפרעגט דעם גאון זייענדיג אין בראָד, — האָט איהם ר׳ שלמה קלוגער ז״ל געענטפערט, — איך האָב געמיינט אַזוי: להרב הגאון בכפר פלוני, דאָרט אין דיין דאָרף, צווישען עמי הארצים ביזט דו אַ גרויסער גאון...

## 293

ר׳ יהונתן אייבעשיץ ז״ל האָט אַמאָל נעזאָגט אין ביהמ״ד אַ חידוש, און איידער ער האָט אָנגעהויבען זאָגען, האָט איינער זיך מקדים געווען, און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען זיינס אַ חידוש, — רופט זיך אָן ר׳ יהונתן ז״ל, — דו ביסט גערעכט וואָס דו האָסט דיך מקדים געווען צו זאָגען פאַר מיר דיין חידוש, ווייל די משנה זאָגט „זקני עמי הארצים כל זמן שמזקינין דעתם מטורפת״ (סוף קינים) איבער דעם האָסט דו זיך געמוזט מקדים זיין, ווייל וואָס שפּעטער וועט דאָך אַלץ זיין ערגער. דער חידוש אָבער „תלמידי חכמים כ״ז שמזקינים דעתן מתיישבת״ איז גלייכער

פאַר אַ תלמיד חכם אַז ער זאָל זאָגען זיינע חידושים וואָס שפעטער, וועט דער חידוש בעסער זיין.

## 294

דער אפטער רב ז״ל פלעגט פיינד האָבען געלד, ווען די שטאָדט מענשן האָבען איהם געשיקט פורים שלח מנות אַסך געלד, האָט ער זיך זעהר געפרייט, און מען האָט דערקענט אַז עס איז ביי איהם זעהר חשוב. האָט איהם זיין זוהן געפרעגט היתכן, די האָסט דאָך פיינד געלד? — האָט ער געענטפערט — היינט דאַרף איך דאָך געבען „מתנות לאביונים״ און אַז איך וועל גאָר נישט מאַכן קיין עסק פון דעם געלד, וועלען דאָך מיינע מתנות אויך נישט האָבען קיין חשיבות. איבער דעם האָב איך היינט געמוזט ליעב קריגען דאָס געלד, און דערנאָך וועל איך עס צו־טיילען אָרימעלייט.

## 295

ווען דער אפטער רב ז״ל האָט געהאַט אויף זיך רדיפות פון די שטאָדט־לייט, האָבען זיינע מקורבים איהם געבעטען, ער זאָל זיי שעלטען — האָט ער זיי געענטפערט — אין דער יוגענד ווען איך האָב עוסק געווען אַ גאַנצע טאָג אין תורה פלעג איך שעלטען די וואָס האָבען מיך מצער געווען, ווייל זיי האָבען מיר געשטערט דאָס לערנען און מיינע קללות האָבען געפועלט און זיי זענען אומגעברענגט געוואָרען פון די וועלט, האָב איך געבעטען דעם אייבערשטען, אַז מיינע קללות זאָלען ווערען ברכות, אין מיין תפלה איז געוואָרען אָנגענומען. דעריבער איז גלייכער איך זאָל נישט שעלטען, ווייל דערמיט וועט דאָס זיין פאַר זיי אַ ברכה...

## 296

דער בעוואוסטער „אוהב ישראל״ דער אפטער רב ר׳ העשיל ז״ל, צוליעב זיין גרויסע אהבת ישראל, האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה: „רבונו של עולם! איך ווייס, אַז איך האָב נישט קיין שום זכות אַז איך זאָל זיין אין גן עדן צווישען די צדיקים, נאָר דו וועסט מיך וועלן אַריינ־נעמען אין גהינם צווישן די רשעים, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זעהר פיינד די דאָזיגע וואָס זענען עובר אויף דיין רצון, ווי אַזוי וועל איך קענען זיין צווישען זיי? דעריבער בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט

ארויסנעמען אלע רשעים פון גהינום, כדי דו זאלסט מיך קענען דארט אריינגעמען...

## 297

דער גאון ר׳ אברהם יהושע העשיל ז״ל פון אפט, ווען ער איז געווא-רען רב אין יאס האט ער געהאט אויף זיך מחלוקת, ווייל ער האט אויפגעדעקט אלע חטאים פון שטאדט, און ער האט געמוזט ארויס פון שטאדט. האט ער געזאגט: „היסר גוים לא יוכיח״ (תהלים צ״ד) די יאסער גויים איז נישט כדאי צו זאגען „תוכחה״ ווייל זיי זענען נישט מקבל קיין תוכחה...

## 298

ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער ז״ל איז אמאל געווען שבת ביי ר׳ העשעל אפטער ז״ל, ווען זיי זענען געזעסען שבת ביי דעם טיש, האט דער ריזשינער געזעהען אז דער אפטער רבי עסט זעהר ווייניג נישט ווי זיין שטייגער, זאגט צו איהם דער ריזשינער: מילא איך בין געוואוינט צו עסען ווייניג, אבער איהר זענט דאך געוואוינט צו עסען אסאך, פארוואס זענט איהר אצינד משנה פון אייער מנהג, האט דער אפטער געענטפערט: טאקי ווייל איהר עסט ווייניג עס איך אויך ווייניג. דאס קען מען זיך אויסלערנען פון הייליגען שבת, אז שבת קריגט אמאל א אורח — ראש חדש — איז דער שבת איהם מכבד מיט איין תפלה, ביי מוסף דאוונט מען דעם נוסח פון ראש חדש, ווי איז אז עס קומט א גרעסערער אורח — יום טוב — איז ער איהם מכבד מיט אלע תפילות, נאך א גרעסערער אורח — יום כיפור — עס ער אויך נישט צוליעב דעם אורח...

## 299

ר׳ נחום ז״ל פון טשערנאביל האט געלעבט בדוחק. ווען די חסידים האבען איהם געוואלט געבען א שעהנע דירה און מלבושים, האט ער נישט געוואלט נעמען. — האט ער געזאגט: איהר ווילט מיך מאכען פאר אויס חסיד? די חז״ל זאגען: „האי מאן דבעי למהוי חסידא ליקיים מילי דאבות״ (ב״ק ל׳) דער וואס וויל זיין א חסיד זאל מקיים זיין וואס שטעהט אין פרק אבות, און דארט שטעהט: „כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל... ותיי צער תחיה ובתורה אתה עמל״ (אבות פרק ו׳ משנה ד).

## 300

ר' נחום ז"ל פון טשערנאָביל האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל „יום הכפורים מכפר אף על שאינם שבים" (יומא פ"ו) יום כיפור איז מכפר אַפילו אויף די עבירות וואָס פועלט נישט אויף זיי קיין תשובה...

## 301

דער „בעל שם טוב" האָט אַמאָל געפילט מיט „רוח הקודש" אַז ר' נחום ז"ל פון טשערנאָביל קומט צו איהם אויף שבת. האָט ער געזאָגט צו די רבי'צן אַז זי זאָל מאַכן אַ ברייטען אויפנאַהם, ווייל עס קומט אַ גרויסער מאַן צו אונז, ווען ר' נחום ז"ל איז געקומען האָט דער „בעל שם טוב" געזאָגט צו די רבי'צן: היט זיך פאַר דעם אורח, ווייל ער איז אַ גנב, פרעגט זי איהם: איך זעה דאָך אין זיין פיהרונג אַז ער איז אַ הייליגער מאַן. — האָט ער געענטפערט — ער וויל מיט זיינע „מעשים טובים" צוגנב'נען דעם גאַנצען „גן עדן" מיט דעם גאַנצען „עולם הבא"...

## 302

ר' נחום טשערנאָבילער ז"ל, איז אַמאָל געקומען צו אַ יודישן גראַף, ער זאָל איהם געבען אַ נדבה אויף „פדיון שבויים". פרעגט דער גראַף: ווער איז דאָס דער געפאַנגענער, האָט ער געזאָגט ווער דאָס איז, דער גראַף האָט געוואוסט, אַז דער איז אַ שיכור, פרעגט ער: פאַר איהם זענט איהר זיך אַזוי מטריח — האָט ער נישט געענטפערט: נאָר פאַרן שלאָף פלעגט דער משמש איהם פאַרזאָגען „עין יעקב" האָט ער געשיקט נאָך דעם גראַף, און האָט איהם געהייסען זיך זעצען לעבען איהם, און ר' נחום ז"ל האָט אָנגעהויבען לערנען די אגדה פון „קמצא ובר קמצא" (אין מסכת גיטין נ"ה) און האָט אַזוי געטייטשט: „קמצא" מיינט מען אַ עושר ווייל עשירים זענען „קמצנים" (קאַרגע) (חולין מ"ו) „בר קמצא" (אויסער קמצנים) הייסט אַ אָרימאַן, דורך זיי איז חרוב געוואָרען ירושלים, „דההוא גברא דרחמיה קמצא", עס איז געווען אַ מענטש וואָס האָט ליעב געהאַט דעם עושר און דעם אָרימאַן נישט, האָט ער געמאַכט אַ סעודה און געהייסען ברענגען דעם גביר, האָט דער משמש געברענגט דעם אָרימאַן, האָט ער איהם געהייסען געהן, האָט דער אָרימאַן געבעטען ער זאָל איהם נישט מבייש זיין, ער וועט איהם בצאָלען פאַר דעם עסען, האָט ער נישט געוואָלט, האָט דער אָרימאַן געזאָגט: אַז אַלע רבנן זיצען

און זיי לאָזען דאָס צו, „איזיל איכל קורצא בי מלכא“ וועל איך אויס-גיסען מיין ביטער הארץ פאַר דעם אויבערשטען וואָס ער איז דער מלך פון דער וועלט, האָט ער געזאָגט: רבונו של עולם, די יודען האָבען אין דיר מורד געווען, האָט דער אויבערשטער געזאָגט: ווער וועט דאָס אויס-ווייזען, האָט ער גצזאָגט שיק זיי אַ קרבן, (דאָס מיינט מען אַ אָרימאַן. אין „זוהר“ ווערט אַ אָרימאַן אָנגערופען „קרבן“) ווצסט דו זעהן, צו זיי וועלען איהם אויפנעמען, פירט די גמרא אויס, אַז דער אָרימאַן קומט צום גביר „שדא ביה מומא“ זאָגט יעדער אויף איהם אַן אַנדערען פעהלער... „בניב שפתיים“ אַז ער איז אַ בלאָפער, „ואמרי לה בדוקין שבעין“ אַ טייל נגידים זאָגען: אַז מען דערקענט אין די אויגען אַז ער איז פאַרשיכורט. פאַר אָרימעלייט הייסט דאָס אַ מום, און ביי די גבירים איז דאָס גאָר נישט קיין מום — דער גביר איז זעהר מבוייש געוואָרען און האָט איהם געגעבען אַ שעהנע נדבה..

## 303

דער „שרף“ פלעגט זאָגען — אַז אַ רב דאַרף מגין זיין אויף די שטאָדט אַז עס זאָל נישט טרעפען קיין שום „שאלה“ דאָס מיינט די משנה „הגס לבו בהוראה“ אַז ער רומט זיך אַז ער האָט אַסאַך שאלות „הרי זה שוטה“ (אבות פ״ד) ווייל ער דאַרף זעהן אַז עס זאָל זיך נישט טרעפען קיין שום שאלות...

## 304

דער צדיק ר׳ נחום משערנאָבילער ז״ל קומענדיג אין אַ שטעדטל ווי עס איז נישט געווען קיין מקוה, איז ער אַריין צום גרעסטען נגיד פון שטאָדט און ער האָט איהם געזאָגט: — איך פערקויף דיר מיין חלק „עולם הבא“ און דו זאָלסט אייפבויען אַ מקוה, — האָט מען איהם נעפרעגט היתכן? האָט ער געענטפערט — איהר ווילט זיין חסידים און איך זאָל נישט זיין קיין חסיד. די חז״ל זאָגען אַז דוד המלך האָט זיך דערמיט גערופען חסיד, ווייל ער האָט זיך אינטערעסירט מטהר צו זיין אַ אשה צום מאַן (ברכות ד׳). די חסידים זיינע האָבען זיך אָבער נישט באַניגענט מיט דעם תירוץ. — האָט ער זיי געענטפערט — אדרבה זאָגט מיר, ווי אַזוי קען איך מקיים זיין דעם פסוק „בכל מאודך“ אַז דו זאָלסט ליעב האָבען דעם אייבערשטען מיט דיין גאַנצען פערמעגען — אַז איך בין אַן אָרימאַן, מוז איך דאָך גאָר מקיים זיין מיט דעם אַז איך זאָל אַוועקגעבען מיין חלק „עולם הבא“..

## 305

ר׳ לייב מימעלעס (דעם „חוזה׳ס" א שוואָגער) האָט געפרעגט דעם „שרף" ר׳ אורי פון אוסטרעלסק, פון וואָס ער איז זיך מפרנס (ער איז געווען אַ אָרימאַן) האָט דער „שרף" געענטפערט: איך האָב 2 קוה (כי) ר׳ לייב האָט געמיינט אַז ער האָט 2 קוה, וואָס גיבען מילך. האָט ער געשיקט זיין ווייב קויפען מילך ביי איהם, ער זאָל איהם מהנה זיין, איז זי צוריק געקומען און געזאָגט צו איהם, אַז ער האָט נישט קיין קוה, איז ר׳ לייב איהם געגאַנגען איבערפרעגען וואָס ער האָט געמיינט, האָט דער „שרף" איהם געענטפערט: אַז ער האָט 2 „כי", „כי בו ישמח לבנו" „כי בשם קדשו בטחנו"...

## 306

דער „שרף" האָט אַמאָל געזאָגט: „די משנה זאָגט אין סוף פיאה, אַז איינער מאַכט זיך פאַר אַ לאָמער אָדער אַ בלינדער שטאַרבט ער נישט פריהער ביז ער ווערט טאַקע אַזוי! ממילא דער וואָס איז נישט קיין רבי און מאַכט זיך פאַר אַ רבי, ווערט ער אויך אַ רבי. וואָס איז דאָס פאַר אַ עונש? — נאָר די אמת׳ע רבי׳ס גיט מען קליינע פדיונים. און די נאָכגעמאַכטע גיט מען גרויסע פדיונים, פאַרוואָס איז דאָס? ווייל אַ נאַטור זאַך קאָסט ביליגער ווי אַ אויסגעאַרבטע זאַך. די אמת׳ע רבי׳ס זענען נאַטירליך קריגן זיי ווייניק. דאָס וועט זיין דער עונש — פירט אויס דער „שרף" — אַז ער וועט נישט שטאַרבען ביז ער וועט ווערן אַ אמת׳ער רבי, וועט ער דאַן קריגען קליינע פדיונים...

## 307

דער גאון ר׳ יאָשע דענעבורגער ז"ל דווינסקער רב, האָט פערענטפערט וואָס די מפורשים פרעגען אויף דעם וואָס די יודען האָבען געזאָגט אויף דעם מן „ונפשינו קצה בלחם הקלוקל" (פ׳ חוקת) זאָגט רש"י אַז זיי האָבען געזאָגט: איז דען דאָ אַ בריאה וואָס זאָל זיין אַ „מכניס ואינו מוציא", פאַר דעם האָבען די נחשים זיי געביסען. אייגענטליך ווי אַזוי איז דאָס „מדה כנגד מדה"? נאָר מיר געפונען דאָך אַז דער „יתוש" איז אַ „מכניס ואינו מוציא" (גיטין נ"ו) נאָר זיי האָבען זיך נישט וויסען געמאַכט פון די בריאה. און די חז"ל זאָגען „יתוש לנחש" (שבת ע"ז) ד"ה אַז צו אַ ביס פון אַ שלאַנג זאָל מען צולייגען אַ יתוש אויף אַ רפואה, דעריבער האָבען די נחשים זיי געביסען, זיי זאָלען דאַרפען

צולייגען א יתוש, וועלען זיי זעהען אז עס איז דא אזא ברי', און דאן קען זי לעבען, איז טאקי געווען, „מדה כנגד מדה"...

## 308

אין קאוונע איז געווען א קארגער גביר, האט מען געפרעגט, דעם קאוונער רב, ווי אזוי קען דער גביר זאגען פסח ביינאכט „כל דיכפין ייתי וייכול"? האט דער גאון געענטפערט: דאס פרעגט איהם טאקע דער זוהן מה נשתנה הלילה הזה, אויף דערויף ענטפערט ער, עבדים היינו לפרעה, און אזוי ווי פרעה איז געווען א גוזר ואינו מקיים, (רש"י פ' ויגש) קען איך אויך אזוי — איך זאג כל דכפין ייתי ויכול, אבער איך בין נישט מקיים...

## 309

דער גאון ר' ארי' ליב הורוויץ, סטאניסלאווער רב, איז געקומען קיין סטאניסלאוו אין חודש אלול אנגעהמען דאס רבנות, און האט געדרשנ'ט די ערשטע דרשה, און באלד שבת תשובה האט ער דאך געדארפט אויך דרשנ'ען אזוי ווי דער מנהג איז, האט ער אנגעהויבען די דרשה אזוי: די חז"ל זאגען „כי דרוש ידרשנו, אלו חטאות ואשמות" (נדרים ד') דאס הייסט, ווען איז מעגליך א רב זאל דרשנ'ען איין דרשה נאך דער אנדערער, אויב באלד נאכ'ן אנקומען אין שטאדט איז שבת תשובה, וואס מען דארף דרשנ'ען אז מען זאל תשובה טהון אויף די חטאות ואשמות, דעגסמאל איז כי דרוש ידרשנו...

## 310

א רב וועלכען מען האט חושד געווען אז ער נעמט שוחד, איז געווארען פלוצלינג טויב, האט איהם איינער געפרעגט — עס שטעהט דאך „כי השוחד יעור" (פ' שופטים) אבער נישט טויב, — האט דער רב געענטפערט — פארצייטנס, אז מען האט געגעבען שוחד מזומן געלד, איז דער רב געשטראפט געווארען מדה כנגד מדה, אז ער איז געווארען בלינד, כדי ער זאל נישט קענען זעהען דאס געלד. אבער היינט אז מען גיט גאר נישט קיין געלד, נאר דער בעל-דין זאגט נאר צו מיט'ן מויל, און דער רב הערט נאר בלויז א הבטחה, ווערט ער אויך גענש מדה כנגד מדה און ווערט טויב, אז ער זאל נישט הערען די הבטחות...

## 311

א חסיד איז געקומען צו ר׳ דוד׳ל טאָלנער ז״ל, און האָט איהם דערצעלט זיינע צרות אַז ער איז אַ אָרימאַן. דער טאָלנער ז״ל האָט איהם באַלד געזעגנט. דער חסיד איז זעהר געוועזן פערביטערט, ווייל פריהער איז צוגעגאַנגען אַ עושר, און האָט מיט איהם גערעדט אַ לאַנגע צייט, און איהם געזעגנט דער רבי באַלד. דער טאָלנער ז״ל האָט דערקענט וואָס ער טראַכט אַזוי. זאָגט צו איהם דער טאָלנער ז״ל — מיט דיר האָב איך נישט בעדאַרפט לאַנג רעדען כדי צו וויסען אַז דו ביסט אַ אָרימאַן. אָבער דעם וואָס דו מיינסט אַז ער איז אַ עושר, מיט איהם האָב איך לאַנג געדאַרפט רעדען, ביז איך בין דערגאַנגען אַז ער איז אַ אָרימאַן ווי דו...

## 312

א קיסר האָט געפרעגט אַ גאון, אַ רייכען, עס שטעהט דאָך „יאה עניותא ליהודאי" (חגיגה ט׳) ד״ה אַז אָרימקייט איז שעהן פאַר יודען, סאָ פאַרוואָס קויפסט דו דיר נישט אַזאַ תכשיט? האָט ער געענטפערט: מיין שטייגער איז, נישט אויסצוגעבען מיין גאַנץ פערמעגען אויף איין תכשיט...

## 313

עס זענען געזעסען עטלעכע רבנים, יעדער פון זיי האָט נאָכגעזאָגט אַ שטיקעל תורה פון זיין טאַטען. צווישען זיי איז געזעסען אַ גאון, וואָס דער פאָטער איז געוועזן אַ שניידער, האָט ער געזאָגט: מיין פאָטער האָט מיך געלערנט, אַז קיין געניטשעוועטע סחורה זאָל מען אין האַנט נישט נעמען נאָר נייע, אייגענע, נישט יענעמ׳ס איבער צוקייען און האָט זיי געזאָגט אייגענע תורה...

## 314

א מחבר, איז געקומען מיט זיין פירוש „עין אברהם" אויף „עין יעקב" צו ר׳ אייזיל ז״ל און האָט געוואָלט ביי ר׳ אייזיל געלד פאַר דעם ספר, האָט ר׳ אייזיל געזאָגט צו איהם: „עין תחת עין ממון" (ב״ק פ״ד) „עין אברהם" אונטער דעם „עין יעקב", און מייגען מיינט ער געלד...

315

א גאון האָט אַמאָל געשריבען אין אַ הסכמה אַז דער מחבר איז „מחזיר עטרה ליושנה". ד"ה פון פּאַפּיר האָט ער ווייטער געמאַכט שמאַטעס, וואָס פון דעם מאַכט מען פּאַפּיר...

316

ר' יאָשע סלאָנימער ז"ל האָט אַמאָל געפרעגט ר' אייזלען, וואָס פאַר אַנאָמען ער זאָל געבען זיין ספר וואָס ער וועט מאַכען, — גיב אַ נאָמען „ישת חושך" — האָט ער איהם געענטפערט..

317

דער „מלבים" איז געווען רב אין אַ שטעדטעל 2 חדשים. דערנאָך האָט ער זיך אָבגעזאָגט — פרעגען איהם די בעלי־בתים רבי, פאַרוואָס זאָגט איהר זיך אָפּ? — דערפאַר ווייל די שאלה איז ביי מיר די ערשטע, זייט איך בין דאָ רב...

318

א חברה משכילים האָבען געפרעגט ר' אייזיל סלאָנימער: לויט ווי מיר זעהן קענט איהר אַלעס, צווישען משכילים זענט איהר אַ משכיל צווישען לומדים זענט איהר אַ למדן, ווי איז אַז איהר קומט צווישען הינט? — צווישען הינט בין איך איצט צום ערשטען מאָל — האָט ער געענטפערט.

319

דער מלבים", האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה אין בוקאַרעשט: „ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, האָט דער כהן געקריגען די „זרוע לחיים והקיבה". דער תלמיד חכם, דער רב הייסט דער „כהן" פערלאַנג איך פון אייך אויך די דריי מתנות: „הזרוע" איהר זאָלט לייגען תפילין, „הלחיים" איהר זאָלט אייך נישט שערען די פאות מיט די באָרד, „והקיבה" דער מאָגען זאָל עסען כשר'ע מאכלים...

## 320

דער „מחנה לוי״, האָט געטראָפען אַ חברה וואָס זענען בעגאַנגען אין בלויזען קאָפּ אָהן אַ היטעל, זאָגט ער צו זיי: איהר זענט גערעכט ווייל עזרא הסופר האָט געזאָגט „בושתי ונכלמתי להרים פני אליך, כי עונותינו רבו למעלה ראש״, און עס שטעהט דאָך מכסה פשעיו לא יצליח...

## 321

ר׳ הירשלי בערלינער ז״ל האָט געזאָגט: כאָטש עס שטעהט אין חושן משפט, אַז עס איז נישטאָ היינט קיין תלמיד חכם געגען אַלע דינים פון אַ תלמיד חכם, אָבער אַנטקעגען דעם וואָס די גמרא זאָגט אין סוף מסכת ברכות „תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא״ איז היינט אויך דאָ דער דין פון תלמיד חכם...

## 322

דער שינאַווער רבי ז״ל זיצענדיג עטלעכע וואָכען אין מעליץ האָבען די חסידים נישט געזאָגט קיין תחנון. (עס איז אַזאַ מנהג ביי חסידים אַז עס קומט אַ אדם גדול זאָגט מען נישט קיין תחנון) — רופט זיך אָן דער רבי — בשלמא איהר זאָגט נישט קיין תחנון, ווייל איהר מיינט אַז איך בין אַ תלמיד חכם, און עס איז ידוע אַז אַ תלמיד חכם איז בבחינת יו״ט און אין יו״ט זאָגט מען דאָך נישט קיין תחנון. אָבער איך ווייס דאָך ביי מיר אַז איך בין נישט קיין ת״ח, פאַר וואָס זאָג איך נישט קיין תחנון. נאָר די חז״ל זאָגען דאָך „אם אפילו שוגגין״ (סנהדרין ס׳) ד״ה אפי׳ דאָס בית דין איז זיך טועה און זיי מאַכען אַן אַנדערען טאָג יו״ט, איז עס אויך יום טוב, איבער דעם כאָטש איהר האָט אַ טעות אין מיר, בין איך אויך בבחינת יום טוב, דאַרף איך אויך נישט זאָגען קיין תחנון...

## 323

אמאָל איז אַריין אַ חברה משכילים, פרייטאָג צו נאַכטס צום סאַדיגורער רבי׳ן ז״ל, הערען דעם קידוש — רופט זיך אָן דער רבי: איצט איז טאַקי דער ריכטיגער קידוש, ווייל די חז״ל זאָגען אַז דער קידוש איז אַ עדות אויף דעם באַשאַפונג פון די וועלט, און אַז דער רבש״ע איז

אַ יחיד ומיוחד, און ווען איז שייך עדות, נאָר ווען עס איז דאָ אַ הכחשה, איז דאָך ממילא איצט דער ריכטיקער קידוש...

## 324

אַ למדן איז געקומען צו ר' מאיר'ל דזשיקוווער ז"ל, צו נעמען פון איהם סמיכה. ער האָט איהם זעהר שטאַרק געפרובט, פרעגט ער — רבי, אַז עס וועט קומען צו אייך אַ אייניקעל פון אַ רבי'ן, וועט איהר איהם אויך אַזוי פיעל פרווען? האָט דער גאון געענטפערט — די חז"ל זאָגען „מדאורייתא אין עד נעשה דיין" (כתובות כ') „עד" איז דער טייטש אַ סמאַטע (נדה ב' המשמשת בעדים) איז דער טייטש „מדאורייתא" אַז איינער קומט נאָר מיט'ן כח התורה, אין עד נעשה דיין, קען קיין סמאַטע נישט ווערען קיין דיין. אָבער „מדרבנן" אַז איינער קומט מיט'ן כח פון די רבנן אַז ער איז אַ אייניקעל פון די רבנן, פועלט איהם דער זכות אַז אפילו אַ „עד" (אַ סמאַטע) קען ווערען אַ דיין...

## 325

ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל האָט געטייטשט: „קשה עלי פרידתכם" (רש"י פ' אמור) השי"ת זאָגט עס איז מיר שווער, דאָס וואָס איהר זענט אָבגעשיידט איינער פון אַנדערען, און עס איז נישטאָ ביי אייך קיין אחדות...

### 326

דער גאון ר׳ מרדכי פינטשובער ז״ל, א תלמיד פון רבי׳ן פין לובלין, איז געווען א גרויסער אָרימאַן, אין געהאט 3 טעכטער בוגרות׳ן דאָס ווייב האָט איהם געפאניגט אַז ער זאָל פאָרען קיין לובלין צו דערציילין דעם רבי׳ן אלעס. נאָר ווען ער פלעגט אריין קומען צום רבי׳ן, האָט ער פון אלע דאגות פערגעסין אין האָט גאָר ניט דערציילט. דאָס ווייב האָט דאָס פערשטאַנען, איז זי איינמאָל מיט געפאָרין מיט עם קיין לובלין. האָט ער שוין געמוזט אלעס דערציילין דעם רבי׳ן. — פרעגט איהם דער „חוזה״ — פאַרוואָס האָסטו מיר ניט דערציילט ביז היינט — ענטפערט ר׳ מרדכי — איך האָב געוויסט אַז דער רבי ווייסט אַזוי אוי׳ך מיין מצב, — זאָגט צו איהם דער „חוזה״ — עס איז ניט אזוי, מיר געפינען אין דער תורה ביי נגעים, אַז אויב די נגע איז אויף אַ מענטש, שטייט „והובא אל אהרן הכהן וראה הכהן את הנגע״ ד. ה. אז אזוי ווי מ׳ברענגט נאָר דעם מצורע צום כהן זעהט ער אַליין די נגע, מ׳דאַרף עס ניט זאָגען, אָבער ביי „נגעי בתים״ שטייט „ובא אשר לו הבית והגיד לכהן לאמר כנגע נראה לי בבית״ ד. ה. אז די נגע איז אין הויז, און די באדערפענישען פון שטוב עסין, טרינקען, פרנסה, דארף מען זאָגען דעם כהן..

### 327

ר׳ דוד׳ל דינובער ז״ל איז געווען א מאָל אין די בעדער, און האָט צו געזעהען דאָס פריצות פון די פרייע חברה, האָט ער זיך זייער מצער געווען, — רופט ער זיך אָן — די חז״ל זאָגען אז די „חמי טבריה״ איז געבליבען פון מבול (סנהדרין ק״ח) נאָך וואָס האָט עפיס דער רבש״ע איבער געלאָזט. אַ זכר פון מבול? נאָר טאָמער וועלין די שפעטערע דורות פרעגען פאר וואָס איז עפיס געקומען אַ מבול אויף די וועלט אַזא גרויסען עונש? האָט ער איבער געלאָזט די חמי טבריה. וואָס דאָרט קומען טויזענטער מענטשען באָדען זיך. וועלין זיי זעהען דאָס פריצות. וועלין זיי וויסען אז דער דור המבול איז ווערט געווען פאַר אזעלכע מעשים, אַז עס זאָל קומען אַ מבול...

## 328

דער גאון ר׳ הירשלי ליסקער ז״ל פלעגט זאָגען אין זיין דרשה אויף שבת הגדול, דער דין איז „בערב תאכלו מצות״ אויך איז דאָ א לאו „לא תגנוב״, וואָס זאָל טוהן אַ ארימאַן אז ער וויל עסין מצות, מ׳טאָר דאָך ניט גנבנ׳ן, איז דאָך די ביידע דינים א סתירה ? דעריבער זאָלט איהר זעהען אז דער אָרימאַן וועט קומען צו אייך, זאָלט איהר איהם געבין אויף מצות, אזוי וועט איהר פערענטפערין די סתירה אָהן שום פלפול...

## 329

ר׳ הירשלי ליסקער ז״ל פלעגט אוועק ווארפין די פדיונים, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער איז דאָס געלד וואָס מען האָט עם געגעבין, פערדינט געוואָרין פון חילול שבת. עס איז געקומען צו עם א אָרימאַן וואָס האָט געדאַרפט צו האָבען אויף פיקוח נפש. האָט ער עם אוועק געגעבין, ווייל „פיקוח נפש דוחה שבת״... (יומא פ״ה)...

## 330

דער גאון ר׳ אבישל פרנקפורטער פלעגט צו טיילין אָרימלייט כמעט דאָס גאַנצע פערמעגען, האָט מען איהם געפרעגט, די חז״ל זאָגען דאָך „אל יבזבז אדם יותר מחומש״ (כתובות ס״ז) ד. ה. אז אַ מענטש טאָר ניט צו טיילין מעהר ווי אַ פינפטעל פון זיין פערמעגען, — האָט ער געענטפערט. אז עס האלט ביי פיקוח נפש איז דער דין ניט געזאָגט געוואָרין, ווייל מה דאך אז פיקוח נפש איז דוחה שבת. אַ כל שכן אַ דין וואָס די רבנן האָבען געזאָגט איז עס דאָך געוויס דוחה...

## 331

א מתנגד איז אַריין געקומען צו ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר ז״ל און געפרעגט קשיות אויף חסידים, האָט איהם ר׳ יחזקאל׳ע ז״ל געענטפערט, עס שטייט אין פסוק „ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם — לא תקשו עוד״, איז דער טייטש אזוי, אז עס וועט זיין ומלתם. לא תקשו עוד וועט איהר שוין מפילא קיין קשיות ניט פרעגין...

## 332

אין זמירות פון שלש סעודות שטייט „ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים

בתורה״ אייגענטליך האָט געדאַרפט שטיין „ויזכו לבנים״ וואָס בעדייט דאָס וואָרט „לראות״ – דערויף ענטפערט דער זמיגראָדער רב – ווייל די חז״ל זאָגען „כל שהוא ת״ח ובנו ובן בנו ת״ח שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם״ (ב״מ פ״ה) דערויף זאָגט תוס׳ אין ב״ב נ״ט אין כתובות ס״ב אז דאָס איז נאָר אז זיי אלע האָבען זיך געזעהען צוזאַמען דער זיידע מיט דעם זיהן אין דאָס אייניקעל, דאָס איז דער מיינונג פון וואָרט „לראות״ אז זיי זאָלין זוכה זיין צו זעהן בנים ובני בנים דענסטמאָל וועט זיך שון די תורה קיינמאל פון זיי ניט אפטוהן...

## 333

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס רש״י זאָגט אין פרשת בשלח „שהיוד על שם המחשבה נאמרה״ אז דער גאנצער יוד איז נאר אז ער איז מסדש די מחשבה...

## 334

איינער איז אַ מאָל געקומען צו ר׳ יחזקאל׳ע שינאַווער ז״ל זיך מזכיר זיין אויף פרנסה, – האָט איהם ר׳ יחזקאל׳ע ז״ל געזאָגט – „שאל אביך ויגדך״ פריער בעט דעם טאַטין אין הימעל ווי אַזוי ויגדך״ די זאָלסט דיך באַהעפטין אָנבונדען און אייבערשטין [מלשון אגודה] אין דערנאָך „זקניך ויאמרו לך״ נאָהער וועלין די צדיקים העלפין דורך זייערע תפלות...

## 335

ר׳ הירשלי חריף ז״ל האָט געזאָגט, פאַרצייטינס האָט מען געגעבין צדקה – איינס. ווייל מען האָט געגלייבט און די גאולה דאַרף מען דאָך ניט דאָס געלד דאָס צווייטע, ווייל מען האָט געגלייבט אַז עס וועט זיך בייטען די צייט און עס וועט בעסער ווערען. ווייל השי״ת קען העלפען אין איין רגע. אָבער היינט איז ניט אַזוי, דאָס מיינט דער פסוק אין רות „וזאת לפנים בישראל״ פערצייטענס „על הגאולה״ מען האָט געגלייבט און די גאולה „ועל התמורה״ מ׳האָט געגלייבט אַז עס וועט זיך ענדערען די צייט, איבער דעם „שלף איש נעלו ונתן לרעהו״ האָט יעדער אַראָב גענימען זיינע שוך און אוועק געגעבין דעם צווייטען...

## 336

צוויי לומדים זענען אַ מאָל געקומען קיין בערלין, זאַמלען נדבות אויף הכנסת כלה פאַר זייערע טעכטער, זיי האָבען געוויסט אַז די משכילים גיבען גרויסע

נדבות אין די חסידים גיבען קליינע נדבות האבען זיי געקלערט פון וועמען זיי זאלען נעמען א בריעף צו פון ר׳ הירשלי ז״ל וואס דאס וועט נאר גוט זיין פאר די חסידים. אדער פון מענדעלסון וואס דאס וועט גוט זיין פאר די משכילים, איז געבליבען ביי זיי. אז זיי זאלין זיך טיילען איינער האט גענומען ביי ר׳ הירשלי דער צווייטער ביי מענדעלסון, דער אנדערער האט געמאכט א סאך מעהר ווי דער ערשטער, האט דער ערשטער געפרעגט ר׳ הירשלי וואס איז די מעשה אז אויף אייער בריעף האט מען וויינינער געגעבען ווי אויף מענדילסון, ווי איז דער כבוד התורה? — האט ר׳ הירשלי געענטפערט — די חז״ל זאגען אז ירמי׳ האט געזאגט אז זיי זאלין נכשל ווערין מיט ניט קיין ארינטליכע מענטשען (ב״ב ט׳) אלוא איהר האט נאר מיינ׳ס א מליצה בריעף, אבער דער צווייטער האט א מליצה בריעף פון ירמיה הנביא, איבער דעם איז ער ער מצליח..

## 337

א רב האט א מאל געפאדערט אין א דרשה א הוספה אויף זיין פענסיע בכן ער האט ניט קיין פרנסה, רופט זיך איינער אן — עס שטייט דאך כך הוא דרכה של תורה פת במלח תאכל (אבות פ״ו מ״ד) — ענטפערט דער רב — „כך הוא" אזוי איז נאר דא „הוא" פת במלח תאכל. אבער ניט אין א אנדער ארט...

## 338

אין א קליין שטעדטעל איז געשטארבען א קארגער גביר. די חברה קדישא האט געוואלט ביי די קינדער — וועלכע זענען אויך געווען קארגע — זאקן קבורה געלד. זיי האבין אבער ניט געוואלט געבין, האט זיך די קבורה אויף געהאלטין ביז דעם צווייטין טאג, האט איהם דער רב מספיד געווען, „אם יום או יומים יעמוד" אויב דער מת האט זיך אויסגעהאלטין מיט די קבורה א טאג אדער צוויי, „לא יקום", זאל זיך דער מת ניט נוקם זיין אין די שטאדם לייט, ווייל „כי כספו הוא" ווייל נאר דאס געלד איז שולדיג וואס מ׳האט ניט געוואלט געבין, אבער ניט חס ושלום מ׳האט איהם געוואלט מבזה זיין...

## 339

ר׳ חיים וואלאזינער ז״ל איז א מאל אריינגעקומען אין בית המדרש שבת אין מיטען טאג, האט ער געטראפין די ישיבה לייט רעדין נארישקייטען. — זאגט ער צו זיי — עס וואלט גלייכער געווען איהר זאלט געווען שלאפען. ווייל „שבת" מאכט „שינה בשבת תענוג" ילקוט ראובני ואתחנן — רופט זיך אן א ישיבה בחור — אפשר מאכט דאס „שיחה בשבת תענוג" ווייל דאס איז אויך א עונג

שבת [שו״ת תרומת הדשן ס״א] — האט דער גאון געענטפערט, — אויף דעם זאגט דער פסוק „לב חכם לימינו״ א חכם לייגט אויס די שין דאס פינטעלע אויף די רעכטע זייט עס זאל זיין א שין מאכט דאס שינה. אבער ולב כסיל לשמאלו, מאכט דאס פאר א שין מיט דעם פינטעלע אויף לינקס, מאכט דאס שיחה בשבת תענוג...

## 340

א חכרה קצבים האבין זיך געדונגען א רב ער זאל מיט זיי לערנען משניות, ווען זיי האבען געמאכט דעם סיום, האבין זיי געמאכט א גרויסע סעודה.— האט דער רב זיך אנגערופען — אויב „כל בני בשר יקראו בשמך״ אז די אלע קצבים וואס האנדלין מיט פלייש האבין זיך גענומען צום לערנען. קען איך שוין גלייבען אז „להפנות אליך כל רשעי ארץ״ אז אפילו „עמלק״ אליין וועט אויך תשובה טהון. ווייל „בשר שבטבחים שותפו של עמלק [קידושין פ״ב]...

## 341

ר׳ יצחק ווֹאלאזינער ז״ל האט געזאגט א רמז פון די תורה אויף די דרייא ברכות וואס מען מאכט אויף די חנוכה לעכט, ״עשה לך שרף״, דאס איז „להדליק נר חנוכה״ „ושים אותו על נס״ דאס איז „על הנסים״ וראה אותו וחי״ דאס איז „שהחיינו״...

## 342

דער „בעל שם טוב״ ז״ל האט געזאגט פאר וואס ביי די תנאים צו ברעכט מען א ערדענע כלי, און ביי די חופה א גלעזערנע כלי, ווייל קיין תנאים קען מען גיט מבטל זיין פונקט ווי א כלי חרס או מען צוברעכט קען מען שוין נים פעריכטען, אבער נאך די חופה קען מען דאך געטין, פונקט ווי א כלי זכוכית וואס האט א תקנה צו פעריכטען, [שבת ט״ו]...

## 343

דער לעמבערגער גאון ר׳ יצחק שמעלקיש ז״ל האט געלערענט אלעס בחור צו זאמען מיט אייבעס, וואס איז נאכהער געווארען א פרייער, א מאל איז דער זעלבער געקומען קיין לעמבערג צום גאון אין האט מיט איהם גערעדט אן דרך ארץ אין האט איהם נים געזאגט „איהר״ נאר „דיא״ דאס האט זייער פערדראסין די מענטשען וואס זענען געוועזן ביים גאון, האבין זיי פון איהם פערלאנגט ער זאל געבין גגלר אויף תיקן, אזוי ווי דער מנהג פון חסידים,

ער האָט אָבער ניט געוואָלט געבין, קיין איין גראָשען. — רופט זיך אָן דער גאון. — יעצט איז מיר רעכטיג געוואָרין די רש״י אין פרשת לך לך. אויף דעם פסוק „ואנשי סדום רעים וחטאים, זאָגט רש״י רעים בגופם וחטאים בממונם״ אייגענטליך, מ׳ווייסט אַז חסידים זענען יראי שמים, און פרייע זענען וויטער גרויסע נדבנים, זיי גיבען צדקה, היינט זשע צו וועלכע פּאַרטיי האָבען געקערט די אנשי סדום, זענען זיי געווען חסידים וואָלטין זיי דאָך ניט געווען „רעים בגופם״. זענען זיי אַנדערש געווען פון די משכילים, וואָלטין זיי דאָך ניט געווען „חטאים בממונם״ נאָר יעצט איז מיר פערענטפערט עס קען זיין, אַז זיי זענען געווען אַזוי ווי ער וועלכער בעת ער איז געווען אַ בחור איז ער געווען אַ חסיד נאָכהער איז ער געוואָרין אַ פרייער, איז געבליבען ביידע חסרונות...

344

וְוען דער רבי ר׳ יונתן ז״ל איז געווען אַ יונגעל אין חדר. ער איז שוין דענסטמאָל געווען אַ גרויסער חריף. ווען מ׳האָט מסיים געווען אַ מסכת, האָט דער רבי געמאַכט אַ סעודה, דער רבי האָט געהאַט ביי זיך אַ אויסגעריבענע מטבע, זאָגט ער צום רבי׳ן ר׳ יהונתן, ברענג מיר פאַר דעם אַ קוואַטירעל בראָנפען, דער רבי ר׳ יהונתן האָט געזעהען אין דרויסען אַז עס איז אַ אויס געריבענע מטבע אין האָט זיך געשעהמט צוריק צו קומען אָהן בראָנפען. האָט ער גענומען אַ ביסעל וואַסער און האָט אריין געגאָסען אין פלעשיל, און איז געגאַנגען אין אַ בראָנפען געשעפט, און האָט זיך געהייסין אָן גיסען אַ קוואַטירעל בראָנפען. נאָכהער האָט ער געגעבין די מטבע, האָט דער פער־קויפער ניט געוואָלט נעמין. האָט ער זיך געהייסין צוריק גיסען אַ קוואַטירעל אין די קוואָרט אריין, אַזוי איז ער געגאַנגען צו עטליכע, איז ממילא געוואָרען פון דעם ביסעל וואַסער שטאַרקין בראָנפין, און האָט געברענגט דעם רבי׳ן דעם בראָנפען מיט די מטבע...

345

דער רבי ר׳ לייבלי איגר ז״ל האָט געפרעגט דעם אַלטען קאָצקער רבי׳ן ז״ל וואָס וועל איך ענטפערין מיין זיידען דעם ר׳ עקיבא איגר ז״ל אויף דעם שפּעטען דאַווענען, — האָט ער געענטפערט — זאָלסט איהם זאָגען, אַז דער רמב״ם פסק׳נט, אַז אַ אַרבייטער שאַרפט די זעג אַ גאַנצע טאָג, און די לעצטע שעה פון טאָג זעגט ער דאָס האָלץ קומט איהם צו באַצאָלען פאַר אַ גאַנצען טאָג. אַזוי ווי ער וואָלט געזעגט פון די פריא אָהן...

346

פאַר וואָס זאָגט מען דעם „כהא לחמא עניא״ אויף תרגום לשון, — האָט אַ גאון

געזאָגט אַ פּלפּול — ווייל מ'האָט מורא טאָמער וועלן אריין קומען אָרימעלייט ווען מ'זאָגט כל דכפין ייתי וייכול. נאָר עס איז דאָך דאָ באמת אַ עצה צו פאַר שליסן די טיר, נאָר דאָס וועט נאָר פועל'ן פאַר מענטשען! וואָס וועט מען אָבער טוהן אַז מלאכים וועלין זיך פאַרשטעלין פאַר מענטשין אזוי ווי ביי אברהם אבינו דעריבער זאָגט מען אויף תרגום לשון, ווייל די מלאכים פערשטייען ניט קיין תרגום, (שבת י"ב)...

347

אַ גאון האָט געזאָגט. — אַז דאָס ווערטיל וואָס די וועלט זאָגט. אַז עס איז גוט צו טוהן אַ שידוך מיט אַ מפורסם, אַז מען וועט זיך פרעגען אויפ'ן מחותן, זאָל מען ניט דאַרפין דערווייל פערצייגנט ווערין אוסרעכענדיג ווער דער מחותן איז, — דאָס איז אַ בפירוש'ער פסוק אין (תהלים ל"ב) „על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא. זאָגען די חז"ל לעת מצא זו אשה (ברכות ח') רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו", ד. ה. מען זאָל ניט דאַרפען דערווייל בערעגינט ווערין צו וועלין וויסען ווער דער מחותן, נאָר דער מחותן זאָל זיין אַ בעוואוסטער מענטש, אַז מ'וועט נאָר דערמאָנען דעם נאָמען זאָל מ'שוין וויסען ווער דאָס איז...

348

אין לעמבערג איז געווען איינער וואָס האָט אלע שבת מנדר געווען אסאך צדקה אין נדרים. און דערוואָכען האָט ער אָבער אַלעס פערגעסין און האָט ניט באַצאָלט — האָט דער לעמבערגער רב געזאָגט — יעצט איז מיר ריכטיג געוואָרין די גמרא. שלשה מנוחלי עולם הבא המשייר מקידושא לאבדלתא (פסחים קי"ג) אייגענטליך פאַרוואָס קומט פאַר דעם עולם הבא? נאָר מ'מיינט אזוי, שבת האָט יעדער יוד אַ קדושה און אַ ריין הארץ. אין אַז ער איז מנדר און שבת מיינט ער מיט'ן גאַנצין הארץ, אָבער באַלד נאָך הבדלה אַז דער שמש קומט מאָנען דעם נדר, איז ער גאָר ניט דער אייגענער, ער פערגעסט גאָר אין אלעמען דאָס מיינט די גמרא אַז ער לאָזט איבער פון די קדושה פון שבת אויף הבדלה אויך, ער איז נאָך אַלץ מיט די זעלבע קדושה פון שבת, מיט דעם ריינעם געוויסען, איז ער בן עולם הבא...

349

איינער איז געקומען צו דעם גאון ר' יצחק אלחנן ז"ל, קאָוונער רב פרעגין צו ער זאָל פאָרען זאמלען געלד, האָט ער געענטפערט הגם די חז"ל זאָגען, „מאן דביש לי' בהאי מתא ליזיל למתא אחריתי" [ב"מ ע"ה] ד. ה. אַז עס איז איינעם שלעכט אין זיין שטאָדט זאָל ער גייען אין אַ אַנדער שטאָדט וואָהנען.

אַז דאָס אין נאָר אַז איינער איז אַ מחוסר לחם ר״ל אָבער ניט אַז איינצר וויל נאָהר בלויז זאַמלען אסאַך געלד, ווייל מיר זעהען אַז ביי הושיעה נא דאַרף מען שאָקלען, (מיט׳ן לולב אין סוכות) ד. ה. אַז מ׳דאַרף געהאָלפין ווערין מיט פרנסה, דאַרף מען זיין נע ונד, ארום פאָהרען, אָבער אַז עס האַלט נאָר ביי הצליחה נא, שאָקעלט מען ניט...

## 350

אין פורים האָבין די תלמידים פון „נודע ביהודה״ געמאַכט איין תלמוד פאַר אַ פורים רב, אַזוי ווי דער מנהג איז, ווען ער האָט זיך אנגעשיכערט, האָט ער גערעדט אויפ׳ן נודע ביהודה ולזולים, צו מאָרגענס האָט מען איהם דערציילט אַז ער האָט מבזה געווען דעם נוב״י, איז ער איהם געגאַנגען מפייס זיין. דער נוב״י האָט איהם מוחל געווען, — פרעגט איהם זיין זון — די וועלט זאָגט דאָך „וואָס ביי אַ ניכטערין אויף דער לונג איז ביי אַ שיכורען אויף דער צונג״, האָט דער נוב״י געענטפערט — דער כלל איז נאָר ביי אַ מענטש, אָבער ניט ביי אַזאַ בהמה ווי ער, אַ ראיה, דערצו, ווייל נאָך וואָס איז מ׳בודק די ריאה נאָך די שחיטה. מ׳קען דאָך די בהמה אָנשיכורען פאַר די שחיטה וועט מען דאָך אַלעס זעהען אויף די צונג, לויט דעם כלל, מוז דאָך זיין אַז דאָס איז נאָר ביי אַ מענטש ניט ביי אַ בהמה, אַזוי ווי ער...

## 351

דער בראָדער גאון ז״ל איז געקומען סוכות אין שול אריין און געזעהען אַז בשעת דעם ארומגיין דעם טיש מיט דעם אתרוג ביי די הושענות זאָגען, זענען פריהער געגאַנגען די נגידים, נאָכהער די תלמידי חכמים, דאָס האָט איהם זייער פערדראָסין — רופט ער זיך אָן — יעצט איז רעכטיג וואָס מען ענדיגט די סליחות מיט די ווערטער, „למען דעת כל עמי הארץ כי ד׳ הוא אלקים, אין עוד מלבדו״, אייגענטליך ווי קומט דאָס דאָ אַ הער ? נאָר די חז״ל זאָגען „את ד׳ אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים״ (פסחים כ״ב) האָט מען מורא געהאַט שאָמער אַז מ׳וועט זעהען אַז די תלמידי חכמים גייען אונטער די נגידים. איז דאָך אַ סימן אַז זיי זענען ניט חשוב, וועט מען דאָך זאָגען אַז דער „את״ קומט גאָר מרבה צו זיין עפיס אַנדערש חס ושלום, איבער דעם האָט מען מתקן געווען „למען דעת כל עמי הארץ כי ד׳ הוא אלקים אין עוד מלבדו״ ארויס צו נעמען די עמי הארצים פון טעות...

## 352

דער גאון ר׳ חיים סאָלאָווייציג בריסקער רב ז״ל — פלעגט אַרום גיין שפּאַצירען

און אָן לענען זיך מיטביידע הענד אויף די תלמידים׳ס, אַקסלען, און שמיסען אין לערנען דער נציב (ר׳ נפתלי צבי יהודה ברלין) דערזעהענדיג דאָס, איז ער ביין געוואָרין פאַר וואָס זיי גייען ניט לערנען גמרא מיט תוספות, זאָגענדיג דערביי ר׳ „חיים על צווארו ויעסוק בתורה״ (קידושין כ״ט)...

## 353

א מתנגד האָט געפרעגט דעם רב ר׳ שניאור זלמן ז״ל דער מחבר פון רב שו״ע, צו וועלכע כתה וועט משיח געהערין צו די מתנגדים אָדער צו די חסידים, האָט ער געענטפערט — צו די מתנגדים, ווייל אויב משיח זאָל זיין א חסיד וועלען די מתנגדים ניט וועלין גלייבען אין משיח, אפילו ער זאָל באַווייזען מופתים אַזוי ווי משה רבינו...

## 354

א מתנגד האָט געשפעט פאַר׳ן רב ז״ל אויפ׳ן נוסח „כתר״ וואָס מ׳זאָגט אין די קדושה פון מוסף, האָט דער רב געענטפערט — קען דען א קאַוואַל פערשטיין די מלאכה פון א קרוין (כתר)...

## 355

א מתנגד האָט געפרעגט דעם רב, בכן די ביסט דער קאָפּ פון די חסידים מוסטו גיין אָנגעטוהען אַנדערש ווי אַלע. — האָט ער געענטפערט. — פאַר וואָס ווען די טוהסט דיך אָהן די מלבושים, אין דעם קאָפּ טוהסטו ניט אָן די זעלבע מלבושים, ווייל דער קאָפּ איז אַנדערש...

## 356

א סלאָנימער משכיל איז אַוועק קיין אַמעריקא צוליעב פרנסה. ער האָט אָבער נים מצליח געווען, איז ער צוריק געקומען קיין סלאָנים, נאָך ער האָט שוין געהאַט אָב געשוירען זיך די באָרד. — איז ער אַריין צו ר׳ אייזיקעל סלאָנימער ז״ל זיך שואל עצה זיין צו ער זאָל ווערין א מלמד, האָט ר׳ אייזיל געזאָגט, די וועסט ביים דעם אויך ניט מצליח זיין, ווייל די ביסט א פערדרייטער מלמד. ווייל די חז״ל זאָגען אויפ׳ן פסוק „ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו, „מלמד״ שיצא בלא חתימת זקן ובא בחתימת זקן״, (כתובות כ״ז) ביי דיר איז פערקעהרט, ביסט אַרויס קיין אַמעריקא מיט א באָרד און ביסט געקומען אָן א באָרד האָסטו דאָך איבער געדרייט דעם „מלמד״, און קיינער וועט דיר ניט געבין זיין קינד צו לערנען ביים א פערדרייטין „מלמד״...

## 357

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, „באין מליץ יושר מול מגיד פשע״ אז אלע זאָגען חייב, איז דאָך זכאי — ממילא „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט״, אז דער דין איז „כולו חייב זכאי״ (סנהדרין י״ז)...

## 358

א רב, האָט געזאָגט אויף די וועלט׳ס קשיא, ...ויעש כן אהרן להגיד שבחו של אהרן שלא שינה (רש״י בהעלותך) אהרן איז ניט געוואָרען פארענדערט ביי זיך, חאָטש אלעס איז געווען דורך איהם...

## 359

דער „שפת אמת״ ז״ל האָט א מאָל פערהערט דאָס חומש „פרשת בלק״ דעם היינטיגען גערער רבי׳ן שליט״א ווען ער איז נאָך געווען א קליין קינד. האָט דער „שפת אמת״ געפרעגט אויף דעם פסוק „תמות נפשי מות ישרים, ותהי אחריתי כמוהו״. עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין „כמוהם״ א לשון רבים, ווייל עס גייט דאָך אַרויף אויף דעם וואָרט „ישרים״ אויך א לשון רבים? האָט דער גערער רבי שליט״א געענטפערט „כמוהו״ איז דער טייטש אַזוי ווי משה רבינו, ווייל מען געפינט אין מס׳ נדרים דף י׳ „נדר במוהי״ מיינט מען משה. דער שפת אמת האָט זייער בהנה געווען פון דעם קלוגען געלונגענעם ענטפער...

## 360

„הרחמן הוא יברך אבי הילד משמיני והלאה ירצה דמו״ אייגענטליך דער „ירצה דמו״ גייט דאָך אַרויף אויף דעם „רך הנימול״ ניט אויף דעם „אבי הילד״? — האָט דער גערער רבי שליט״א געענטפערט — ווייל יעדער קינד ווען מען איז עס מל׳ע ווייסט מען דאָך ניט צו ער איז באַווילִיגט אויף דעם עס קען דאָך זיין ווען ער וואָלט געווען גרויס וואָלט ער זיך ניט געוואָלט מל׳ע זיין, נאָר אַז ער איז דערנאָך מל׳ע זיינ׳ס א קינד, איז דאָך א סימן אַז זיין אייגענע מילה איז אויך געווען ברצון, דעריבער זאָגט מען טאַקע אויף דעם אבי הילד „משמיני והלאה ירצה דמו״ ד. ה. ווען ער איז מל׳ע זיין קינד ווערט דעם פאָטער׳ס בלוט באַווילִיגט, ווייל מען ווערט געוואָר אַז זיין מילה איז אויך געווען ברצון...

## 361

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער ז״ל האָט געטייטשט, „עם חסיד״ אַז די חבר׳סט דיך

מיט אַ חסיד, „תתחסד" ווערסט די אויך זיין אַ חסיד. אָבער „עם עקש" אז די חבר'סט דיך מיט אַ עקש, „תתפתל"...

## 362

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט אויף אַ צדיק וואָס האָט ניט געגעבין קיין צדקה. עס שטייט „זה דור דור — שוא" דאָס דור איז אַ פאַלש דור „מבקשי פניך" אפילו די צדיקים „יעקב" טוהן לאקערען, „סלה" נאך דעם טאלער...

## 363

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ שווינדלער, „ולכל בני ישראל לא יחרץ" דער עיקר איז אַז יעדער יוד זאָל ניט זיין קיין שווינדלער [אַ חרוץ] „כלב אזוי ווי דאָס הארץ, „לשונו" אַזוי זאָל זיין די צונג...

## 364

א גביר האָט געפרעגט דעם לובלינער רב ז"ל, — רבי, איהר בויט אַ ישיבה — אַ פראַכט בנין מיט בעקוועמליכקייטען אין קאמפארט, אמעהר עס שטייט דאָך „פת במלח תאכל, וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל" ? (אבות) ענטפערט איהם דער רב ! עס שטייט אָבער אויס געפירט „ואם אתה עושה כן". ד. ה. די זאָלסט אזוי טוהן פאר דיינטוועגין, אָבער פאר יענעם וועגין דאַרפסטו זעהן איהם צו געבין אַלערליי באַקוועמליכקייטען, — אַ צווייט מאָל האָט ער דאָס מסביר געווען אויף אַ אנדער אופן, אין פסוק שטעהט „עבד לוה לאיש מלוה" (משלי) אין אַ צווייטען פסוק שטעהט, „לא תשכב בעבוטו כי עני הוא", איז דאָך אַ סתירה ! נאָר וואָס דען ? דעם ערשטען פסוק דאַרף געדענקען — דער לוה אין דעם צווייטען פסוק — דער מלוה ! דאַ איז אויך דאָס זעלבע. דעם „פת במלח תאכל" דאַרף געדענקען דער לערן-בחור, דאַגעגען פאַר די וואָס דאַרפען שטיצען די ישובות, זיי דאַרפען געדענקען דעם פסוק „עץ חיים הוא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר"...

## 365

דער לובלינער רב ז"ל איז געקומען צו אַ קאַרגען גביר נאָך אַ נתינה פאַר די ישיבה, יענער האָט געזוכט פערשידענע תירוצים זיך אַרויסצודרעהען פון איהם, — רופט זיך אָן דער רב, די גמרא זאָגט „ישראל קדושים הם, יש לו ואין רוצה, רוצה ואין לו" (חולין ז') פרעגט תוספות, וואָסער היילינער איז דער,

וואָס האָט און וויל ניט געבין? נאָר דער תירוץ איז — פירט אויס דער רב, די גמרא זאָגט, אַז צוליעב דעם ווערט „רבי" אָנגערופען קדוש ווייל „לא הניח ידיו למטה מחגורה" (פסחים ק"ד), ער האָט ניט אראבגעלאָזט זיין האַנד אונטערען גאַרטעל, דאָס זעלבע איז אויך סיי מיט די וואָס האָבען ניט, סיי די וואָס ווילען ניט, ביידע שטעקען ניט אריין די האַנד אין קעשענע... דעריבער זענען זיי „קדושים"...

## 366

ר' אבישעל פראַנקפורטער ז"ל, איז אַ מאָל אין שמיני עצרת נאָכ'ן דאַווענען צו געגאַנגען דער חזן, (וועלכער ר' אבישעל האָט קנאַפּ געהאַלטען פון איהם) און געזאָגט, דער רב האַלט גאָר ניט פון מיר, איהר זעהט דאָך ווען איך האָב געבענשט גשם, האָט מען צוליעב מיר באַלד אראָב געשיקט אַ רעגען! — רופט זיך אָן דער רב — צוליעב אַזעלכע ווי דיר האָט מען אראָפּגעשיקט אַ גאַנצען מבול, ניט בלויז אַ רעגען...

## 367

א „גילוח" איז אַ מאָל אריינגעקומען צו ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל, פרעגט איהם דער רבי וואָס ביסטו, אַ כהן צו אַ לוי? פרעגט דער גילוח רבי! וואָס פאַלט אייך איין, אַז איך בין אַ כהן אָדער אַ לוי? — ווייל ווי קיין „ישראל" זעהסטו ניט אויס — ענטפערט איהם דער רב...

## 368

דער רבי ר' בונם ז"ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, יעדער מענטש דאַרף זיך אין יודישקייט 3) זאַכען אָבצילערנען פון אַ גנב, 1) אַז ער איז ניט פויל און גייט גנב'נען אפילו און מיטען די נאַכט. 2) אַז עס געלונגט איהם ניט דאָס ערשטע מאָל פרובט ער נאָך אַ מאָל, און נאָך אַמאָל, 3) אפילו אַ קלייניקייט איז ביי איהם אויך אַ חשיבות און גנב'עט אַלעס...

## 369

דער רבי ר' בונם ז"ל האָט געזאָגט, אַז איינעם דאַכט זיך אַז ער איז פערטיג איז ער אָב געקאָכט... נאָך האָט ער געזאָגט, אַ חסיד הייסט לפנים משורת הדין, דער דין איז, „לא תונו איש את עמיתו". אין לפנים משורת הדין איז, ער זאָל זיך אַליין ניט נאַרען...

## 370

פאר וואס איז „חותמו של הקב״ה אמת״ וואס עפעס דוקא מיט די מדה אמת, ווייל – האט דער קאצקער רבי ז״ל געענטפערט – די חתימה קען מען ניט נאכמאכען, ווייל אויב נאכגעמאכט, איז דאך ניט קיין אמת...

## 371

„גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים״ (ברכות ח׳) היתכן, אז א שוסטער וואס זיצט א גאנצע טאג און ארבעט איז גרעסער ווי א ירא שמים, נאר דער פשט איז – האט געזאגט דער קאצקער רבי ז״ל, „מיגיע כפו״ אז די הענד ארבעטען נאר, אבער דער מוח איז אין הימעל, דער איז גרעסער, ווי א ירא שמים אהן א מלאכה...

## 372

דער אסטראווצער רבי ז״ל, האט געזאגט דעם טעם וואס די ערשטע 2 פרשיות פון „כי תשא״ זענען גרויסע און נאכהער קליינע, פארוואס האט מען ניט מסדר געווען גלייכע פרשיות? – ווייל דער דין איז אז א בלינדען טאר מען ניט אופרופען צו די „תוכחה״ ווייל פאר א „בעל מום״ טאר מען ניט פאר ליינען די „מומים״ וועלכעס שטייט דארטין דעריבער קען מען ניט צו טיילען די 2 ערשטע פרשיות. וואס די גאנצע מעשה פון עגל שטייט דארט, כדי עס זאל ניט „עולה לתורה״ זיין קיין ישראל, וואס זיי האבען געמאכט דעם עגל. נאר א כהן מיט א לוי, וואס זיי האבען דעם עגל ניט געמאכט..

## 373

דער „אבני נזר ז״ל סאכאטשאווער רבי און רב, האט געזאגט, דעם טעם, פארוואס אז איינער האט ניט אויף חנוכה ליכט. מוז ער פארקויפען זיין קלייד, וואס איז דאס אנדערש ווי אלע מצות. אז „אונס רחמנא פטרי״? נאר ביי אלע מצות אז ער האט א „מחשבה טובה״ צו טוהן די מצוה, נאר ער קען ניט, ווייל ער איז א אונס, איז גלייך ווי ער וואלט געטוהן, אבער ביי חנוכה איז דאך דער עיקר מצוה דער פירסום הנס, איז דאך מיט די מחשבה אליין, נאר אזוי גוט, ווי ער וואלט געטוהן די מצוה פאר זיך אין שטוב באהאלטען, אבער ניט בפירסום, ווייל די מחשבה זיינע ווייסט דאך קיינער ניט, פעלט דאך פירסומי ניסא...

## 374

דער „חי׳ הרי״ם״ ז״ל איז אמאל געגאנגען צו זאמצן מיט ר׳ בעריש מייזליש ז״ל צו א גביר װעגין א ענין, דער גביר איז געװען א פרייער און האט געגעסין טריפות, זיי זענען פונקט אריין געקומען צו איהם ביים מיטאג עסין. האט דער „חי׳ הרי״ם״ געזאגט צו איהם, עסט מיט אגוטען אפעטיט, האט דער גביר זיך אנגערופען — װען דער רבי זאל װיסען אז איך עס יעצט טריפות װאלט איהר מיר געװיס ניט געװינשען א גוטען אפעטיט, — האט דער חי׳ הרי״ם ז״ל געענטפערט, מני׳ וביי׳. איך האב אייך ספעציעל געװינשען איהר זאלט עסין מיט א גוטען אפעטיט, װעט דאס הייסין „לתיאבון״ ניט „להכעיס״ װייל אז איהר װעט עסין אהן אפעטיט װעט איהר דאך הייסען א „אוכל נבילות להכעיס״ (סנהדרין כ״ו)...

## 375

א מתנגד האט געפרעגט דעם „חי׳ הרי״ם״. פאר װאס דאװנען די חסידים שפעט. עס איז דאך א עבירה, האט ער געענטפערט — שטייט „עבירה גוררת עבירה״ װען דאס זאל זיין א עבירה װאלטען זיי דאך ניט געװען קיין חסידים און געלערינט דער נאך א גאנצען טאג, איז א סימן אז עס איז ניט קיין עבירה...

## 376

א באװוסטער „כופר בעיקר״ ר״ל האט א מאל פאר׳ן שטארבען געזאגט, איך טוה תשובה, און האט געשריגען „שמע ישראל״ האבען זיינע קרובים דערציילט דעם „חי׳ הרי״ם״ ז״ל אז ער האט תשובה געטוהן פאר׳ן טויט, — האט דער „חי׳ הרי״ם״ געזאגט צו זיי, װי פאלט איהר אויס. ער איז געװעזין אזא „כופר״ אז ער האט געװאלט װייזין אז אלע מאמרי חז״ל זענען נישט ריכטיג, דען די חז״ל זאגען „רשעים אפילו על פתחי של גהינם, אינם חוזרין בתשובה״ (עירובין י״ט). האט ער געװאלט װייזען פארקערט אז זיי טוהן יא תשובה אין באמת האט ער ניט געמיינט תשובה צו טוהן, טאקע אזוי װי די חז״ל זאגען...

## 377

א מאל האט א װארשאװער יונגערמאן מכבד געװען דעם „חי׳ הרי״ם״ מיט סנדקאות, דער שװער איז אבער געװען א מתנגד. האט ער אליין געװאלט זיין סנדק. דער יונגערמאן האט נעהאט „עגמת נפש״ פון דעם, האט ער

דערציילט, דעם „חי׳ הרי״ם״. האָט דער חי׳ הרי״ם געזאָגט. זאָלסט דיך ניט מצער זיין. ווייל אליהו הנביא ווען ער קומט צום ברית וויל ער אליין זיין סנדק, נאָר אַז ער זעהט אַז אַ חסיד האַלט דאָס קינד. טרעט ער איהם אָב די מצוה אָבער אַז ער וועט זעהען אַ מתנגד. וועט ער אליין זיין סנדק...

378

איינער האָט זיך מתנצל געווען פאַר דעם רבי׳ן ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער ז״ל אַז מען איז איהם חושד און מיאוס׳ע זאַכען, פרעגט איהם דער רבי — וואָס זאָגסטו דערויף, האָט ער געענטפערט — איך זאָג, „אשרי מי שחושדין אותו ואין בו״ — האָט דער רבי ז״ל געענטפערט כאפ דיך גלייכער אָן אין „אשרי יושבי ביתך״ אין גיי ניט און אַזעלכע מקומות וואָס ברענגען צו אַ חשד...

379

ווען דער אַלעקסאַנדער רבי ז״ל איז געווען מיט ר׳ יחיאל מאיר גאָסטנינער ז״ל אין קאָצק. אויף יום כיפור, האָט זיך דער גאָסטינינער רבי ז״ל זיך געהייסען שלאָגען מלקות ערב יום כיפור, האָט דער אַלעקסאַנדער רבי ז״ל איהם געזאָגט איך גיי אוועק פון טאז (ט״ז) בין איך ניכט אַזוי צובראָכען. ווי יחיאל מאיר פון מלכות (מלקות)...

380

א רב איז געקומען מיט אַ חיבור אויף אַ הסכמה צום „חי׳ הרי״ם״. האָט ער איהם געפרעגט, צו ער קוקט עפּיס אין אחרונים, זאָגט ער ניין! האָט דער „חי׳ הרי״ם״ געזאָגט צו איהם, ווען מען דאַרף אין דייַ ספר אויך ניט קוקען, די ביסט דאָך אויך אַ אחרון...

381

איינער האָט דערציילט דעם חי׳ הרי״ם מען רעדט איהם אַ גוטען שידוך נאָר עס איז דאָ אַ פסול אין די משפחה, דעם מחותנ׳ס אַ ברידער, איז אַ פרייער. עס איז געווען „פרשת תצוה״, האָט דער „חי׳ הרי״ם״ געזאָגט ער זאָל טוהן דעם שידוך. ווייל עס שטייט אין היינטיגע פרשה „לשם שבו ואח למה״ איז דער טייטש, „לשם שבו״ זאָלסט קוקען אויף דעם מחותן. „ואח — למה״ וואָס טויג דיר צו קוקען אויף דעם ברידער, ווייל דאָס הייסט נישט אַז דער שורש איז געמיין, נאר איין ענף איז אוועק געפאַלען, דער שורש הייסט טאַטע מאַמע, אָבער ניט פון דער זייט...

382

דער „שפת אמת" ז"ל האט געפרעגט די חז"ל זאגען „מצות לאו להנות ניתנו" (ר"ה כ"ח) זאגט רש"י ווייל עס איז א עול, אייגענטליך אז ער טוט אב די מצוה האט ער דאך טאקע הנאה, אז'ער האט געפטר'ט דעם עול ? האט ער געענטפערט — ווייל מצוה גוררת מצוה ווערט ער קיינמאל ניט פטור פון דעם עול...

383

דער „חי' הרי"ם" איז אמאל געפארען מיט חסידים אויף א וואגען, האבען קריסטען זיי געציילט אויף פויליש יעדען דווא, האט דער „חי' הרי"ם" זיך אנגערופען זיי מאכען אונז א „דבר שבמנין" און די חז"ל זאגען „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל" (ביצה ד') וועט אונז קיין „עין הרע" ניט שאטען...

384

דער „שפת אמת" ז"ל האט געפרעגט אויף דעם פסוק אין „לך לך" „ואברכה מברכיך ומקללך אאור, ונברכו בך כל משפחות האדמה", אויב אלע וועלין זיך בענטשין מיט אברהם, וועט דאך ניט זיין „מקללך" — האט ער געענטפערט — א מתנגד האטשע ער שעלט די חסידים, פון דעסט וועגין וויל ער אין הארץ אז זיינע קינדער זאלען זיין אזוי ווי די חסידים...

385

אין קאצק האט א מאל דער בעל תוקע געבלאזען תקיעות בדוחק, האט דער קאצקער רבי זייער געליובט די תקיעות, און האט געזאגט „ובשופר" „גדול" „יתקע" אז א גדול בלאזט שופר, האטשע „קול דממה דקה ישמע" פונדעסטוועגין איז ומלאכים יחפזון...

386

דער רבי ר' איציקעל ז"ל האט געפרעגט, מיר מאכען א ברכה אלע יאר „ומעביר אשמותינו" פון וואנען ווייסט מען אז ער איז מוחל, טאמער איז עס א ברכה לבטלה ? — האט ער געענטפערט — דער שטייגער איז א קינד אין חדר האט א ציקעריל און זיינע חברים ווילען אויך א שטיקעל, און ער וויל ניט געבין, טרעפט אז א קלוג יונגעל מאכט עקסטרע א ברכה, מוז ער איהם שוין געבין כדי עס זאל ניט זיין קיין ברכה לבטלה...

## 387

א רב האָט אַ מאָל געזעהען אַז איינער איז געשלאָפען אויף אַ גמרא, האָט ער זיך אָנגערופען אַ צינד איז מיר פערענטפערט די סתירה, „לא איברי לילה אלא לגירסא" די נאַכט איז באַשאַפען געוואָרען צו לערנען, און עס שטייט אויך „לא אברי לילה אלא לשינתא" צום שלאָפען (עירובין ס"ה) יעצט האָט ער ביידע מאמרים מקיים געווען...

## 388

צו ר' יאָשע בער ז"ל בריסקער רב איז געקומען אַ משכיל, און איהם געוויזען אַ שווערען ילקוט, אַז איינער האָט געפרעגט ר' מאיר'ן אַ פסוק, האָט ר' מאיר געזאָגט „לא כתוב במקרא כן" און באמת שטייט יאָ אַזוי אין פסוק? — האָט ער געענטפערט — דער דין איז „דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרן בעל פה" (גיטין ס') נאָר מען מוז זאָגען אַ ביסעל אַנדערש ווי עס שטייט, דעריבער אַז ער האָט געפרעגט ר' מאיר'ן דעם פסוק „בעל פה" האָט ר' מאיר געזאָגט מיט אַ ווינדער „לא כתוב במקרא כן" שטייט דען ניט אַזוי אין פסוק? ווי די זאָגסט, טאָר מען דאָך ניט...

## 389

א מאָל האָט אַ משכיל געזאָגט צו ר' יאָשע בער ז"ל אין אַ תענית, מיט אַ געלעכטער, צו זאָל איך היינט פאַסטען. — האָט ער געענטפערט — די חז"ל זאָגען אַז דער תענית איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט מקריב געווען זיין בלוט אויף דער מזבח, ווייל דורך זיין פאַסטען ווערט געמינערט דאָס בלוט, אָבער די האָסט דאָך טריפה בלוט ווייל די עסט טריפות, ווערסט די דאָך מקריב זיין טריפה בלוט...

## 390

דער רבי ר' יהונתן אייבעשיץ ז"ל פלעגט לייענען אַ בוך אין בית הכסא, כדי ער זאָל ניט מהרהר אין לערנען, האָט ער געלייענט, אַז מען גיסט אַרויף „בשר בחלב" אויף אַ בוים, וואַקסט זייער שיינע פרוכטען, ווען ער איז אַרויס געגאַנגען, האָט ער געזאָגט, יעצט איז מיר רעכט דאָס וואָס שטייט אין די תורה „ביכורים" לעבין „בשר בחלב" מיינט מען, אַז די זאָלסט ניט קאָכען „בשר בחלב" כדי דורך דעם זאָלסט די אַרויף גיסען אויף דער בוים עס זאָל וואַקסען שיין...

391

דער סאָכיטשאָווער רב ז״ל האָט געזאָגט, אויף דעם מנהג, פאַר וואָס מען שפּילט אין חנוכה? ווייל היינט צינדט מען אין שטוב, אין דער פּירסום איז פאַר די קינדער פון שטוב, דעריבער שפּילט מען כדי זיי זאָלען ניט שלאָפען, ווייל אויב זיי וועלין שלאָפען, וועט דאָך קיין פּירסום ניט זיין.

392

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געזאָגט אויף די רש״י „וישלח יעקב מלאכים״ מלאכים ממש, אַ יוד אַ טובה צו טוהן פון עשו הרשע מעג מען מטריח זיין אפילו אַ מלאך אויך...

393

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געטייטש, „ויהי מקץ שנתיים ימים״ יעדער יוד זאָל מאַכען אַ ענדע צו די פערשלאָפענע יאָהרען נאָר אַלעס צו טוהן וואַכענדיג ניט פערשלאָפען. „והנה עומד על היאור״ און זיך אָבשטעלען ביי דעם ליכטיגקייט...

394

נאָך האָט ער געזאָגט, „אדוני שאל את עבדיו״ השי״ת פרעגט זיינע יודעלעך „היש לכם אב או אח״ עטץ ווייסט אַז עטץ האָט אייביג אַ אדון, אָבער צי האָט עטץ פאָטערליכע פריינדשאַפט „ונאמר אל אדוני״ ענטפערען מיר יודען, „יש לנו אב זקן וילד זקונים״, מיר האָבען איהם דעם אַלטען טאַטען ווייטער, פון לאַנגע יאָהרען און די אַלטע תורה הקדושה...

395

נאָך האָט ער געזאָגט „ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה״ יעקב האָט געלעבט אין מצרים אין גרויס צער, ביי איהם איז אָבער געוועזען אַלץ גוט. ער האָט אַלץ מקבל באהבה געוועזען, „טוב״ באַטרעפט 17...

396

א גאון — האָט אַ מאָל געענטפערט — די וועלט׳ס קשיא אין „פרשת בא״ פאַרוואָס, שטייט „ולא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה״ שטייט „לא תוציא״

א לשון יחיד, און „ועצם לא תשברו בו" שטייט א לשון רבים, נאר די חז״ל זאגען „אין מוציא אחר מוציא" אז איינער האט מוציא געווען, איז שוין דער צווייטער פטור אויף די הוצאה, אבער „יש שבר אחר שבר" דעריבער ביי הוצאה שטייט א לשון יחיד, ווייל נאר איינער איז מחויב, אבער ביי „שבירת עצם" זענען א רבים אויך מחוייב...

## 397

א רבי האט געטייטשט „ווי העמודים וחשקיהם כסף" (תרומה) „ווי" די העקעליך די אנהענגערס וואס האלטען פון זייערע „עמודים" (רבי׳ס) „וחשקיהם" און טוהן גלוסטען צו זיי, „כסף" האבען געלד און פרנסה...

## 398

דער מדרש זאגט „ולקחתם לכם ביום הראשון ראשון לחשבון עוונות" האט א גאון געזאגט, ווייל עץ הדעת אתרוג היה" (סנהדרין ע״א) דאס איז ראשון לחשבון עוונות ווייל פון אדם הראשון האט זיך אנגעהויבען די עוונות...

## 399

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האט א מאל געזאגט, ווען אברהם אבינו וואלט זיך מיט מיר געוואלט טוישען, אז איך זאל זיין „אברהם", און ער זאל זיין „בינם", וואלט איך ניט געוואלט, ווייל וואס א ריווח וועט דער אין הימעל האבען דערפון...

## 400

נאך האט ער געזאגט, „עין ד׳ אל יראיו" דער „עין ד׳" איז פאראן ביי די „יראים", זיי זעהען אלעס...

## 401

דער „חי׳ הרי״ם" האט געטייטשט די גמרא „כל ימי עני רעים", פרעגט די גמרא „והאיכא שבתות ויו״ט" ענטפערט די גמרא „שינוי וסת תחילת חולי מעיים" (ב״ב קמ״ה) „עני" מיינט מען א „עני בדעת" (נדרים פ״א) פרעגט די גמרא דערויף, שבת קריגט דאך יעדער א ריכטיגען דעת ווייל עס איז דא א נשמה יתירה, ענטפערט די גמרא, „שינוי וסת תחילת חולי מעיים" קריגט ער א גרויסען בויך, ער בלאזט פון זיך...

## 402

ר׳ ברוך סטיצינער ז״ל האָט געזאָגט פאר וואָס ביי א נזיר זאָגט די תורה ווען עס טרעפט ביי איהם א טומאה „פלוצלינג״ און ביי א כהן זאָגט ניט די תורה „פלוצלינג״ ? ווייל אַלע שלימאַזלען טרעפען א פרימען. דעריבער ווייל דער נזיר האָט אויף זיך גענומען אזעלכע זאכען וואָס מען מעג, און ער האָט אויף זיך געאסר׳ט, טרעפט זיך ביי איהם פלוצלינג א טומאה, דעם 29׳טיגען טאָג, און ער דאַרף אויפסניי אָנהויבען ציילין 30 טאָג, אָבער דער כהן איז א קלוגער, טרעפט זיך איהם ניט קיין פלוצלינגע טומאה...

## 403

ווען ר׳ יצחק׳ל וואָרקער ז״ל איז געקומען פון ר׳ מאָטעלע טשערנאבילער ז״ל קיין פרשיסחא צום רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל, האָט איהם דער קאָצקער רבי ז״ל געפרעגט, וואָס האָסטו געזעהען אין טשערנאָביל, האָט ער געענטפערט, ער האָט געזעהען „דעם בעל שם טוב׳ס טישעל״, האָט דער קאָצקער רבי ז״ל געזאָגט צו איהם איהר האָט געזעהען א אלטען טיש פון א הונדערט יאָהר, אונדזער רבי ווייזט אונז שטענדיג אַלטע זאכען פון זעקס טויזענד יאָהר, די באַשאפונג פון הימעל און ערד. און ווער עס האָט דאָס באַשאפען..

## 404

דער רבי פון לובלין דער „חוזה״ ז״ל האָט געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל, וואָס מיינט מען „השמר לך פן תשכח״ ווי עס שטייט „השמר פן״ איז דאָך א לאו (פסחים מ״ב) ווי אַזוי איז מיגליך ער זאָל ניט איינמאָל פארגעסען ? האָט דער רבי ר׳ בינם ז״ל געענטפערט, דער דין איז ביי שכחה, אז איינער פערגעסט אין פעלד א סאַך תבואה אויף א מאָל איז דאָס ניט קיין שכחה, ווייל ער וועט זיך שפעטער געוויס דערמאַנען, אַזוי דאָ אויב ער איז א צדיק און געדענקט שטענדיג אין השי״ת. אפילו ער פערגעסט א מאָל וועט ער זיך געוויס דערמאָנען...

## 405

דער רבי ר׳ העניך ז״ל פון אלעקסאַנדער האָט א מאָל געפרעגט א חסיד פאַר וואָס ער קומט קנאַפּ צוזאַמען מיט חסידים, האָט ער געענטפערט ! די וועלט זאָגט, אז פון נישט צוזאמען קומען האָט מען נישט קיין חרטה, — האָט דער רבי ז״ל געזאָגט איהם : עס איז אמת ווי די זאָגסט, אז פון נישט צוזאַמען קומען האָט מען נישט קיין חרטה, אויף די עבירות וואָס מען האָט געטוהן...

## 406

„טוב תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון" (אבות פ"ב) האָט ר' יחזקאל'ע קאָזמיר ז"ל געטייטש, אויב אַ מענטש איז עוסק בלויז אין לערנען, מיינט ער אַז ער איז שוין פערטיג און געפונט ניט אויף זיך קיין זינד, פאַלט ער טיילמאָל אין גיאות, אָבער אַז ער איז עוסק אויך אין האַנדעל, קען ער זעהען אויף זיך חסרונות, דאָס מיינט מען „שיגיעת שניהם", אַז ער האַנדילט אויך „משכחת עון" געפונט ער אויף זיך אַ עון, ממילא קען ער שוין ניט זיין קיין בעל גאוה...

## 407

ווען ר' ישראל'טשע ריזינער ז"ל איז געזעסען אין תפיסה, האָט ער געזאָגט: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא", דאָס וואָס איך זיץ אין תפיסה האָב איך קיין זאָרג ניט, „רע כי אתה עמדי" עס איז מיר נאָר שלעכט, איך האָב נאָר צער דערפון וואָס די שכינה איז זיך מצער, ווייל „כי בצרתם לו צר" (ישעיה ס"ג) האָב איך פון דעם צער...

## 408

דער רבי ר' בינ'ם ז"ל האָט געזאָגט „וירוממך לרשת ארץ" (תהלים ל"ז) אַז פאַר די ירושה פון ארץ ישראל, וועלין יודען וועלין דערהויבען, און עס וועט זיי גוט זיין, דערויף האָט דער אַמשינאָווער רבי ז"ל געזאָגט אַ רמז פון די חז"ל אַז מען טאָר ניט פאַסטען ערב שבת, כדי מען זאָל ניט אריין גיין אין שבת אריין ווען מען איז געפאַניגט (עירובין מ"א)...

## 409

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם זוהר אַז יום כפורים מאַכט כ'פורים" אַזוי ווי פורים, מיט וואָס איז פורים גרעסער ווי יום כיפור, נאָר ווייל די חז"ל זאָגען „חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע כו'" אין דער עיבוי פון דעם איז גרעסער ווי דער עינוי פון גוף...

## 410

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט „הנוי והנצח לחי עולמים" אַלע שיינע זאַכען, אין אַצייט אַרום פערלירען זיי דאָס שיינקייט, אָבער די זאַכען וואָס זענען „לחי עולמים" איז אַ אייביגע שיינקייט...

## 411

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, די יונגעלייט וואָס זיצען אין דער היים „הולך ואינו עושה שכר הליכה בידו״ אייגנטליך אז „אינו עושה״ ער טוט גאָר ניט אין בית המדרש פאַר וואָס קומט עם שכר? נאָר מען מיינט ההולך ער גייט אוועק פון די הייט, האָט ער שכר פאַר דעם, ווייל כל זמן מען איז צוגעבינדען צו די שטוב איז שווער צו לערנין און דאַווענען...

## 412

דער חז׳ הריי״ם ז״ל האָט אַ מאָהל געזאָגט אַ יונגערמאַן וואָס פלעגט לערנען שיעורים אין דער היים. די גמרא דערציילט (אין מסכת שבת ד׳ י״ג) אַ מעשה פון אַ תלמיד וואָס איז געשטאָרבען יונגערהייד, איז דאָס ווייב געקומען אין בית המדרש, און האָט געזאָגט מיין מאַן האָט אַזוי פיעל געלערינט פאַרוואָס איז ער געשטאָרבען יונגער הייד, אמאָל איז אליהו הנביא אַדורך געגאַנגען פאַר איהר, האָט זי איהם אויך דערציילט דאָס אַלעס, האָט אליהו איהר געפרעגט, ווי אַזוי האָט ער זיך געפירט מיט דיר אין די ימי נדה. אייגענטליך ווי פאַלט ער אויס דאָס צו פרעגען? נאָר ער האָט פאַרשטאַנען אַז מסתמא האָט ער געלערינט שיעורים אין שטוב ניט אין שטיבעל, ווייל אַז ניט, פונוואַנעט ווייסט זי צוזאָגען, אַז מיין מאַן האָט אַ סאך געלערינט, אפשר האָט ער אין שטיבעל ווייניג גילערינט, נאָר מוז זיין אַז ער האָט געלערינט אין דער היים, דעריבער האָט זי געזעהען אַז ער לערינט אַסאַך, האָט אליהו געזאָגט אויב אַזוי, אַז ער איז צוגעבינדען צו די שטוב, ווי פירט ער זיך אויף „בימי נידותך״...

## 413

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געטייטש „כי כל „שאור״ וכל „דבש״ לא תקטירו ממנו אשה לד׳״ נישט פאַריש, נישט היימיש ד. ה. ער זאָל ניט טוהן קיין מצוה אַזוי ווי אַ פאָער אָהן דעת, אין ניט היימיש אַזוי ווי די חז״ל זאָגען, „חברותא כלפי שמיא מי איכא״ (ברכות ל״ד)...

## 414

נאָך האָט ער געטייטשט „ויחר אף ד׳ במשה״ דעם חרון אף וואָס השי״ת האָט געהאַט אויף די מצריים, דאָס האָט משה אויך געקריגען, פריער האָט משה ניט געוואָלט גיין קיין מצרים אויסלייזען די יודען, נאָר דער נאָך ווען דער חרון אף פון אַ ד׳ איז אריין אויך אין משה, ער האָט אויך געקריגען אַ חרון אף אויף די מצרים, איז ער דענסטמאָל געגאַנגען זיי אויסלייזין, אַזוי דאַרף זיין ביי

יעדען צדיק וואָס ער טוט פאַר דעם כלל ישראל, דורך דעם וואָס ברענט אין איהם דער חרון אף פון אייבערשטען דאָס וואָס יודען זענען משועבד אונטער די סטרא אחרא ח״ו, דענסטמאָל קען ער זיי טוהן אַ טובה...

## 415

דער דובנער מגיד ז״ל האָט געטייטש דעם פסוק „ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל" אַז די ווערסט מיד מיינסט די נישט מיך. ביי מיין סחורה ווערט מען נישט מיד, דער קאָצקער רבי ז״ל האָט זייער געלויבט דאָס וואָרט...

## 416

א מתנגד האָט אַ מאָל געזאָגט מיט אַ שמייכעל צום קאָצקער רבי׳ן ז״ל, איהר זענט אַזוי גרויס אַז ביז אין זיבעטין הימעל, האָט ער געענטפערט — איך בין אַזוי קליין אַז מען מוז אייגבייגין אַלע 7 הימלען צו מיר...

## 417

ר׳ מענדילע וואָרקער ז״ל האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף ווייניג רעדין, אפילו אַזא זאַך וואָס איך וועל דאָס סיי ווי מוזען רעדין שפּעטער, פון דעסטוועגין כל זמן אַז ער קען זיך איינהאַלטען זאָל ער ניט רעדין. אַ ראיה פון די חז״ל „כל תיבה שצריכה למ״ד בתחילתה הטיל לה ה״א בסופה", אייגענטליך פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? נאָר די תורה ווייזט אונז דאָס אויבער דערמאָהנטע אַז האָטשע צום סוף וועל איך דאָס מוזען רעדין אָבער דערווייל זאָלסט די דיך איינהאַלטען און ניט פריער רעדין...

## 418

ר׳ יצחק׳ל וואָרקער ז״ל איז אַ מאָל געגאַנגען ווינטער באַנאַכט צוזאַמען מיט די חסידים מחדש זיין די לבנה, האָט ער געוואַרט אַ צייט, ווייל עס איז געווען פערוואָלקענט, האָט ער געזאָגט צו די חסידים „מצוה גוררת" אַ מצוה וואָס שלעפּט זיך, „מצוה", איז אויך אַ מצוה דאָס וואַרטען אַליין איז אויך אַ מצוה...

## 419

נאָך האָט ר׳ יצחק׳ל וואָרקער ז״ל געטייטשט „חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין, כדי שיכוונו את לבם לאביהם שבשמים" וואָס האָבין זיי

געטוהן אין די שעה? נאָר דער טייטש איז „היו שוהין שעה אחת ומתפללין" זיי האָבען אין די שעה געבעטין, אז „כדי שיכוונו" אז זיי זאָלען קענען מכוון זיין, בייַ דעם דאַווענען...

420

נאָך האָט ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל געזאָגט, פאַר וואָס פרעגט די משנה „מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע" און ניט „מה בין אברהם לבלעם" נאָר צווישען אברהם און בלעם האָט מ'ניט געקענט דערקענען אַ חילוק, ווייל אויך בלעם איז געגאַנגען אָנגעטוהן אַ באָרד מיט פּיאות, נאָר און דיא תלמידים האָט מעז אָנגעזעהען אַ חילוק...

421

דער חי' הרי"ם ז"ל האָט געזאָגט, דעם טייטש פון די ברכות, „אוזר ישראל" „עוטר ישראל" וואָס בייַ קיין שום ברכה שטייט ניט דאָס וואָרט „ישראל" נאָר „אוזר" איז טייטש אַ גאַרטעל, „עוטר" איז טייטש אַ קאַפּעל, מיט דעם ווערט מען אָנגערופען „ישראל" אַ רעכטער יוד...

422

דער חי' הרי"ם ז"ל האָט געזאָגט, „הוי דן את כל האָדם לכף זכות" „כל האדם" דעם גאַנצין מענטש, אז די ווערסט דן זייַן דעם גאַנצין מענטש ווערסט די געפונען אויף יעדין יוד אַ זכות...

423

אַ מאָל האָט דער חי' הרי"ם ז"ל געזאָגט צו אַ רב, די חז"ל זאָגען „זכור ושמור בדבור א' נאמרו מה שאין הפה יכול לדבר, ואין האוזן יכולה לשמוע", (ר"ה כ"ז) אייגענטליך וואָסער נייץ האָט מען געהאַט פון דעם. אז פּיי ווי קען מען דאָס ניט רעדין און הערין? נאָר ווייזט אויס דערפון, אז ווערטער וואָס גייען פון אַ הויך אָרט. האָטש דער מענטש קען עס ניט באַגרייפין. דאָך טוט דאָס אַ פּעולה אין מענטש...

424

דער „ריזינער" ז"ל האָט געפרעגט אַ מאָל דעם חי' הרי"ם ז"ל ווער מאַכט דעם שאָסע אין פּולין יודען צו ערלים?, האָט דער חי' הרי"ם געענטפערט, יודען

האָבן זיך אונטער גענומען די אַרבייט, — האָט דער ריזינער געזאָגט, ווער קען דען מאַכען אַ וועג, אַז נישט נאָר יודען...

## 425

דער רבי ר׳ העניך ז״ל פון אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס ער גרייט ניט שבת צום טיש (12 חלות) י״ב חלות, נאָר 2 חלות, ווייל אַ יוד פיט ב׳ חלות, איז אויך י״ב חלות...

## 426

ווען מען האָט אויפגערופען דעם זון פון רבי׳ן ר׳ העניך ז״ל צום ספר ווען ער איז געוואָרען בר מצוה, נאָך די ברכה „ברוך שפטרני״ האָט ער געזאָגט צום זין, איך בין שוין דיינע פטור, אָבער די ביסט נאָך ניט מיינע פטור...

## 427

אַמאָל האָט דער רבי ר׳ העניך ז״ל פון אלקסאַנדער, געזאָגט צו איינעם פאַר וואָס ווערט אָנגערופען דער „רחם״ פון אַ אשה, „קבר״, (כריתות י׳) ווייל מען קען דאָרטען באַגראָבען ווערין ....

## 428

אַ פרוי האָט אַמאָל געוואָלט אַריין גיין צום רבי׳ן פון אַלעקסאַנדער מזכיר זיין אַ חולה, דער משמש האָט ניט געוואָלט אַריין לאָזען, האָט דער רבי געהייסען אַריין לאָזען, און האָט געזאָגט, צו זיין אַ רבי איז דאָך אַ עונש און דיא חז״ל זאָגין דאָך „השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין״ (ב״ק י״ג.) אַז צו אַ עונש, איז אַ אשה גלייך צו אַ איש...

## 429

אַ רב איז אַ מאָל געקומען צו אַ קאַרגען נגיר נאָך אַ נדבה פאַר אַ ישיבה, האָט ער איהם אָפגעזאָגט, — זאָגט צו איהם דער רב יעצט זעה איך ווי רייך דער רבש״ע איז, אַזוי ווי עס שטייט „כי לי הכסף ולי הזהב״ אין ווי דער שטייגער איז, אַז אַ גביר וואַרפט אַריין אַ הונדערטער אין אַ מיסט-קאַסטען, וועט ער זיך ניט פאַטשקען די הענט אין אַ רויסנעהמען, און אַ מילאָנער, וועט אפילו צוליעב אַ טויזענטער אויך זיך ניט מטפל זיין אין אַרויס נעהמען, הייגט זעה זשע ווי רייך איז דער אין הימעל, אַז ער האָט אַריינגעוואָרפען אַזוי פיעל

שווענטער אין אזא מיסט קאסטען ווי ביי איך, און ער נעמט זיי ניט ארויס...

## 430

א שווער האט גענומען א איידעם א למדן אין האט איהם צו געזאגט צעהן יאהר קעסט, צעהן טאג נאך דער חתונה, זאגט דער שווער צו איהם „יום אחד בשנה חשוב שנה (ר״ה ב׳) א טאג איז גערעכענט פאר א יאהר, האסטו שוין אב געגעסין דיינע קעסט,— ענטפערט איהם דער איידעם, אויב אזוי האב איך דאך שוין געוואהנט מיט איהר 10 יאהר אן קינדער, קומט דאך איהר א גט (יבמות ס״ד)...

## 431

א יינער האט זיך געזשאלעוועט פאר א רבי׳ן אז ער האט א איידעם, אין דאס פאר פאלק לעבט ניט בשלום, דערציילינדיג איהם, אז זיי האבין זיך אליין געשדכ׳נט, — האט דער רבי געזאגט — דאס מיינט דער פסוק „טובים השניים״ ווען לעבין זיך גוט דאס פאר פאלק, אז „מן האחד״ ווען זיי זענען פון אייבערשטען אליין וואס מען האט אויסגערופען בת פלוני לפלוני (סוטה ב׳)...

## 432

א גאון וואס חאט געהאט א שלעכט ווייב און זי פלעגט זיך האלטען גרויס, גלייך ווי עך, האט ער געזאגט יעצט איז מיר פערענטפערט די סתירה, איינמאהל שטייט „מצא אשה מצא טוב״, און א אנדער ארט שטייט, „ומוצא אני מר ממות את האשה״? (זעה ברכות ח׳.) נאר דער תירוץ איז „איש״ באטרעפט 311, „אשה״ באטרעפט 306, דאס איז מרמז אז זי דארפט האלטען דעם מאן העכער פאר זיך אין איהם שעצען, דעריבער מצא „אשה״ איז „טוב״ אבער „ומוצא אני את „האשה״ מיט א ה׳ 311, גלייך מיט איהם. דאס איז ביטער...

## 433

א רב וואס האט געהאט 8 טעכטער חתונה צו מאכען, האט געשריבען צו א צווייטען רב אין א מליצה „קצתי בחיי מפני בנות חית״...

## 434

א רב האט א מאל געזאגט, — צו איינעם — וואס פלעגט געבין גרויסע נדבות אין שול, נאר א גאנצע וואך פלעגט ער בארגען געלד און קיינעם ניט

אוועק געבין אַ גראָשען, — „בפרוע פרעות בישראל" — און נאָכהער „בהתנדב עם" פריהער באַצאָל די חובות פון יודען, און דער נאָך גיב נדבות...

435

ר' איצעלע וואָלאָזינער ז"ל איז געווען מיט א דעפוטאַציע ביים עסטרייכישען מיניסטער. פרעגט איהם דער מיניסטער, פאַרוואָס זיצט דער רבי לינק'ס ? האָט ער געענטפערט : ווייסט דען ניט דער מיניסטער אַז יודען האָבען ניט קיין רעכט... פאַרוואָס שלינגט איהר זיך יודען איינער דעם צווייטען ? האָט ער געענטפערט פיש אַז זיי זענען ניט אין דער פריי זיי לעבין אין ענגעניש שלינגען זיי איינער דעם צווייטען...

436

דער גראָדנער ראש ישיבה איז אריין אין אַ שטוב וואו אַ חברה האָבען געשפילט אין קאָרטען. זאָגען זיי, רבי, די תורה זאָגט „אחרי רבים להטות" און מיר זענען דאָך מעהר, קומט מיט אונז שפילען, האָט ער זיי געענטפערט, ווען אַ געזונטער קומט אַריין אין אַ שפיטאָל, וואו עס ליגען אַ סאַך קראַנקע, צו דאַרף ער זיך אויך לייגען מיט זיי ? די תורה זאָגט „אחרי רבים להטות", מיינט זי, געזונטע...

437

דער גאון ר' בעריש מייזל'ש וואַרשאַווער רב איז געווען אַ מאָל ביי דעם עסטרייכישען קיסר, האָט דער קיסר איהם מכבד געווען מיט אַ ציגאַר, ער האָט געהאַלטען דעם ציגאַר, און האָט ניט פאַרויכערט, פרעגט איהם דער קיסר, פאַר וואָס רויכערט איהר ניט דעם ציגאַר ? — האָט ער געענטפערט, איך וויל ניט אַז אַ מתנה פון מיין קעניג זאָל פאַרלאָרען גיין מיט'ן רויך...

438

א יונגערמאַן איז אַ מאָל געפאָרען קיין פראַנקפורט, און האָט געהאַט מיט זיך עטליכע טויזענד רובעל, אויפען וועג איז ער אַריין אין אַ בית הכסא האָט ער דערווייל אַנידער געלייגט דאָס געלד אויף אַ באַלקען, און האָט נאָכהער פערגעסין דאָס צו נעמין, אין וועג האט ער זיך געחאַפט אַז ער האָט ניט דאָס געלד, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען און וויינען, דורך דעם פענצטער האָט איהם דער גאון ר' אבישעל ז"ל דערזעהען האָט ער איהם אַרויף גערופען. זאָגט ער צו איהם וויין ניט מיין קינד איך האָב דאָס געלד, רוה דיך אָב עס עפעס,

נאכהער וועל איך דיר געבין דאס געלד, דערוויל אז ער איז שוין געווען בארוהיגט האט ער זיך דערמאנט אז ער האט דאס פערגעסין אין בית־הכסא, איז ער אהין געלאפען און האט געפונען דאס גאנצע געלד. איז ער צוריק ארײַן צו ר׳ אבי׳של, האט איהם ר׳ אבי׳של געזאגט, איך האב דיר נאר צוריק געגעבין דעם ישוב הדעת האב איך געוויס אז די וועסט שוין געפונען דאס געלד...

439

פאר וואס איז א חזן אויך א שוחט? – ווייל עס שטייט: „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם".

440

א גאון האט אמאל געזאגט צו א פרייען חזן יעצט איז מיר רעכט, דער מאמר חז"ל חזן „עובר" לפני התיבה" ד. ה. ער איז א חזן וואס איז עובר אויף די תורה...

441

א קלוגער מגיד איז אריין צום באראן ר׳ אנשיל ראטשילד בעטין א נדבה אויף חתונה צו מאכען זיינע טעכטער, האט איהם דער לאקיי ניט אריין געלאזט, זאגט איהם דער מגיד. זאגט איהם אז איך וויל נאר רעדין אייןווארט ניט מער, האט ר׳ אנשיל איהם געהייסין אריינלאזין. ווען ער איז אריין צום באראן. זאגט דער מגיד „גמרא" פרעגט איהם דער באראן, וואס מיינט איהר? גוט, מארגען, ר׳ אנשיל, (די ראשי תיבות פון „גמרא") פרעגט איהם ווייטער דער באראן, וואס פערלאנגט איהר? „גמרא" גוט, מעות, ר׳ אנשיל, דער באראן גיט איהם 20 מארק, זאגט דער מגיד „גמרא" גיט, מעהר. ר׳ אנשיל פרעגט דער באראן פארוואס דינגט איהר זיך, זאגט דער מגיד, „גמרא" גרויסע, מיידין, ר׳ אנשיל...

442

איינער האט געפרעגט א מגיד, פארוואס ווען עס איז דא א גרויסער עולם, ביי אייער דרשה זאגט איהר בעסער ווי ביי א קליינעם עולם. – ענטפערט דער מגיד – ווייל עס שטייט „ברוך שאמר והיה העולם" ווען לייבט מען דעם זאגער אז עס איז דא א גרויסער עולם. ווייל עס זאגט זיך בעסער, אבער „במתי מעט כמה שנאמר" ווי עס זאגט זיך...

443

דער „שפת אמת" ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט צו א יונגערמאַן „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" מען שלאָפט נישט, מען היט דאָס יודישקייט... נאָך האָט דער „שפת אמת" געזאָגט „ויוצאים בכסף וזהב ואין בשבטו כושל" דאָס געלד האָט זיי נישט געשאַט... נאָך האָט דער „שפת אמת" געזאָגט, „איך אעלה אל אבי והנער איננו אתי" (פ' ויגש) ווי אַזוי וועל איך אויפגיין צום טאַטען אין הימעל כל זמן אַז איך האָב ניט מתקן געווען די ימי נערות...

444

דער פאָריסובער רב ז"ל איז אַ מאָל געגאַנגען שפּאַצירען מיט דעם „שפת אמת" ז"ל אין זומער אין אַ גרויסע היץ, רופט זיך אָן דער פאָריסובער רב ז"ל אַז עס איז זעהר אַ גרויסע היץ עס איז שווער צו פאַרטראָגען. — האָט דער „שפת אמת" ז"ל געענטפערט, אַז מען נעמט אויף זיך צו האָבען אַ עול מלכות שמים „כשור לעול וכחמור למשא" איז דאָך „חמרא אפי' בתקופת תמוז קריר לי" (שבת נ"ג)...

445

דער „שפת אמת" ז"ל איז אַ מאָל געווען ביי אַ גביר אין שטוב האָט ער איהם געוואָלט מכבד זיין מיט אַ גרויסען כיבוד, האָט דער „שפת אמת" ניט געוואָלט, — האָט איהם דער בעל הבית געפרעגט, די חז"ל זאָגען דאָך, „כל מה שאומר לך בעה"ב עשה" (פסחים פ"ו) ד. ה. אַלץ וואָס דער בעה"ב הייסט דיך זאָלסטו טוהן, — האָט דער „שפת אמת" געענטפערט, עס שטייט דאָך אויסגעפירט, „חוץ מצא" ד. ה. אויסער ער הייסט דיך אַרויסגיין פון זיין שטוב, אייגענטליך אַז דער בעל הבית הייסט איהם אַרויס גיין פון זיך מוז ער דאָך איהם פאָלגען אַז ניט וועט ער איהם אַרויס וואַרפען? נאָר מען מיינט, דאָס וואָס די חז"ל זאָגען „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם", (אבות פ"ד) דאָס הייסט „צא"

בעמערקונג! אין ש"ס איז דער „חוץ מצא" פעררינגעלט, ווייל אין תנא דבי אליהו רבה פרק ו' שטייט „כל מה שאומר לך בעל הבית עשה כשהוא דבר כשרות" ד. ה. אַז אויב ער הייסט דיך טוהן אַ דבר איסור זאָלסטו עס ניט פאָלגען, אַזוי איז אויך געווען אַ גירסא אין ש"ס „חוץ מצד איסור" נאָר עס איז געשטאַנען, „חוץ מצ"א" דאָס האָט געמאַכט „חוץ מצד איסור" נאָר דער מדפיס האָט געמיינט אַז עס מאַכט „חוץ מצא" אין האָט געדריקט אָהן די איבער שטרייכעלעך, נאָר די השערה איז ניט קיין ריכטיגע ווייל אין דעם ערשטען ש"ס פון יאָהר רנ"ב, שטייט אויך „חוץ מצא"...

446

א יונגערמאַן האָט מזכיר געווען פאַר דעם „שפת אמת" ז"ל אַז זיין קינד זייגט ווייניק, און האָט גאָר ניט פערלאַנגט פון „שפת אמת" אַז ער זאָל איהם זאָגען חסידות, האָט דער „שפת אמת" עם געענטפערט, זעה די זאָלסט אויך עפּיס זייגען...

447

א יונגערמן האָט זיך מזכיר געווען פאַר דעם „שפת אמת" ז"ל אַז מען האָט עם צוגעגנב'ט דאָס שטריימיל אין גור, האָט דער „שפת אמת" ז"ל עם געענטפערט, דער עיקר זאָלסטו זעהן מען זאָל דיר דעם קאָפּ נישט צו גנבנ'ען...

448

איידער דער „שפת אמת" ז"ל איז געוואָרען רבי, האָט ער אַ מאָל געגעסין „מלוה מלכּה" צו זאַמען מיט נאָך חסידים, ווען מען האָט געזונגען די זמירות פון אליהו הנביא, צוקומענדיג צום פסוק „אשרי מי שראה פניו בחלום", האָט איינער זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל צום „שפת אמת" אויב ער האָט שוין אַ מאָל געזעהן אליהו הנביא אין חלום, — האָט ער געענטפערט — וואָס פרעגסטו פּונקט אויף דעם „אשרי", און ניט אויף „אשרי האיש אשר לא הלך כו' ובמושב לצים לא ישב...

449

א מאָל איז געקומען אַ חסיד צום „שפת אמת" מיט אַ צושלאָגען פּנים, און האָט דערציילט, אַז ער איז אַ דורך געפאָרען דורך אַ שטאָט, און האָט אָהן גערופען דעם דאָרטיגען רבי'ן ביי דעם נאָמען, האָבען די חסידים עם אַזוי צושלאָגען, פרעגט איהם דער „שפת אמת" ז"ל נאָך וואָס האָט דאָס דיר גיטויגט, האט דער חסיד געענטפערט, וואס איז דען אַז מען רופט יאָ ביי דעם נאמען, האט דער „שפת אמת" עם געזאגט, זעהסט דאך, וואס איז...

450

דער „שפת אמת" האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ יונגערמאַן, וואָס האט בודק געווען די כתבים פון „שפת אמת" זייענדיג אין זיין שטוב אליין, ווען דער „שפת אמת" איז אַריינגעקומען, האָט ער צו איהם געזאָגט, עס שטייט „לא תעבור בי פן בחרב אצא לקראתך" אייגענטליך וואָס מיינט מען „פן" וואָס דאס איז

אלשון „ספק? נאר דער טייטש איז, „לא תעבור בי״ די זאלסט ניט אדורך גיין דורך מיר די זאלסט געוואהר ווערין מיינע סודות... „פן בחרב אצא לקראתך״ טאמער וועט א מאל אויסקומען אז איך וועל דארפען גיין מיט דיר אין די מלחמה אריין, וועסט די דאך וויסען אלע מיינע סודות...

## 451

דער „שפת אמת״ ז״ל האט געזאגט דעם טעם פאר וואס „עכו״ם ששבת חייב מיתה״ (סנהדרין נ״ח:) ווייל שבת איז דאך א עדות וואס יודען זאגען עדות אויף דעם אייבערשטען. (זעה תוס׳ חגיגה ג׳ שבת קי״ח) אין דער דין איז דאך ביי עדות „נמצא אחד מהם קרוב או פסול עדותו בטלה״ (מכות ה׳.) דעריבער טאר ער קיין שבת ניט היטען...

## 452

דער „שפת אמת״ ז״ל האט זיך אמאל געזעגינט מיט א גרוסען רבי׳ן אין זיין צייט, האט איהם דער רבי געזאגט השי״ת זאל העלפען עס זאל זיין צווישען אונז א „אהבה רבה״ האט דער „שפת אמת״ ז״ל געענטפערט! מען דארף „אהבת עולם״ אויך... [ד״ה דער עולם זאל אויך זיין צווישען זיך שלום, ניט בלויז וואס די רביים זענען צווישען זיך שלום איז שויי געגוג]. (זעה ברכות י״א.)

## 453

דער „שפת אמת״ ז״ל האט געטייטש „ויקרא אל משה וידבר אליו מאוהל מועד, לאמור, דאס קול וואס דער צדיק הערט פון הימעל בשעת ער איז אליין, דאס ווערט געזאגט פאר עם אליין, אבער „מאוהל מועד״ דאס קול וואס ער הערט ווען מען איז צוזאמען מיט א עדה יודען „לאמור״ דאס איז געזאגט געווארען ער זאל דאס זאגען אנדערע...

## 454

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון ווארקע האט געטייטשט דאס וואס די גמרא זאגט „נזרקה בו מינות״ אז מינות איז אזוי ווי א איינשפריצונג א ביסעלע מינות מאכט קאלע דעם גאנצען מענטש אזוי ווי א איינשפריצונג וואס ווירקט אויף דעם גאנצען מענש...

## 455

ר' יחזקאל'ע ז"ל פון קוזמער האָט געזאָגט, אויף דעם מאמר חז"ל „תורה מגינה ומצלי בין בעידנא דעסיק בה ובין בעידנא דלא עסיק בה, ומצוה מגינה דוקא בעידנא דעסיק בה" (סוטה כ"א), אייגענטליך פאַרוואָס איז תורה מגין אפילו ווען ער איז ניט עוסק אין איהר, נאָר ביי תורה, אפילו אַז איינער לערינט די הלכות פון סוכות אין פסח, האָטש עס איז ניט יעצט דער זמן פון די מצוה, אָבער דעם שכר פון לערנין האָט ער, ווייל ער האָט דאָך מקיים געווען די מצוה פון „תלמוד תורה" דאָס מיינט מען: די תורה איז מגין אַז ער לערינט אפילו אין אַזא צייט „דלא עסיק בה" וואָס ער טוט דענסטמאָל ניט די מצוה. ווייל דער זמן פון די מצוה איז ניט יעצט, נאָר ווייל די מצוה פון לערנען האָט ער דאָך מקיים געווען, דעריבער איז עס מציל, אָבער ביי אַ מצוה אויב ער טוט ניט אין דער צייט איז עס דאָך גאָר קיין מצוה ניט דאָס מיינט מען נאָר „בעידנא דעסיק בה" ווען די צייט איז דערויף ער זאָל די מצוה טוהן דענסטמאָל איז עס מציל...

## 456

דער רבי ר' יעקב דוד ז"ל פון אַמשענאָוו, האָט געטייטשט, דעם פסוק, „וזאת הברכה אשר בירך משה" דער עיקר ברכה איז געווען, „איש אלהים את בני ישראל" אַז מיט יודין זאָל שטענדיג זיין אַ „איש אלקים" אַ צדיק אַ רבי...

## 457

אַ משכיל איז אַ מאָל אַריין געקומען צו ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל. דער משכיל פלעגט שטענדיג זוכען חסרונים אויף די צדיקי הדור, האָט דער ראָפּשיצער ז"ל זיך אָנגערופען צו איהם, „ויקנאו למשה במחנה" אויף משה רבינו האָבען זיי גערעדט, פאַר וואָס ער איז אָב געזונדערט פון מענטשען, ער דאַרף זיין „במחנה", צווישען מענטשען זיי צו לערנען. „לאהרן קדוש ד'" אויף אהרן האָבען זיי גערעדט, ער איז דאָך אַ „קדוש" ווי קומט ער צו זיין אַ רודף שלום, און צומישען זיך צווישען מענטשען, ער דאַרף זיין אָבגעזונדערט...

## פיפטער העפט

458

איינער איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרטען אויפגעגעסין דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער דאָס דערציילט ר' אייזיל חריף ז"ל, סלאָנימער רב, – רופט ער זיך אָב, – יעצט איז מיר רעכטיג די גמרא „יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו", (ברכות נ"ד) אייגענטליך ווי געפונט זיך אַ מענטש וואָס ער זאָל ליבער האָבען געלד, ווי דעם גוף? נאָר יעצט זעה איך אַז אויף דיר גייט דאָס אַרויף, די ביסט געפאָרען קיין ארץ ישראל צו באַגראָבען דיין גוף, און צום סוף האָסטו גאָר באַגראָבען דיין געלט אין ארץ ישראל, אין דעם גוף האָסטו אַהער געברענגט קיין חוץ לארץ צו באַגראָבען, האָסטו דאָך דאָס געלד ליבער ווי דיין גוף...

459

דער יוד הקדוש האָט געזאָגט אַז פון דעם פסוק „ואקחה פת לחם" איז געדרונגען אַז פאַר אורחים דאַרף מען געבין לחם „משנה" ווייל די גמרא זאָגט „פת באפריקי שתים" (מנחות ל"ז). „פת" איז דער טייטש צוויי...

460

דער רב ז"ל דער מחבר פון „תניא" האָט אַ מאָל געזאָגט אויף דעם וואָס דער ר"ן פרעגט אין מסכת ראש השנה (דף כ"ט) אויף דעם רי"ף פאַר וואָס מ'האָט געבלאָזען שופר אין שבת, ביי זיין בית־דין? ווייל די חז"ל זאָגען „מיום שחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה" (ברכות ח) קומט אויס, אַז די ד' אמות של הלכה איז אַ בית המקדש, ממילא האָט דער ר' אלפס געהאַלטין זיין בית־דין אזוי ווי אַ בית מקדש. און די משנה זאָגט דאָך דאָרטן „במקדש היו תוקעין" אַז ר"ה איז געפאַלען אין שבת, האָט מען אין בית המקדש געבלאָזען...

## 461

ר' יחזקאל'ע קוזמיר ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס שטייט אין שמונה עשרה פון „ראש השנה" „ובתורתך כתוב לאמור" אין דער תורה שטייט נאָר „לאמור" צו לערנען די דינים פון „שנים אוחזין" פון „שור שנגח" אָבער „שמע ישראל", א יוד דאַרף פון דעם צו דער הערין „ד' אלקינו ד' אחד...

## 462

צו ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל, זענען געקומען 2 שותפים עס בעטין ער זאָל זיי שרייבין א „שטר שותפות" האָט ער אויפגעשריבען א. ב. ג. ד. האָבען זיי געפרעגט וואָס איז דאָס? האָט ער זיי געענטפערט דאָס איז ראשי תיבות „אמת ברכה" „גזל דלות"...

## 463

דער קאָזעניצער מגיד ז"ל פלעגט זאָגען „אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך" די חז"ל זאָגען „לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות, אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" (פסחים פ"ז:) דעריבער האָט מען יודען געשיקט אין גלות, כדי ס'זאָל זיך צו זיי באַהעפטען גרים, ווייל די אומות העולם זאָלין זעהען דאָס גרויסקייט פון יודישען פאָלק, אין זיך מגייר זיין, [דערום זאָגען די חז"ל אויף דעם פסוק „שמעו אלי אבירי לב הרחוקים מצדקה" (ישעיה מ"ו) ווער זענען די „אבירי לב" „גובאי טפשאי" דער פאלק „גובאי" אין בבל, „דהא לא איגייר גיורא מינייהו" עס איז פון זיי, זיך קיינער ניט מגייר, אויך די „בני מתא מחסיא" זענען אבירי לב, „דקא חזו יקרא דאורייתא תרי זימנא בשתא", זיי הערין 2 מאָל אין יאָהר די דרשה די הלכות פון פסח און סוכות, און קיינער איז זיך פון זיי ניט מגייר, דערום הייסען זיי „אבירי לב" רשעים], אין ווען מען באַרגט געלד אויף פראָצענט, אז דער מלוה זעהט, אז ער איז ניט געזיכערט מיט'ן קרן, ווייל ער האַטש דעם קרן אָבנעמען, ער האָט גאָר גיט אין זינען דעם פראָצענט, היינטיגע צייט אז יודען זענען געדריקט. און „עגיות מעביר על דעתו ועל דעת קונו" (עירובין מ"א) איז מען ניט זיכער מיט די יודען אַליין, בעט מען „הרם קרן ישראל עמך" לייז זיי אויס פון גלות וועסט די האַטשע האָבען דעם קרן, האָב ניט אין זינען דעם פראָצענט, די גרים...

דאָס זעלבע פלעגט זאָגען דער „קדושת לוי", —פאָטער אין הימעל! לייז אויס די יודען כל זמן זיי זענען יודען. אויב ביסט וועסטו זיי מוזען אויסלייזען אפילו ווען זיי וועלין חלילה זייז גוים...

464

ר׳ דוד׳ל טאלנער ז״ל פלעגט טייטשען „ולא זכר שר המשקים״ אז דער תורה-לערנער געדענקט ניט „את יוסף״ צו מעהרען דאס לערנען, צו חזר׳ן דאס לערנען, [דער תלמיד חכם, הייסט שר המשקים, אזוי ווי די חז״ל זאגען, דערום הייסט ער „דמשק אליעזר״ „שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים״ (יומא כ״ה)] דאן „וישכחהו״ פערגעסט מען. [ווייל די חז״ל זאגען „אם תעזבני יום, יומים אעזבך״ (ירושלמי סוף ברכות, ווזהר שמיני, ורש״י פ׳ עקב)]...

465

נאך האט ר׳ דוד׳ל געזאגט „ויהי מקץ שנתיים ימים״ וואס איז דער סוף אז מען פערשלאפט די טעג. „ופרעה״ דער יצר הרע, „חולם״ שטארקט זיך „והנה עומד״, אין שטעלט זיך אויף די פיס [„חולם״ איז טייטש געזונט, עתים חלים״ (ר״ה כ״ח)...

466

דער דובנער מגיד ז״ל איז געווען ביי א קארגען גביר נאך א נדבה, ער האט ניט געוואלט געבין, דער גביר האט געהאט א הינד אין שטוב, האט ער אנגעהויבען בילען אויף איהם, האט דער גביר עהם געשלאגען מיט א שטעקען, רופט זיך אן דער דובנער מגיד „רשע למה תכה רעך״ (שמות ב׳)...

467

דער בריסקער רב ר׳ יאשע בער ז״ל, איז געקומען אין א דארף פון עמי הארצים, האבען זיי איהם געפרובט, פרעגענדיג איהם ווען דער מולד איז, ער האט גראדע ניט געדענקט, האט ער זיי געזאגט, אז אויב עס איז דא א לוח באצוקוקען, טאר מען ניט פס׳קענען פון אויסענווייניג, זענען זיי געגאנגען זוכען א לוח, האבען זיי ניט געפונען, צוריק קומענדיג צום בריסקער רב, האט ער זיי אנגעכאפט א צייט ווען דער מולד איז, וואס ס׳איז איהם סתם געקומען אויפ׳ן רעיון, ווייל יעצט וועלין זיי דאך נישט קענען וויסען סיי ווי די ריכטיגע צייט. ווייל זיי האבען דאך ניט קיין לוח, אזוי ארום האט ער זיך פון זיי ארויס געדרייט...

468

יוען דער ר׳ העשיל לובלינער ז״ל איז נאך געווען א יונגעל, און מ׳האט איהם

אָנגעהויבּען רעדען שידוכים, זענען אמאָל צו איהם אריינגעקומען א גרויסער רב מיט א שדכן, איהם צו פערהערין, זאָגט צו איהם דער רב, ס׳איז אמת, וואָס מען זאָגט אויף דיר, אז וועלכעס ספר מען מישט דיר אויף קענסטו זאָגען? — פּרואווט — האָט דער קליינער געענטפערט, דער רב האָט גענומען א גמרא און אויפגעמישט אויף דעם ליידיגען טאָוועל, און איהם געהייסין זאָגען, דער קליינער האָט אָנגעהויבּען לערנען אויפ׳ן קול נאָר קיין וואָרט האָט מען ניט געהערט, פרעגט איהם דער רב, פאַרוואָס הערט מען נישט קיין וואָרט? — ווייל מען זעהט נישט קיין וואָרט — האָט ער מיט א שמייכעל געענפערט...

## 469

ווען דער מינסקער גדול איז אָנגעקומען אויף מינסקער רבנות, האָט דער שריפטשטעלער יוסף בּריל געשריבּען ווענען איהם אין א צייטונג און געגעבּין ניט קיין גוטע מיינונג, האָט דער מינסקער גדול דערוויסענדיג זיך דערפון געזאָגט — מיינע חסרונות מוזען זיין זעהר קליינע, ווייל נאָהר א בּריל זעהט זיי...

## 470

דער רבּי ר׳ העניך ז״ל פון אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט, ווען איך בּין געווען א יונגערמאַן ביים רבּי׳ן ר׳ בּינם ז״ל האָב איך מיר געטייטשט „אני בינה לי גבורה״ (משלי ח׳) אַז איך פאַרשטייא בּין איך מיר שאַרף...

## 471

נאָך האָט דער אַלעקסאַנדער רבּי געטייטשט „וידבר משה כו׳ את דברי השירה הזאת עד תמם״ עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין „עד תומה״? נאָר משה רבינו האָט אין זיי אריין געלערינט אַזוי לאַנג בּיז ער האָט זייא גאַנץ גימאַכט...

## 472

נאָך האָט ער געטייטשט „מלך זקן וכסיל״ אז דער „יצר הרע״ איז א מלך אפילו אויף א זקן, און א כסיל, חאָטשע א אַנדער מלך לאָזט זיי פריי פון מלחמה...

## 472

נאָך האָט ער געזאָגט גמרא דאַרף מען לערנען הימעלדיג. עס מאַכט דאָך אַזוי די „ראשי תיבות״ פון „גמרא״ גבריאל, מיכאל, רפאל, אוריאל. עס איז דאָך מעשה מרכבה...

## 474

אגאון האָט געטייטשט, „ד׳ לי בעוזרי״ דער אין הימעל זאָל מיר העלפין פון מיינע כלומר׳שטע העלפער, וואָס זיי זענען באמת פערשטעלטע גוטע פריינד, „ואני אראה בשונאי״ אָבער פון מיינע אָפענע שונאים וועל איך אליין זעהן זיך צו היטען...

## 475

איינער האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר דעם רבי׳ן ר׳ ברוך ז״ל פון מעזיבוז, אז ער האָט ניט קיין פרנסה, אויך אז ער דארף חתונה מאַכען די קינדער, — האָט דער רבי ז״ל געענפערט — עס שטייט אין פסוק „ויעש להם משתה״ אז מען מאַכט אַ חתונה, „ויאכלו וישתו״ האָט מען פרנסה..

## 476

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געטייטשט „את ד׳ אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים״ (ב״ק מ״א) אז די תלמידי חכמים מעהרען „יראה״...

## 477

ר׳ שלמה קאַרלינער ז״ל האָט געטייטש „שוחה עמוקה פי זרות״ עס איז ניט דאָ קיין ערגערע „שוחה עמוקה״ ווי אַז דער מויל איז פרעמד פון די רייד וואָס ער רעדט...

## 478

דער רבי ר׳ משה ז״ל פון לודמיר, פלעגט ניט זאָגען קיין תורה ביים טיש, האָבען אַמאָל די חסידים איהם געבעטען ער זאָל זאָגען תורה, — רופט ער זיך אָן — „אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל״ זאָגט רש״י „לא פחות ולא יותר״ (יתרו) צו יעדער יוד דאַרף מען רעדען לויט זיין מדרגה, ניט מער, ניט וועניגער, נאָר אַזעלכער קען זאָגען תורה..:

## 479

ר׳ שלמה קאַרלינער ז״ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס שטייט אין יוצר פאַר מוסף פון יום טוב „דק על דק״ די ווילסט דינען דעם אויבערשטען, דין זיך, די זאָלסט דיך דין מאַכען פון פאַר גרעבקייט, השי״ת דאַרפט מען ניט דינען, דין זיך אַליין די ביסט זייער פער גרעבט...

## 480

ר' שלמה קארלינער ז"ל האט געזאגט, פאר וואס האט המן געוואלט פארלירען אלע יודען דוקא אין איין טאג, ווייל ער האט מורא געהאט, טאמער וועט עס דאס ניט גראטען, וועלין דאך יודען מאכען א יום טוב, זאלין זיי חאטשע ניט האבען מער ווי איין טאג יום טוב...

## 48

ר' שלמה קארלינער ז"ל האט געטייטשט, „פניך יחלו עשירי עם" (תהלים מ"ה) „פניך" די וואס קערין זיך צום אייבערשטען (פון לשון „ויפן") דאס זענען די צדיקים, טוהן אויס בעטין, עשירות פאר דעם פאלק יודען...

## 482

ר' אשר ז"ל פון סטאלין האט געזאגט צו די חסידים עס שטייט „וראה הכהן את הנגע" ליימענע פוערים, אז איהר קומט צום רבי'ן ווייזט איהר ארויס דאס גוטע, און דאס שלעכטע באהאלט איהר, אז איך בין געקומען צו מיין רבי'ן פון קארלין, האב איך דאס גוטע באהאלטען פאר עהם, און דאס שלעכטע האב איך עהם געוויזען ווארום מען דארף צו ווייזען דעם כהן די נגע...

## 483

ר' שלמה קארלינער ז"ל פלעגט זאגען איך וואלט מיר געווינטשען ליב צו האבען דעם גרעסטין צדיק אזוי ווי השי"ת האט ליב דעם גרעסטין רשע שבישראל...

## 484

א צדיק האט געזאגט „וירד מצרימה אנוס", אלע ענגשאפטין און אלע נויטען, איז אלץ „על פי הדיבור" פון דעם וואס מען איז פוגם מיט דעם דיבור...

## 485

א חסיד איז געקומען צום קאזיניצער מגיד ז"ל, און האט זיך געקלאגט פאר איהם, אז ער איז א מכניס אורחים, און צום סוף איז איהם פערברענט געווארען דאס גאנצע פערמעגען, — האט ער איהם געענטפערט — עס שטייט „ויטע אשל" „אשל" מאכט „אכילה שתיה לינה" און די האסט נאר מקיים געווען „אש" „אכילה שתיה" אהן „לינה" דעריבער האט אין דיר שולט געווען א אש...

## 486

דער רבי פון אלעקסאנדער ז״ל האָט געטייטשט דעם פסוק „ולא תעלה במעלות על מזבחי, אשר לא תגלה ערותך עליו״ (סוף יתרו) „מעלות״ איז טייטש פעלטשינג, פון דעם לשון „מעילה״ דער צדיק הייסט „מזבח״ ווייל ער שעכט דעם יצר הרע, די זאָלסט ניט שפעטין פון צדיק, ווייל ער וועט אנטפלעקין דיין שאנד ער וועט אויסזאָגען דיינע באהאלטענע עבירות...

## 487

די חז״ל זאָגען „האי בר בי רב דיתיב בתעניתא ליכול כלבא לשירותיה״ (תענית י״א) האָט א גאון געזאָגט א ווערטיל, ווייל די חז״ל זאָגען „לית עניא מכלבא״ ווייל ער איז זאט מיט איין סעודה אויף 3 טאָג (שבת קנ״ה) אין א „בר בי רב״ דארף דאָך עסין שטענדיג, כדי ער זאָל קענען עוסק זיין אין לערנען, דעריבער אז א „בר בי רב״ האָט געביטען זיין טבע אין ער איז א יושב בתענית, האָט ער זיך דאָך געטוישט מיט די טבע פון כלב, דארף מען דעם כלב אוועק געבין אין טויש זיין סעודה...

## 488

די גמרא זאָגט אביי איז געווען זעהר פריילך „אמר אנא תפילין מנחנא״ (ברכות ל׳) איך לייג תפילין — וואָס איז דאָס פאר א רבותא? האָט א גאון געזאָגט, ווייל די חז״ל זאָגען אז אביי איז געווען א „חולה מעיים״ (חולין קל״ג.) אין א חולי מעיים איז דאָך פטור פון תפילין לייגען (חולין ק״י) ווייל ער קען זיך ניט אפהיטען, נאָר „אביי״ האָט זיך שטארק געהיטען, אז ער זאָל לייגען תפילין בטהרה, האָט ער זיך שטארק געפרייט אז ער לייגט תפילין חאָטשע ער איז א חולי מעיים...

## 489

דער רבי ר׳ בער ז״ל פון מעזריטש האָט געזאָגט „וכל בניך לימודי ד׳״ די חז״ל זאָגען „הקב״ה גוזר והצדיק מבטל״ (מו״ק ט״ז. ב״מ פ״ה.) דאָס מיינט מען, „וכל בניך״ דאָס זענען די צדיקים וואָס זיי הייסען „בנים״ ניט „עבדים״ (זעה ב״ב י׳) „לימודי ד׳״ זיי לערנען השי״ת ער זאָל טוהן אזוי ווי זיי ווילען...

## 490

נאָך האָט ער געזאָגט א מענטש זאָל זיך אָבלערנען אין יודישקייט 3 זאכען

פון א קינד, און 7) זאכען פון א גנב, — פון א קינד. 1). אז ער איז שטענדיג פריילאך. 2). אז ער זיצט ניט קיין רגע ליידיג. 3). אז אויף אלעס וואס ער בעהט וויינט ער. און פון א גנב. 1). אז ער ארבעט אפילו בײנאכט. 2). אז ער האט ניט אויסגעטוען אין איין נאכט, שטייט ער ניט אב, און פרווט נאך א מאל אויף די 2'טע נאכט. 3). אלע גנבים האבען זיך ליב איינער דעם אנדערין. 4). אז צוליעב א קלייניקייט איז ער זיך אויך מוסר נפש. 5). אז קיין שום זאך האט דאך ניט בא איהם קיין חשיבות ווייל ער פערקויפט די בעסטע זאך פאר א קלייניקייט. 6). ער קריגט קלעפ אז ער זאל אבגעבין, און ער טענה'ט אלעס אז ער ווייסט פון גאר ניט. 7) אז ער האלט זיך ביי דאס זייניגע, און ער מוישט ניט זיין פאך (זעה נומער 368)...

## 491

נאך האט ער געזאגט „הסתרת פניך הייתי נבהל" אז א מענטש איז מבוהל ניט מיושב, איז א סימן אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט עם בהסתרת פנים...

## 492

ר' פנחס'ל קארצער ז"ל האט פערענטפערט די וועלט'ס קשיא אין זמירות פון פרייטאג צו נאכט'ס „המאחרים לצאת וממהרים לבא" עס האט דאך פריער געדארפט שטיין „וממהרים לבא"? נאר די חז"ל זאגען אז דער עמוד הענן איז געוועז מיט די יודען כל זמן משה רבינו האט געלעבט (תענית ט') קומט אויס אז מען האט ניט געדארפט האלטן זיך צו מאכען שבת פריער צוליב „תוספות שבת", ווייל מען האט דאך געוויסט פון דעם עמוד הענן ווען עס ווערט נאכט, און מיר געפונען אז משה רבינו איז נפטר געווארען אין שבת ביי מנחה צייט, (זעה תוספות מנחות דף ל' אין רא"ש פרק ערבי פסחים, און ט"ז אורח חיים סי' רצ"ב ס"ק ב' אז צוליעב דעם זאגט מען צדקתך). קומט דאך אויס אז פריער איז געוועז „מאחרים לצאת", ווייל זיי האבען מוצאי שבת שוין ניט געהאט דעם עמוד הענן, נאך משה רבינו'ס פטירה, אבער ערב שבת, האבין זיי ניט געדארפט דעמאלט צו האלטען זיך מוסיף צו זיין מחול על הקודש, נאר דעם אנדערין שבת האבען זיי ערשט געדארפט מוסיף זיין, איז טאקע פריער געוועז „המאחרים לצאת" נאכער וממהרים לבא...

## 493

דער רבי ר' העניך ז"ל פון אלעקסאנדער האט געזאגט, השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם" צו מאכען פון הימעל א הימעל דאס איז לד', אבער צו מאכען

פון ארץ א שטים, אז דער עולם הזה זאָל אויך זיין הימלדיג דאָס איז געגעבן געוואָרין לבני אדם...

## 494

נאָך האָט ער געזאָגט, אויף דעם מאמר חז״ל „שבת וינפש״ „כיון ששבת ווי אבדה נפש״, (ביצה ט״ז:) אייגענטליך האָט מען דאָך געדאַרפט דאָס צו זאָגען מוצאי שבת קודש, ווען עס גייט אוועק די נשמה יתירה, וואָס דענסטמאָל איז „אבדה נפש״ — האָט ער געזאָגט, אז דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, ווען עס קומט שבת ווערט דער מענטש נתעורר אין תשובה, זיפצט ער אויף דעם וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט ער נישט עוסק געווען אין תורה ועבודה, גיט זיך מיט פערביטערונג א קרעכץ אַרויס פון מענטש, „ווי״ ווייי געשריגען „אבדה נפש״ דאָס נפש איז א גאַנצע וואָך גאַר פערלוירען... און איך טייטש — האָט דער אלעקסאַנדער ז״ל פערענדיגט — „כיון ששבת ווי אבדה נפש״ אַז עס קומט שבת פערלירט דאָס נפש דעם וויי, אַז דער נפש האָט שוין ניט קיין וויי און צער, נאָר מען פרייט זיך מיט׳ן שבת, ווייל דער וואָס היט שבת איז מען מוחל אַלע עוונות (שבת קי״ח)...

## 495

ווען דער גאון ר׳ דוד אוֹיפענהיים ז״ל איז געווען אַ גוסס, האָט מען געוואָלט געבין דאָס כתב רבנות פון זיין שטאָט דעם „נודע ביהודה״ ז״ל, האָט דער נודע ביהודה ז״ל זיך אָנגערופען! „ודילמא ר׳ מאיר הוא״? אויף דער פראַגע וואָס ער האָט דער מיט געמיינט? האָט ער געענטפערט: די חז״ל זאָגען טאַקע „רוב גוססים למיתה״ (גיטין כ״ח.) אָבער ר׳ מאיר חייש למיעוטא (גיטין ב׳) איז נאָך דאָ אַ בטחון, ער זאָל מאריך ימים זיין און ווייטער זיין רב...

## 496

ווען דער רבי ר׳ ברוך ז״ל פון מעזיבוז, איז געווען אַ קינד צוריקפעגדיג פון חדר, פרעגט איהם דער בעל שם טוב, וועלכע מסכת לערינסטו? האָט ער געענטפערט: „בבא קמא״ פרעגט עם דער „בעל שם״ וואָס עפעס דוקא „בבא קמא״? האָט ער געענטפערט: ווייל די „ראשי תיבות״ איז „ב׳רוך ב׳ן א׳דיל ק׳דוש מ׳בטן אמו״...

## 497

ר׳ שלמה קאַרלינער ז״ל האָט געזאָגט „עבד אברהם אנכי״ דאָס גאַנצע עבדות

פון אברהם איז געווען וואס ער האט געשריבען אומעטום דעם „אנכי ד' אלקיך"...

498

א גרופע יודישע סטודענטען האבען גיסטראשעט ר' חיים בריסקער ז"ל, אז אויב ער וועט ניט מתיר מאכען צו פאלמעסען יודישע מתים, וועלין זיי זיך שמד'ן — האט ער געענטפערט — וואס קען דא זיין, וועל איך האבען א גרעסער שטיק לויתן...

499

א דאקטער האט א מאל באטראכט א גרויסען צדיק בשעת ער איז קראנק געווען, האט דער דאקטער עם געהייסין ווייזין די צונג, זאגט דער דאקטער, אייער צונג איז ניט ריין, — האט געענטפערט דער צדיק, — ווער האט דען היינט בעוונותינו הרבים א ריינע צונג

500

ר' וועלוועלע זבאריזער ז"ל האט א מאל גדאווינט „שמנה עשרה" זייענדיג אליין אין שטוב, דערוויל איז אריין א גנב, און צוגענומען די לייכטער פון טיש, איז אריין געקומען דער משמש און דער זעהן אז די לייכטער זענען נישטא, זאגט ער רבי! ווי אזוי האט איהר דערלאזט א יוד עובר זיין אויף „לא תגנוב" איהר וואלט גלייכער געדארפט זיך אומצוקוקען און ניט ברענגען א יוד צו א איסור, — ענטפערט איהם ר' וועלוועלע ז"ל — איך האב די לייכטער מפקיר געווען פאר שמונה עשרה, איז אויס עבירה...

באמערקונג! הגם די חז"ל זאגען „הפקר בפני שלשה" (נדרים מ"ג) נאר זעה תוס' שבת (דף י"ח) ד"ה אפקורי אפקיר להו, אז צוליב א איסור איז ניחא ליה...

501

א משכיל האט געפרעגט ר' שלום רוקח ז"ל בעלזער רבי, פארוואס זענען די קורצע בצקליידיטע יודען, מער מצליח אין מסחר, און לעבין זיך ברייט? — האט ר' שלום ז"ל געענטפערט: דאס איז דערפאר ווייל יצחק ווען ער האט געבענטשט יעקב'ן, איז יעקב גיווען גיקליידט ווי א „דייטש" אין די „בגדי עשו"...

502

א מאן האט געזאגט, פארוואגען איז געדרונגען אז די יודען זענען נאך אפילו

אין מצרים געגאנגען לאנגע מלבושים, ווייל עס שטייט „ושאלה אשה משכנתה כלי כסף כו׳ ושמלות ושמתם על בניכם״ (שמות ג׳ כ״ב) יעדער יודישע פרוי זאָל באָרגען ביי איר מצרי׳שע שכנ׳טע קליידער און עס אָנטוען די זוהן מיט די טעכטער, פאר וואָס עפעס די זוהן אָנטוען, און ניט זיך אליין? — נאָר די מצריים זענען געגאנגען קורץ געקליידט, האָבען די יודען דעריבער ניט געקענט נוצען די קליידער פאר עלטערע, אָבער פאר די קינדער האָט מען עס געקענט נוצען...

## 503

א מחבר איז געקומען צום קאָזשניצער מגיד ז״ל מיט א ספר אויף א הסכמה, אויך וואָסער נאָמען ער זאָל געבין דאָס ספר, ער האָט אריין געקוקט אין ספר, איז עס ניט געפעלען, ווייל ער האָט דערקענט אז עס איז געשריבען מיט ווייניג ערענסקייט, און ווייניג קדושה, — רופט זיך אָהן דער מגיד ז״ל, — גיב א נאָמען דאָס ספר „שפה ברורה״ ווייל — באָ ניעמאָ קדושה״, ד. ה. אויף פוליש עס איז ניט דאָ אין דעם ספר קיין קדושה (געמיינט דעם לשון פון דאַוונען בשפה ברורה בנעימה קדושה בנעימה״ מאַכט „באָ ניעמאָ״)...

## 504

מען האָט געפרעגט ר׳ חיים בריסקער ז״ל, וואָס איז דער חילוק צווישען אייך און אנדערע גדולים, וואָס זיי זענען אויך „ראשי ישיבות״ און זאָגען שיעורים, גרעסערע און ברייטערע פון אייערע, און דאָך רוהמט מען אייערע שיעורים האָטשע איהר זאָגט ווייניגער, ווי זיי, — האָט ער געענפערט — איך טראַכט פריער 23 שעה אין מעת לעת, נאכהער זאָג איך איין שעה תורה. און אנדערע טראַכטען איין שעה, און זאָגען 23 שעה...

## 505

א „משכיל״ איז אריין געקומען צו ר׳ מאיר פרימישלאנער ז״ל, ער האָט געטראָגען א גרויסע גושיבע האָר אויפ׳ן קאָפּ מיט לאָקען, עס איז פונקט געווען „פרשת בלק״ — האָט ער זיך אָנגערופען — „וירא״ ער האָט געזעהן „באלק״ ער איז געקומען מיט לאָקען „כו״ האט ער פערשטאַנען „צפור״ אז דאָס איז שוין איינמאָל א פויגעל...

## 506

דער באַוואוסטער קעלעמער מגיד ז״ל איז אמאָל געקומען אין א שטאָדט אריין,

וואו ער האט געהאט צו שאפען א געוויסע סומע געלד, דער עולם איז געקומען צו די דרשות, אבער קיין פרוטה האבען זיי נישט געגעבין, — האט דער מגיד אויסגערופען — אז אין אייער שטאדט קען מען מתיר מאכען גויאישע מילך, ווייל דער גאנצער איסור איז דאך נאר, ווייל מען האט מורא אז ער האט אויסגעמישט מיט מילך פון א חזיר, אבער לויט ווי איך זעה לאזין זיך די היגע חזרים ניט מעלקען קיין טראפען מילך, איז דאך שוין ניטא דער חשש...

## 507

דער רבי ר' ברוך ז"ל האט געזאגט, „טעמו וראו כי טוב ד'" (תהלים ל"ד ט), די חז"ל זאגען „כי משמש בד' לשונות" אי, דילמא, אלא, דהא, (ר"ה ג') איז דער טייטש „כי" נאר ! זעהט, אז נאר גיט איז „ד'"...

## 508

נאך האט ער געטייטשט „ורב יעבוד צעיר" (תולדות) „ורב יעבוד" מען דארף א סאך אריין ארבעטין אין זיך, „צעיר" אז מען זאל זיך האלטען קליין, נידעריג...

## 509

ר' אורי אוסטרעלסקער ז"ל איז געווען א ארימאן, די רעבעצין איז געווען א משרתת ביי דעם צדיק ר' נפתלי הירץ ז"ל פון סאחיסטאוו, — האט ר' נפתלי געפרעגט א מאל ר' אורילען ז"ל, די האסט געשריבען אין די כתובה „ואנא איזון ואפרנס" אז די וועסט איהר שפייזין, און צום סוף פארסטו גאר צום רבי'ן אויף לאנגע חדשים ? — האט ער געענטפערט — זעה וואס שטייט דארט אין די כתובה „כהלכות גובראין יהודאין דמפרנסין נשיהון בקושטא". ד. ה. זיי שפייזין מיט „אמת" דעריבער פאהר איך פריהער צום רבין זיך לערנען דעם אמת...

## 510

דער גאון ר' חיים צאנזער ז"ל האט געזאגט, דעם טעם וואס חסידים זאגען ניט קיין תחנון ווען זיי פארען אין וועג ? ווייל די חז"ל האבען מתקן געווען א „תפלה קצרה" פאר די „הולכי דרכים" (ברכות כ"ח-ל) אז אין וועג זאל מען דאווענען א קורצע תפלה, (זעה תוס' ברכות ג') נאר מיר דאווענען היינט, אפילו אונטער וועגיג'ס, דאס גאנצע דאווענען ? ווייל היינט זענין מיר סיי ווי ניט אזוי גיט מכווין ביי דעם דאווענען, ווי ס'גיהער צו זיין, (זעה תוספות ברכות י"ז ע"ב ד"ה רב, אויך רש"י ברכות ט"ז ע"א, וכ"ה ע"א) אבער חסידים ווילען

דאָך מקיים זיין די דברי חז״ל, אַז אונטער וועגינ׳ס זאָל מען דאַווענען קורצער ווי געוועהנליך, דעריבער פערפעלן זיי „תחנון", ווייל דאָס איז ניט קיין תפלה קבועה, ווייל עס ווערט „נדחה" אין א יומא דפגרא, ווען עס איז דאָ אַ ברית, אָדער אַ חתן, דעריבער איז געפאַלען דער גורל אויף די תפלה פון תחנון, אַז עס זאָל נדחה ווערין אין וועג, אַבי מקיים צו זיין מיט עפּיס די דברי חז״ל, אַז המתפלל בדרך מתפלל תפלה קצרה, (ברכות ג׳)...

## 511

**א** מתנגד האָט געפרעגט ר׳ יחזקאל׳ע קוזמער ז״ל, פאַר וואָס מאַכען די חסידים ראש-חודש סעודות, עס איז דאָך גלייכער צוצוטיילען דאָס געלד אויף צדקה ? — האָט ר׳ יחזקאל׳ע ז״ל געענטפערט — דער דין איז, אַז דאָס ערשטע און צווייטע יאָר פון שמטה שיידט מען אָפּ „מעשר שני", דאָס דריטע יאָר „מעשר עני" דאָס פערטע און פיפטע יאָר ווידער „מעשר שני" דאָס זעקסטע יאָר „מעשר עני", וואָס טוט מען מיט מעשר שני ? מ׳ברענגט עס קיין ירושלים און מען עסט און מען טרינקט פאַר דעם געלד מיט נאָך יודען צוזאַמען, זעהען מיר אַז מעשר שני איז חשוב׳ער ווי מעשר עני, ווייל דאָס גיט מען אַלע צוויי יאָהר און מעשר עני נאָר דאָס דריטע און זעקסטע, זעהען מיר אַז עס איז חשוב׳ער דאָס עסין און טרינקען פון יודען צוזאַמען, ווי דאָס געבין צדקה...

## 512

**די** חז״ל זאָגען „במקום שבעלי תשובה עומדין צדיקים גמורים אין יכולין לעמוד" (ברכות ל״ד :) פאַר וואָס איז דאָס אַזוי ? איז ר׳ יוסף ענגיל ז״ל דאָס מסביר מיט דעם בעל שם טוב׳ס אַ משל, אויף דעם פסוק „אל נקמות ד׳ אל נקמות הופיע" (תהלים צ״ד) אַ פויער האָט זיך אַ מאָל פאַרזינדיגט פאַר אַ קיסר, אויף וועלכען עס איז איהם געקומען טויט שטראָף, (קידושין מ״ג) האָט דער קיסר געזאָגט, ער איז דאָך אַ פויער ווייסט ער דאָך ניט די גרויסקייט פון מלכות, זאָלט איהר איהם קיין מיתה ניט געבען, נאָהר איהר זאָלט איהם ווייזען מיין גרויסקייט מיינע מדינות און פאַלאַצען, וועט ער זיך אָנהייבען צו שעמען פאַר זיך אַליין, אַנטקעגען וועמען האָב איך געזינדיגט, דאָס אַליין וועט זיין דער עונש זיינער. דאָס איז דער מיינונג די נקמה איז „הופיע" וואָס ער אַנטפּלעקט זיין גרויסקייט, הייבט זיך אָהן דער חוטא שטאַרק צו שעמען, דאָס איז די נקמה. דאָס איז אויך דער מיינונג פון די זמירות וואָס מען זינגט פרייטאָג צו נאַכט׳ס „משוך חסדך ליודעיך אל קנא ונוקם" אייגענטליך איז עס דאָך אַ סתירה, אויב אַז „חסד" איז דאָך ניט קיין „נקמה", און אויב אַז ער איז אַ נוקם, איז דאָך ניט קיין חסד ? נאָר דער פשט איז, אַז די וועסט ווייזען דיינע חסדים, וועט מען זיך שעמען פאַר זיך פאַר וואָס מען האָט אַזוי

געווינדיגט, צו אזא באשעפער וואס ער טוט בלויז חסדים, דאס אליין וועט זיין די נקמה, דעריבער — פירט אויס ר' יוסף ענגיל ז"ל — פירט מען דעם בעל תשובה אויף אזא הויך ארט וואס אפילו צדיקים זענען דארטין נישטא, כדי ער זאל זעהן דאס גרויסקייט פון השי"ת, וועט ער זיך אנהייבין מיישב זיין און זיך שעמען, אנטקייגען וועמין האב איך געווינדיגט, דאס וועט זיין, זיין עונש...

## 513

דער ריזשינער ז"ל פלעגט האבען אייגענע פערד און וועגין אזוי ווי די גרעסטע פריצים, האט איהם איינמאל געפרעגט א מתנגד — פאר וואס האבען די פארצייטישע צדיקים געלעבט ארים, און היינט לעבין די צדיקים בּרייט? — האט דער ריזשינער ז"ל געענפערט, עס איז דא דריי ערליי חסידים וואס קומען צום רבי'ן מקבל פנים זיין. 1). גרויסע ערליכע יודען, 2). בעלי בתים, 3). פראסטע מענטשן, און יעדער פון זיי גיבען פדיונים, וואס טוט דער צדיק — דאס געלד פון די ערליכע יודען, נוצט ער אויס אויף מצות, דאס געלד פון די בעלי בתים, נוצט ער אויף צו שפייזין דאס בני בית, דאס געלד פון די פראסטע מענטשען, קויפט ער דער פון פערד און וועגין, איז פערצייטענ'ס אז עס איז געווען ווייניג פראסטע מענטשין, איז ניט געווען קיין געלד אויף צו קויפען פערד, אבער היינט איז דא מעהר פראסטע מענטשען איז דא אסך געלד צו קויפען דערפאר פערד און וואגען...

## 514

די חז"ל דערצעהלען אז „רב פפא„ איז ארויף געגאנגען אויף א לייטער, האט זיך ארוק געטאהן די פוס זיינע און ער האט שיעור געקענט אראפ פאלין, האט ער געזאגט, פאר וואס קומט מיר דאס? האט רב חייא בר רב געזאגט צו איהם, טאמער איז געקומען צו דיר א ארימאן און די האסט איהם גאר נים געגעבין! אייגענטליך פונוואנען האט ער זיך געדרינגען אז מען גיט ניט קיין צדקה ווערט די לייטער צובראכען און מען פאלט פון איהר אראפ? האט דער ווילנער גאון ז"ל געזאגט, א רמז, אז אויף דעם פסוק „פתוח תפתח את ידך" איז דער טראפ א „דרגא תביר" ד. ה. אז אויב די וועסט ניט עפענען דיין האנד צו געבין צדקה וועט די לייטער צובראכען ווערין בייענדיג אויף איהר...

## 515

דער בעל שם טוב האט א מאל געגעבין א קמיע, איז געווען אויף געשריבען

דער בזויזער נאָמען זיינער, און דאָס אליין האָט שוין געהאָלפען דעם מענטש, האָט דער טשאָרטקאָבער רבי ר׳ דוד משה ז״ל געזאָגט, אז מיט דעם איז פערענטפערט די וועלט׳ס קשיא, אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגען אז איינער רופט אָן דעם נאָמען פון זיין רבי׳ן, הייסט ער א אפיקורוס, און ער ווערט גענש, (סנהדרין ק׳.) פאַרוואָס קומט עם אזא עונש? נאָר אז מען זעהט אז דער נאָמען פון רבי׳ן אליין פועלט אזוי ווי א שם פון א קמיע, קומט דאָך אויס, אז איינער רופט אָן דעם נאָמען פון רבי׳ן, הייסט ער „ההוגה את השם באותיותיו״, אז איינער רעדט אַרויס א שם, „אין לו חלק לעולם הבא״ (סנהדרין ק׳)...

## 516

ר׳ אייזיקעל זדיטשובער ז״ל האָט געזאָגט דעם טעם פאַר וואָס די חז״ל זאָגען „יאוש קונה״ (ב״ק ס״ה) ד. ה. אז איינער האָט זיך מייאש געווען פון די זאך וואָס מען האָט ביי איהם צוגעגאַנבעט, איז דער גנב דאָס קונה, פאַר וואָס איז דאָס אזוי? ווייל מען קנס׳עט עהם, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבען בטחון, אז ער וועט געפונען דעם גנב, אזוי ווי די חז״ל זאָגען, אז אפילו א שאַרפע שווערד ליגט אויף זיין האַלדז, זאָל ער האָבען בטחון אז דער אייבערשטער וועט עם העלפען, ער וועט ניצול ווערין, (ברכות י׳) דעריבער האָבען די רבנן אהם גי׳קנס׳עט, אז דער גנב איז דאָס קונה...

## 517

דער „נודע ביהודה״ ז״ל איז א מאָהל געגאַנגען פריטאָג פאַרי נאַכט צו א גביר נאָך א נדבה, אַריינקומענדיג צום גביר האָט ער איהם געטראָפען זיצען און עסין א גרויסע סעודה פיש און פלייש. א. ד. ג. — זאָגט צו איהם דער גאון, — מען טאָר דאָך על פי דין ניט עסין קיין סעודה פרייטיג נאָך האַלבען טאָג? (פסחים צ״ט:) — האָט דער גביר געענטפערט: דער טעם איז דאָך נאָר, ווייל טאָמער וועט ער ניט קענען עסין באַנאַכט די סעודה לתיאבון, (מיט אפעטיט) אָבער איהר קענט זיך איבער צייגין: אז איך וועל עסין די סעודה פרייטיג באַנאַכט אויך מיט א גוטען א פעטיט, — האָט זיך דער גאון אָנגערופען צו איהם, — יעצט איז מיר רעכטיג געוואָרען דער באַוואוסטער מדרש, אין פרשת בראשית, אויף דעם וואָס השי״ת האָט געפרעגט אדם הראשון פאַר וואָס ער האָט געגעסין פון דעם עץ הדעת, האָט ער געענפערט: איך האָב געגעסין און איך וועל נאָך עסין, היתכן, ער זאָל אזוי ענטפערין? נאָר ער האָט געמיינט אזוי, ווייל די חז״ל זאָגען אז דער עונש איז געווען פון אדם הראשון, ווייל ער האָט געגעסין פון עץ הדעת פרייטיג פאַרין נאַכט, (סנהדרין ל״ח) האָט ער דאָך ניט געגעסין שבת לתיאבון, האָט ער דערויף געענפערט, איך קאָן נאָך עסין

מיט אפעטיט חאָטשע איך האָב שוין געגעסין, דאָך איז ער נענש געוואָרען ווייל קיין טעמים אויף קיין מצות טאָר מען ניט אליין זאָגען, אזוי איז ביי דיר אויך — פירט אויס דער נודע ביהודה — אַז דאָס איז גערעכענט פאַר אַ עבירה...

518

א מתנגד האָט געפרעגט דעם „קדושת לוי" פונוואַנען נעמט זיך דאָס וואָס חסידים טרינקען משקה, פאַר אַ חולה'ס וועגין, חאָטשע דער חולה געפינט זיך ניט אין דעם זעלבען אָרט ווי זיי טרינקען, אין דאָך פועלט זייער תפלה, וואָס זיי ווינטשען אָן דעם חולה אַז ער זאָל געהאָלפען ווערין ?, האָט ער געענטפערט — מיר געפינען דאָס ביי אַ סוטה, זאָגען די חז"ל, אין מסכת סוטה „כשם שהמים בודקין את האשה כך בודקין את האיש" אַזוי ווי דאָס טרינקען איז בודק די אשה אַזוי איז דאָס בודק דעם איש, זעהען מיר אַז די משקה פועלט אפילו אונטער זייבע אויגען, חאָטש דער מאַן האָט דאָך ניט געטרינקען, אין „מדה טובה מרובה ממדת פורעניות" (סוטה י"א. יומא ע"ו) דעריבער פועלט דאָס אַפילו מען טרינקט ניט אויפ'ן אָרט פון חולה...

519

א גאון האָט אַמאָל געזאָגט שבת תשובה אין אַ דרשה „נחפשה דרכינו ונחקורה" די חז"ל זאָגען אַז די „קורות" די בעלקעס, פון שטוב, זאָגין עדות אויף די חטאים פון מענטש, בשעת ווען ער שטייט פאַר'ן ב"ד של מעלה, (ערכין ט"ז) דאָס איז דער טייטש „נחפשה דרכינו" מיר זאָלין תשובה טוהן, „ונח-קורה" כדי מיר זאָלין צו רוה לאָזין דעם בעלעק, ער זאָל ניט עדות זאָגען אויף די חטאים...

520

די חז"ל זאָגען „אלהא דידן מיהב יהיב, משקיל לא שקיל", (חולין ס') ד. ה. דער אייבערשטער גיט, און ער נעמט ניט צו, האָט אַ גאון געטייטשט „משקיל" איז דער טייטש וועגין, דער אייבערשטער גיט כל טוב, אין ער וועגט ניט, צו דער מענטש איז ווערט דערצו, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען „ורחמתי את אשר ארחם אף על פי שאינו הגון" (ברכות ז')...

521

דער שינאָווער גאון ז"ל האָט געזאָגט, דעם טעם פאַר וואָס מען לערינט ניט אום ביטיל, ווען עס ביפאַלט די תקופה פון חודש טבת ? ווייל „עת לעשות

לד' הפרו תורתך (תהלים קי"ט) ד. ה. אז עס איז דאָ אַ צייט ווען מען דאַרף ניט לערנען, ווען איז דאָס, – האָט דער גאון ז"ל אויסגעפירט – דאָס איז די תקופת טבת, ווייל דער פסוק עת לעשות וכו' בעטרעפט אַזוי פיעל ווי די ווערטער „זו שעה שתקופת טבת נופלת בו"...

## 522

דער אַפּטער רב ז"ל האָט געטייטשט, „הדעה והדיבור לחי עולמים" יעדער דעה, און יעדער דיבור פון מענטש איז אַלעס פון אייבערשטען, אַ מענטש זאָל זיך ניט איינרעדין, אַז ער רעד עפּיס וואָס נאָכהער האָט ער הרטה דערויף, און טראַכט, ווען ער זאָל אַנדערש רעדין, וואָלט בעסער געווען דאָס איז אַ טעות, ווייל אַלעס וואָס אַ מענטש רעד און טוט, איז אַלעס מיט דעם באַשעפערס רצון...

## 523

אַ עם הארץ האָט אַ מאָל זייער באַלײדיגט אַ רב, זאָגט דער רב צו איהם – ביזט אַ גראָבער יונג אַזוי ווי אַ לאַבין ברויט, – רבי, חידושט זיך דער עם הארץ, וואָס פאַר אַ דמיון איז דאָס? – אָט דאָס מיין איך טאַקע, – זאָגט דער רב ביזט אַזאַ גראָבער יונג, אַז ס'איז צו דיר קיין דמיון נישטאָ...

## 524

ר' אײזיל ז"ל סלאָנימער איז אַ מאָל געקומען צו אַ גביר אַ קמצן נאָך אַ נדבה, דער גביר דערוויסענדיג זיך אַז דער רב גייט צו איהם נאָך אַ נדבה, האָט ער זיך באַהאַלטין אין אַ שאַנק, דער רב האָט דאָס באַמערקט, – רופט ער זיך אָב צו די שטיב מענטשען, יעצט איז מיר רעכטיג דאָס וואָס די חז"ל. זאָגען „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה" (שבת קכ"ז) ד. ה. עס איז גרעסער דאָס אויפנעמען אורחים, ווי אויפנעמען די שכינה, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ווייל ווען משה רבינו האָט געזעהען דעם ברענענדיקן סנה, שטייט אין פסוק „ויסתר משה פניו" (שמות) דאָס בלויזע פנים האָט ער באַהאַלטען, און ביי אויפנעהמען אורחים באַהאַלסט די זיך אינגאַנצען...

## 525

ר' דוד'ל דינובער ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט אַ ווערטיל, האָט אַ חסיד איהם געפרעגט, דער רבי זאָגט אַ ווערטיל? – האָט ער געענטפערט חלילה, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ווערטיל, עס שטייט „ויברך דוד את ד'

לעיני כל הקהל ויאמר דוד" איז דער טייטש דוד האָט געלויבט דעם אייבערשטען, נאָר „לעיני כל הקהל" דער עולם האָט געמיינט אז „ויאמר דוד", אז דוד האָט נאָר בלויז געזאָגט אַ ווערטיל אָבער באמת האָט ער געלויבט דעמאָלט השי"ת...

## 526

דער „קדושת לוי" האָט געטייטש און דעם זעלבען אויבער דערמאהנטען פשט „רב לא שח שיחות חולין מימיו" (יומא י"ח) וואָס ער האָט גערעדט מעג זיין אַ ווערטיל, האָט ער דערמיט אויך מייחד יחודים געווען, און פאַרשטעלטע הייט האָט ער דעמאָלט געלויבט השי"ת... (זעה נומער 525)

## 527

צום „חות דעת" ליסער רב ז"ל, איז אַ מאָהל געקומען אַ פראָסטער מענטש פרייטיג פאַרי נאַכט, צו קבלת שבת אָנגעטוען מיט אַ רבי'שען טלית, אין רבנישע קליידער, דער גאון האָט איהם אָבער געקענט, אַז ער איז ניט ראוי צו דעם, — רופט ער זיך אָהן, אַז ער האָט טאַקע געטוען על פי דין, וויל די חז"ל זאָגען, אַז איינער טוט זיך אָן מיט רבנישע קליידער וואָס ער איז ניט ראוי דער צו, איז דער טלית וואָס ער גייט אָנגעטוען אזוי ווי אַ זאָטעל פון אַ אייזעל, (ירושלמי ביכורים פרק ג' הלכה ג') און די חז"ל זאָגען, אַז אַ אייזעל טאָר ניט ארויס גיין אין שבת מיט אַ זאָטעל נאָר אַז דער זאָטעל איז געווען צו געבינדען אויף איהם פון פרייטיג פאַר'ן נאַכט, (שבת נ"ג.)...

## 528

דער „קדושת לוי" באַרדיטשובער רב, ז"ל, איז אַ מאָהל געקומען שפעט ביי נאַכט קיין לעמבערג, איז ער אריין געגאַנגען צו אַ געוויסען גביר, און געבעטען פאַר זיך אַ נאַכט לעגער, דער גביר — בישט וויסענדיג ווער דאָס איז, — האָט איהם אָבגעשיקט צו אַ געוויסען „מלמד", ער זאָל דאָרטין נעכטיגען, צו מאָרגענ'ס, דערוויסענדיג זיך אין שטאָדט, אַז דער באַרדיטשובער רב איז דאָ, זענען אַלע געקומען צום מלמד'ס וואוינונג שלום נעמען, דער גביר איז אויך געקומען, און ער האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט, און האָט ביים שלום נעמען געבעטען דעם באַרדיטשובער רב ז"ל, ער זאָל ביי איהם איינשטיין, — האָט דער באַרדיטשובער ז"ל איהם דערויף געענטפערט: די רבותא פון „אברהם אבינו" מיט זיין הכנסת אורחים, איז דערפאַר וויל ער האָט געגעבין צו עסין די דריי מלאכים, וועלכע זענען געקומען און געשטאַלט פון מענטשען, און ער האָט גאָר ניט געוואוסט אַז זיי זענען מלאכים, דאַגעגען „לוט" האָט

ערשט מקיים געווען הכנסת אורחים נאָכדעם ווען ער האָט שוין געוואוסט אַז זיי זענען מלאכים, — דאָס זעלבע איז מיט אייך, אַלס איינפאַכער יוד האָט איהר מיך געשיקט ערגעץ אַנדערש וואו נאָר הערענדיג אַז עס איז דער בערדיטשובער רב ווילט איהר מיך אַלס גאַסט ? דאָס איז דער הכנסת אורחים פון לוט'ן...

529

דער „שפאָלער זיידע" ז"ל האָט געפּלעגט זאָגען „עזור לשובתים בשביעי בחריש" (זמירות של שבת) העלף די וועלכע רוהען אום שבת מיט שוייגען פון וואָכענדיגע רייד — ובקציר — אָבער מקצר זיין און דיבור, נישט רעדין וואָס ס'איז ניט נוטיג היטען דאָס מויל „עולמים" דאָס דאַרף מען אייביג טוהן, אפילו אין דערוואָכענ'ס אויך.

530

דער טשאָרטקאָווער רבי האָט געזאָגט „ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם, אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם", אין דער השגה פון די מצות, און דעם „נשמע" זענען דאָ פערשידענע מדריגות, יעדער לויט זיין כח התורה, דעריבער זענען ביי לערנען תורה אריינגעגאַנגען צוערשט משה, דערנאָך אהרן, דערנאָך די קינדער, און נאָכהער דער גאַנצער כלל ישראל, אָבער ביי עשיית המצות זענען אַלע גלייך. את כל עדת ישראל, אַלע צוזאַמען מען דאַרף קיינעם נישט אויסשליסען...

531

דער גערער רבי שליט"א האָט געזאָגט, ביי אַ נביא שקר, אַ מסית ומדיח, שטעהט אינמיטען פון דער פרשה, „אחרי ד' אלקיכם תלכו ואותו תיראו, ואת מצותיו תשמורו, ובקולו תשמעו, ואותו תעבודו, ובו תדבקון" (דברים י"ג ה') אַ לשון רבים, דערנאָך שטעהט, והנביא ההוא יומת, אין פרשת עקב שטעהט בלשון יחיד, „את ד' אלקיך תירא ואותו תעבוד" ווייל וואו עס איז דאָ אַ מסית ומדיח, מוז זיין דער כח הרבים, מען זאָל זיך צו זאַמען האַלטען...

532

ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל האָט אַ מאָהל געהערט ווי אַ פּראָסטער מענטש זאָגט אין בית המדרש ביי תחנון מיט כוונה: „אם עוננו ענו בנו" — ענדיגענדיג דעם זאַץ ביי — „בנו — האָט ער איהם געפרעגט דעם פשט דערפון, — האָט דער

מענטש געענטפערט, „אם עוננו" כאָטשע מיר האָבען געזינדיגט — „ענו בנו" — זענען מיר דאָך אָבער דיינע קינדער, דארפסטו אונז דאָך מוחל זיין, דער ראָפשיצער ז"ל האָט שטאַרק נהנה געווען פון דעם פשט...

533

דער טריסקער מגיד ז"ל פלעגט טייטשען דעם מאמר חז"ל „האי מומר היכי דמי" (חולין ד'.) וואָס מיינט ער דאָס מיט זיך דער מומר?...

534

ר' ישראל'טשע רוזינער ז"ל האָט געזאָגט, „כי עוני אגיד אדאג מחטאתי" — אז עס געהט אַרויף אויף דעם, וואָס עס טרעפט זיך אַ מענטש וואָס זאָרגט אויף פרנסה, און בעת דער צווייטער פרעגט איהם וואָס זאָרגסטו? ענטפערט ער, — כ'זאָרג אויף מיינע עבירות, וואָס כ'דין נישט דעם אויבערשטען ווי געהעריג, דאָס איז דער טייטש — „כי עוני" ווייל מיין זינד איז „אגיד" דאָס וואָס איך טהו זאָגען — „אדאג מחטאתי" אַז איך זאָרג אויף מיינע זינד, און דער אמת'ן זאָרג איך אויף פרנסה...

535

דער רוזינער ז"ל האָט נאָך זיין אַרויס גיין פון דער תפיסה, ווי ער איז געזעסען צוליעב אַ מסירה, געזאָגט צו זיינע מקורבים: כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס הייסט דער יצר הרע, „מלך זקן וכסיל" — מילא — „מלך" ווייל ער קיניגט איבער'ן מענטש, „זקן" — ווייל ער קומט צום מענטש פון געבוירען אהן, אָבער „כסיל" פאַרוואָס? אדרבה ער גענאַרט דאָך דעם מענטש מיט כל-ערליי שפיצלעך, נאָר זיצענדיג אין תפיסה, אין דער יצר הרע איז אויך דאָרט צו מיר געקומען, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, פאַר וואָס ער איז אַ נאַר, ווייל מילא, מיך האָט מען מיט געוואַלט איינגעזעצט, וואָס האָב איך געקענט טוהן? אָבער פרייוויליג קומען אין דער תפיסה אַריין, צו דעם מוז מען שוין זיין אַ נאַר...

536

איינער וואָס האָט פערקויפט דעם זוהר הקדוש פון שטוב האָט דערצעהלט פאַר אַ גיטען יוד, אַז ער האָט געזעהן אין חלום דאָס וואָרט „בהמה" — האָט ער איהם געזאָגט — „בהמה" איז ראשי תיבות ביערתי הקודש מן הבית". (זעה אין ס' בני יששכר)...

## 537

אײנער איז געקומען צו ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ז״ל און זיך פערקלאָגט אויף אַ צווייטען אַז יענער האָט איהם אויסגעדונגען אַ געשעפט. — האָט דער פרימישלאַנער ז״ל צו איהם געזאָגט! — הער וואָס איך וועל דיר זאָגען, עס איז דאָ געווּג פאַר אַלע און יעדער האט וואָס איהם איז באַשערט נאָר אַ פערד האָט מורא, אַז ס׳צווייטע וועט עס אויסכאַפּען און עס וועט נישט האָבען פאַר זיך, ווייל אַ פערד טרינקענדיג וואַסער אינ׳ם טייך, קלאַפּט ער אריין מיט די פוס אין וואַסער, — פאַרוואָס? ווייל אָפּשפיגלענדיג זיך אינ׳ם וואַסער און זעהענדיג ווי נאָך א פערד געגענאיבער טרינקט אויך. — האָט עס מורא אַז ער וועט נישט גענוג האָבען פאַר זיך וואַסער צום טרינקען, דעריבער קלאַפּט עס מיט די פוס ווענדעדיג קלאפען ס׳צווייטע פערד...

## 538

דער רבי ר׳ אלימלך מיט׳ן ברידער דער רבי ר׳ זושא, בעת׳ן אָבריכטען גלות, האָבען ווײלענדיג אין לודמיר געפלעגט אײנשטײן בײ אַ געוויסען חסיד ר׳ ארון, נאַכהער ווען זיי זענען נתגלה געוואָרען און זענען געקומען קיין לודמיר שוין נישט אַזוי ווי פריהער געהענדיג צו פוס, נאָר פאָהרענדיג אין אַ פרעכטיגע קאָטש געשפאַנט אין צוויי פערד, איז אַ גביר פון שטאָדט זיי אַ קייגענגעפאָהרען אין איינגעלאַדען איינצושטיין בײ איהם, די הייליגע ברידער האָבען איהם גלייך ענטזאגט, זאָגענדיג דערבײ דעם מאָטיוו! מיר זענען דאָך די זעלבע מענטשען וואָס פריהער, וועלכע אייך איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלען איינצולאַדען, נאָר וואָס באַוועגט אייך דערצו? די קאָטש מיט די פערד? אויב איהר ווילט קענען זיי איינשטיין בײ אייך...

## 539

א יוד האָט זיך אַ מאָל בעקלאָגט פאַר ר׳ פנחס׳ל קאָרצער ז״ל אַז ער וואוינט אין אַ סביבה פון פרייע מענשען וועלכע שפעטען אָב פון איהם און פון זיין פיהרונג, — האָט דער רבי איהם געענפערט: עס איז דאָך פערהאַן אַ עצה דערויף אין שלחן ערוך אורח חיים (סימן א׳) — „ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים״ — (ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר די מענשען וואָס שפעטען). איז דער מיינונג אַזוי — „ולא ישבייש״ ער זאָל זיך ניט שעמען, ווייסטו פון וועמען דו קאָנסט זיך עס אָפּלערנען, — „מפני בני אדם המלעיגים״ פון די אָבשפעטער זעלבסט, זיי דאַרפען זיך דאָך געוויס שעמען פאַר׳ן וועלט׳ס באַשעפער, און דאָך זענען זיי עובר אויף זיינע געבאָטען, און שעמען זיך גאָר ניט, מכל שכן דו, וואָס די ערפילסט דעם באַשעפער׳ס געבאָטען, דאַרפסטו זיך דאָך פאַר מענשען און דערצו נאָך פאַר אומווירדיגע מענשען אוודאי נישט שעמען...

## 540

דער אלעקסאנדער רבי ר' העניך ז"ל האט געפרעגט אויף דעם מאמר חז"ל „האי עלמא כבי הלולא דמיא" (עירובין נ"ד) די וועלט איז אזוי ווי א חתונה, פאר וואס שטייט עפעס „כבי" הלולא. און ניט „כהילולא"? — האט ער געענפערט — „כבי הלולא" איז טייטש אזוי ווי א חתונה זאל, ער האט עס פערגלייכט צו א קליינשטעטלדיגען יוד, וועלכער איז קומענדיג א מאל אין א גרויסע שטאדט אדורכגעגאנגען דורך א שטוב ווי מען האט געטאנצט און געשפילט, פרעגט ער זיך וואס איז דא, האט מען עם געענטפערט. דא קומט פאר א חתונה, דעם צווייטען טאג איז ער ווידער אדורכגעגאנגען דורך די זעלבע שטוב ווי מען האט ווידער געטאנצט, האט מען איהם ווידער געזאגט אז דא איז א חתונה, אזוי איז געווען עטליכע טעג, פרעגט ער מיט פערוואונדערונג, היתכן, איין בעל הבית מאכט אזוי פיעל טעג דורכאנאנד חתונה, יעדען טאג א אנדער קינד, האט מען איהם געענטפערט: אז דאס איז א חתונה זאל, איינער טאנצט היינט, א צווייטער מארגען. א דריטער איבער מארגען, אזוי איז אויך די וועלט...

## 541

ר' יצחק'ל ווארקער ז"ל איז א מאהל איינגעשטאנען אין א אכסניא וועלכעס דער בעל הבית האט זיך זייער בעמיהט פאר דעם רבי'ן, דער רבי האט שטארק געריהמט זיין הכנסת אורחים, אויף דער פראגע פון א חסיד, פארוואס ער ריהמט איהם אזוי, ער טהוט עס דאך פאר געלד, ער קריגט דאך דערפאר בעצאהלט? האט דער רבי געענפערט: דער יוד מיינט לעולם מקיים צו זיין בלוין די מצוה פון הכנסת אורחים אין דאס געלד, וואס ער נעמט, איז כדי ער זאל קענען שטענדיג האבען די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצוה...

## 542

דער קיידאנאווער רבי ז"ל פלעגט זאגען, אז דעריבער ווערט א יוד אנגערופען עברי" פון לשון „עובר אורח" ווייל ער באטראכט זיך אויף דער וועלט נאר אלס אג'אדורכרייזענדער...

## 543

נאך האט ער געזאגט, אויף דעם מאמר חז"ל פסיעה גסה נוטלת מאור עיניו של אדם" (שבת קי"ג) אז א טריט אין גאות דאס מינערט די ליכטיקייט פון מענש...

544

דער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האָט ערב פסח בשעת בטול חמץ געזאָגט „כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי" ס'גאַנצע שלעכטס וואָס געפינט זיך אין מיר (חמץ הייסט די שלעכטע מעשים) — „דחזיתי" — וואָס עס דוכט זיך מיר אז איך האָב זיך ארומגעזעהען, אָבער ווירקליך — „ודלא חזיתי" — איך האָב זיך נישט ארומגעזעהן, — „דביערתי" עס דוכט זיך מיר אז איך האָב עס אוועק געראַמט, אָבער ווירקליך „ודלא ביערתי" — בעט איך דיך רבונו של עולם! ליבטל וליהוי הפקר כעפרא דארעא...

545

דער רבי ר' ישראל רוזינער ז"ל האָט געטייטשט דעם פסוק, „אם יקום והתהלך בחוץ על משענתו" אויב א מענש איז רייך אין האָט א עקזיסטענץ, אז ער שטייט אויף די פוס, (אזוי ווי דער מדרש זאָגט „ואת כל היקום אשר ברגליהם" זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו) „והתהלך בחוץ" און ער געהט אוועק פון יודישען וועג, איז עס דערפאַר ווייל „על משענתו" ער לעהנט זיך אָהן אויף זיין פערמעגען און זאָגט „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה" די עצה דערצו איז, „ונקה המכה" אויב ער וויל ריין ווערין דערפון „רק שבתו" איז נאָר זיין תשובה „יתן" ער זאָל געבין צדקה, „ורפא ירפא" וועט ער פונ'ם שלעכטען וועג געהיילט ווערין...

546

ר', נפתלי ראָפשיצער ז"ל איז א מאָל געקומען אין א קליין שטעדטעל אריין האָבען זיך די איינוואוינער פאַר איהם בעקלאָגט, אז עס געהט שוין דאָרט א רעגען א לענגערע צייט, וועלכער שאַדענט זעהר די תבואות, קומענדיג אין בית-המדרש אריין, האָט ער געזעהן אז עס רעגענט אריין אין בית המדרש דורכ'ן דאַך — האָט ער געזאָגט: „איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס דער רעגען דויערט ביי אייך אזוי לאַנג, ווייל די חז"ל זאָגען, אז מען קומט אין דער פרי אין פאַרנאַכט אין בית המדרש אריין איז מען מאריך ימים, (ברכות ח') און דער רעגען קומט אויך אין בית המדרש אריין דעריבער איז ער מאריך ימים...

547

ר' משה קאָברינער ז"ל פלעגט טייטשען „רבבה כצמח השדה נתתיך" אויב א מענש ווערט געמעהרט, רייך מיט מעלות, „כצמח השדה" זאָל ער זיין אזוי ווי די געוויקסען פון פעלד, אז וואָס העכער זיי וואַקסען אלץ מעהר

ביגען זיי זיך איין, און געגעגטייל ווען דער מענש איז אין די מדרגה, אז „ותרבי" דאס וואס די האסט זיך געמעהרט מיט מעלות, „ותגדלי" האסטו בעקריגען דערפון גאוות, דאן „ואת עירום ועריה" ביסטו נאקעט פון יעדער מעלה...

548

דער דובנער מגיד ז"ל איידער ער איז געווען מפורסם, איז א מאהל געקומען אין א קליין ארים שטעדטעל און געוואלט האלטען א דרשה, די גבאים פון בית המדרש, האבען איהם ניט ערלויבט, נאר נאך לאנגע געבעהטין האבען זיי איהם ערלויבט נאר עטליכע ווערטער צו זאגען איז ער ארויף אויפ'ן בלעמער און געזאגט, „רבותי! שלמה המלך זאגט אין משלי, „תחנונים ידבר רש, ועשיר יענה עזות", — איז דאך נישט קיין מניעה פון אייער זייט, אז עס זאל מקויים ווערין דער פסוק „ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן" און איז אראפ פון בעלעמער, ווען מען האט איהם געבעהטען ער זאל ערקלערען, וואס ער האט געמיינט, האט ער ערקלערט, דער רייכער קריגט זיך שטענדיג מיט'ן ארימאן אז יעדער איינער פון זיי איז מעכב די גאולה, דער ארימאן טענה'ט צום גביר עס שטייט דאך „אז משיח וועט ניט פריהער קומען ביז עס וועט זיך אויסלאזען דאס געלד פון בייטעל", (סנהדרין צ"ז) איז דאך דער גאנצער אויפהאלטונג, נאר פון דיר, וואס די האסט א פולען בייטעל געלד, דער גביר טענה'ט צום ארימאן, אז די ביסט מעכב די גאולה, ווייל די חז"ל זאגען „בעוקבתא דמשיחא חוצפא יסגא" (סוטה מ"ט) ווען משיח וועט קומען וועט זיין אסך חוצפה, און מיר פעהלט דאס ניט, דאס האב איך געמיינט פירט אויס דער דובנער ז"ל, „בתחנונים ידבר רש", דער ארימאן טענה'ט צום גביר איך מוז בעטען א גראשען ביי דיר, איז דאך פון מיר ניט קיין מניעה, צו ביאת משיח, „ועשיר יענה" ער ענטפערט „עזות" איך האב דאך אבער „עזות" — אבער אין אייער שטעדטעל וואס עס איז דא ביידע מעלות, איהר זענט גרויסע ארימעלייט, און גרויסע מחוצפים, איז דאך אודאי נישט קיין מניעה, עס זאל מקויים ווערען דער פסוק ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן...

549

א משכיל האט געפרעגט דעם רוזינער ז"ל, ווי אזוי קען מען גלויבען אין ביאת המשיח, אז עס שטעהט אין פסוק „נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל" (עמוס ה') זי איז געפאלען און וועט שוין מער ניט אויפשטעהן די בתולת ישראל? — האט דער ריזינער ז"ל געענטפערט, די גמרא ערקלערט דאך דעם פשט אזוי, נפלה זי איז געפאלען, „לא תוסיף" אבער זי וועט שוין ניט מעהרין צו פאלען, „קום בתולת ישראל" שטעה אויף די בתולת ישראל! (ברכות ד) דער אפיקורוס האט אבער איהם ערקלערט, אז ער גלויבט ניט (רחמנא לצלן) אין

דעם דרש פון די חז"ל נאָר וויל וויסען אַ ראיה פון אַ פסוק, האָט ער איהם געענטפערט: דוד המלך זאָגט אין תהלים „שוא לכם משכימי קום" — פאַלש זענען ביי אייך די וועלכע פעדערין דעם קום. צו „לא תוסיף", נאָר „מאחרי שבת" שפּעטער דאַרף מען זעצען דעם „קום" דאָס הייסט, „קום בתולת ישראל".

550

דער ש"ך זייענדיג אויף קעסט ביי זיין רייכען שווער, האָט דער שווער איהם געבעטען אין אַ גרויסען יריד טאָג, ער זאָל פּרובען האַנדלען, און אום געגעבין אַ סומע געלד, דער ש"ך האָט געקויפט אַ געוויסע סחורה, פון וועלכען ער האָט פערדינט אַסאַך געלד, אַ צווייט מאָל אָנשלאָגענדיג איהם דאָס זעלבע צו טוהן, האָט דער ש"ך שוין ניט געוואָלט, זאָגענדיג אַז דאָס איז מעשה יצר הרע, דאָס וואָס ער האָט דענסטמאָל פאַרדינט, כדי איך זאָל מיך איינגעוויינען אין מסחר און ניט דאַרפען לערנען, אָבער סוף כל סוף, וועל איך פערשפּילען דאָס געלד אויך, אויב איך וועל אָנהייבען האַנדלען, און ער האָט געטייטשט דעם פסוק „אמר אויב" עס זאָגט דער פיינד, ס'הייסט דער יצר-הרע „ארדוף אשיג" אויב וויל איך יאָגען דעם מענש אין איהם גרייכען, „אחלק שלל", וועל איך איהם צוערשט טיילען עשירות, אַז ער זאָל פערדינען פיעל געלד, און דאַן ווען עס וועט זיין — „תמלאמו נפשי" — ער וועט שוין זיין אָנגעפּולט מיט מיין גייסט — „תורישמו ידי" — דעמאָלט וועל איך איהם צוריק אָרים מאַכען, איהם דאָס געלד צונעמען...

551

דער רבי ר' ברוך פון מעזיבוז ז"ל האָט געזאָגט: „כף אחת עשרה" איין בויג פון אַ יוד לשם שמים, (עשרה איז „יוד") — „זהב מלאה" — איז ווערט פיעל גאָלד, (במדבר ז')...

552

דער קאָזניצער מגיד ז"ל פלעגט טייטשען דעם פסוק — באין מליץ יושר מול מגיד פשע" — „באין" אַז אַ יוד איז ביי זיך גאָרנישט, „מליץ יושר" — איז עס פאַר איהם אַ ריכטיגער פערטיידיגער „מול" עס פערשניידט, „מגיד פשע" דעם בעשולדיגער...

553

דער גאון ר' זונדיל סאַלאַנטער ז"ל איז אַ מאָל געפאָהרען אונטערוועגנ'ס

מיט א יודישען בעל עגלה, דורכפאָהרענדיג דורך א פעלד, האָט זיך דעם בעל עגלה פערגליסט צונעמען היי פאר דעם פערד, און האָט געבעטען ר' זינדיל, ער זאָל אכטונג געבען צו עמיצער זעהט, דער בעל עגלה איז אראָב געגאנגען נעמען היי, האָט ר' זינדיל אָנגעהויבען שרייען, מען זעהט ! דער בעל עגלה איז גלייך ארויף אויף דעם וואָגען און אָנגעהויבען פאָרען, אָבפאָהרענדיג א שטיקעל וועג, דרעהט ער זיך אויס, און זעהט ניט קיינעם פרעגט ער ר' זינדיל, ווער זעהט, האָט ר' זינדיל געענטפערט, אין הימעל זעהט מען...

554

דער רבי ר' אלימלך ז"ל פון ליזענסק דער בעל „נועם אלימלך" האָט געפלעגט צו זאָגען, אז ער האָט זיך און יודישקייט פיעל געלערענט פון זיינ'ס א שכן א אָרימער קירושנער מיט'ן זעלבען נאָמען, אלימלך דער קירושנער האָט שפעט ביי נאכט געאָרבייט ביי א צאנקענדיג ליכטעל, ביי וועלכען דאָס ווייב האָט איהם כסדר געמוטיגט מיט די ווערטער : „מלך ! מלך ! פעררייכט דאָס פעלצעל כל זמן ס'ליכטעל ברענט נאָך, ווייל ווען עס וועט אויסגעהן וועסטו די דאָך גאָרנישט האָבען". און דער רבי ר' אלימלך ז"ל האָט געפלעגט צו זיך זאָגען, מלך ! מלך ! פעררייכט דאָס פעלצעל (חומר) כל זמן ס'ליכטעל (נשמה) ברענט נאָך, ווייל ווען עס וועט אויסגעהן, וועסטו דאָך גאָרנישט האָבען...

555

דער רבי ר' משה ז"ל פון קאָברין האָט געטייטשט, „הצילני מדמים אלקים" (תהלים ל"ד) בעשירעם מיך, אז דאָס געלט זאָל נישט זיין ביי מיר קיין דאָם...

556

א דאָרפסמאַן וואָס האָט געהאט א דין תורה מיט א צווייטען יוד, — וועלכעס מען האָט דעם צווייטען צו געפּאסקנ'ט א העלפט פון די תביעה, — האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט מקיים פסק זיין, נאָר סיידען אז דער דיין וועט איהם ווייזען א בפירוש'ען פסוק אין דער תורה — דער דיין האָט גענומען א גרויס חומש, אויפגעמישט אויף צוויי ערטער אין סוף סדרה, ווי עס שטייט דריי פאי'ן, און דריי סמכ'ן, און ווייזענדיג דעם דאָרפסמאַן זאָגט ער צו איהם צו ווייסטו ווי עס מאכט ? — ניין — האָט ער געענטפערט, איבּ אזוי וועל איך דיר זאָגען ווי עס מאכט : „סאָנדזיש סאַם סאָבּיע פּלאַטשיש פּרזינאַימניע פּאָלאָווע" — זאָגאַר ווען זאָלסט דיר אליין פסקענען, דאַרפסטו אויך על כל פנים העלפט בעצאָהלען. אַך, מאַקע ! האָט דער דאָרפסמאַן מיט איבּערראַשונג אויסגערופען און

מקיים פסק געווען, אַ צופריעדענער, אַז ער האָט בפירוש געזעהען דעם פסק אין די תורה...

557

דער „בעל שם טוב" ז"ל פלעגט זאָגען, „סור מרע ועשה טוב" זאָלסט ארויסנעמען דאָס שלעכטע פון דעם שלעכטען מענטש, און דאַן מאַכען פון איהם גוט...

558

דער רבי ר' זושא ז"ל האָט געזאָגט „כי הלל רשע על תאות נפשו" דער רשע וועט זיך זאגער נידעריג האַלטען ווי „הלל" וואָס איז געווען אַ גרויסער „עניו" (שבת ל"א) אויב עס איז נאָר מעגליך דורך דעם צו ערפילען זיינע תאוות...

559

איך פלעגט ער זאָגען „מדבר שקר תרחק" (שמות כ"ג) דורך רעדען שקר טוהסטו זיך דערווייטערען פון אייבערשטען...

560

דער סאַדיגורער רבי ז"ל האָט געטייטשט די רש"י „אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים" (ויקרא כ"א) צו וואָרענען די וועלכע זענען גרויס אין דערגען, „על הקטנים" זיי זאָלען זיין ביי זיך קליין...

561

דער רבי ר' הירש מלך דינאָוועצר ז"ל דער מחבר פון בני יששכר איז געווען אַ אָרימאַן, איינמאָל האָט איינער איהם איבער געלאָזט 2) גראָשען, האָט די רעבעצין געגעבין אַ שכנ'טע אַ גראָשען, זי זאָל קויפען 2 בייגעל, די שכנ'טע איז געווען טויבליך, האָט זי אַנשטאַט בייגעל געקויפט פאַפּיער צום שרייבען, האָט די רעבעצין דאַן איהר אָ־ועקגעגעבין דעם צווייטען גראָשען און נאָכאַמאָל געשיקט נאָך בייגעל, האָט די שכנ'טע ווידער געבראַנגט טונט און פעדער, האָט דער רבי געזאָגט צו די רעבעצין, „די זעהסט דאָך אַז מען הייסט פון אויבען שרייבען", און ער האָט זיך גענומען אויפשרייבען זיינע חידושים אויף תורה...

562

דער רבי ר' זושא ז"ל האָט געטייטשט „רם ד' ושפל יראה" דאָס רוממות פון באשעפער קען נאָר זעהן דער וואָס איז ביי זיך שפל'דיג...

563

דער „שרף" האָט געזאָגט דעם טייטש פון דעם מאמר חז"ל. „ראיתי בני עליה והמה מועטים" (ב"ב י') כ'האָב געקלערט און געזוכט — פאַרוואָס האָבען זיי זוכה געווען צו קומען צו דער מדריגה, פון „בני עליה" — האָב איך געזעהן והמה מועטים, ווייל זיי זענען ביי זיך מועטים וועניג און נידעריג ביי זיך זעלבסט...

564

צום רבי'ן ר' מאיר פרימישלאַנער ז"ל. איז אמאָל געקומען א יוד א פעל הענדלער, און זיך פאַר איהם בעקלאָגט אז דער פרייז פון פעל איז זעהר געפאַלען, און ער האָט גראָד ליגען א גרויסען, קוואַנטום סחורה, אַזוי אַז עס שטעהט איהם צו פערלירען, כמעט ס'גאַנצע פערמעגען, האָט דער פרימישלאַנער ז"ל געענטפערט: „עס שטעהט דאָך — ליהודים היתה אורה" — אז א יוד האָט ליגען פעל... (עור) „ושמחה וששון" — זאָל ער זיין פרעהליך און לוסטיג „ויקר" — ווייל עס וועט טייערער ווערין, און דער פרייז איז טאַקע פיעל געשטיגען, אַזוי אַז ער האָט פערקויפט די סחורה מיט א גרויסען רווח...

565

א דאָרפסמאַנ'ס אַנ'איידעם, איז געקומען צו ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל, זיך פערקלאָגען אויפ'ן שווער, דעם דאָרפסמאַן, אַז ער האָט איהם צוגעזאָגט קעסט און וויל נישט געבען, און מאָהנענדיג איהם די קעסט האָט ער איהם נאָך גוט אָנגעקלאַפּט די ביינער, און א קוה וועלכע ער האָט איהם געגעבען אלס נדן האָט ער איהם אויך צוגענומען. האָט דער פרימישלאַנער ז"ל גע'פסק'ענט אַז דער שוועהר זאָל איהם פאַר דעם אַלעם געבין 24 רענדלעך, ווייל ס'שטייט „הקשת, פאַר די קעסט „שנים עשר" 12 רענדלעך, „וקליפה" פאַר די קלעפ „שלשה" 3. „וקנמון" פאַר די קוה נעמען „תשעה" 9. ס"ה 24...

566

דער דובנער מגיד ז"ל — פאַהרענדיג א מאָל אין א געוויסע שטאָדט אריין אויף שבת, איז ער אָהן געקומען פרייטאָג אין א דערבייאיגען דאָרף, ווי עס

האָט געוואוינט אַ יודישער אַרענדאַר, וועלכער האָט געהאַלטען בײַ זיך אַ אײדעם אַ לערנער, אויף דעם דובנער'ס פראַגע ווי ווײַט עס איז נאָך אין שטאָדט אַרײַן האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: עס איז נאָך זעהר ווײַט, מעהר ווי אַ מײַל, און איהם גלײַכצײַטיג געבעטען, אַז ער זאָל דאָרטין האַלטען שבת, וואָס דער מגיד האָט טאַקע ערפילט אין אַ גאַנצען שבת מיט איהם פערבראַכט אין לערנען, אַ לאַנגע צײַט שפּעטער איז דעם דובנער מגיד נאָך אַ מאָל אויסגעקומען צו זײַן אין זעלבען דאָרף פרײַטאָג דער זעלבער אײדעם איז שוין דאַמאָל'ס געווען סוחר, אויף די פראַגע ווי ווײַט עס איז אין שטאָדט אַרײַן — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: „זעהר נאָנט לערך אַ תחום שבת", איהר קענט נאָך גײן אין שטאָדט אַרײַן, האָט דער דובנער מגיד ז"ל זיך אָנגערופען צו איהם, דער נביא טרויערט, „על מה אבדה הארץ" (ירמיה ט') צוליעב וואָס איז פערלוירען געוואָרען די ערד, דער וועג איז קלענער געוואָרען, פריהער איז געווען אין שטאָדט אַרײַן אַ מײַל, און יעצט איז קוים אַ תחום שבת? — „על עזבם את תורתי" — ווײַל דער יונגערמאַן האָט פערלאָזט די תורה, און נישט וועלענדיג שמועסען אין לערנען שיקט ער דעם מגיד, אַוועק אין שטאָדט אַרײַן...

567

**א** חסיד האָט זיך געזעגענט פאַר דעם רבי'ן ר' יצחק פון סקווערא ז"ל, אַז ער האָט ניט קײן שום קוועלע אויף פרנסה, האָט דער רבי געענטפערט, דוד המלך זאָגט „מאין יבא עזרי" פון גאָר נישט קען קומען מײַן הילף „עזרי מעם ד'" אויב דער אײבערשטער וועט מיר העלפען „עושה שמים וארץ" אַזוי ווי דער אײבערשטער האָט באַשאַפען הימעל פון גאָרנישט, אַזוי קען ער דאָך אויך בײַ מיר פון גאָר נישט מאַכען ממשות'דיגס, און עס זאָל זײַן אויף פרנסה...

568

**ד**ער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האָט געטײַטשט אין סליחות, „בראותי כל עיר על תלה בנויי'" דאָס וואָרט „עיר" מײנט מען התעוררות ערוואַכונג, צו אַלע זאַכען איז דאָ התעוררות, נאָר „ועיר אלקים" התעוררות צו אַ יודישע זאַך וואָס השי"ת האָט געבאָטען, דאָס איז לײדער „מושפלת עד שאול תחתי'"...

569

**פ**אַר וואָס ווען מען בעהט אויף אַ רפואה, זאָגט מען „רפואה שלימה מן השמים" אַנ'אויסנאַהם נוסח פון אַלע אַנדערע בקשות? נאָר דער מענטש איז באַשאַפען

געוואָרען פון פיער געגענשטאַנדען, ערד, ווינט, פייער, וואַסער, און אַ שלאַפקייט מאַכט זיך דערפון, וואָס איין געגענשטאַנד שטאַרקט זיך אוף'ן צווייטען, דעריבער בעט מען, אַז דער אייבערשטער זאָל שיקען אַ רפואה „שלמה" ער זאָל שלום מאַכען צווישען די געגענשטאַנדען „מן השמים" אַזוי וויא ער האָט געטוהן בּיי די הימלען וואָס די חז"ל זאָגען „שמים אש ומים" (זה רש"י פ' בראשית) ער האָט שלום געמאַכט צווישען פייער און וואַסער אַזוי ווי עס שטייט „עושה שלום במרומיו"...

570

דער דובנער מגיד ז"ל האָט געזאָגט פאַרוואָס הייסט דער יצר הרע „כסיל"? ווייל יעדערין סוחר רופט מען אָן לויט די סחורה מיט וועלכע ער האַנדילט, דעריבער הייסט ער „כסיל" ווייל ער האַנדיל מיט נאַרישקייטען...

571

צום רבּי'ן ר' מאיר'ל פּרימישלאַנער ז"ל איז געקומען אַ יוד און זיך בעקלאָגט אויף אַ צווייטען אַז ער וויל איהם אויסדינגען אַ געשעפט, האָט איהם ר' מאיר'ל געזאָגט, עס מוז דען זיין דוקא דאָס געשעפט, דינג דיר אַ צווייט געשעפט, – זאָגט יענער איך בעט דעם רבּי'ן ער זאָל מיר געבין אַ ברכה דערויף, – האָט ר' מאיר'ל ז"ל געזאָגט צו איהם, – „דברים" דו האָסט מיט איינעם אַ „דין ודברים" אַ סכסוך, ווייל ער וויל דיר אויסדינגען אַ געשעפט, „ואתחנן" איך וועל בעטען דעם אייבערשטען, דו זאָלסט מצליח זיין, אָבער „עקב" דערוויל איידער וואָס-ווען, „ראה" זעה דוך אַרום, און דינג דיר אַ אַנדער געשעפט און „שופטים" נאַכהער זאָלסטו דיך מיט יענעם משפּט'ן ביים בית-דין, „תצא" די וועסט אַרויס פון דעם געשעפט, און „תבא" וועסט אריין קומען, אין דעם נייעם געשעפט, נצבים דו וועסט גוט שטיין „וילך" עס וועט דיר גוט געהן „האזינו" האָסטו פערשטאַנען, „וזאת הברכה" דאָס איז מיין ברכה...

572

דער רבּי ר' שמעלקע ניקעלשבּורגער ז"ל איז אַ מאָל געוועזען אונטער וועגיב'ס אין אַ דאָרף, האָט איהם אַ אומבעקאַנטער קצב געפרעגט, אויב ער איז אַ שוחט, ווייל איך האָב אַ בהמה צום שעכטין, און דער שוחט וואוינט זייער ווייט, – ענטפערט איהם דער רבּי, יאָ! נאָר איך בעט פון דיר אַ קלייניגקייט, די זאָלסט מיר באָרגען אויף אַ פּאָר טאָג 20 קראָנען, זאָגט צו איהם דער קצב, קען איך דען באָרגען געלד אַ מענטש וואָס איך קען איהם ניט, האָט דער רבּי

ר׳ שמעלקע געענטפערט, הער זשע אליין צו, וואס די זאגסט, 20 קראן. אזא קליינינגקייט האסטו מורא צו בארגען, טא ווי אזוי ווילסטו מיר גלייבען, אז איך בין א שוחט, און די האסט גיט קיין מורא פאר קיין נבילות וטריפות, — דער קצב האט זיך פארשעמט, און צו געזאגט אז ער וועט שוין נוהר זיין...

## 573

ר׳ הערשעלע זדיטשובער ז״ל פלעגט זאגען, אז א יוד דארף אין זיך האבען די סימנים פון א בהמה טהורה! „מעלה גרה״ פון לשון — „עשרים גרה השקל״ ד. ה. ער זאל מעלה זיין געלד אויף צדקה, און „מפריס פרסה״ פון לשון „פרוס לרעב לחמך״ ער זאל אויך ארימע געבין צו עסין...

## 574

צו ר׳ נח לעכעוויטשער ז״ל איז אמאל אריינגעקומען א חסיד אין געבעטען א עצה אויף אינערליכע התעוררות אין הכנעה. דער זייגער האט גראד געקלינגען א געוויסע שעה, האט דער רבי צו איהם געזאגט, מען בעדארף ניט קיין בעסער מיטעל ווי עס איז אט דאס קלינגען פון זייגער, בעדענקענדיג זיך: עס איז שוין אדורכגעגאנגען, נאך א שעה פון מיין לעבען, און וואס האב איך אויפגעטוהן אין אט די שעה, פון דעם אליין קען מען קריגען הכנעה, — דעם זעלבען טעם זאגט אויך די וועלט, פאר וואס מען גיט דעם חתן א מתנה א גאלדענעם זייגער, צו וויסען אז די צייט איז גאלד, — איך פלעגט זאגען דער חי׳ הרי״ם „ואם לא עכשיו אימתי״ אז ניט „עכשיו״ ווען וועסט די קענען צוריק מתקן זיין דעם „עכשיו״ דער עכשיו און דעם זמן וואס די רעדסט דער וועט דאך שוין קיינמאל ניט זיין, יעדער זמן האט א באזונדערען עכשיו...

## 575

ר׳ מרדכי לעכעוויטשער ז״ל האט געפלעגט טייטשען, דאס וואס מען בעהט אויף פרנסה „בהיתר ולא באיסור״ אזוי: „בהיתר״ מ׳זאל זיין אויפגעבינדען פונ׳ם געשעפט, „ולא באיסור״ — און גישט מ׳זאל זיין דערין אנגעבינדען...

## 576

דער מאהליבער רב ז״ל איז אמאל, געהענדיג נאך קמחא דפסחא, אריינגעקומען צו א אויפגעקומענעם גביר, בעת ווען ער האט טאקע בעמערקט די פערשענערטע וואוינונג און דאס פריש איינגעקויפטע מעבעל, האט ער זיך גערעכט אויף א פיעל גרעסערע סומע געלד, זעהענדיג אבער אז ער גיט דאס

זעלבע ווי פאר א יאהרען, האט ער דערויף געזאגט דעם פסוק אין (תהלים קי״ב) „הון ועושר בביתו", דאס רייכטום דערקענט מען אין זיין וואוינונג ס'ווערט יעדעס מאל גרעסער, — „וצדקתו עומדת לעד" — דאגעגען די צדקה בלייבט שטעהען אויף איין ארט, אויף אייביג...

## 577

דער רבי ר' יונתן ז״ל האט א מאהל-גייענדיג אין בית המדרש אריין, — זיך געטראפען מיט'ן פירשט פון שטאדט, וועלכער האט איהם געפרעגט וואוהין ער געהט, כ'ווייס נישט ? — האט ער געענטפערט, דער פירשט האט אנגענומען די תשובה פאר א גרינגשעצונג, און האט געהייסען איהם איינזעצען אין תפיסה אריין, האט דער רבי ר' יונתן ז״ל צו איהם געזאגט, ווען איהר וואלט מיך געפרעגט וואוהין איך רעכען צו גיין וואלט איך אייך געזאגט, אבער וואוהין איך געה ? פונוואנען וואלט איך עס געזאלט וויסען ? אט האב איך טאקע גערעכענט צו געהן אין בית המדרש אריין, און בין גאר געגאנגען אין תפיסה אריין, דעם פירשט איז די תשובה שטארק געפעלען געווארען, און האט זיך טיעף ענטשולדיגט פאר איהם, און איהם פריי געלאזט פון תפיסה...

## 578

דער דובנער מגיד ז״ל האט געזאגט, אין תהלים געפינט זיך פיער מאל „אשרי", : „אשרי האיש אשר לא הלך", „אשרי העם יודעי תרועה", „אשרי תמימי דרך", „אשרי יושבי ביתך" — דאס איז מרומז אויף די וועגען וואס א מענטש מאכט אדורך בכדי צו פערדינען די פרנסה, דאס בעסטע איז „אשרי יושבי ביתך" צו זיצען אין דער היים און צו האבען פרנסה בכבוד, ווייטער איז פערהאן איינער וואס פאהרט ארום אין די פרעמד האנדלען, אבער ער פאהרט און א קאטש מיט גלעקלעך מיט רעש, און געפילדער, דאס איז „אשרי העם יודעי תרועה", דאס דריטע איז איינער וואס פאהרט אונטער וועגענ'ס מיט א איינפאכען וואגען, נאר על כל פנים גייהט ער ניט צו פיס, ס'איז „אשרי האיש אשר לא הלך" און אויב ער קען צו דעם אויך ניט יכען, זאל ער חאטשע בעטען אז ער זאל האבען גאנצע שיך אויפ'ן וועג. איז „אשרי תמימי דרך"...

# דער יודישער אוצר

## זעקסטער העפט.

579

פאר'ן גאון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל האט מען זיך אמאהל בעקלאגט אויף א געוויסע שטאדט, אז דארט גיט מען נישט קיין צדקה די ארימע לייט וואס קומען אין די שטובען, און אין רוב שטיבען, אפילו ביי פרומע יודען, ענטפערט מען זיי! האט נישט קיין פעראיבעל וואס מ'גיט אייך נישט, -- האט ר' ישראל סאלאנטער ז"ל דערויף געענפערט! אז אפילו א יוד, וועלכער איז אנגעזאפט מיט תורה ומצות נאר ער פיהרט זיך אזוי מיט צדקה, איז זיין עונש אויף יענער וועלט, אז מען שטעלט איהם אוועק ביי די טיהר פון גן עדן און מען זאגט צו איהם! האט נישט קיין פעראיבעל וואס מ'לאזט אייך נישט אריין...

580

דער רבי ר' אברהם יעקב ז"ל פון סאדיגורע האט געפלעגט טייטשען, „ודורשי ד' לא יחסרו" אז די צדיקים פעלט גאר ניט, ווייל „כל טוב" אלעס איז ביי זיי גיט, וואס דער אייבערשטער מאכט מיט זיי, זענען זיי מקבל באהבה...

581

צו ר' יחזקאל'ע קוזמיר ז"ל איז א מאהל געקומען איינער פרעגען א עצה אין מסחר, -- האט ער איהם גאר ניט געענטפערט: דער מענש האט אבער גזעהען ווי עס גייט צו א חסיד נאך איהם, און פרעגט אויך א עצה אין מסחר, און איהם האט ער יא געענפערט א קלארע תשובה, גייט דער מענש נאך א מאהל צו צום רבי'ן, און פרעגט פאר וואס האט איהר מיר גאר ניט געענטפערט, און יענעם, יא? האט ר' יחזקאל'ע ז"ל געזאגט, איך וועל דיר געבין צו פערשטעהען מיט א משל, א סוחר וואס האט אגאנצע טאג איינגעקויפט סחורה אויף א יריד, ווען ס'איז שוין געווען שפעט ביי נאכט, וועלענדיג א היים פארען, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט ניט קיין סמאלע צושמירען די רעדער, און אלע געוועלבער זענען שוין געשלאסען, האט איהם דער סוחר פון יריד בארוהיגט. און איהם

בעגעבין א ביסעל סמאַלע וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין אייגענעם וואָגען, דערווייל האָט איינער וואָס האָט אויך באַדאַרפט סמאַלע געזעהען דאָס, לויפט ער צו צום סוחר ער זאָל איהם פערקויפען סמאַלע, זאָגט דער סוחר, צו בין איך דען אַ סמאַלע הענדלער, יענער האט ביי מיר געקויפט סחורה, טוה איך איהם אויך די טובה אין גיב איהם צו אַ ביסעל סמאַלע, ווייל די געוועלבער זענען שוין צו געשלאָסען, אָבער דו ווילסט נאָר בלויז סמאַלע, צו בין איך דען אַ סמאַלע סוחר? — אַזוי איז מיט דיר דער חסיד, וואָס איך האָב בעגעגטפערט אין מסחר, ער איז עוסק אין חסידות, און שטענדיג פרעגט ער מיך עצות אין חסידות, ממילא אַז עס טרעפט אַ מאָהל ער פרעגט מיך אין מילי דעלמא ענטפער איך איהם אויך, אָבער דו קומסט דאָך נאָר בלויז פרעגען אין מסחר זאַכען און גשמיות זאַכען, טאָ ווילסטו דאָך בלויז סמאַלע, צו בין איך דען אַ סמאַלע סוחר...

## 582

דער גאון ר׳ יצחק אייזיק הלוי ז״ל מחבר פון „דורות הראשונים״, איז אַ מאָהל זייענדיג אין קראָקע, בעטהרט געוואָרען מיט אַ ספר פון אַ באַקאַנטען גאון אין גאַליציען, דאָס ספר איז געווען געווידמעט צו פערענטפערין 80 תירוצים אויף איין וועלט׳ס קשיא. האָט ר׳ יצחק אייזיק זיך אָנגערופען, דער מחבר זוכט אויף איין קושיא 80 תירוצים, דאַגעגען איך בעמיה זיך, פאַר 80 קשיות — איין תירוץ צו געפונען...

## 583

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פלעגט זאָגען „וירא מנוחה כי טוב — ויט שכמו לסבול״ אַז אַ מענש וויל האָבען מנוחה, זאָל ער זיך צו געוויינען סובל צו זיין אַלע זאַכען וואָס עס גייט אויף איהם אַדורך...

## 584

דער רבי ר׳ יחיאל מאיר ז״ל פון גאסטענין האָט געטייטשט דעם מאמר חז״ל, „קשין מזונותיו „של אדם״ כקריעת ים סוף״ (פסחים קי״ח) עס איז נאָר שווער די מזונות וואָס קומען פון אַ מענש, אַ „בשר ודם״, — אַזוי ווי קריעת ים סוף...

## 585

אַ פרייער וואָס האָט שטאַרק דערקוטשעט דעם רבין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער

ז"ל, האָט געזאָגט צום משמש ער זאָל צוברעכען דעם אויוען, באַלד נאָכדעם איז יענער געשטאָרבען, האָט דער משמש געפרעגט! רבי וואָסער שייכות האָט דאָס געהאט מיט דעם אויוען? האָט ר' מאיר'ל ז"ל געענטפערט מיט אַ שמייכעל: עס שטעהט דאָך בפירוש, „שובר אויבים ומכניע זדים", אַז מען צוברעכט דעם אויוען, האָבען די רשעים אַ מפלה... [אין אמת'ן איז דאָס געווען עפ"י סוד].

586

דער רבי ר' משה ז"ל פון קאָברין, האָט געטייטשט, „כי אני ד'" — אַז איהר וועט וויסען אַז איך בין ג-ט „רופאיך" דאָס אַליין וועט איך היילען...

587

דער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל „בפני נכתב ובפני נחתם" (גיטין ב') אין פנים פון מענטש איז אַלצדינג אויפגעשריבען און אויפגעחתמנ'ט...

588

נאָך האָט ער געזאָגט „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ד' אלקיך נותן לך" — זאָלסט מאַכען אַזעלכע „רבנים" וואָס זיי זאָלען אין דיר אַריינגעבען דעם „ד' אלקיך"...

589

דער רבי ר' אברהם סלאָנימער ז"ל האָט געטייטשט, דעם מאמר חז"ל „עד ארבעים שנין מיכלא מעלי, מכאן ואילך משתי מעלי" (ביז פערציג יאָהר איז עסין בעסער, — פון פערציג יאָהר, איז טרינקען בעסער), ביז 40 יאָהר ווען מ'הייסט נאָך אַ יונגערמאַן, זאָגט דער יצר הרע צו איהם לעב צו אַ גוטען טאָג, און יודישקייט וועסט די עוסק זיין אויף די עלטער, זאָלסטו איהם ענטפערין: „מיכלא מעלי" אַז ביי עסין איז וואָס פרישער איז בעסער, אַזוי אויך איז גלייכער אין די יונגע יאָהרען עוסק צו זיין אין יודישקייט, „מכאן ואילך" אַז דער יצר הרע קומט ווייטער אויף די עלטער, און זאָגט ווי אַזוי קענסטו אויף די עלטער דאַוונען, לערנען, די ביסט דאָך אַ צובראָכענער מענש, אַ שוואַכער, גלייכער אויף די עלטער צופערברענגען מיט גוטע עסין און טרינקען. זאָלסטו איהם ווייזען אַ ביישפיל. „משתי מעלי" אַז ווייז וואָס עלטער איז דאָס בעסער — אַזוי ווי די חז"ל זאָגען „יין ישן דעת זקנים נוחה הימנו" (עירובין ס"ה) אַלטער וויין באַרוהיגט דעם דעת פון די אַלטע לייט, ווייל וואָס עלטער איז דאָס בעסער...

590

נאָך האָט ער געזאָגט, „נחמו נחמו" די גאנצע טרייסט איז וואָס דער אייבערשטער רופט אונז „עמי" נישט „עם" נאָר „עמי יאמר אלקיכם"...

591

נאָך האָט ער געזאָגט, „שש אנכי" — דער „אנכי" אליין האָט זיך געפרייט ווייל — „על אמרתיך" ווייל דו אליין האָסט איהם געזאָגט, ווייל „אנכי וכו' מפי הגבורה נאמרו" (מכות כ"ג)...

592

נאָך האָט ער געזאָגט, „הקורא את המגילה למפרע לא יצא" (מגילה י"ז) אין יעדען דור, דאַרף דעם מענש זיין גלייך ווי בײַ איהם אליין וואָלט געוועזן דאָס נס פון פורים, אָבער אַז ער לייענט די מגילה „למפרע" אַז אַמאָהל איז אזוי געוועזן דאַן „לא יצא"...

593

נאָך האָט ער געזאָגט, „איזהו חכם הלומד מכל אדם", דער נאַר לערינט נישט פון יענעם, ער האָט נאָר „זיין שכל" אזוי ווי די וועלט זאָגט יעדער נאַר האָט זיין שכל, ניט יענעמ'ס, אָבער אַ חכם לערינט פון יעדען מענש, האָט ער דאָך יענעמ'ס שכל אויך...

594

דער רבי ר' שלום בעלזער ז"ל האָט געטייטשט, „ישא ברכה מאת ד'" אז אַ מענש קריגט אַ ברכה און אַ טובה, ער ווערט געהאָלפען, זאָל ער ניט זאָגען „כחי ועוצם ידי", נאָר ער זאָל וויסען „מאת ד'" אַז דאָס איז פון אייבערשטען, „וצדקה מאלקי ישעו" אויך אַז עס איז נאָר אַ צדקה פון באַשעפער אָבער ניט ער האָט זיך דאָס פערדינט...

595

דער רבי ר' ישראל'טשע ריזינער ז"ל האָט געטייטשט דעם פסוק „כי הנה יוצר הרים ובורא רוח, ומגיד לאדם מה שיחו" (עמוס ד') אויב אַ מענש רעדט אַ וואָרט וואָס מ'דאַרף ניט, זאָל ער ניט זאָגען, וואָס האָב איך דען

געטוהן, רייד זענען דאך נאר א בלויזער ווינט פון מויל, עס האט ניט אין זיך קיין ממש, דערויף זאגט דער פסוק, השי"ת האט באשאפען בערג, וואס זיי האבען א ממש, און האט באשאפען ווינט וואס דאס האט ניט קיין ממש, פונדעסטוועגען האט דער ווינט א כח איינצווייגען גאנצע בערג, „ומגיד לאדם" דאס זאגט דעם מענטש „מה שיחו" וואספאר פעולה דער בלויזער דיבור קען ברענגען...

## 596

דער חי' הרי"ם ז"ל האט געפרעגט, עס שטייט „אמת מארץ תצמח" (תהלים פ"ה) וואס פאר זייעט מען אז עס זאל ארויס וואקסען דער אמת? האט ער געענטפערט: אז מען באגראבט דעם שקר אין דער ערד, וואקסט ארויס דער אמת...

## 597

דער „חוזה" ז"ל פון לובלין האט געטייטשט „אוהב שלום ורודף שלום" (אבות) „אוהב שלום" גייט ארויף אויף די צדיקים עס זאל זיין ביי זיי שלום, „ורודף שלום" גייט ארויף אויף די רשעים, אז אהרן הכהן האט פון זיי אוועק געיאגט דעם שלום, ווייל די חז"ל זאגען „פיזור לרשעים הנאה להם והנאה לעולם" (סנהדרין ע"ב)...

## 598

נאך האט ער געזאגט: אויף דעם מאמר חז"ל „הבא לטהר מסייעין אותו, הבא לטמא פותחין לו" (יומא ל"ח) פארוואס ביי טהרה איז דא א סיוע, און ביי טומאה איז נאהר פותחין? ווייל „הבא לטהר" וויל ער זיך דאך מתחבר זיין צום אמת, און „אמת יש לו רגלים", קען דער אמת קומען צום מענש איהם מסייע זיין, אבער „הבא לטמא", וויל ער זיך דאך מקרב זיין צום שקר, און „שקר אין לו רגלים" (שבת ק"ד) קען ער איהם ניט מסייע זיין...

## 599

דער גאון ר' חיים וואלאזינער ז"ל פלעגט זיין א געוואלדיגער „רודף שלום" ער פלעגט זאגאר זיך אריינמישען אפילו אין א מחלוקת צווישען פראסטע מענטשען, צו מאכען שלום, איינמאל האט איהם א מקורב געפרעגט: רבי! עס איז דאך ניט לויט אייער כבוד? — האט דער גאון געענטפערט, ווען עס האלט ביי שלום מאכען, דארף מען אפילו זיך אראב לאזען, נידעריג האלטען, א טריט אונטער זיך, אבי צו מאכען שלום, א ראיה צו דעם פון די גמרא, „צריך

שיפסע ג׳ פסיעות לאחוריו, ואח״כ יתן שלום״ (יומא נ״ג) איידער מען זאָגט עושה שלום ביי ענדע „שמנה עשרה״ זאָל מען צוריק גיין דריי טריט אונטער זיך, דאָס איז אַ רמז אַז צו שלום מאַכען, דאַרף מען אפילו דריי טריט אונטער זיך צוריק גיין, זיך נידעריג האַלטען, אונטער דעם כבוד זייגעם, אַבי עס זאָל אַרויס קומען דערפון שלום.

600

ר׳ מענדיל קאסובער ז״ל פלעגט זאָגען אויף דעם וואָס חסידים טרינקען „לחיים״ און דורך דעם ווערט מען געהאָלפען פון אַלעם שלעכט'ס (זעה נומער. 160 218) ווייל „לחיים״ בעטרעפט ווי דאָס וואָרט „מנהג״ און אַ „מנהג״ צוברעכט אַ „דין״ אַזוי ווי די חז״ל זאָגען „מנהג מבטל הלכה״ אַ מנהג איז מבטל אַ דין, (ירושלמי בבא מציעא פרק השוכר את הפועלים, ומסכת סופרים פי״ד–י״ח) די שלעכטע דינים וואָס איז נגזר געוואָרען אויף דעם מענש.

601

דער גאון ר׳ פנחס הורוויץ ז״ל דער מחבר פון „הפלאה״ האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ עושר וואָס איז געווען אַ „עשיר מכחש״ – עס שטייט „איש דמים ומרמה יתעב ד׳״ (תהלים ה׳) די חז״ל זאָגען „ארבעה אין הדעת סובלתן״ איינער פון זיי איז „עשיר מכחש״ (פסחים קי״ג) דאָס מיינט מען „איש דמים״ אַ מענטש וואָס האָט געלד, „ומרמה״ און דאָך איז ער אַ „רמאי״ יתעב ד׳...

602

ר׳ מאיר׳ל ז״ל פון פרימישלאַן האָט געטייטשט דעם פסוק אין תהלים קאַפּיטעל ב׳ „אספרה אל חוק״ אַז איך טו רעדין און זאָרגען וועגען פרנסה, („חוק״ איז פרנסה, אַזוי ווי עס שטייט „הטריפני לחם חוקי״ משלי ל׳). „ד׳ אמר אלי בני אתה״ זאָגט דער אייבערשטער די ביסט דאָך מיין זיהן, צו פערמיידעט דען אַ פאָטער די פרנסה פון זיהן, „אני היום ילדתיך״ ביסטו דען היינט געבוירען געוואָרען איך שפייז דאָך דיר פון דיין געבוירען אָן ביז היינט, „שאל ממני״ נאָר בעהט פון מיר, טו תפלה, „ואתנה״ וועל איך דיר אַלעס געבען...

603

דער רבי ר׳ יצחק׳ל ראַדווילער ז״ל האָט געזאָגט: „לך יום אף לך לילה״ (תהלים ע״ד) „לך״ אַז אַ מענטש טוט אַ מצוה נאָר בלויז פאַר דעם אייבערשטען וועגין „לשם שמים״ „יום״ דאָס לייכט אַזוי ווי דער טאָג „אף לך״

אָבער אז ס'איז נאָר בלויז „אויך" פאַר דיר, און פאַר זיך מיינט ער אויך, ער האָט זיין אייגענע נגיעה אויך דערביי „לילה" דאָס איז פינסטער אזוי ווי די נאַכט...

604

א גאון האָט געטייטשט „איש צדיק תמים היה בדורותיו" ער האָט זיך געפירט מיט זיין דור, מיט צדק, און תמימות...

605

ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל, האָט געזאָגט „אין מחזיקין במחלוקת" (סנהדרין ק"י) מחלוקת האָט ניט קיין חזקה...

606

איינער א „קל שבקלים" פערשטעלענדיג זיך פאַר א חסיד, און א „ירא שמים" איז אריינגעקומען צום אלעקסאַנדער רבי'ן ז"ל, האָט דער רבי זיך אָנגערופען עס שטייט „ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך" איז דער טייטש אַזוי, די זאָלסט ניט נאַרען דיין חבר מיט דעם, אז די ביסט א „ירא שמים"...

607

דער גאון ר' עקיבא איגר ז"ל איז א מאָהל געקומען קיין וואַרשא, זענען איהם אקייגען געגאַנגען די דאָווערעס, איהם מקבל פנים זיין, צווישען זיי איז געווען א זעלכע וואָס זענען געגאַנגען קורץ געקליידט, האָט ר' עקיבא איגר ז"ל צו זיי געזאָגט: מיר געפונען אז די יודען זענען געגליכען צו פייער אַזוי ווי עס שטייט „והיה בית יעקב אש" (עובדיה א') די אומות זענען געגליכען צו וואַסער, (שיר השירים ח') אייגענטליך וואַסער איז דאָך שטאַרקער ווי פייער, ווייל וואַסער פערלעשט פייער! נאָר ווען איז וואַסער שטאַרקער ווי פייער אז דאָס וואַסער רירט אָהן דאָס פייער, אָבער אז עס איז דאָ א צווישענשייד, צום ביישפיעל א טאָפ וואַסער שטייט אויפ'ן פייער, דענסטמאָל איז פאַרקעהרט מאַכט דאָס פייער הייס דאָס וואַסער, אָבער ניט דאָס וואַסער מאַכט קאַלט דאָס פייער, — דער צווישענשייד ענדיגט ר' עקיבא איגר ז"ל — איז דער יודישער לבוש, אָבער אז איהר נעמט אראָב דאָס צווישענשייד, איז טאָקע דאָס וואַסער שטאַרקער ווי דאָס פייער...

608

דער אלטער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט, „אשרי אדם לא יחשוב ד' — לו

עון" (תהלים ל"ב) וואיל איז דעם מענטש, וואס אז אויב ער טראכט ניט נאר איין רגע אין עבודת ד', איז דאס שוין ביי איהם גערעכענט פאר א עון...

609

א יונגערמאן איז א מאהל אריין געגאנגען זיך געזעגענען מיט דעם אלטען קאצקער רבי'ן ז"ל, דער יונגערמאן איז געווען זעהר א שארפער, האט דער קאצקער רבי ז"ל געזאגט צו איהם, עס שטייט אין קהלת, „ולבך אל ימהר להוציא דבר לפני האלקים, „דבר" איז טייטש א ענין, יונגערמאן מען זאגט דיר דרייא דיך ניט שארף ארויף אין אראפ, אויף צו געבין נייע ענינים, „כי אלקים בשמים ואתה על הארץ" שייגאץ מיט וועמען האנדילס די, „ע"כ יהיו דבריך מועטים"...

610

נאך האט ער געטייטשט „והבל הביא גם הוא" הבל האט זיך אליין אויך מיט געבערענגט פאר א קרבן...

611

נאך האט ער געטייטשט, לא יהיה בך אל זר" „לא יהיה" עס זאל ניט זיין „בך" אין דיר, „אל" גאט „זר" פרעמד...

612

דער רבי ר' מאיר'ל אפטער ז"ל האט געזאגט, „הכל מודים דבעצרת נמי בעינן לכם" (פסחים דף ס"ח) אז שבועות צו קבלת התורה האט מען אייך יודען באדארפט, וואס איהר האט מקבל געווען די תורה, ווען ניט דאס וואלט די וועלט צוריק חרוב געווארען, (זעה שבת פ"ז)...

613

דער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האט געזאגט, „יעלזו חסידים בכבוד" עס וועט קומען א צייט וואס חסידים וועלין זיך פרייען מיט כבוד, דאס האבען זיי זיך פערדינט דערמיט וואס „ירננו על משכבותם" וואס זיי זענען שטענדיג פרייליך אפילו ווען זיי זענען איינגעלייגט, ווען זיי זענען בשפל המצב, זענען זיי אויך אויפגערוימט דערום, זענען זיי דאס ווערט...

דער רבי ר׳ ברוך האָט געטייטשט, „מה פשעי ומה חטאתי כי דלקת אחרי" (בראשית ל"א) אַז אַ רשע האָט ליעב אַ צדיק דאַרף דער צדיק „מפשפש במעשיו" זיין, (ווייל דער שטייגער פון אַ רשע איז, אַז ער האָט פיינד אַ צדיק, און אַז ער האָט איהם ליעב איז דאָך אַ סימן אַז ער איז ניט קיין צדיק), דאָס האָט יעקב געזאָגט וואָס איז מיין זינד, וואָס די ברענסט נאָך מיר, די האָסט מיך ליעב...

615

א רבי האָט געטייטשט, „את אחי אנכי מבקש" איך בעט שטענדיג אַז איך זאָל זיין צוזאַמען מיט מיינע ברידער...

616

דער בעל שם טוב ז"ל האָט געזאָגט, „הצילני מדמים אלקים" זיי מיך מציל, אַז איך זאָל ניט מאַכען דאָס געלד פאַר קיין ג–ט, דאָס איז אויך דער מיינונג, — האָט דער קאָצקער רבי ז"ל געזאָגט — „אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם" איהר זאָל ניט מאַכען דאָס גאָלד און זילבער פאַר קיין ג–ט...

617

נאָך האָט ער געזאָגט „ואנשי קודש תהיו לי" מענשליך הייליג זאָלט איהר זיין...

618

ר׳ דוד׳ל טאָלנער פלעגט זאָגען, אַנ׳אָרימאַן איז כולל אין זיך אַלע ארבעה בנים, אַ חכם, ווייל „לא לחכמים לחם", אַ רשע, ווייל „לוה רשע ולא ישלם", אַ תם, עס איז ביי איהם „תם הכסף" אַ „שאינו יודע לשאול", ווייל ער האָט ניט ביי וועמען צו באָרגען...

619

ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר ז"ל האָט געפרעגט, דאָס וואָס רש"י זאָגט אין סוף פרשת חוקת, בשעת די עמלקים האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די יודען, האָבען זיי משנה געווען זייער שפראַך, און האָבען גערעדט די כנעני׳שע שפראַך, זיי האָבען געוואָלט באַנאַרען כדי יודען זאָלען בעטין צום אייבערשטען אַז ער זאָל איבער ענטפערין די „כנענים" אין זייערע הענד, אָבער ניט די עמלקים, אָבער די יודען האָבען געזעהען, אַז די מלבושים זייערע זענען עמלקי׳שע, און די שפראַך

אין כנעני'שי, האָבּען זיי געבעטין סתם. „אם נתן תתן את „העם" הזה בידי" אייגענטליך פאַר וואָס האָבּען די עמלקים, זיך טאַקע ניט אָנגעטוהן מיט כנעני'שע מלבושים אויך? אדרבה עס איז דאָך גרונגער צו טוישען אַ מלבוש ווי אַ שפּראַך? נאָר ווייזט אויס אַז מען טוישט דעם לבוש ווערט מען טאַקע אַזוי, דעריבּער האָבּען זיי מורא געהאַט אַז אויב זיי וועלין זיך אָנטוהן כנעני'שע מלבושים, וועלין זיי טאַקע ווערין „כנענים" – פון דעם קען מען זיך ארויס לערנען – האָט פערענדיגט ר' יחזקאל'ע ז"ל – ווי ווייט אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרינט ניט צו טוישען דעם יודישען לבוש...

## 620

דער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער ז"ל פלעגט זאָגען, אהוב את המלאכה" (אבות פ"א) די זאָלסט ליעב האָבּען די מלאכה פון רבנות, דעם שולחן ערוך צו לערנען, די פוסקים, אָבּער „ושנא את הרבנות" דאָס רבנות גופא זאָלסטו פיינד האָבּען...

## 621

ר' חיים וואָלאָזשינער ז"ל אין אַ מאָהל אריינגעקומען אין בית המדרש און געזעהען ווי 2 ישיבה בחורים זיצען און שמועסען דברים בטלים. דערזעהענדיג ר' חיים'ן האָבּען זיי זיך פערענטפערט, אַז זיי שמועסין וועגין אַ עצה גובר צו זיין דעם יצר הרע, זאָגט צו זיי ר' חיים, איהר ווייסט וואָס דער יצר הרע זאָגט דערויף: זאָלען זיי זיך פלפל'ען אין דעם ענין ווי אַזוי מיך צו באַקעמפען, דערווייל וועלען זיי דאָך מבטל פון לערנען, אַט דאָס איז שוין גענוג פאַר מיר...

## 622

א רב האָט געטייטשט, דאָס וואָס די חז"ל זאָגען „על מה אבדה הארץ על שלא ברכו בתורה תחלה" (נדרים פ"א) „ברכו" איז טייטש באַריהמען, „והתברך בלבבו" ווייל זיי האָבּען זיך ניט צום ערשטען באַריהמט, אויסגישיינט מיט די תורה, נאָר פריער מיט אַנדערע זאַכען, צוליעב דעם „איז אבדה הארץ"...

## 623

דער לובלינער רב ז"ל הרב שפירא, האָט געזעהען ווי איינער דרייט זיך ביים דאַווענען אין בית המדרש ארויף און אראָב, און שטעהט גישט אויף קיין אָרט, זאָגט צו איהם דער רב, – דו ווייסט, דיר קומט אַ „מי שפרע"! דער מענטש בלייבּט שטעהען דערשראָקען, און פרעגט דעם רב פאַר וואָס?

ענטפערט איהם דער רב, — ווייל דו ביזט „אינו עומד בדיבורו" (ב"מ מ"ד)...

## 624

איך האט ער געזאגט, אויף דעם פסוק „ויהי כאשר התעו אותי וכו'" (וירא) זאגט דער תרגום, והוי כד טעו עממיא וכו' יתי קריב ד' לדחלתי — זאגט רש"י אונקלוס תרגם מה שתרגם, וואס איז דער מיינונג פון רש"י ז"ל, וואס דערציילט ער מיר? נאר דער טייטש איז אונקלוס איז דאך געווען אליין א גר, און איז געווארען א יוד, איז דאך אונקלוס אליין, זעלבסט, א תרגום (א פירוש) אויף דעם וואס ער זאגט אין תרגום...

## 625

דער „הפלאה" טייטשט „ישבעו ויתענגו מטובך" ביי עסען איז שייך „שביעה" זאט זיין אבער ניט עונג, ביי געלט איז וויטער שייך „עונג" אבער ניט „שביעה" ווייל עס שטייט דאך „אוהב כסף לא ישבע כסף" (קהלת) „מי שיש לו מנה רוצה מאתים" (מדרש קהלת רבה) דערויף זאגט מען „ישבעו ויתענגו מטובך" אז דער אייבערשטער וויל אייגעם גוט'ס טוהן האט ער ביידע זאכען „שביעה" מיט „עונג"...

## 626

דער „בעל שם טוב" ז"ל האט געטייטשט, „תפלה לעני כי יעטוף ולפני ד' ישפוך שיחו" (תהלים ק"ב) מיט א משל א מלך האט א מאהל געלאזט אויסרופען, צו זיינע בעדינער, אז ווער עס האט עפעס א בקשה וועט ער ערפילען, האט אייגער געבעטען געלד, דער אנדערער, א גוטען פאסטען, איז געווען אייגער צווישען זיי א קלוגער, האט ער פערלאנגט אז ער זאל שטענדיג קענען רעדין מיט'ן מלך, און בעטין וואס ער וועט פערלאנגען, דאס איז דער פשט, „תפלה לעני" זיין תפלה איז, אז „כי יעטוף ולפני ד' ישפוך שיחו" ער זאל קענען שטענדיג בעטין...

## 627

נאך האט ער געזאגט „כל רודפיה השיגוה בין המצרים" (איכה א') ווען יודען איז ענג, און דאך האלטען זיי זיך פעסט ביי דעם יודישקייט, דענטסמאהל זענען אפילו די רודפים פון יודישען פאלק משיג דאס גרויסקייט פון די יודישע אומה, דאס איז דער פשט „כל רודפיה" אלע רודפים, השיגוה זענען משיג דאס גרויסקייט פון יודען, ווען, „בין המצרים" ווען עס איז זיי ענג...

628

ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל האָט געזאָגט – אין זיין ערשטע דרשה ווען ער איז געוואָרען רב אין ראָפּשיץ, – „ואנכי תולעת" (תהלים כ"ב) און חסידים האָבען דאָך מורא פאַר אַ וואָרים...

629

דער קאָזיניצער מגיד ז"ל האָט געזאָגט, „אשר אין בה מום" אַז אַ מענטש דאַכט זיך אַז ער האָט ניט קיין שום פעלער, איז אַ סימן, „אשר לא עלה עליה עול" אַז ער האָט ניט קיין עול מלכות שמים...

630

ר' פנחס'ל קאָריצער ז"ל האָט אַ מאָהל איינעם געגעבין אַ רפואה, וואָס ס'איז איהם גערינען בלוט פון די נאָז, ער זאָל אויסטרינקען אַ כוס וויין, האָט מען איהם געפרעגט, ווי שטייט ערגעץ אין די תורה די רפואה? האָט ער געענטפערט, עס שטייט „ובדם ענבים סותה" (ויחי) איז דער טייטש, „ובדם" אַז עס רינט איינעם בלוט, „ענבים" וויין, „סותה" איז זיין רפואה (אַסותא אויף גמרא לשון אין טייטש רפואה...

631

דער „חוזה" ז"ל פון לובלין, האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל, „יאה עניותא ליהודאי כברוא סומקא לסוסיא חיוורא" (חגיגה ט') (אָרימקייט איז שיין פאַר יודען, אַזוי ווי אַ רויט צאַמעל צו אַ ווייס פערד), אַ פערד צירט מען נאָר אויס, ווען ער גייט אַרויס אין גאַס אָבער ניט אין שטאַל, אַזוי איז אָרימקייט איז נאָר שיין פאַר יודען, אין גאַס, אָבער אין שטוב איז שיין אַז זיי זאָלען האָבען כל טוב...

632

ר' יצחק אלחנן ז"ל קאָוונער רב פלעגט רופען ר' אייזיל חריף ז"ל – צוליעב זיין טשעפען די גדולי הדור מיט ווערטליך – איהם גערופען דער ווילדער חריף, אַ מאָהל האָט ר' אייזיל ז"ל דערזועהען ביי איינעם, אַז זיין ספר „עמק יהושע" איז געבונדען צו זאַמען מיט ר' יצחק אלחנן'ס „עין יצחק" נאָר דער „עין יצחק" איז געווען געבונדען פון פאָרענט, רופט זיך אָהן ר' אייזיל מענטשען האַלטען מיך פאַר אַ ווילדען און דאָך האָט מען ר' יצחק אלחנן געבונדען פאַר מיר...

## 633

ר' משה ליב סאסובער ז"ל האָט געזאָגט, „וקראת לשבת עונג" צו דיין עונג פון שבת וואָס די עסט גוטע מאכלים זאָלסטו דעם שבת אויך מיט רופען צו די סעודה, די זאָלסט רעדין דברי תורה ביים טיש לכבוד השבת, אָבער ניט די זאָלסט בלויז האָבען עונג, צום ביישפיעל, איינער גרייט אָהן א שיינע סעודה פאר א חשובען אורח, און צום סוף גייט ער גאָהר אליין עסין, און בעהט ניט מיט דעם אורח צו די סעודה, אזוי איז אויך, אז איינער עסט די סעודת שבת בלויז פאר זיין תענוג, רופט ער דאָך גאָר ניט דעם אורח – וואָס צוליעב איהם איז די גאַנצע סעודה – צו די סעודה. דאָס איז דער פשט „וקראת לשבת עונג" די זאָלסט מיט רופען דעם שבת צו דיין עונג...

## 634

דער ריזינער ז"ל פלעגט טייטשען, „ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו" (תהלים ל"ו) אז א מענטש איז עובר א עבירה, איז די סיבה דערפון, ווייל ער האָט זיך ניט באַרעכענט מיט ישוב הדעת וואָס ער גייט טוהן, נאָהר די תאוה האָט איהם איבער גענומען, אָבער נאָכהער אז ער איז זיך מיישב, האָט ער חרטה, דאָס איז דער מיינונג, „ועוד מעט" ווען דער מענש וואָלט ניט געוועזן האַלען זיך, נאָהר ער וואָלט א ביסעלע געוואַרט, און זיך מיישב געוועזן, „ואין רשע" וואָלט ער דאָך קיין שלעכטס ניט געטוהן, „והתבוננת על מקומו" די וואָלסט זיך גלייכער געדאַרפט איבער רעכענען, זיך פערשטענדיגען פריער צי די דאַרפסט דאָס טוהן, צי ניט, „ואיננו" וואָלסט די דאָך ניט געטוהן די עבירה...

## 635

דער דובנער מגיד ז"ל פלעגט זאָגען אויף דעם זעלבען אופן, דעם פשט אין די גמרא, „פסיעה גסה נוטלת אחד מת"ק ממאור עיניו של אדם", (שבת קי"ג) א איילידיגען טריט, ד. ה. דער וואָס ער טוט אלעס געשווינד אָהן ישוב הדעת, דאָס מינערט דעם שכל פון מענטש, (דער שכל איז דער ליכטיגקייט פון מענטש)...

## 636

דער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האָט א מאָהל געמאַכט א סעודת הודאה ווען ער איז געזונד געוואָרען האָט ער געזאָגט ביי די סעודה, עס שטייט אין תהלים „אודך ד' אלקי בכל לבבי ואכבדה שמך לעולם" די חז"ל זאָגען

„חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה" (ברכות נ"ד) א מענטש דארף ליבען דעם אייבערשטען אויף שלעכט'ס אזוי ווי אויף גוט'ס, או ער דארף מקבל זיין אלעס בשמחה, דאס איז נאהר געזאגט געווארען ביי איהם אליין, אבער ביי די ארומיגע, זיינע גוטע פריינד פרייען זיך נאהר אויף זיין גוט'ס, אבער ניט אויף זיין שלעכט'ס, דאס מיינט דער פסוק, „אודך ד' אלקי בכל לבבי" „אלקי" דאס איז מדת הדין, איך טוה דיך לובען פון מיין זייט אפילו ווען די פירסט זיך מיט מיר מיט מדת הדין, אבער „ואכבדה שמך לעולם" איך וויל אבער דער פרייען מיט דיין נאמען דעם „עולם" וואס קומט צו מיר, מיינע גוטע פריינד, זיי קען איך דאך ניט דער פרייען, נאהר אז די וועסט זיך מיט מיר פירען מיט „מדת הרחמים", אז די וועסט מיט מיר טוהן בלויז גוט'ס...

# 637

אן עם-הארץ האט געפרעגט ר' אייזיל חריף ז"ל עס שטעהט אין דאווענען „ברוך שאמר" ברוך איז דאך דער טייטש „אנטלאפען" (ברח) „שאמר" איז דער טייטש „געהיטען" (שמר) איז דאך די קשיא אויב מ'האט איהם געהיטען ווי אזוי איז ער אנטלאפען. ר' אייזיל דערזעהענדיג וואס פאר א תכשיט דאס איז, האט ער געענטפערט, עס שטעהט דאך דערנאך „והיה העולם" די גאנצע וועלט איז דאך טאקע אויף געווען מיט די קשיא. און די גאנצע וועלט חדוש'ט זיך טאקע, ווי אזוי דאס איז מיגליך, דער עם הארץ איז זעהר בתפעל געווארען, פון דעם גוטען תירוץ...

# 638

ר' חיים וואלאזשינער ז"ל פלעגט זאגען „אז יודען מאכען ניט ביי זיך קיין „קידוש", (קדושים תהיו) דאן מאכען איבער זיי די גויים „הבדלה" (זיי דערוויטערין זיי פון די יודישע פרנסות)...

# 639

דער דובנער מגיד ז"ל איז אריינגעקומען צו א גביר נאך א נדבה, טרעפענדיג פונקט אויפ'ן טיש ליגענדיג גאלדענע רענדלעך, — רופט זיך אהן דער דובנער מגיד ז"ל — „הלעיטני נא מן האדום האדום הזה" (אדום איז טייטש א רענדעל) דער גביר געפעלענדיג דאס געלונגענע ווארט גיט איהם א רענדעל, רופט זיך אהן ווייטער דער דובנער מגיד ז"ל — „לא טוב היות „האדם" לבדו" גיט ער איהם נאך א רענדעל, רופט ער זיך ווייטער אהן „לא נתקררה דעתו של „אדם" עד שמצא את מינו" (יבמות ס"ג), האט איהם דער גביר צוגעגעבען נאך א רענדיל...

## 640

דער היינטיגער אָסטראָווצער רבי שליט״א האָט געזאָגט „ויהי לי לישועה״ עס איז אַ כלל ווי עס שטייט „ויהי״ איז אַ לשון פון „צער״ (מגילה י׳) דאָס איז דער פשט, „ויהי״ דעם צער מיט די יסורים וואָס איך האָב געליטען, דאָס האָט מיר גורם געווען די ישועה, אזוי ווי די וועלט זאָגט, לויט דעם צער אזוי איז די ישועה, „ולפום צערא אגרא״ (אבות)...

## 641

דער אַלעקסאַנדער רבי ז״ל האָט געזאָגט, „ולגדלתו אין חקר״ אין „גדלות השם״ זאָל מען ניט גיין מיט חקירות, נאָהר מיט אמונה...

## 642

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, „וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק״ (יתרו) חאָטשע מ׳זעהט, חאָטשע מען שאָקעלט זיך הייס ביים דאַווענען, פונדעסטוועגען, קען זיין „ויעמדו מרחוק״ אז מ׳שטעהט פון דער ווייטענס...

## 643

איינער האָט געפרעגט ר׳ אייזיל ז״ל פאַר וואָס רופט מען אַן ע״ם הארץ, גראָבער יונג? — האָט ר׳ אייזיל געענטפערט, ווייל ער ווייסט נישט קיין דין...

## 644

דער ריזינער ז״ל פלעגט זאָגען „מפני שיבה״ איידער די ווערסט אַלט „תקום״ שטיי אויף צו עבודת הבורא...

## 645

אַ גאון האָט געטייטשט די גמרא „מלה בסלע משתוקא בתרין״ (מגילה י״ח) (אַ וואָרט איז ווערט אַ טאַלער, שטיל שווייגען איז ווערט 2 טאַלער) „מלה בסלע״ ווען משה רבינו זאָל געווען רעדין צום שטיין, און ניט שלאָגען, (מילה, איז טייטש רעדין, סלע אַ שטיין) „משתוקא בתרין״ וואָלטין די 2, — אלדד ומידד — (וואָס האָבען נבואות געזאָגט „משה מת ויהושע מכניס את ישראל לארץ ישראל״, ד. ה. אז יהושע וועט אריין ברענגען די יודען קיין ארץ ישראל), שטיל געשוויגען, און ניט נביאות געזאָגט, ווייל משה רבינו אַליין וואָלט זיי

ארײן געברענגט קײן ארץ ישראל, װען ער זאָל ניט שלאָגען דעם שטײן...

## 646

אײנער א פרײער איז געקומען צו ר׳ ישראל׳טשע ריזינער ז״ל און האָט געזאָגט, אז ער איז א גרויסער „מיוחס״ און האָט פערלאַנגט פון איהם א טובה. – האָט דער ריזינער ז״ל זיך אָנגערופען צו איהם, – עס איז א מאָהל געװען א מלך װאָס ער האָט זיך געבויעט א שײנעם פאַלאַץ, און האָט באַשטעלט פיער פון די גרעסטע מאָלער פון די װעלט, אז יעדער זאָל מאָלעװען א װאַנט, צװישען זײ איז געװען א קלוגער מאָלער. האָט ער געװאַרט ביז די דרײ װעלין אָב מאָלעװען זײערע װענט, נאָכהער האָט ער געמאַכט א שפּיגעל פאַרב, װעלכעס ער האָט אָנגעשמירט די פערדע װאַנד, האָט זיך אָנגעשפּיגעלט די קאָליר פון אַלע דרײ װענט, דעם מלך איז דאָס זײער געפאַלען, און האָט איהם געגעבען דעם פרײז. אזוי איז מיט דיר אויך – פירט אויס דער ריזינער ז״ל – אז א בן גדולים לײטערט זיך אויס מיט גוטע מדות אין יודישקײט, שפּיגעלט זיך אָב אַלע קאָלערין פון די עלטערין, אַלע כחות פון זײנע זײדעס, די צדיקים, נאָהר א זעלכער הײסט א „מיוחס״...

## 647

דער „חתם סופר״ ז״ל האָט פערענטפערט דעם מאמר חז״ל „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה״ (שבת קכ״ז) מ׳לערינט דאָס אַרויס פון אברהם אבינו, װײל ער איז א קײגען געלאָפען די אורחים חאָטשע די שכינה איז בײ איהם געװען, אײגענטליך פונװאַנען האָט אברהם אבינו אַלײן דאָס געװיסט אז מען מעג אַזוי טוהן? נאָהר די חז״ל זאָגען „אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה״, (פסחים קי״ז) און אַברהם איז דאָך געװען בצער פון די מילה, אויך דעם צער װאָס עס קומען ניט קײן אורחים, האָט ער דאָך ניט געקענט מקבל זײן די שכינה, דעריבער אז ער האָט דערזעהען די אורחים, האָט ער צוריק געקריגען די שמחה של מצוה, האָט ער יעצט מקבל פּנים געװען די שכינה דעריבער איז דער הכנסת אורחים פון אַברהם אבינו געװען גרעסער װי קבלת פּני השכינה, איז עס שוין אַזוי געבליגען לדורות אויך צו װײזען אז מ׳קען ניט האָבען אַנדערש קײן שמחה של מצוה נאָהר אז מ׳איז א מכניס אורחים...

## 648

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט אויף דעם מאמר חז״ל „בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה, בני אם חכם לבך ישמח

לבי גם אני", „עירובין" מיינט מען, מ'זאל זיין אויסגעמישט מיט די וועלט „מעורב בין הבריות" (כתובות י"ז) צו האנדלען מיט זיי, „ונטילת ידים" פון דעסטוועגין זאל ער זיין אבגעוואשען, ריין, פון די וועלט...

## 649

ר' מאיר'ל ז"ל פון פרימישלאן האט געזאגט, „ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים" יעדער יוד דארף געדענקען דעם טאג וואס מ'וועט איהם אויסטוהן זיינע בגדים, און מען וועט איהם אנטוהן אנדערע בגדים... „והוציא אל הדשן אל מחוץ למחנה" מען וועט ארויספירען דעם קערפער אויף דעם בית הקברות...

## 650

דער מגיד פון מעזריטש ז"ל, האט געטייטשט „צדיק" דער וואס איז א צדיק, „ד' בכל דרכיו" איז דער אייבערשטער אין אלע זיינע וועגין...

## 651

דער קאצקער רבי ז"ל האט געזאגט „שנה של שחרית" אז מען פארשלאפט די יונגע יאהרען, „מוציאין את האדם מן העולם" (אבות) ווייל דער עיקר איז ייז די יוגענד...

## 652

דער „אוהב ישראל" אפטער רבי ז"ל פלעגט זאגען, דעם טעם, פאר וואס מ'ווארט אין הימעל מיט די גאולה אויף היינטיגע צייטען, וואס די וועלט איז אזוי קאלע? ווייל פערצייטענ'ס איז ניט געווען אזוי פיעל בחירה ווי היינט, ווייל עס איז געווען א יודישער בית-דין און מ'האט מעניש געווען יעדערין וואס האט געטוהן א עבירה, ממילא האט יעדער מורא געהאט צו זינדיגען. אבער היינט וואס איז הפקר א וועלט, איז זייער חשוב ביי השי"ת, די יודען וועלכע דאווענען און לערנען, פון דעם וועט טאקע קומען די גאולה...

## 653

דער מלבי"ם ז"ל פלעגט זאגען, אויף די מענטשען וועלכעס אז ס'קומט אויף זיי א צרה רחמנא ליצלן, זאגען זיי אז עס איז א נאטירליכע זאך, אבער ניט אז עס איז א אנזאג פון הימעל אז ער זאל תשובה טוהן, אז אויף זיי האט ישעיה הנביא געזאגט, „על מה תכו" אויף וויפיעל מען זאל אייך שלאגען,

„עוד תוסיפו סרה" מערט איהר נאך שלעכט צו זיין, און איהר זאגט „כל ראש לחלי וכל לבב דוי" עס איז א מכת מדינה די קרענק גייט ארום אויף אלע מענטשען עס איז אזא אונטער גאנג אויף יעדען, אפילו עס איז שוין אזוי ווייט די מחלה אז „מכף רגל עד ראש אין בו מתום" פונדעסטוועגען זאגען זיי אז „לא זרו ולא חבשו ולא רככה בשמן" בכן מען האט ניט געטוהן די געהעריגע רפואות וואס מען דארף טוהן...

## 654

ווען דער „חי' הרי"ם" ז"ל איז געווען א קליין יונגעל איז ער שוין געווען א גרויסער חריף. איינמאל האט ער זיך אין דערהיים ארייגעכאפט אין קיך, ווי עס איז געשטאנען אנגעקאכט גוטע זאכען, דער פאטער האט דאס באמערקט, פרעגט ער איהם, וואס טוסטו? – ענטפערט ער – איך טוה דאס וואס דער תרגום מאכט אויף „ויקהל" „וכנש" (איך נאש)...

## 655

א גאון האט געזאגט „עין ד' אל יראיו להציל ממות נפשם" דער אייבערשטער גיט אריין דעם אות „עין" אין מיטען דעם ווארט „מות" מאכט עס גאר „מעות" געלט...

## 656

א גאון פלעגט זאגען „אם למדת תורה הרבה, אל תחזיק טובה לעצמך" אויב די האסט אסאך תורה געלערענט, זאלסטו דאס גיט'ס ניט האלטען אלעס פאר דיר אליין, נאהר לערען מיט אנדערע אויך...

## 657

דער לובליגער רב ז"ל האט געזאגט „פרע" האטשע ווען יודען קוקען אויס ווי איינגעבויגען, דאך איז ער „רבץ כארי" און ביי זיך שטאלץ אין יודישקייט ווי א לייב...

## 658

דער אלעקסאנדער רבי ז"ל האט בעטייטשט „פתית למאור ולא פתית למנחות" (מנחות פ"ו) דאס צושטויסענקייט, עניוות, זאל זיין צולייכטען פאר די וועלט. אבער, ניט עניוות „למנחות" זיך אויפצו לייגען, און צו קומען ח"ו צו עצבות...

659

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטש „לא תשנא את אחיך בלבבך“ זאָלסט ניט פיינד האָבען דיין ברידער, צוליב דעם ווייל ער האָט ניט קיין גוט הארץ אזוי ווי די, דאָס מיינט מען „בלבבך“ די האָסט איהם פיינד צוליעב דיין הארץ וואָס ער האָט אויך ניט אזא גיט הארץ ווי די...

660

איך האָט ער געזאָגט, „ובאו עליך כל הברכות והשיגוך“ אז איינער צילוועט א קויל, ער זאָל אריין טרעפען אין א זאך, איז אז מען בייגט אוועק די זאך אָן א זייט, טרעפט ניט די קויל אריין, ווייל די קויל גייט גלייך איהר וועג, נאָהר שולדיג איז די זאך וואָס איז אוועק געבויגען געוואָרען אָן א זייט, אזוי אויך די גאנצע השפעה פון הימעל גייט כסדר גלייך איהר וועג, נאָהר אז דער מענטש גייט אוועק פון גלייכען וועג, טרעפט ניט צו איהם די השפעה, און די הצלחה, דאָס זאָגט דער פסוק „ובאו עליך כל הברכות והשיגוך“ זיי זאָלין דיך טרעפען, די זאָלסט ניט גיין אָן א זייט, דענסטמאָל, וועט די השפעה גלייך טרעפען צו דיר...

661

אין סלאָנימער שוהל, האָט אמאָל געדאַווענט פאַר׳ן עמוד א חזן א „עם-הארץ“ ער האָט ניט געקענט זאָגען די עברי, פרעגט איהם ר׳ אייזיל סלאָנימער ז״ל נאָכ׳ן דאַווענען, צי האָט איהר געהאַט יאָהר-צייט, דעריבער האָט איהר געמוזט דאַווענען פאַר׳ן עמוד, אָדער עס איז געווען א „נדבה“ איהר האָט געוואָלט מהנה זיין די מתפללים מיט אייער גיט קול, — ענטפערט דער חזן — איך האָב געדאַווענט א תפלת-נדבה, ניט קיין חובה, אויב אזוי זאָגט צו איהם ר׳ אייזיל, זענט איהר דאָך דער גרעסטער נדבן ביי אונז אין שטאָדט, ווייל דאָ אין סלאָנים איז דאָך א מנהג, אז מ׳קען ניט בעט מען ניט קיין נדבה, און די האָטשע די קענסט ניט גיסט די אויך...

662

ר׳ מאָטעלע ז״ל פון נעשכיז האָט א מאָהל געזאָגט צו איינעם וואָס האָט זיך קונה שם געווען, אז ער קוקט ווי מ׳דאַרף נישט, „והרע בעיניך עשיתי“ (תהלים נ״א) איך האָב געטוהן שלעכט׳ס מיט דיינע אויגען, וואָס די האָסט זיי מיר געגעבין איך זאָל דיך מיט זיי דינען, אריין קוקען אין די גמרא, צום סוף האָב איך זיי אויסגענוצט אויף שלעכטע זאַכען...

663

דער רבי פון לובלין ז״ל האָט געזאָגט: אַ צדיק דאַרף זיך ניט ליעב האָבען, און אַ בעל תשובה דאַרף זיך פיינד האָבען...

664

א מאָהל האָבען אַ פּאָר „בעלי־מחלוקת״ פון אַ שטאָדט מוציא שם רע געווען אויפ׳ן שוחט אַז ער האָט נאָך די שחיטה ניט בודק געווען די ריאה, האָט זיך דער רב אָנגערופען צו זיי, אפילו עס זאָל אַזוי זיין האָט דאָך דער שוחט נאָהר עובר געווען אויף אַ איסור דרבנן ווייל בדיקת הריאה איז נאָהר מדרבנן, אָבער מחלוקת איז דאָך אַ איסור דאורייתא, און אַפילו עס זאָל זיין אַ מחלוקת לשם שמים, זאָגען דאָך אָבער די חז״ל אין אבות אַז נאָהר הלל ושמאי האָבען געמעגט פירען מחלוקת, אָבער ניט אַ זעלכע קליינע מענטשען ווי איהר זענט...

665

דער דובנער מגיד ז״ל איז אַ מאָהל געקומען אין אַ שטאָדט, האָבען די ווילע יונגען פאַרלאַנגט פון איהם ער זאָל זאָגען אַ דרשה צווישען מנחה און מעריב, און דעם בעל תפלה, האָבען זיי שטילע הייט אָנגעזאָגט, אַז אַזוי ווי דער מגיד וועט אָנהייבען זאָגען די דרשה, זאָל ער אָנהייבען צו זאָגען „והוא רחום״ דער מגיד האָט אָבער דאָס דער שנאַפּט, האָט ער געגעבּ׳ן אַ קלאַפּ אין בלעמער און געזאָגט, עס שטייט אין תהלים „ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו ולא נאמנו בבריתו״, אַצינד קענט איהר שוין זאָגען „והוא רחום״ (אין תהלים ע״ח שטייט אַזוי דער סדר, נאָך דעם פסוק ויפתוהו בפיהם, שטייט „והוא רחום יכפר״) עס איז געווען זעהר אַ געלונגענער איינפאַל זיי זענען זייער פערשעמט געוואָרען, זיי האָבען איהם מפייס געווען...

666

ר׳ מרדכי לעכעביטשער פלעגט זאָגען, „אהללה ד׳ בחיי״ איך טוה לויבען דעם אייבערשטען מיט מיין גאַנץ לעבין...

667

דער היינטיגער פּיאַסעצנער רבי שליט״א האָט געזאָגט „אם אין גדיים״, אַז עס זענען ניט דאָ קיין יונגוואַרג וואָס זאָלין זיך פירין בדרך הישר, איז אַ סימן אַז ״אין תיישים״, אַז די עלטערע זענען אויך בבחינת „אין״ גאַרניט

ווייל עס איז אַ כ״ל אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „להזהיר גדולים על הקטנים"...

## 668

ר' יצחק אלחנן ז״ל קאָוונער רב, האָט געטייטשט, דעם פסוק אין בלק, „כעת יאמר" עס וועט קומען אַ צייט, וואָס מ'וועט זאָגען „ליעקב ולישראל מה פעל אל" צו וואָס האָט ג–ט באַשאַפען אַ יעקב מיט ישראל, די אומות וועלין טענה'ן, נאָך וואָס דאַרף מען אַזאַ פאָלק ווי יודען, דענסטמאָהל וועט זיין „הן עם כלבי יקום" וועט ווערין אויפגעריכט דאָס יודישע פאָלק...

## 669

דער גאון ר' שמעון סופר ז״ל האָט געטייטשט דעם פסוק „אז יאמרו בגוים הגדיל ד' לעשות עם אלה הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים" (תהלים קכ״ו)
דער שטייגער איז פון אַ אָרימאַן, אַז ער קריגט אַ פּאָר גראָשין פרייט ער זיך, חאָטשע ביי דעם גביר איז עס ניט קיין חשיבות, אַזוי יודען וועלכע זענען שטענדיג געדריקט אין גלות, איז ביי זיי אַ קליינע הילף אויך אַ גרויס חשיבות, חאָטש ביי די אומות איז עס אַ קלייניגקייט, זאָגט אָבער דער פסוק „אז יאמרו בגוים" אפילו צווישען די אומות וועט מען זאָגען, „הגדיל ד' לעשות עם אלה" עס וועט זיין אַזאַ גרויסע הילף, אַז ביי זיי וועט דאָס אויך זיין אַ נייעס, און די אומות וועלין זאָגען „הגדיל ד' לעשות עמנו" ווען מיר האָבען די ישועה, וואָס די יודען האָבען „היינו שמחים" וואָלטען מיר זיך געווען פרייען...

## 670

ר' חיים וואָלאָזשינער ז״ל איז אַריינגעקומען אין בית המדרש דאַווענען שחרית בציבור, די ישיבה לייט דערזעהענדיג ר' חיים'ן האָבען אָנגעהויבען לערנען אויפ'ן קול, און האָבען געשטערט דאָס דאַווענען – האָט ר' חיים זיך אָנגערופען, יעצט איז מיר רעכטיג געוואָרען, וואָס די חז״ל זאָגען „הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו" (ברכות כ״א) (הלואי זאָל אַ מענטש דאַווענען אַ גאַנצען טאָג, אייגענטליך אַז מען וועט דאַווענען אַ גאַנצען טאָג, ווען וועט מען לערנען? נאָהר דער תירוץ איז, אַז אויב די ישיבה בחורים לערנען, נאָהר דאַן ווען מען דאַווענט דעריבער האָבען די חז״ל געזאָגט הלואי וואָלטען יודען געדאַווענט אַ גאַנצען טאָג. וואָלטען דאָך ממילא די ישיבה בחורים געלערינט אַ גאַנצען טאָג...

## 671

דער דובנער מגיד ז״ל איז אַ מאָהל געגאַנגען אין גאַס אָנגעטוהן זייער שיינע

מלבושים. האָבען איהם די שטאָדט מענטשען געפרעגט דערויף? האָט ער געענטפערט: די חז"ל זאָגען „מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינים, מפני שאינם בני תורה" (שבת קמ"ה) אייגענטליך אַז זיי זענען ניט קיין בני תורה פאַר וואָס רופט מען זיי אָהן „תלמידי חכמים"? נאָהר — זאָגט צו זיי דער דובנער מגיד ז"ל — עס איז זעהר ריכטיג, ווייל די חז"ל זאָגען (דאָרטען) „בִמתא שמאי" אין שטאָדט ווי מ'קען מיך איז דער בלויזער נאָמען מיינער גענוג, „בלא מתא" אין אַ אַנדערע שטאָדט ווי מ'קען מיך ניט פאַר קיין תלמיד חכם „תותבאי" זאָגען מיינע מלבושים עדות אַז איך בין אַ תלמיד חכם, דאָס איז דער מיינונג פון די חז"ל, „מפני מה ת"ח שבבבל מצויינים" זיי גייען געצייכענט מיט שיינע קליידער „מפני שאינם בני תורה" ווייל די בני בבל זענען ניט קיין בני תורה זיי ווייסען ניט טייער צו האַלטען דעם תלמיד חכם, דעריבער דאַרפען זיי זיך אָנטוהן שיינע מלבושים, ווען מען זיי האַלטען בכבוד צוליעב די מלבושים. אַזוי — ענדיגט דער דובנער מגיד ז"ל — איז מיט אונזער שטאָדט, מ'אָנערקענט ניט קיין ת"ח, מוז מען זיך אָנטוהן שיינע מלבושים...

672

דער רבי ר' ברוך ז"ל פון מעזיבוז האָט געזאָגט „חם לבי בקרבי, בהגיגי תבער אש דברתי בלשוני" (תהלים ל"ט) מיר בעטין דעם אייבערשטען „ונשלמה פרים שפתינו" אַז דאָס זאָגען די פרשת פון קרבנות זאָל זיין גערעכענט אַזוי ווי מען וואָלט מקריב געווען קרבנות אין בית המקדש, אויף דעם טוט זיך דערוואַרימען, און ווייטיגען מיין הארץ „בהגיגי" אַז איך טו זיך דערמאָנען, אַז אויף דעם אָרט פון „תבער אש" ווי עס האָט געברענט די קרבנות, „דברתי בלשוני" זענען מיר יעצט געבליבען זיך צו באַניגענען בלויז מיט דעם זאָגעז די פרשת הקרבנות...

673

דער „אייזערנער קאָפּ" פון לובלין ז"ל דער גאון ר' עזריאל הורוויץ ז"ל צו זעהענדיג דאָס עניוות פון דעם רבי'ן פון לובלין ז"ל, האָט ער איהם אַ מאָהל געפרעגט? אויב איהר האַלט אייך אַזוי קליין פאַר וואָס דען פירט איהר אַ רבי'סטווא, דאַרפט איהר אַרויף גיין אין בית המדרש אויפ'ן בלעמער און אויסרופען, אַז איך בין ניט קיין רבי, און איהר זאָלט צו מיר ניט קומען, האָט ער איהם צוגעזאָגט אַז ער וועט אַזוי טוהן, די חסידים צוהערענדיג דעם רבינ'ס הכרזה, זענען נאָך געוואָרען מעהר אָנגעקלעבט אין רבי'ן, דער גאון ז"ל צו זעהענדיג דאָס, רופט ער זיך אָן צום רבי'ן ז"ל, אַזוי ווי איך זעה אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען, די חסידים האָבען גאָר ליעב אַ עניו, איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט יעצט אויסרופען. אַז איהר זענט אַ גרויסער צדיק, וועלין

די חסידים אַנטלויפען פון אייך הערענדיג אַז איהר האַלט זיך גרויס, האָט דער רבי ז״ל געענטפערט, איך בין טאַקע נית קיין רבי, אָבער קיין ליגנער בין איך דאָך אויך נישט, אַז איך זאָל זאָגען אַז איך ביז אַ גרויסער צדיק...

## 674

מ׳האָט אַ מאָהל אָנגעגעבען אַ מסירה צום קיסר אויפ׳ן קאָוונער רב ז״ל, אַז פאַר דעם „מי שבירך״ פאַר׳ן קיסר טוהט ער אויס די תפילין, דאָס איז אַ גרינגשעצונג פאַר׳ן קיסר, פאַרשענדיג איהם האָט ער זיך פערענטפערט, די חז״ל זאָגען „שבת ויו״ט לאו זמן תפילין״ תפילין לייגט מען נאָהר אין דער וואָכען, ווייל תפילין גיבען צו פייערליכקייט, אָבער שבת יו״ט זענען אַליין הייליגע פייערדיגע טעג, דאַרף מען ניט קיין תפילין (מנחות ל״ו) אַזוי אויך דעם פייער טאָג פון קיסר איז ביי מיר אַ יו״ט דאַרף איך ניט קיין תפילין, איך טוה זיי עקסטרע אויס, צו ווייזען דאָס עס איז ביי מיר אַ יו״ט...

## 675

דער גאון ר׳ אלעזר פון קעלין ז״ל האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש וואָס איז אַ בעל גאוה און אַ בעל קנאה, ער האָט שוין ניט קיין רפואה, ווייל אַ בלויזער בעל גאה וואָס האַלט זיך גרויס, איז דאָך זיין רפואה, אַז מען זאָל איהם ווייזען אַז עס זענען דאָ גרעסערע און בעסערע מענטשען פאַר איהם, מיט מער חכמה, און עשירות, און אויב ער איז אַ בעל קנאה אויך, האָט ער דאָך ווייטער קנאה אויף די מענטשען, — ווייטער אַ בלויזער בעל קנאה, איז זיין רפואה מ׳זאָל איהם ווייזען אַז עס זענען נאָך דאָ קנאַפערע מענטשען פאַר איהם, און אויב ער איז אַ בעל גאה אויך, וועט ער זיך דאָך ווייטער גרויס האַלטען אַ קייגען די מענטשען, האָט ער דאָך קיין שום רפואה ניט. דאָס איז דער פשט אי׳ן פסוק (תהלים ק״א) „גבה עינים״ אַ בעל גאה, און דערצו אויך „ורחב לבב״ אַ בעל קנאה „אותו לא אוכל״ צו איהם קען איך קיין רפואה ניט האָבען...

## 676

אַ יונגערמאַן האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר דעם „שפת אמת״ ז״ל אַז זיין פאָטער וויל איהם ניט צושטייער געבין צו די פרנסה, האָט דער „שפת אמת״ געפרעגט דעם פאָטער, פאַר וואָס ער איז ניט מסייע זיין זוהן, האָט ער געענטפערט אַ תירוץ אַז ער קען איהם ניט צוהעלפען, דענסטמאָל איז געווען פרשת „בהעלותך״, האָט דער „שפת אמת״ געזאָגט צו איהם, אַז פאַר אַ טאַטען איז קיין תירוץ נישטאָ אַז ער קען ניט, דאָס איז געדרונגען פון די היינטיגע סדרה, עס שטייט „מאין לי בשר וכו׳ האנכי הריתי״ אייגענטליך וואָס איז דאָס

פאר א נפקא מינה צי „אנכי הריתי" אז אויב ער האט ניט קיין פלייש, העלפט דאך ניט ווען עס וואלט יאָה געווען „אנכי הריתי" ווייזט דאך אויס, אז פאר קיין מאטען איז קיין תירוץ ניט דא, נאָהר ער דארף טוהן אלע מעגליכקייטען אז דער נוהג זאל האבען...

## 677

**א** יונגערמאן האט זיך געזעגענט פאר דעם „שפת אמת" ז"ל, אז דער שווער קען איהם ניט געבען קיין קעסט, און ער מוז אנהייבען צו האנדלען, וועט ער ניט קענען זיצען אין לערנען אזוי ווי פריער, דער שווער זייבער איז געווען א פראסטער מענטש, — האט דער „שפת אמת" ז"ל איהם געענטפערט: אז די וועסט זיצען און לערנען, וועט דער אייבערשטער העלפען דיין שווער אז ער וועט דיר קענען געבין קעסט, עס שטייט דאך אזוי „תלי תניא בדלא תניא", (כתובות ב')...

## 678

**ר'** וואלף סטריקובער ז"ל האט געטייטשט, „ועיני ישראל כבדו מזוקן לא יוכל לראות" דער תרגום זאגט אויף „כבדו" „מקירין" זיי זענען געווארען טייער פון עלטערקייט ער האט ניט געקענט זעהען אין די „הבלי עולם הזה" אויך איז דער מיינונג פראסט, עס איז איהם געווען שווער צו זעהן די נארישע וועלט...

## 679

**א** גביר האט געבעטען זיין זוהן צום בריסקער רב, ער זאל איהם פערהערין אין לערנען, דער פאטער מיט'ן זוהן זענען ביידע געווען עמי-הארצים, נאהר דער פאטער איז געווען מעהר עם-הארץ ווי דער זוהן, נאכ'ן פערהערין רופט זיך אפ דער רב צום פאטער, הלואי זאלען מיינע קינדער האלטען אזוי, ווי אייער זוהן, דער פאטער האט זיך שטארק געפרעהט, נאך זייער אוועק גיין פון רב, האט דער רב געזאגט צו די פער'חידוש'טע אנוועזענדע, איך האב געמיינט מיט מיין וואונשען, אז אויך מיינע קינדער זאלען קענען לערנען בעסער פון מיר, פונקט אזוי ווי דאס יונגעל איז א גרעסערער ידען ווי זיין עם הארצישען פאטער...

## 680

**א** גביר האט געזאגט פאר וואס איז דער מנהג, אז ווען א מגיד קלייבט צוזאמען געלד, שטעהט ער ביי די טיהר מיט א אנגעצונדען ליכט אין דער

האנד? ווייל איירער דער גביר נעמט זיך צו דער קעשענע – גייט איהם די נשמה ארויס, און ביי יציאת נשמה דארף ברענען ליכט...

## 681

אין סלאנים איז געווען א גרויסער בעל מחלוקת, מיט אלעם האט ער זיך ארומגעקריגט, האט איהם ר' אייזיל חריף ז"ל געפרעגט, היתכן? האט ער געענטפערט, אז ער טוט דאס לשם שמים, צוליב יושר און אמת, האט איהם ר' אייזיל- געזאגט, אין „חד גדיא" זעהען מיר אז דער סדר איז, אז דער גדי איז אונשולדיג, די „שונרא" איז שולדיג, פאר וואס זי האט אויפגעגעסין דעם גדי, דער „כלב" איז אונשולדיג, ווייל ער האט געקעמפט פאר'ן יושר, דער „חוטרא" איז ווייטער שולדיג, אזוי כסדר, קומט דאך אויס לויט'ן סדר אז דער מלאך המות איז אונשולדיג, וואס דען האט דער רבינו של עולם צו איהם? נאהר דער תירוץ איז, די מלאך המות, זיי ניט קיין בעל יושר און טו ניט קיין רשעותן...

## 682

צום „ישמח ישראל" ז"ל, איז געקומען א מחלל שבת, און זיך געזשאלעוועט אז די געשעפטען געהען איהם שוואך, – האט דער רבי איהם פארגעשלאגען ער זאל איהם צונעמען פאר א שותף צום געשעפט אויף 15 פראצענט, וועט ער מצליח זיין, יענער האט גלייך איינגעשטימט. און סאיז געווארען געמאכט א כתב, נאכהער רופט זיך אן דער „ישמח ישראל" אזוי ווי יעצט איז שוין מיין'ס 15 פראצענט, קומט דאך אויס אויף מיין חלק א זיבעטיל, דאס הייסט דאס פערדינסט פון 1 טאג אין דער וואך, ווייל איך אז דער שבת זאל זיין פאר מיר! דער מחלל שבת האט געמוזט איינשטימען צו האלטען געשלאסען דאס געשעפט אום שבת...

## 683

א גרויס בייכיגער גביר איז געקומען א מאהל צו גאסט צום גאון ר' נפתלי הירש בערלין ז"ל וואלאזשינער ראש ישיבה האט מ'איהם דערלאנגט א שטוהל צו זיצען, דאס געזעס פון די שטוהל איז געווען געפלאכטען מיט לעכערליך אזוי ווי דער גאסט האט זיך ארויף געזעצט איז דאס געפלאכטענע געזעס געפלאצט, רופט זיך אן דער גאון, וועלענדיג איהם אביסעל גלייכשטעלין, עס האט מיט אייך פאסירט דאס זעלבע, ווי מיט יעקב אבינו, ווען די שטיינער האבען זיך געקריגט, דער שטיין האט געזאגט „עלי יניח צדיק את ראשו (רש"י ויצא) און דער שטיין, האט אויך דאס זעלבע געזאגט, האט דער אייבערשטער געמאכט פון אלע שטיינער איין שטיין, אויך דא ביי אייך האבען זיך די

לעכערליך פון די שטוהל געקריגט יעדעס האָט געוואָלט, אז נאָהר אויף איהם זאָלט איהר זיך זעצען, דעריבער איז פון אלע לעכערליך געוואָרען איין גרויס לאַך...

## 684

מ'האָט געפרעגט ר' ישראל סאלאַנטער ז"ל פאַר וואָס יעדער קאַמף צווישען די פרומע יודען מיט פרייע, געווינען די פרייע? האָט ר' ישראל ז"ל געענטפערט: ווייל די פרייע קעמפען פאַר'ן שקר מיט'ן אמת, דאגעגען די פרומע קעמפען פאַר'ן אמת מיט'ן שקר, ניט מיט דעם רעכטען מסירת נפש...

## 685

ר' יהושע בורשטיין ז"ל ביאַליסטאָקער רב האָט געהאַט מחלוקת אין שטאָדט אי מיט חסידים אי מיט מתנגדים, האָט ר' ישראל סאלאַנטער ז"ל איהם געבעטען ער זאָל האָטש שלום מאַכען מיט איין צד האָט דער רב געענטפערט, איך בין אַ איש אמת און איך קאָן ניט פאַרטראָגען קיין שקר, האָז ר' ישראל סאלאַנטער ז"ל געזאָגט צו איהם מיט אַ שמייכעל ס'איז דאָ אַ שפּריכוואָרט „מיט אמת געהט מען דורך די וועלט" איז דער טייטש אזוי, דער איש אמת מוז געבין פון אומעטום אוועק גיין, ער געפונט ניט אין ערגעץ קיין מקום מנוחה, און מוז דורכגעהן כסדר די וועלט, דער ביאַליסטאָקער רב איז טאַקע און אַ קורצע צייט אוועק פון ביאַליסטאָק...

## 686

דער גאון ר' יהושעלע קוטנער ז"ל האָט פערענטפערט דעם הארבען מדרש אין „פרשת בהעלותך" אויף דעם פסוק „וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו" אז די „זקנים" האָבען געוויינט פאַר וואָס מען האָט ניט מתיר געווען אַז אַ ברידער זאָל מעגין נעמען אַ שוועסטער, א. ד. ג. פאַר וואָס האָבען נאָהר די „זקנים" געוויינט? נאָהר דער תירוץ איז, אז אַ פאָטער ברויכט אויף די עלטער אָנקומען צו אַ קינד, איז אָדער די שנוהר קריגט זיך ארום מיט איהם, אָדער דער איידעם קריגט זיך ארום מיט איהם, אָבער אַז אַ שוועסטער וואָלט געגומען אַ ברידער, וואָלט דאָך דאָס פאַר פאָלק געווען זיינע קינדער, וואָלט דאָך זיך קיינער ניט מיט איהם ארום געקריגט...

## 687

ר' יצחק אלחנן ז"ל קאָוונער רב, איז געווען אַ מתנגד, אַ מאָהל איז ער געקומען אין אַ חסידישע שטאָדט. וואָס איז געווען פיעל מיט חסידים שטיבלעך,

דער גאון גייט אריין אין דער פרי אָפּדאַווענען אין בית המדרש, און טרעפט ניט קיין מנין, זאָגט מען איהם, בכן אַז זיי דאַווענען און די שטיבלעך, רופט זיך אָן דער גאון, יעצט איז מיר רעכט, וואָס שטעהט אין תהלים „אספו לי חסידי" דער רבש"ע זאָגט, יעדער איז אַ אַנדער רבי'נ'ס אַ חסיד, טאָ ווער זשע איז מייז חסיד...

## 688

א משכיל האָט געפרעגט ר' ישראל סאלאַנטער ז"ל, פאַר וואָס ער איז אַ מתנגד אויף די השכלה, וועלכעס וויל מאַכען אַז יעדער'ס מויל זאָל רעדין די העברעאישע שפּראַך? האָט ר' ישראל סאלאַנטער ז"ל געענטפערט: — שלמה המלך האָט אָנגערופען די העברעאישע שפּראַך „וחכו כיין הטוב" אַז עס איז גלייך צו גוטען ווײַן, ווײַן איז הייליג, מען מאַכט דערפון קידוש און הבדלה, און נסכים אויפ'ן מזבח, דאָך אַז אַ גוי ריהרט דאָס אָן איז עס אסור, דאָס זעלבע איז מיט די העברעאישע שפּראַך, זי איז טאַקי הייליג, אָבער נאָהר אַזוי לאַנג ווי אַ גוי ריהרט זיך צו איהר ניט צו...

## 689

דער קעלעמער מגיד ז"ל איז אַ מאָהל אריין געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נויטיגע נדבה, — האָט דער גביר אויסגערופען בייזער הייט, — איהר זענט שוין געקומען? געהט ווייטער! איך גיב ניט! רופט זיך אָן צו איהם דער קעלעמער מגיד, מילא אַז „תזריע" און „מצורע" געהן אַמאָהל צו זאַמען טרעפט זיך, אָבער אַז „בא" (קומען) און „בשלח" (אוועק געהן) זאָלען געהן צו זאַמען, הער איך דאָס ערשטע מאָהל איז מיין לעבין...

## 690

א משכיל האָט געפרעגט ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל פאַרוואָס האָט מען ניט געמאַכט אַז „ניטעל" זאָל מען נישט טאָרען לערנען 2 טעג „משום ספיקא דיומא"? — האָט ער געענטפערט: עס איז שוין ממילא 2 טעג, ווייל „אם תעזבני יום יומים אעזבך" (ירושלמי סוף ברכות, וספרי עקב)...

## 691

אין קוטנע איז געווען אַ שוחט אַ פרומער יוד מיט אַלע מעלות, נאָהר ווייל ער איז ניט געפאָרען צו קיין רבי'ן האָבען די חסידים, ניט געוואָלט עסין פון זיין שחיטה, האָט ר' יהושעל'ע קוטנער ז"ל געזאָגט, יעצט איז מיר רעכטיג

פארוואס גרייט אן דער רבש"ע לעתיד לבא א שור הבר כדי א לויתן עס וואלט דאך געגוג געווען דער שור הבר אליין? נאהר טאמער וועט דער שוחט זיין א מתנגד וועלין די חסידים ניט וועלין עסין פון זיין שחיטה, און טאמער פערקעהרט וועלין די מתנגדים ניט וועלין עסין, דעריבער וועט זיין א לויתן, אז דער וואס וועט ניט וועלין עסין, זאלין זיי חאטש האבען אשטיקעל פיש וואס ברויכט ניט קיין שחיטה...

## 692

ר' ישראל סאלאנטער ז"ל פלעגט ערב פסח אליין צו שטעהען ביים באקען די מצות, איינמאהל איז ער קראנק געווען ערב פסח, האבען די תלמידים פערטרעטין זיין ארט, איידער זיי זענען געגאנגען האבען זיי איהם געפרעגט, — רבי, וואס זאלען מיר אין זינען האבען ביים באקען? — איהר זאלט דער עיקר דעסאלט געדענקען, בישט מצער זיין די ארימע קנעטערין, זי איז נעבך אנ'אלמנה...

## 693

א רבי האט געזאגט אמאהל צו ר' יהושעל'ע קוטנער ז"ל אז דער רבי ר' אלימלך ז"ל פון ליזענסק האט געזאגט, אז פאר משיח וועט יעדער יוד זיין אזוי ווי א רבי, דערביי האט ער געזאגט דעם פסוק „ומי יתן והיה כל עם ד' נביאים" (בהעלותך) האט דער קוטנער רב געזאגט, מיט א תמיה, ומי יתן? ווער וועט געבין א פדיון, אויב „והיה כל עם ד' נביאים" אז אלע וועלין זיין רבי'ס.

## 694

צו ראטשילדן אין פאריז איז געקומען צו פאהרען אן ארימער יוד און זיך פארגעשטעלט אלס זיינס א ווייטער קרוב, ער האט איהם בעוויזען מיט יחוס בריף. אז ער געהער זיך איהם אן א גליד־גליד־גליד־געשוועסטער קינד, א חמשי-בששי, היות ער האט אזא רייכען מענש אין דער משפחה, על־כן זאל ער איהם צושטייער געבען אויף א נדן פאר זיין טאכטער א בוגרת, וואס איז שוין לאנג ראוי' לחופה, האט ראטשילד ארויסגענומען טויזענד פראנק און איהם געגעבען, אבער דער ארימער יוד שטעהט ווייטער און זאגט נאך אלץ נישט א גוטען טאג, — איך האב דאך אייך שוין געגעבען — פרעגט איהם ראטשילד, — אויף וואס ווארט איהר נאך? ענטפערט דער יוד: — דאס האט איהר מיר געגעבען אלס קרוב, יעצט בין איך דאך סתם א שנארער, וואס פאהרט ארום צוזויפנעמען אויף הכנסת-כלה, גוטושע מיר בעזונדער א פראסטע נדבה גלייך איך וואלט אייך גארנישט אנגעקעהרט!...

695

פאר'ן אָסטראָווצער רבי'ן זצ"ל האָט זיך אַ חסיד בעקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין פרנסה, אַ גאַנצען טאָג שטעהט ער אין געוועלב, אָבער קיין קונה זעהט מען נישט, דער פאָטער זייגער האָט פון זעלבען געהעלב געהאַט פרנסה בריוח און ער נישט, פרעגט איהם דער רבי: — וואָס טהוסטו אַ גאַנצען טאָג? איך שטעה אין געוועלב! — אָבער וואָס טהוסטו אין געוועלב, ווען קיין קונים זענען נישטאָ? כ'לייען אַ צייטונג! אויב אַזוי איז שוין ריכטיג — האָט דער רבי זצ"ל געזאָגט — דיין טאַטע ז"ל האָט זיך אַנדערש נוהג געווען, טאָמער האָט ער זיך אָבגעפערטיגט מיט אַ קונה און געהאַט אַ רגע צייט, האָט ער דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ קאַפּיטעל תהלים, אַ פרשה חומש, אַ בלאַט גמרא, אַז דער בעל דבר (יצר הרע) האָט דאָס געזעהן, האָט ער דאָך געוואָלט איהם מבטל זיין פון עבודת הבורא, האָט ער איהם צוגעשיקט אַ קונה, דאַמאָלס האָט דער אַלטער געמוזט מפסיק זיין און ענטפערען דעם קונה! מיט דיר אָבער, האָט דער בעל דבר קיין שום דאגה נישט, די לערענסט סיי ווי סיי נישט, נאָהר לייענסט צייטונגען, דער בעל דבר איז פון דיר העכסט צופרידען, נאָכוואָס זאָל ער דיר לאָזען מפסיק זיין און צושיקען קונים?...

696

ביים סדר פון די עשר מכות אין דער תורה, איז צוערשט געווען מכת כנים און דערנאָך מכת ערוב, דאַגעגען אין תהלים (ק"ה, ל"א) שטעהט: „אמר ויבא ערוב, כנים בכל גבולם" ערוב שטעהט דערמאָנהט פריהער? נאָר — האָט אַ בעוואוסטער מגיד געזאָגט — מען קען דאָס פערענטפערען מיט אַ משל. אַ גרויסער גביר האָט חתונה געמאַכט זיינס אַ קינד, האָט ער עטליכע טעג פאַר דער חתונה געמאַכט כסדר סעודות פאַר די מענשען וועלכע וועלען נישט זיין אויף דער חתונה, ער האָט דאָס איינגעאָרדענט מיט אַ סדר, דעם ערשטען טאָג האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר בכבודע אָרימצלייט, בעגעבען זיי אַ גוטע סעודה, דעם צווייטען טאָג פאַר פראָסטע אָרימע לייט, בעטלער, דעם דריטען טאָג פאַר אָרימע פרויען, דעם פערטען טאָג פאַר זיינע ווייטע קרובים, כדי איינער זאָל נישט קומען עטליכע מאָל, האָט ער אויסגעשטעלט מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפען יעדען גאַסט האָבען איפ'ן זכרון און געדענקען צו ער איז שוין געווען. דעם פערטען טאָג ביי דער סעודה פאַר די ווייטע קרובים, האָט איין אויפזעהער דערקענט אַ גאַסט, וואָס איז געווען דעם ערשטען טאָג און געוואָלט איהם בעזוייטיגען, אמת אַז איך בין שוין איינמאָל געווען — האָט יענער זיך נישט געלאָזט אַרויסוואַרפען — אָבער איך בין אַ בכבוד'ער אָרימאַן און אויך אַ ווייטער קרוב פון דעם מחותן, קומט מיר ביידע מאָל. דאָס זעלבע איז געווען מיט די „כנים". פריהער זענען זיי געקומען אַליין, דערנאָך, צוזאַמען מיט'ן „ערוב" זענען זיי אויך געקומען, זיי זענען דאָך אויך ביידע חיות און ממילא דאָפּעלטע מחותנים...

## 697

די טאָכטער פון רבי שמואל קאַמינקער איז געווען יאָהרען-לאַנג אַן׳עקרת. איינמאָל, בשעת דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים, איז געקומען צו פאָהרען קיין קאַמינקא דער בערשאַדער צדיק, רבי רפאל, און זי איז אוועק צו איהם זיך מתנצל זיין און בעטען, אז ער זאָל פאַר איהר מתפלל זיין און איהר בענשען, זי זאָל האָבען קינדער, רבי רפאל האָט אויסגעהערט איהר בקשה און געענפערט, אז אַ סגולה צו האָבען קינדער איז — שמחה... בעת איהר פאָטער רבי שמואל, איז צוריקגעקומען. און זי האָט דאָס איהם דערצעהלט, האט ער זיך אָנגערופען, אז דער בערשאדער צדיק האָט די דאָזיגע סגולה גענומען מן התורה, מן הנביאים ומן הכתובים, אין דער תורה שטעהט. „ותצחק שרה״, שרה האָט געלאַכט און זיך געפרעהט און בזכות זה איז זי טאַקי אויפגעריכט געוואָרען מיט אַ זוהן, אין די נביאים. „רני עקרה לא ילדה״, אויב זו איז אַן׳עקרה און האָט קיין קינדער נישט, זאָל זי זינגען און זיין פרעהליך, וועט זי געהאָלפען ווערען, און אין כתובים. „מושיבי עקרת הבית — אם הבנים שמחה״. פרעגט איהם די טאָכטער, אויב שרה האָט געלאַכט צוליעב אַ סגולה, טאָ פאַרוואָס האָט השי״ת אויף איהר מתרעם געווען און געפרעגט. „למה זה צחקה שרה״? — האָט ער איהר דערויף געענטפערט — מיט אַ סגולה דאַרף מען זיך בענוצען נאָך דער הבטחה פון צדיק, אָבער ווען השי״ת אַליין איז מבטיח, דאַן זענען קיין סגולות נישט נויטיג, און דאָס איז געווען איהר חטא...

## 698

אויף די שבע ברכות פון ר׳ חיים בריסקער זצ״ל אין סמארגאן (ר׳ חיים ז״ל אין געווען אַן איידעם פון סמארגאנער רב ר׳ רפאל שפירא זצ״ל) האָט מען אָנגעוויזען דעם חתנ׳ס פאָטער ר׳ יאָשע בער זצ״ל אויף אַן אָרטיגען עושר, וואָס קען זיך ריהמען, אז ער האָט נאָך נישט געגעבען ווי לאַנג ער לעבט קיין געהעריגע נדבה, געווען איז עס ווינטער-צייט, מען האָט דאַן געזאַמעלט אויף האָלץ פאַר אָרימע לייט, האָט ר׳ יאָשע זיך אונטערגענומען מוציא צו זיין פון דעם קמצן געלד אויף דעם צוועק, האָט ער געהייסען איהם פערבעטען אויף די שבע ברכות, נאָך דער סעודה האָט דער עושר געכאַפּט אַ שמועס מיט ר׳ יאָשען, אויסגעפרעגט זיך אויף זיינע בריסקער קרובים, פערענטפערט זיך פאַר וואָס ער העלפט זיי נישט, ומענין לענין איז דער שמועס אַרויף אויף די חרטומים פון מצרים, דער עושר האָט דוקא געוואָלט וויסען אין וואָס עס איז בעשטאַנען דער כח פון די חרטומים, ווי אַזוי זיי האָבען געקענט בעוויזען אַזעלכע קונצען, האָט ר׳ יאָשע געענטפערט, איך אַליין קען אויך בעווייזען אַ טייל קונצען! כ׳קען למשל אַזא מין קונץ. מען שטעלט אַנידער אין מיטען טיש אַן ערדענע כלי, מען טהוט אַריין דערין אַ דריטעל וואסער אַ דריטעל אַש, און

א דריטעל בוימאייל, נאכהער לעגט מען אנידער פיער געלד-באנקנאטען אין די פיער עקען פון טיש, איך וועל זאגען איין ווארט, וועלען די פיער באנקנאטען זיך געפונען אין דער ערדענער כלי. דער עושר האט אויסגעשטעלט א פאר אויגען, ער גלויבט עס נישט — הייסט איהר וואס — האט ר׳ יהושע געזאגט, איך גיב הונדערט גילדען אויף א דבר טוב, אויב איך וועל דאס נישט בעוויזען באלד דא אויפן ארט, נאר טאמער וועל איך עס יא בעווייזען, מוזט איהר געבען הונדערט גילדען. דעם עושר האט נישט געפאסט, פאר די אויגען פון אלע רבנים און גדולים, צוריקצוציהען זיך פון דעם פארשלאג און ער האט מסכים געווען. ער האט תיכף ארויסגענומען פיער פינף-און-צוואנציגערס, צולעגט זיי אויף אלע פיער עקען טיש, די שטוב מענשען האבען געבראכט אן ערדענע כלי, מיט די אנגעגעבענע מינים און אוועקגעשטעלט אין מיטען טיש, אלע געסט האבען זיך ארומגעשטעלט שטילשווייגענד, אין דער גרעסטער ערווארטונג. ר׳ יאשע האט א זאג געטהון, חיים׳קע! ר׳ חיים, דער חתן איז צוגעגאנגען, גענומען די פיער באנקנאטען און אריינגעלעגט אין דער ערדענער כלי, ר׳ יאשע האט זיי תיכף ארויסגענומען, אבגעווישט און אוועקגעגעבען דעם גבאי צדקה. — וואס הייסט דאס? — איז דער עושר טינקעל געווארען פאר די אויגען. ווי זאל עס הייסען, איך האב געזאגט בלויז איין ווארט און די באנקנאטען האבען זיך געפונען איז דער ערדענער כלי, איך האב אבער געמיינט אז דא ועט פארקומען עפעס אויסערגעוועהנליכעס, עפעס א קינץ, טא וואס פאר א קונץ איז דאס? א קליינע קונץ איז דאס האט ר׳ יאשע געשטייבעלט פון אייך מוציא צו זיין א הונדערטער?...

699

ויהי חושך אפלה בכל ארץ מצרים (רש״י) נאך וואס האט ג-ט געמאכט פינסטער? ווייל ס׳זענען געווען רשעים אין דאזיגען דור, זענען זיי אויס געשטארבען אין די דריי טעג פונסטערניש. מען האט דערצעהלט דעם צאנזער רב ז״ל, אז איין יוד האט דעם צווייטען אויסגעדינגען די ארענדע, האט ער יענעם געשיקט רופען און געפרעגט. היתכן!, ווי מעג מען א צווייטען יוד משיג גבול זיין? אבער דעם וואס איך האב אויסגעדינגען האט יענער זיך פערענפערט איז דאך א פושעי ישראל, אזעלכען איז א מצוה צו באגראבען, ווי פאלסטו אויס אזוינס צו זאגען — האט דער צאנזער רב זיך אויף דעם יוד געבייזערט — איך וועל דיר אויפווייזען פון דער תורה אז אפילו א רשע איז אויך נישט קיין מצוה צו באגראבען, ביי די מכה פון חושך זאגט רש״י, אז דעריבער האט מען געברענגט די מכה, כדי די מצריים זאלען נישט זעהן ווי עס שטארבען אויס די רשעים פון דעם דור. ווייטער זאגט רש״י אויפן פסוק (י״ב, ו׳) „והיה לכם למשמרת״ אז איצט איז געקומען די צייט זיי אויסצולייזען, „ולא הי׳ בידם מצוות להתעסק בהם, ונתן להם שתי מצוות, דם פסח ודם מילה״, טא אויב עס זאל זיין ווי די

זאָגסט, אז צו בעגראָבען א רשע איז א מצוה, האָט מען דאָך נישט געדאַרפט אויסזוכען קיין אנדערע זכותים, נאָר זיי וואָלטען געקענט אויסגעלייזט ווערין אין זכות פון דער מצוה, וואָס זיי האָבען בעגראָבען די רשעים ?, אלזאָ, איך הייס דיך אוועקגעבען יענעם יוד די אַרענדע און דאָס וואָס יענער איז א פושעי-ישראל, וועט זיך השי"ת אליין משפט'ן מיט איהם...

## 700

א מחבר האָט געבּרענגט זיין ספר צו ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל אויף א הסכמה, דער חיבור איז געווען אויף תורה צו געשריבען צו די גליונות אויפ'ן חומש האָט ר' אייזיל אָנגעשריבען אין זיין הסכמה „פירושך קרוב לאמת"...

## 701

א מחבר איז געקומען צו ר' אייזלען סלאָנימער ז"ל נאָך א הסכמה, האָט ר' אייזעלע א ביסעל מעיין געווען, און אָנגעשריבען בזה הלשון, „החזרת את העטרה ליושנה" איז דער מחבר אוועק מלא שמחה, דערנאָך האָט מען געפרעגט ר' אייזלען, וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער געענטפערט „ער האָט דאָס פּאַפּיער אומגעקערט ליושנה — צו שמאַטעס, ווייל דאָס פּאַפּיער איז דאָך געמאַכט געוואָרען פון שמאַטעס, און ער האָט דאָס פּאַפּיער צוריק אומגעקערט צו שמאַטעס..

## 702

בעלי בתים האָבען זיך אמאָל פערקלאָגט פאַר ר' ישראל סאַלאַנטער ז"ל אויף זייער שוחט, א פרומער יוד, אז ער איז א קנאַפּער מומחה אין שחיטה, האָט ר' ישראל געענטפערט איך וויל גלייכער א שוחט וואָס זאָל זיין 99 פּראָצענט יוד, און איין פּראָצענט שוחט, איידער ער זאָל זיין 99 פּראָצענט שוחט, און איינ'ס פּראָצענט יוד...

# דער יודישער אוצר

## זיבעטער העפט

### 703

א גוטער יוד האָט געזאָגט, אַז בײַ אַ מענטש מאַכט זיך ניט ווי עס ווילט זיך, מוז ער ווען ווי עס מאַכט זיך...

### 704

דער רבי ר' "עוזיאל ז"ל פון נײַ שטאָדט, האָט געזאָגט דעם פשט פון דעם פסוק "במצותיו חפץ מאד", (תהלים קי"ב) מאד איז דער טייטש "טויט", אַזוי ווי דער מדרש זאָגט "מאד זה המות" (בראשית רבה פרשה ט') אַז אַ צדיק, איז זיך מוסר נפש בשעת ער וויל טוען אַ מצוה...

### 705

דאָס זעלבע האָט ער אויך געטייטשט "אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט" אַז אַ מענטש וויל זאָגען אַ דברי תורה אָדער אַ תפלה פאַר'ן אייבערשטען, זאָל עס זיין מיט מסירת נפש...

### 706

א בעל-גאוה אַ עם הארץ האָט זיך באַרוהמט פאַר דעם שעדליצער רב, אַז ער האָט אַליין געפסקנ'ט אַ שווערע שאלה אין די הלכות פון שבת, די שאלה איז געווען מ'האָט געמאַכט דעם קוגעל אין אַ מילכיגען טאָפּ, און אַריינגעשטעלט איהם אַזוי, אין טשאָלענט אַריין, האָב איך געפסק'נט "כשר" ווייל איך האָב נאָכגעזוכט אין גאַנצען "חיי אדם" הלכות שבת און האָב ניט געפונען, אַז אַזאַ קוגעל זאָל זיין טריף, דער רב דערוועהענדיג וואָסער תכשיט דאָס איז, רופט זיך אָב, איך זעה אַז ניט בלויז קיין "חכמת אדם" האָסטו ניט, נור אַפילו קיין "בינת אדם" האָסטו אויך ניט, אַ שאָד וואָס דער "חיי אדם" מיט דעם "נשמת אדם" געפונען זיך בײַ דיר...

## 707

מ'האָט געפרעגט דעם בריסקער רב ר' „יאָשע בער" ז"ל, פאַרוואָס אין די גרויסע שטעדט איז דאָ איין רב, און אין די קליינע שטעדלעך נעמט מען אויף 2 רבנים? האָט ער געענטפערט, אַ נגיד קויפט זיך איין קוה אַ פעטע און האָט דערפון גענוג מילך, דאַגעגען אַ אָרימאַן קויפט זיך 2 קאָזעס, און האָט פון זיי ביידע גאָרנישט...

## 708

אום ראש השנה איז אין אַ שוהל צוגעגאַנגען דער שטענדיגער בעל-תוקע אַ פרומער יוד בלאָזען שופר, און בשום אופן האָט ער ניט געקענט בלאָזען, איז צוגעגאַנגען איינער אַ קל שבקלים, און האָט לייכט געבלאָזען, — רופט זיך אָן דער רב אין שוהל, עס איז ניט קיין שום חידוש, ווייל עס איז באַוואוסס אַז דער שטן פערלייגט זיך אַז די תקיעות זאָלין ניט גוט אַדורך גיין, נאָר דער צווייטער בעל תוקע האָט זיך אויסגערעדט מיט'ן שטן, הער נאָר, איך האָרך וואָס די הייסט מיך, אַ גאַנץ יאָהר, הער זשע מיך אויך כאָטשע איין מאָל אין יאָהר, און שטער מיך ניט פון בלאָזען...

## 709

א משכיל האָט אַ מאָל געזאָגט צום מלבי"ם, אַז ער האָט געפונען גרייזין און תנ"ך, דער רב זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ שוטה ער האָט צוטוהן רופט ער זיך אָן, איך מוז דיר מודה זיין אַז עס איז דאָ אַ גרייז, ווייל אין מגילת אסתר שטעהט אַז מען האָט „ויזתאן" אויפגעהאָנגען און צום סוף זעה איך אַז ער דרעהט זיך גאָר אַרום אַ לעבעדיגער...

## 710

א גאון האָט געזאָגט פאַרוואָס איז אַ נבילה בעסער ווי אַ תלמיד חכם שאין בו דעת, (ויק"ר פ"א) ווייל פון פון אַ נבילה קען מען כאָטשע נהנה זיין פון די פעל, אָבער פון עהם קען מען גאָר ניט נהנה זיין...

## 711

ר' אייזיק סלאָנימער ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ רב וואָס האָט אַנגעקויפט דאָס רבנות פאַר געלד, וואָס עס איז אַ איסור, (זעה ירושלמי סוף ביכורים),

אויף דיר זאָגען די חז״ל „כל תלמיד חכם שאין בו דיעה נבילה טובה הימנו״ (ויקרא רבה פ״א, ותנא דב״א רבא פ״ו). ד. ה. אַ תלמיד חכם וואָס האָט ניט קיין דעת, איז אַ נבילה בעסער פאַר איהם, ווייל אַז אייבער קויפט אַ נבילה צוליעב די פעל, מוז דאָך אויך באַצאָהלען געלד, און דאָ צאָלסט גאָר צו געלד, איז אַ סימן אַז די ביסט נאָך וויניגער חשוב ווי אַ נבילה...

## 712

א גאון האָט געזאָגט דעם טייטש „חכם שמת הכל קרוביו״ (שבת ק״ה) אַז אַ חכם שטאַרבט זענען אַלע זיינע קרובים, ווייל עס שטייט „לא לחכמים לחם״ (קהלת ט׳) איז ביי זיין לעבען, זענען די קרובים זיינע דערווייטערט פון איהם, כדי זיי זאָלין איהם ניט דאַרפען געבין קיין געלד, נאָר נאָך זיין שטאַרבען יחוס׳ן זיי זיך מיט איהם אַז ער איז געוועזען זייער׳ס אַ קרוב...

## 713

דער רבי ר׳ ברוך ז״ל האָט אמאָל געזאָגט, צו אייגעם וואָס איז אַרום געגאַנגען שטאַרק פערזאָרגט, „פי עוני אגיד״ (תהלים ל״ח) אַז איך גיי זאָגען, זיך מתודה זיין אויף די עוונות, „אדאג״ דאָס וואָס איך זאָרג, „מחטאתי״ רעכען איך אויך דאָס פון אַ טייל פון די זינד, ווייל דער אמת׳ער מאמין וואָס גלייבט אַז אַלעס פירט זיך פון הימעל, דער זאָרגט ניט...

## 714

דער רבי ר׳ משה ז״ל פון קאָברין איז אמאָל געוועזען ביי דעם טריסקער מגיד ז״ל האָט איהם דער מגיד געפרעגט צי איז עפּיס געבליבען ספרים פון אייער רבין בכתב-יד? האָט ער געענטפערט: יאָ עס איז געבליבען אויף די יודישע הערצער, אַזוי ווי עס שטייט, „כתבם על לוח לבך״ (משלי ג׳ ג׳).

## 715

א רב וואָס פלעגט נעמען שוחד איז געוואָרען פלוצלינג לאָם האָט מען געפרעגט ר׳ אייזלין ז״ל עס שטייט דאָך נאָר „כי השוחד יעור״ עס מאַכט בלינד אָבער ניט לאָם? האָט ער געענטפערט, די חז״ל זאָגען „פסיעה גסה נוטלת מאור עיניו של אדם״, אַז מ׳גייט געשווינד ווערט מען בלינד, דעריבער מוז ער צום ערשטין לאָמען, כדי מ׳זאָל ניט זאָגען אַז ער איז בלינד געוואָרען פון אסאַך גיין אָבער ניט צוליעב דעם שוחד, אָבער אצינד אַז ער לאָמט שוין, און נאָכהער וועט ער בלינד ווערין וועלין אַלע זעהען אַז עס איז געוועזען צוליעב דעם שוחד...

## 716

דער רבי ר' נח לעכעוויטשער ז"ל. האָט געפרעגט דעם פֿאָטער ר' מאָטילע ז"ל, די וועלט זאָגט אַז די ל"ו צדיקים זענען באַהאַלטען (עיין חולין צ"ב), קומט דאָך אויס אַז די צדיקים מפורסמים זענען ניט פֿון די ל"ו צדיקים? האָט ער געענטפֿערט, אַשיינער תכלית וואָלט געווען אַז צדיקי הדור זאָלען זיין צדיקים בנסתר, אַזוי ווי בנגלה..

## 717

דער „חי' הרי"ם" איז אַמאָל געזעסען אין סוכה, האָטשע עס איז געווען אַ רעגען, איז מען דאָך פֿטור פֿון זיצען אין סוכה, (סוכה כ"ח) האָט מען איהם געפרעגט, עס שטייט דאָך „נקרא הדיוט" האָט ער געענטפֿערט, הלואי וואָלט איך געווען דער הדיוט פֿון די משנה..

## 718

א מחבר וואָס האָט געהייסען „יעקב" איז געקומען צו אַ גאון מיט זיין חיבור „ויאמר יעקב" אויף אַ הסכמה, דער גאון האָט געזעהען אַז עס איז אַ גאַנץ קנאַפּ ספר, ער זאָגט גאָר ניט, רופט ער זיך אָן, ביסט געדעכט וואָס די האָסט אַ נאָמען געגעבען דיין ספר „ויאמר יעקב" ווייל אין תורה שטייט „ויאמר יעקב" (בראשית ל"ב פסוק כ"ה) און עס שטייט גאָרנישט דערנאָך וואָס ער האָט געזאָגט..

## 719

א מחבר איז געקומען אויף אַ הסכמה צו ר' יאָשע בער ז"ל, האָט ער געשריבען „אז ירננו כל עצי יער על חיבור הזה" האָט מ'איהם געפרעגט וואָס ער האָט געמיינט? האָט ער געזאָגט, עס שטייט אין ספרים, אַז משיח וועט קומען, וועט מען פֿערברענען אַלע אונגוצליכע ספרים, וועל'ן זיך דעריבער די ביימער פֿריידען, וואָס אַנשטאַט זיי, וועט מען פֿערברענען אַזעלכע ספרים, ווי דאָס ספר פֿון דעם מחבר...

## 720

ר' אייזיל חריף ז"ל איז אַ מאָל אהיים געגאַנגען שבת פֿון שוהל איז געשטאַנען אַ קאַרגער גביר אופ'ן באַלקאָן און אַראָפּ געשריגען רבי'! וועלכע סדרה איז היינט, האָט ר' אייזיל געענטפֿערט, איך בין שוין ניט קיין

יונגערמאן, דערוועה איך ניט די קליינע אותיות אין חומש, נאר „אויבען" (געמיינט די גרויסע אותיות) האב איך אבער געזעהען שטעהען „קרח"...

## 721

ר' אורי ז"ל פון אוסטרעלסק, האט געזאגט דעם טייטש פון די גמרא „ראיתי בני עליה והמה מועטים" (סוכה מ"ה) איך האב איינגעזעהן פאר וואס זענען זיי בני עליה ווייל זיי זענען ביי זיך נידעריג...

## 722

א מחבר איז געקומען צו א רב מיט'ן חיבור אויף א הסכמה, רופט זיך אן דער רב, היינטיגע צייט, ווען עס איז א קריזיס אויף דער וועלט, און אלע מאכען בלויז „חיסור" מאכט איהר גאר א חיבור, — נאר האט ניט קיין עגמת נפש, אויך פון אייער חיבור, וועט איהר האבען חיסור, ווייל איהר וועט ניט צוריק האבען דעם קרן...

## 723

דער רבי פון לובלין ז"ל דער „חוזה" האט בעטייטשט דעם פסוק „ודרשת" אויב די ווילסט זאגען א דרוש, „וחקרת" אדער א חקירה, „ושאלת" אדער א שאלה, א קשיא, „והנה אמת" חאטשע עס איז א אמת'ע תורה, אבער אויב „נכון הדבר" אז עס איז א צוגעגרייטע תורה, אבער ניט וואס מען האט דיר בשעת זאגען תורה אראב געגעבין פון הימעל, זאלסטו וויסען, אז „נעשתה התועבה" אז עס איז ניט אנגענעהם ביי די צוהערער'ס, און עס גייט זיי ניט אריין אין הארצין...

## 724

א משכיל האט זיך בערוהמט פאר ר' יאשע בער ז"ל אז ער קען רעדען אויף פיר שפראכען, — האט ר' יאשע בער ז"ל עם געזאגט, ביסטו דאך א קוה, ווייל די חז"ל זאגען „כי משמש בד' לשונות" (ר"ה ג')...

## 725

מ'האט א מאל געפונען אין בריסק ביי א ארימאן א גרויסע סומע געלד, האבען די נגידים שוין ניט געוואלט געבין קיין צדקה, טענה'דיג אז אלע ארימלייט זענען נגידים, האט ר' יאשע בער ז"ל געזאגט, זעהט נאר ווי דער

אָרימאַן איז נעבּיך אָנגליקלעך אַז אַזויפיל אָרימעלייט פערשטעלין זיך אין בּריסק פאַר נגידים, הערט דאָס ניט קיינעם, און אויב, נאָר איין נגיד האָט זיך פערשטעלט פאַר אַנ׳אָרימאַן איז אַזאַ רעש...

## 726

דער „מלבּים" איז אַמאָל געזעסען בּיי אַ שמחה מיט פונף רעפאָרעם רבּנים, האָט דער מלבּי"ם זיך אָנגערופען, די 5 רבּנים זענען „כּנגד" די חמשה חומשי תּורה, ד. ה. קעגען די תּורה...

## 727

אַ גאון האָט געטייטשט „הנפטר מחבירו אל יפטר אלא מתּוך דבר הלכה" (בּרכות ל"א.) אַז עס קומט צו דיר אַ חבר און די ווילסט עם פּטור ווערין, וואָלסטו אָנהויבּען צו לערנען, וועט ער שוין אַליין אַנטלויפען...

## 728

אַ מתנגד האָט געפרעגט אַ קאָצקער חסיד וואָס האָט געדאַווענט שפּעט, פאַר וואָס ווערט איהר אַזוי שפּעט פאַרטיג מיט׳ן דאַוונען? האָט ער געענטפערט וייל איך לערן אַ גאַנצע נאַכט, האָט דער מתנגד געפרעגט, עס איז דאָך גלייכער זיך צו לייגען פרי שלאָפען, און אויפשטעהען פרי לערנען? האָט דער קאָצקער חסיד איהם געענטפערט, ווען איך וואָלט זיכער געווען אַז איך וועל אויפשטעהען אין דער פרי וואָלט איך אַזוי געטוהען, אָבּער ווען איך לייג מיך שלאָפען זאָג איך „בּידך אפקיד רוחי" (בּרכות ה׳) ווייס איך דאָך ניט צו איך וועל צוריק אויפשטעהן, חאָפּ איך אַריין בּאַנאַכט דאָס לערנען...

## 729

קיין בּיאַליסטאָק איז געקומען אַ בּעל דרשן אַ קנאַפּער ירא-שמים, ער האָט נאָר געמיינט די פּאָר גראָשען, האָט זיך דער רב ר׳ שמואל מאָהליווער ז"ל צו איהם אָנגערופען, אַ דרשן ווערט אָנגערופען בּבחינת „זכר" ווייל ער איז משפּיע אויף די צוהערער׳ס, די צוהערער׳ס זענען בּבחינת „נקיבה" ווייל זיי זענען מקבּלים, זיי ווערין בּעאיינפלוסט פון דעם דרשן, דאָס איז נאָר, אַז דער דרשן מיינט טאַקע משפּיע צו זיין, אָבּער דער וואָס מיינט נאָר געלד, אויף איהם זאָגט דוד המלך, „כּי דורש דמים אותם זכר" ווען דער דרשן מיינט געלד, מאַכט ער זיי (די צוהערער׳ס) פאַר בּחינת זכר, ווייל זיי זענען אין דעם הינזיכט די משפּיעים ווייל זיי געבּען דאָס געלד, און דער דרשן איז דער מקבּל...

## 730

איינער וואָס האָט געענדיגט די גימינאַזיום, האָט געפרעגט דעם „מלבי"ם" צו מעג ער „לפנים" זיך שמד'ן כדי ער זאָל קענען אריין אין אוניווערזיטעט ווייל קיין יודען לאָזט מען ניט אריין, ווייל וואָס וועט מיר שאַדען דאָס ביסעל שמד וואַסער וואָס דער גלח וועט אויף מיר ארויף שפריצען, אינערליך וועל איך דאָך זיין דער זעלבער יוד, האָט דער מלבי"ם געענטפערט, יודען זענען דאָך געגליכען צו ערד, [„ושמתי את זרעך כעפר הארץ"], אַז מ'גיסט אַרויף אויף די ערד אַ ביסעל איבעריג וואַסער, ווערט אַ בלאָטע...

## 731

דער „לחמי תודה" זאָגט, פאַרוואָס מען האָט די יודען געהייסין זאָלין זיך אַלץ נעמען געבאָרגט פון די מצריים? אַזוי ווי עס שטייט „דבר נא באזני העם וישאלו", (בא) ווייל דאָס איז געווען אַ טובה פאַר די יודען, ווייל ווען די יודישע פרויען וואָלטען געוויסט, אַז דאָס פערמעגען'ס איז זייער אייגענטום, וואָלטען זיי דאָס באַלד אויסגעגעבין אויף פערשידענע לוקסוס, אַזוי, אַז דער גאַנצער „רכוש" וואָלט ווידער געבליבען ביי די מצרי'שע קרעמער...

## 732

א גאון האָט געזאָגט אויף די משכילים און פיליזאָפען, אַז דאָס מיינען די חז"ל „הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו" (ירושלמי חגיגה פ"א ופתיחתא דאיכה) דער אייבערשטער זאָגט, הלואי וואָלטען די פיליזאָפען מיך אָבגעלאָזט און ניט אריין חקר'נען אין מיר, און גלייכער די תורה אָבהיטען...

## 733

אַז מען האָט געפרעגט ר' יאָשע בער ז"ל בריסקער רב, פאַרוואָס דער אין דער רב פון אַ שטעדטעל וואָס איז אַלע באַקאַנט אַז ער נעמט שוחד, און עס ווערט ניט מקויים דער פסוק „כי השוחד יעור פקחים" (שמות כ"ג) האָט ר' יאָשע בער געענטפערט, דער רב פון יענעם שטעדטעל איז מיר באַקאַנט פאַר ניט קיין קלוגער, אין די תורה שטעהט דאָך נאָר „כי השוחד יעור פקחים" אַז שוחד מאכט נאָר בלינד קלוגע רבנים אָבער ניט קיין נאַרישע רבנים...

## 734

א מחבר וואָס האָט כסדר געלאָזט דרוקען ספרים נאָר ער האָט געהאַט אַ גאַנץ

קליין קעפיל, האָט אַ גאון אויף איהם געזאָגט „והיה ראשיתך מצער, ואחריתך ישגא מאד", (איוב ח׳) אַ קעפעלע האָסטו אַ קליינס. און צום סוף גרייסט די זיך מיט אַ ׳סך חיבורים...

## 735

אַ צדיק האָט געזאָגט, דאגה׳ן טאָר מען ניט, נאָר מען מעג נאָר דאגה׳ן אויף דעם אליין, פאַר וואָס ער דאגה׳ט...

## 736

מען האָט אַמאָל געזאָגט אַ רבי׳ן אַז די מתנגדים זאָגען אויף אייך, אַז איהר זענט אַ עם הארץ, האָט ער געענטפערט, — אמת! די חז״ל זאָגען „עם הארץ אימת שבת עליו" (ירושלמי דמאי פרק ד׳) איך האָב אויך זייער מורא פאַר׳ן שבת. — רבי! מזאָגט אויף אייך, אַז איהר זענט אַ מכשף, האָט ער געענטפערט: יאָ, איך בין מחשב דעם „הפסד מצוה כנגד שכרה" (אבות)...

## 737

אין בוקארעשט וואו דער „מלבים" איז געוועזן רב, איז געוועזן אַ דאָזאָר מיט׳ן ביינאָמען „שטערין" זייער אַ „פרייער" אַמאָל זענען זיי צוזאַמען געוועזן אויף אַ זיצונג, וואָס האָט זיך געצויגען ביז שפעט אין דער נאַכט, נאָך די זיצונג האָט דער עולם געוואָלט דאַווענען מעריב בציבור, האָט זיך דער „שטערין" אָבגעטראָגען, דעם עולם האָט זעהר פערדראָסען פאַרוואָס ער האָט ניט מיט געדאַווענט מיט זיי, האָט זיך דער מלבי״ם אָנגערופען, דער פרנס האָט געטוען כדין, ווייל מעריב טאָר מען דאָך ניט פריער דאַווענען ביז „צאת הכוכבים" (ברכות ב׳) ביז „שטערין" געהען אַרויס...

## 738

ר׳ אורי ז״ל פון אוסטרעלסק האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך „אורי" האָט ניט קיין מורא אַז מען וועט איהם מעניש זיין, פאַרוואָס אורי איז ניט אַזוי גרויס ווי אברהם אבינו, נאָר אורי האָט מורא אַז מ׳וועט איהם מעניש זיין פאַרוואָס ער איז ניט אַזוי גרויס ווי אורי וואָלט געקענט זיין...

## 739

ר׳ אורי ז״ל פון אוסטרעלסק ווען ער איז געוועזן אַ קינד לערענדיג נאָך ביי

אַ דרדקי-מלמד, האָט ער געזאָגט, אַ פּינטעלע איז אַ יוד... — 2 יודען אַז זיי שטייען איינער לעבּין אַנדערין איז דאָס אַ שם, אָבּער אַז זיי שטייען איינער אויפ'ן אַנדערין אַזוי ווי אין אַ סוף פּסוק, איז דאָס ניט קיין שם...

## 740

ר' שלמה קאַרלינער ז"ל, האָט געטייטש „עבד אברהם אנכי" (חיי שרה) דאָס גאַנצע עבודות פון אברהם איז געווען וואָס ער האָט געשריבען „אנכי ד' אלקיך"...

## 741

ר' אורי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' בּעריש אַלעסקער רב, זאָגט אַ דברי תורה נאָר אום געקלערט, האָט ער געזאָגט, „ואתחנן אל ד' בעת ההוא לאמר" איז דער טייטש אויב „בעת ההוא לאמר" צו קענען בּאַלד זאָגען אום בּעקלערט, אויף דעם איז „ואתחנן אל ד'" דאַרף מען בּעטין צום אייבּערשטען...

## 742

ר' אורי ז"ל האָט מאַריך געווען בּיים דאַוונען אַפילו ווען ער האָט געדאַוונט בּציבּור, האָט מען איהם געפרעגט די חז"ל זאָגען דאָך אַז ר' עקיבא ווען ער האָט געדאַוונט ביחידות האָט ער מאַריך געווען, אָבּער ווען ער האָט געדאַוונט „עם הציבּור" האָט ער מקצר געווען, (ברכות ל"א). האָט ער געענטפערט: „עם הציבּור" מיינט מען אַז דער ציבּור האָט אויך געדאַוונט מיט כּוונה אַזוי ווי ער, האָט ער מקצר געווען, ווייל די תּפלה איז בּאַלד געוואָרען אָנגענומען, האָט ער ניט געדאַרפט מאַריך זיין, אָבּער ווען ער האָט געדאַוונט „ביחידות" מיינט מען אַז אַפילו דאַוונדיג מיט'ן ציבּור איז ער געווען אַ יחיד מיט זיין דאַוונען בּכוונה, האָט ער געדאַרפט מאַריך זיין...

## 743

ר' מאיר'ל פּרימישלאַנער ז"ל האָט געזאָגט צו ר' יצחק אייזיק זידיטשובער ז"ל אַז עס איז גלייכער צו זיין אַ רבּי ווי אַ רב, ווייל די חז"ל זאָגען, „אהוב את המלאכה", (אבות) מיינט מען מלאכת שמים, אַ רבּי, „ושנא את הרבנות" ניט קיין רב, האָט דער זידיטשובער ז"ל געענטפערט, פּערקעהרט, די חז"ל זאָגען „פּשוט נבילתא בשוקא" די זאָלסט פסקענען פּושט זיין די הלכות פון נבילה צו דעם רבּים וואָס קומען פרעגען אַ שאלה, „ושקול אגרא" די זאָלסט נעמין שכר פון דעם ציבּור „ולא תימא גברא רבא אנא" (ב"ב ק' פסחים קי"ג) זאָלסט ניט זאָגען אַז איך בין אַ רבּי...

## 744

דער רבי ר' ברוך ז"ל ז"ל האט געטייטשט „ואתה עיף ויגע" אז די ווערסט מיד פון עבודה, איז א סימן „ולא ירא אלקים" אז די ביסט ניט קיין ירא שמים...

## 745

דער „בעל שם טוב" ז"ל האט געטייטשט, די גמרא, „אינו דומה מי ששונה פרקו מאה פעמים, לשונה פרקו מאה ואחד", (חגיגה ט':) אז בשעת ער לערינט געדענקט ער אויך אין דעם „אחד" אין אייבערשטען, און עמלק האט דאס געוואלט מבטל זיין, „עמלק" מאכט „עמל" „ק'" ער האט זיך באמיהט, אז מ'זאל נאר לערנען „מאה פעמים" אהן דעם אחד...

## 746

דער „בעש"ט" ז"ל האט געפרעגט, די משנה זאגט אין אבות „כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר", וכל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני", דער מענטש וואס איז מבטל מעושר, איז דאך דער ביטול קיין שום עונש ביי איהם, ווייל ער האט מיט'ן גאנצען ווילען מבטל געווען, נאר דער עיקר עונש איז דאס „עניות" האט דאך נאר געדארפט שטיין „סופו להיות עני" אבער ניט „לבטלה"? האט ער געענטפערט, אז דער ביטול איז אויך א עונש, ווייל בשעת ער איז אן ארימאן האט ער דאך א ברירה זיך צו זעצען לערנין, וועט ער דאך זיין „המקיים את התורה מעני" וועט דאך זיין „סופו לקיימה מעושר" וועט ער דאך צוריק רייך ווערין, דערויף זאגט די משנה „סופו לבטלה מעוני" ניט גענוג וואס ער וועט זיין א ארימאן, נאר ער וועט אויך מבטל זיין די תורה, כדי ער זאל ניט קענען רייך ווערין...

## 747

א גביר איז אמאל געקומען צום מעזריטשער מגיד ז"ל, האט איהם דער מגיד געפרעגט וואס עסט די אלע טאג, האט ער געענטפערט איך עס ווי א ארימאן ברויט מיט זאלץ, האט דער מגיד זיך אויף איהם געבייזערט ביז ער האט איהם געמוזט צו זאגען אז ער וועט עסין אלע טאג פלייש, נאך דעם ווי דער גביר איז אוועק געגאנגען, האבען די חסידים געפרעגט דעם מגיד פארוואס ער האט געהייסען דעם גביר ער זאל עסין אלע טאג פלייש, האט ער געענפערט, אז ער וועט עסין פלייש וועט ער חאטשע פערשטיין דעם ארימאן צו געבין ברויט מיט זאלץ, אבער אז ער וועט אליין עסין ברויט

מיט זאלץ, וועט ער טראכטען אז דער אָרימאן דארף עסין שטיינער...

748

דער „קדושת לוי" ז״ל האָט פערענטפערט דעם מאמר חז״ל אויף דעם פסוק „כבד את ד׳ מהונך" „אל תקרי מהונך אלא מגרונך" (פסיקתא דרב כהנא ומובא ברש״י משלי ג׳) אייגענטליך אז עס שטייט „מהונך" ווי אזוי מאכען זיי א גרייז אז עס דארף שטיין מגרונך? נאָר די חז״ל זאָגען, אז איידער דער מענטש עסט און מאכט א ברכה קערט אלעס צום אייבערשטען, אָבער נאָך די ברכה, איז דאָס דעם מענטש׳ס, (ברכות ל״ה) דאָס איז דער מיינונג „אל תקרי מהונך" עס הייסט ניט פריער דיין פערמעגען נאָר מגרונך, אז די האָסט שוין געמאכט א ברכה מיט דיין מול דענסטמאל ווערט דאָס דיינס קענסט די שוין זאָגען מהונך אז עס איז דיין פערמעגען...

749

דער קעלעמער מגיד איז געקומען אין א דייטשעשע שטאָדט האלטען א דרשה אום שבועות, צו די דרשה איז געקומען א קליינער עולם, ווייל זיי זענען געווען פערנומען אום יום טוב איינצוקאסירען די חובות פון א גאנצע וואָך, האָט דער קעלעמער מגיד אָנגעהויבען די דרשה, מיט די ווערטער. עס קוקט אויס אז די יודען האָבען א טעות געהאַט, און האָבען איינגעטוישט דעם „חג השבועות", אויף „חג האסיף", דעם יום טוב פון איינזאמלען געלד...

750

אין א שטעדטעל פלעגט מ׳זיך נוהג זיין אז מ׳האָט געמאכט שבת ביי די קריאה „הוספות" כדי עס זאל געפאלען מעהר „נדרים" — האָט זיך דער רב אמאל אָנגערופען, עס שטייט אזוי בפירוש „למען צדקו" צוליעב צדקה, „יגדיל תורה" פערגרעסערט מען די תורה מען מאכט „הוספות", „ויאדיר" און מען מאכט מעהר נדרים...

751

איינער האָט זיך געזשאלעוועט פאר דעם פאָריסובער רבין ר׳ יעקב הירש ז״ל, אז ער קען ניט לערנען א גאנצע טאָג ער איז א טרוד, דורך דעם פערגעסט ער דאָס לערנען. האָט ער געענטפערט די חז״ל זאָגען אז א אשה וואָס האָט ניט 10 יאָהר קיין קינדער, קען זיא שוין ניט האָבען קיין קינדער, אָבער אז זי האָט נאָך געהאַט בדיעה חתונה צו האָבען קען זי נאָך האָבען

קינדער, אַזוי אויך אז אַ מענטש טראַכט צו לערנען אויב ער וועט נאָר האָבען צייט, ווערט שוין די תורה פון איהם ניט פערגעסען...

## 752

א רב וואָס האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב, אַ מאָל האָט דער רב נאָכ׳ן מיטאָג עסין געפרעגט דאָס ווייב, וואָס איז די מעשה וואָס היינט האָט מיר ניט אַזוי געשמעקט דאָס עסין האָט זי ווי געוועהנליך איהם אָנגעהויבען שעלטען, — רופט זיך אָן דער רב. רביצען! נאָכ׳ן עסין דאַרף מען בענטשין, און צום סוף שעלט׳ס דו נאָר...

## 753

דער מאָגלעניצער רבי ז״ל ר׳ חיים מאיר יחיאל, דעם קאָזעניצער מגיד׳ס אַ אייניקעל, האָט געזאָגט „וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם״ בלויז אַז ער האָט נאָר אויפגעהויבען די הענד, האָט ער שוין ממשיך געווען אַ ברכה פאַר׳ן פאָלק, פונדעסטוועגען, „וירד״ דאָס איז געווען פאַר עם אַ ירידה, אַ נידעריגע מדריגה, נאָר דער עיקר איז געווען ביי איהם, „מעשות החטאת״ אַז אַ יוד האָט געטוען אַ חטא, „העולה והשלים״ האָט ער איהם מעלה געווען דערהויבען, און משלים געווען, גאַנץ געמאַכט אָהן אַ חסרון...

## 754

דער ביאַלער רבי ר׳ יעקילע ז״ל האָט געזאָגט אויף דעם מאמר חז״ל „לפי שמיעט הלבנה הרבה צבאיה״ (רש״י בראשית) מיינט מען צו עסין אַ סעודת ראש חודש מיט אַ חברה, אַ סך מענטשען...

## 755

דער ריקער מגיד ז״ל האָט געטייטשט „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה״, אייגענטליך וואָס איז דער מיינונג פון דעם וואָרט „אנכי״ און „היום״? נאָר די חז״ל זאָגען „היום לעשותם ומחר לקבל שכרם״, (עירובין כ״ב) אייגענטליך איז דאָך דאָ „בל תלין״? איז דער תירוץ ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען דורך אַ סירסור, איז ניט דאָ קיין בל תלין, אָבער „אנכי״ איז דאָך געווען „מפי הגבורה״ (מכות כ״ד) קומט דאָך דער שכר אויף די וועלט פאַר „אנכי״ דאָס איז דער פשט, „ראה „אנכי״ אַז פאַר די מצוה פון אנכי נותן לפניכם „היום״ ברכה״ אויף די וועלט, ניט נאָר בלויז „היום לעשותם ומחר לקבל שכרם...

## 756

**א**רב האט געהאט א שלעכט ווייב, איז ארויס א קול אז זי איז געשטארבען, האט א שדכן פון א דערבייאיגען שטעדטעל געשריבען א בריעף צו איהם, אז ער האט א גוטען שידוך פאר איהם, האט דער רב צוריק געענטפערט, מיט א פסוק אין תהלים, „אני לצלע נכון" צלע א ז טייטש א ווייב, איך וואלט גרייט געווען צו נעמען א ווייב, וואס זאל איך אבער טוען, אז „ומכאובי נגדי תמיד" מיין צרה שטייט מיר פאר די אויגען שטענדיג...

## 757

**ד**ער רבי ר' יוחנן ז"ל פון ראחמיסטריווקע, האט געזאגט ביי די הגדה אום פסח, „קדש ורחץ" הייליג זיך און וואש זיך אב פון די זינד, „כרפס" איז ראשי תיבות, „כלל ראשון פה סתום" דער ערשטער כלל איז אז מען דארף פערמאכען דאס מויל פון אסאך צו רעדין, „יחץ מגיד" אפילו דאס וואס מען דארף זאגען זאל מען אויך נאר זאגען א העלפט...

## 758

**ר'** יחזקאל'ע קוזמיר ז"ל האט אמאל געזאגט צו ר' נתן דוד שידלאווצער ז"ל ער זאל זאגען תורה, האט ער געזאגט, עס שטייט „וישמע משה וייטב בעיניו" ווייזט אויס אז עס איז בעסער צו הערין תורה, איידער צו זאגען...

## 759

**ר'** יאקילע ביאלער ז"ל האט געטייטשט „צרות לבבי הרחיבו" די צרות האבען מיין הארץ דער ברייטערט, נאר בכדי איך זאל ניט אריין פאלען אין ביאות, אז דאס איז יסורי צדיקים, יסורין של אהבה, (ברכות ה') דעריבער ממצוקותי הוציאני...

## 760

**ד**ער שידלאווצער רבי ז"ל האט געטייטשט דעם פסוק „פשענו אתה תכפרם" מיר האבען געזינדיגט, בעטין מיר אז דו אליין זאלסט אונז אבווישען פון דעם חטא, ווייל דער שטייגער איז אז א קינד רעכט זיך איין, איז אויב די דינסט ווישט עס אב נעמט זי א גראבע סמאטע, און זי זארגט ניט אז דאס קינד וועט וויי טוהן, אבער אז די מוטער אליין ווישט עס אב, קלויבט זי אויס א דינע סמאטע און ווישט עס אב אויך לייכט, עס זאל ניט האבען קיין צער...

761

ר' אשר ז"ל פון סטאלין האט געזעהען ווי א יונגערמאן האט זיך געשאקעלט ביים דאווענען, דערקענענדיג אין איהם, אז ער איז ניט קיין ירא שמים, האט ער געזאגט, „שאקיל ישקל השור ואינו יודע שהוא נבילה" (ב"ק מ"א)...

762

ר' ירחמיאל ז"ל פון פרשיסחא האט געטייטשט דעם פסוק „הבא נתחכמה פן ירבה" (שמות) גיט א עצה אז יודען זאלען ווערין קלוג „משכילים" ממילא וועט זיין „פן ירבה" עס וועט זיך מערען ביי זיי ספיקות אין אמונה, „פן" איז פון לשון „ספק"...

763

דער קאזעניצער מגיד ז"ל האט אמאל געזאגט תורה, נאכהער האט ער געמייסען געבין לעקיך מיט בראנפען, האט מען איהם געפרעגט פארוואס ער הייסט געבין לעקיך מיט בראנפין? האט ער געענטפערט, איך וויס אז א סאך מענטשין האבען געהאט א הרהור תשובה פון מיין תורה זאגען, האבען זיי דאך מקיים געוועזען „ומלתם את ערלת לבבכם" וממילא איז דאך דאס געוועזען א ברית מילה דארף מען דאך טרינקען בראנפין...

764

ווען דער שידלאווצער רבי ז"ל איז שלאף געוועזען האט ער געשריגען רבונו של עולם! איך בעט דיך איך זאל ניט קרענקען א לאנגע צייט, כדי איך זאל ניט איינצערין און עסין פון גרייטען, ניט פון ריווח, האבען די חסידים איהם געפרעגט, רבי! וואס מיינט איהר, האט ער געענטפערט, בשעת איך בין קראנק קען איך דאך קיין מצות ניט טוען, עס איך דאך אין זכות פון די מצות וואס איך האב שוין לאנג געטוען, צעהר איך דאך איין א סך מצות...

765

ווען דער שעדלעצער רב איז נאך געוועזען א ישיבה בחור און פלעגט עסין טעג, האט ער געפרעגט זייב'ס א חבר, צו ער האט עפעס גוטע „טעג", האט דער חבר איהם געענטפערט, מיין „בעל הבית" געט מיר נאר קאשע צו עסין, קאשע מיט פוטער, קאשע מיט צובעלעס, שטענדיג נאר קאשע, האט ער איהם געענטפערט, דיר איז וואויל, וואס מ'גיט דיר חאטשע קאשע, מיין בעל הבית

שפייזט מיך בלויז מיט אַ תּירוץ, קום איך אין דער פרי עסין זאָגט ער עס איז צו פרי, קום איך שפּעטער, איז צו שפּעט, אַ גאַנצע טאָג זאָגט ער מיר בלויז תּירוצים...

## 766

ערב יום כּיפּור ביינאַכט האָבען די קינדער פון רבּי'ן ר' ירחמיאל משה ז"ל פון קאָזעניץ געזאָגט צו איהם אַז די מאַמעשי האָט געזאָגט אַז זי דאַרף געלד אויף כּפּרות, האָט ער געזאָגט, זייער גוט אַז זי ווייסט אַז דאָס געלד דאַרף מען אויף כּפּרות...

## 767

א חסיד האָט געבעטין דעם טריסקער מגיד ז"ל אַז ער זאָל אום בענטשין, דער מגיד פלעגט נעמין געלד, פאַר אַ ברכה, האָט דער חסיד געזאָגט איך האָב ניט קיין געלד, האָט דער מגיד געזאָגט צו איהם „יברכך ד'" אַז השי"ת זאָל דיך בענטשען, האָט דער חסיד געפרעגט, פאַרוואָס דער וואָס גיט אייך געלד בענטשט איהר איהם, און מיר זאָגט איהר אַז השי"ת זאָל מיך בענטשען, האָט דער מגיד געענטפערט עס שטייט דאָך אַזוי אין פּסוק, כּה תברכו את בני ישראל" אויב איהר גייט בענטשין די יודען „אַזוי" אָהן געלד, „אמור להם" זאָלסט די זיי זאָגען „יברכך ד'"...

## 768

דער רבּי ר' ברוך ז"ל האָט געזאָגט „צידה ברך" פון וואָס ווערט ברוך האָבען פּרנסה, „אברך אביוניה" אַז איך וועל בענטשין די אביונים אַז זיי זאָלין האָבען פּרנסה מיט דעם „אשביע לחם" וועל איך אויך האָבען פּרנסה...

## 769

ר' מאָטילע טשערנאָבלער ז"ל האָט געטייטשט „טוב מעט בכוונה, מהרבות שלא בכוונה" פון אַסאַך לערנען אפילו שלא בכוונה, קען פון דעם ווערין דאָס ביסעל גוטע בכוונה...

## 770

דער ריזינער ז"ל האָט געטייטשט די משנה אין יומא „בתחלה רצין ועולין בכבש" פריער האט מען כובש געווען דעם יצר הרע מיט פאַסטען, „וכשראו

שבאו לידי סכנה" צוליעב שוואכקייט, „התקינו פייס" האָבען זיי מתקן געווען אַז מען זאָל מפיים זיין און בעטין דעם אייבערשטען...

771

דער סטאלינער רבי ז"ל האָט בעטייטשט „רפאינו ד' ונרפא רבונו" של עולם, היילן אונז וועלין מיר קענען היילין אנדערע, „הושיענו ונושעה" אַנדערע...

772

דער קאָזיניצער מגיד ז"ל האָט געזאָגט, „גוף" מאַכט, גוף וויל פרעסין, גוף וויל שאָפין, גוף וויל פינען, גוף ווערט פאַלען...

773

נאָך האָט ער געזאָגט, פאַרוואָס מען עסט האָניג אום חודש תשרי? וייל דבש (האָניג) איז ראשי-תיבות דיי באָויב, שצבעשאי, אַז דער אייבערשטער זאָל געבין מול...

774

ר' אלעזר ז"ל פון קאָזעניץ האָט בעטייטשט „כי מחה אמחה את זכר עמלק" אייגענטליך איז דאָך „כי מחה אמחה" א טאָפעלט לשון? נאָר וייל נאָך יעדער אויסגעמעקטע זאַך דערקענט זיך נאָך א צייכען, און דאָ ביי עמלק דאַרף מען אויסמעקען אויך דאָס אויסגימעקטע דעם צייכען...

775

ר' יחיאל מאיר ז"ל פון קאָזעניץ האָט געטייטשט „וירעו לנו המצריים" אַז דער עיקר צעָקה פון יודען איז געווען וואָס די מצריים ווילען זיין זייערע חברים, („וירעו" איז פון לשון „ריעות" גוט פריינד שאַפט)...

776

דער פאַריסובער רבי ר' יעקב הירש ז"ל, האָט פערענטפערט דעם שווערען מאמר חז"ל, „אמר ר' יוסף אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא" (פסחים ס"ח) ר' יוסף האָט געהייסין מאַכען א גוטע סעודה אויף שבועות, וייל ווען ניט דער היינטיגער טאָג וואָס אין איהם איז געגעבין

גיוואָרען די תורה, וואָס וואָלט דען געווען דער אונטערשייד פון מיר צו אַלע אַנדערע מענטשען, וויפיל יוסף זענען דאָ אין גאַס, נאָר דורך די תורה וואָס איך האָב געלערענט האָב איך כבוד מיין פון אַלע מענטשען, אייגענטליך קוקט דאָך אויס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך בארהרומט? און די חז"ל זאָגען אין סוף סוטה אַז ר' יוסף איז געווען אַ ענו? נאָר דער תירוץ איז, די אבות האָבען מקיים געווען די גאַנצע תורה נאָך איידער מ'האָט זי געגעבין זיי האָבען זיך אַזוי אויסגעלייטערט און געהייליגט אַז זיי האָבען משיג געווען די גאַנצע תורה אום געלערינט, האָט ר' יוסף טאַקע זיך קליין געמאַכט, ווען ניט מ'זאָל געבין די תורה וואָלט איך געווען גלייך מיט אַלע יוסף'ס פון גאַס, איך וואָלט ניט משיג געווען די תורה אום געלערינט אַזוי ווי די אבות...

## 777

ר' ירחמיאל משה ז"ל פון קאָזניץ האָט געטייטשט „לא אמות כי אחיה" אַז איך לעב, זאָל איך ניט זיין געשטאָרבען...

## 778

דער טריסקער מגיד ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט אום פורים, רבונו של עולם, „אם החרש תחרישי בעת הזאת" ווערסט אונז ניט אויסלייזען פון גלות, „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר" איינער ווערט ווערין אַ אינזשינער, איינער אַ דאָקטאָר א. אַ. וו. „ואת" די תורה, וואָס זי איז פון א', ביז ת' די אותיות א"ת, „ובית אביך" דאָס דאַוונען וואָס די אבות האָבען מתקן געווען (וברכות כ"ו) „תאבדו" ווערט חלילה פערלוירען גיין, ומי יודע, אם לעת כזאת, ווען די ווערסט שוין ווערין אויסלייזען, „הגעת למלכות" ווייל „אין מלך בלא עם"...

## 779

ר' אלעזר ז"ל פון קאָזעניץ האָט געטייטשט דעם מאמר „כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו", דער וואָס יאָגט נאָך כבוד, דאַכט זיך איהם שטענדיג אַז דער כבוד אנטלויפט פון איהם, ווייל וויפיעל כבוד מען גיט איהם, איז דאָס פאַר איהם ווייניג, וכל הבורח מן הכבוד" דאַכט זיך איהם, אַז „הכבוד רודף אחריו" ער האָט שטענדיג צופיעל כבוד...

## 780

ר' „נתן דוד שידלאָווצער" ז"ל האָט געזאָגט דעם טעם פאַרוואָס מיר בעטין „ולמלשינים אַל תהי תקוה" עס שטייט דאָך „יתמו חטאים" ניט חוטאים?

(ברכות י׳) נאָר דער תירוץ איז אַז אויף מלשינים קען מען ניט בעטין אַז זיי זאָלין תשובה טוהן, ווייל וואַרטענדיג ביז זיי ועלין תשובה טוהן, קענען זיי דערווייל מסר׳ן הונדערטער יודען, דעריבער בעהט מען אַז זיי זאָלין ניט האָבען קיין תקוה...

781

נאָך האָט ער געזאָגט „וקדשתם היום ומחר" (יתרו) די חז״ל זאָגען, „יש מחר שהוא לאחר זמן"...

782

איינער האָט זיך מזכיר געווען פאַר׳ן טריסקער מגיד אויף ציין ווייטיג, האָט ער געזאָגט צו איהם, „שיני רשעים" די שלעכטע ציין, „סברת" דאַרפסט די האָפען, לד׳ הישועה, אַז השי״ת וועט דיר העלפען...

783

אין סלאָנים איז געווען אַ גרויסער בעל מחלוקת מיט׳ן נאָמען „ברוך", אויך איז ער געווען אַ גרויסער עם הארץ, איינמאָל אויף אַ אסיפה ווי עס איז אנוועזענד געווען דער סלאָנימער רב, ר׳ אייזעל ז״ל, האָט זיך דער „ברוך" געזעצט אויבען אָן און געזאָגט דיעות, — רופט זיך אָן דער רב, — עס שטעהט אין אבות „שנו חכמים בלשון המשנה ברוך" אייגענטליך ווי קומט „ברוך" צו די חכמים? נאָר דער תירוץ איז, — גיט אַ געשריי דער רב — ברוך געהט אַראָב!...

784

ר׳ ירחמיאל משה ז״ל פון קאָזעניץ האָט געטייטשט „כל ישראל ערבים זה לזה" (שבועות ל״ט) זיי זענען זיס איינער צום אַנדערין, „ערבים" איז טייטש זיס פון לשון „וערבה לד׳ מנחת יהודה"...

785

נאָך האָט ער געזאָגט, די חסידים וואָס האָבען אמונה אין רבי׳ן אָהן שום ספיקות, איז אויף יענע וועלט ווען מען פירט אַדורך דעם רבי׳ן דורך דעם וועג פון גהינם, חאַפען זיך די חסידים אָהן אין איהם, דורך דעם נעמט ער זיי אַרויס פון דאָרטען, אָבער די חסידים וואָס זיי האָבען ספיקות אויף זייער

רבי'ן קומט דאָך אויס אַז איידער זיי זעבען מציין צו ער איז אַ רבי צו ניט, גייט ער דערוויל אַדורך דעם גהינם, און זיי בלייבען דאָרט איבער...

## 786

אַ רב האָט געזאָגט פאַר וואָס רופט מען אַ קאַרגען נגיד „חזיר״? ווייל אַ חזיר איז „מפריס פרסה״ ער ווייזט באַדיי געהן גאַנצע מיילען וועג צו זאַמלען נדבות פאַר אַנ'אָרימאַן, אָבער אַליין איז ער נישט „מעלה גרה״ אַרויס נעמען אַ פינגערל פון קעשענע דאָס וועט ער ניט טוהן...

## 787

דער שעדלעצער רב ר' ברוך מרדכי ז״ל האָט געזאָגט צו איינעם אַ בכבודיגער יוד וואָס האָט געוואָלט מאַכען אַ שווינדעל, אין אַ שותפות געשעפט. אין איין אָרט שטעהט „לא תגנוב אַ לשון יהיד (יחיד) אין אַ צווייט אָרט שטייט „לא תגנובו״ אַ לשון רבים, (קדושים), נאָר „לא תגנוב״ גייט דאָך אַרויף אויף „גונב נפשות״ אַז ער גנב'ט אַ מענטש דאָס טוט נאָר אַ פּראָסטער מענטש, זאָגט מען איהם בלשון אתה, מען דוהצט עם, הער נאָר דוא, זאָלסט ניט גנבנ'ן, אָבער „לא תגנובו״ גייט דאָך אַרויף אַז איינער גנבה'ט געלט, (זעה רש״י) דאָס קען זיך שוין טרעפען אויך ביי אַ שענעם יוד, זאָגט מען איהם בלשון רבים, מען איהר'צט עם, זייט מוחל גנבה'ט נישט...

## 788

דער מאגלעניצער רבי ז״ל האָט געזאָגט „ושמתי פדות בין עמי ובין עמך״ אַז דער שר פון מצרים האָט דאָך געטענה'ט „הללו עובדי ע״ז והללו עובדי ע״ז״, האָט דער אייבערשטער געזאָגט „ושמתי פדות״, איך וועל זיי אויסלייזען, „בין עמי״ סיי זיי וועלין זיין מיין פאָלק, „ובין עמך״ סיי זיי וועלין זיין חס ושלום דיין פאָלק, דאָך וועל איך זיי אויסלייזען...

## 789

ר' נתן דוד שידלאָוצער ז״ל האָט געזאָגט „אנא ד' הושיעה נא, אנא ד' הצליחה נא״, אַז צו די ישועה אַליין, דאַרף מען אויך האָבען הצלחה...

## 790

אַ רב מיט'ן נאָמען „ברוך״ וואָס ער פלעגט נעמען שוחד, האָט זיך באַרוהמט

פאר א גאון אז ער איז א ערליכער „דיין" ווייל עס שטייט בפירוש „ברוך דיין אמת" אז ברוך איז אן אמת'ער דיין, האט זיך דער גאון אנגערופען צו איהם, — וויסענדיג אז ער נעמט שוחד, — די ברכה איז נאר גוט, ווען א צווייטער מענטש וואלט זי געזאגט אויף דיר...

## 791

א רב האט געהאט א שלעכט ווייב, האט זי איהם געגעבין צום מיטאג פלייש פון א האהן, איז עס געווען זייער מאגער און הארט, צומארגענ'ס האט זי בעקאכט א הין א פעטע, האט דאס דעם רב געשמעקט, רופט זיך אן צו איהם די רעבעצין, זעה'סט אז א זי איז בעסער ווי א ער, האט דער רב געענטפערט, אמת טאקע, אבער נאר נאכ'ן טויט!...

## 792

דער ווילנער גאון האט פערענטפערט דעם שווערין מאמר חז"ל „תלמוד חכם צריך שיהא בו אחד משמנה שבשמינית" — פון גאות, — (סוטה ה') וואס עפיס „שמונה שבשמינית"? נאר מען מיינט דער אכטער פסוק פון די אכטער פרשה פון חומש, דאס איז דער פסוק „קטנתי" אז ביי גאוה דארף מען זיך צוריק ציהען „עד קצה האחרון" צו זיין א גרויסער עניו, אזוי ווי עס שטייט „והאיש משה עניו מאוד מכל האדם" (זעה אין רמב"ם פ"א מהלכות דיעות)...

## 793

א געוויסער משכיל האט זיך א מאל געפירט אום שבועות אזוי ווי דער מנהג איז צו עסין מילכיג'ס, אויך אויס צולייגען גראז אויפ'ן פענסטער, איבער א יאהר האט ער שוין דעם מנהג מבטל געווען, האט דער רב געזאגט ער איז גערעכט, פאריאהרען איז ער נאך געווען א „מודה במקצת", איז אן בעגאנגען ביי איהם שבועות, (אזוי ווי דער דין איז אז א מודה במקצת איז מחויב א שבועה), אבער היינט איז ער שוין א „כופר הכל" גייט שוין ביי איהם נים אהן קיין שבועה...

## 794

איינער האט געפרעגט דעם בריסקער רב ז"ל, פאר וואס מאכען מיר נאר א זכר פון מצה און מרור אום פסח, און פון דעם (רכוש) פארמעגען וואס מ'האט גענומען פון די מצריים מאכען מיר ניט קיין זכר, — האט ער געענטפערט, ווייל פון דעם געלד איז שוין ניטא קיין שום זכר...

795

א גאון האָט געזאָגט דעם טייטש פון דעם מאמר, „כל הנותן בכוס עינו כל העולם דומה עליו כמישור" (יומא ע"ד) דער שיכור זעהט ניט די גריבער וואָס איז דאָ אויף די גאַס, נאָר ער גייט גלייך, פאַלט ער דאָך אריין אין די גריבער דאָס איז טייטש „כמישור" אזוי ווי עס וואָלט געווען גלייך...

796

א מחבר האָט געברענגט זיין חיבור אויף מסכת „דמאי" פאַר א ליטווישען גאון אויף א הסכמה, האָט ער איהם געזאָגט (אויף ליטוויש אנשטאָט א „שין" א תיו) „פירותך פירות דמאי" אנשטאָט „פירושך פירוש דמאי"...

797

דער רבי ר' בונם ז"ל האָט געטייטשט „אתה חונן לאדם דעת" די השם יתברך טוסט לייטועליגען, ווען, אז דער מענטש האָט פערשטאַנד, אז ער קאָן זיך אויף דעם...

798

נאָך האָט ער געזאָגט „אתה הראת לדעת" די האָסט זיי געוויזען א דרך פון דעת צו וויסען זיך ווי אזוי צו פיהרען...

799

א גוטער יוד האָט געטייטשט „הכל מודים בעצרת בעינן נמי לכם" (פסחים ס"ח) אז יודען קומען זיך צוזאמען דאָס הייסט „עצרת" איינגעזאמעלט, קען ארויס קומען עס זאָל זיין „לכם" פרנסה...

800

דער חי' הרי"ם ז"ל האָט געטייטשט „וכל מעשיך יהיו לשם שמים" (אבות) דער שם שמים זאָל אויך זיין לשם שמים...

801

א רבי האָט געטייטשט „קול רנה וישועה באהלי צדיקים" (תהלים) אז מ'גיים

אויף דעם אוהל פון א צדיק מתפלל צו זיין, קריגט מען א ישועה, און מען ווערט פרייליך...

## 802

א רבי האט געזאגט „מקוה ישראל מושיע בעת צרה" א מקוה העלפט פוי אלע צרות...

## 803

א משכיל האט געפרעגט ר' אייזלען ז"ל סלאנימער רב, פארוואס שטייט אין פרק „שבעה דברים בחכם וחילופיהן בגולם" לאז שטיין פערקעהרט „שבעה דברים בגולם וחילופיהן בחכם"? האט דער רב געענטפערט — פון דיר אליין קענסטו פערשטיין דעם תירוץ, ווייל ווי אזוי עס זאל שטעהן, וועט אלץ דער גולם פרעגען די זעלבע קשיא, פאר וואס שטעהט ניט פערקעהרט...

## 804

דער לובלינער רב ז"ל האט געזאגט, איינער האט ש"ס אין קאפ, דער צווייטער — אין שאנק, דער חילוק צווישען זיי איז, דער וואס האט ש"ס אין שאנק, איז א שומר חנם, איז ער פטור בגניבה ואבידה, דער אנדערער איז א שומר שכר איז ער חייב בגניבה ואבידה ווייל ער קריגט דאך שכר פאר'ן לערנען אויף יענע וועלט, דארף ער זעהען אז ער זאל ניט פערגעסין...

## 805

א צווייט מאל האט ער דאס זעלבע געזאגט אויף די לומדישע בחורים וואס דארפען היטען די געוועלבער פאר א פאר גילדען, אז דער גביר וואס האט נאר ש"ס אין שאנק איז ער דאך נאר א שומר חנם איז ער פטור אויף גניבה ואבידה, אין דער בחור וואס האט ש"ס אין קאפ, און מוז נעבעך היטען די געוועלבער, איז ער דאך א שומר שכר. איז ער חייב אויף גניבה ואבידה...

## 806

דער לובלינער רב ז"ל האט געזאגט „ידו של אדם" אז א יוד גיט געלד אויף מחזיק צו זיין ישיבות, אויסצוהאלטען בני תורה מיט פרנסה. „חשובה לו כד' על ד'" (שבת ה') איז גלייך ווי ער וואלט אליין געלערינט און פערבראכט אין די ד' אמות של הלכה...

807

דער לובלינער רב ז״ל האָט געזאָגט יודען זענען גלייך צו וואסער וועלכעס קען פערפלייצען וועלטען, בערגער און טאָהלען, און דערגרייכען צום ציעל, אָבער ווען דאָס וואַסער איז געפרוירען, איז עס אַ שטיק אייז, און קען גאָר ניט אויפטוהען, יודען זענען אויך אַזוי, ווען זיי זענען הייס, פייערדיג, קענען זיי אַלעס דערגרייכען, אָבער אַז מ׳איז קאַלט געפרוירען, איז מען אַ שטיק אייז און מ׳קען גאָר ניט אויפטוהען, — צו אַ יודישע זאַך דאַרף מען צו גיין מיט התלהבות...

808

דער לובלינער רב איז געוועזען אין אַמעריקא, איז איהם אויסגעקומען צו זיין יום כיפור אין אַ קליין שטעדטעל. איז ער געוואָרען פאַרבעטען צו דאַווענען פאַר׳ן עמוד „נעילה״. מוצאי יום כיפור האָט דער שוהל-קאָמיטעט געגעבען דעם רב אַ מתנה אַ גאָלדענעם שטעקען, האָט דער רב צו זיי געזאָגט, אין אַ שמייכעל. עס זעהט אויס, אַז איך בין פאַר מיין דאַווענען נישט מעהר ווערט געוועזען ווי אַ שטעקען...

809

דער לובלינער רב האָט אמאָל געבעטען ביי אַ גביר אַ נדבה פאַר דער לובלינער ישיבה, האָט איהם יענער אָבגעזאָגט מיט׳ן מ׳כלומר׳שטען תירוץ, אַז ער האָט נישט, האָט דער לובלינער רב ז״ל זיך אָנגערופען צו איהם, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זענט אַ קדשי קדשים, די גמרא זאָגט אַז יודען זענען קדושים וויל טייל פון זיי ווילען געבען און האָבען ניט, און טייל האָבען, און ווילען ניט געבען, אָבער איהר וואָס האָט נישט, און ווילט נישט געבען, זענט איהר דאָך אַ גאַנצער קדשי קדשים...

810

א גוטער יוד האָט געטייטשט דעם פסוק „השליך משמים״ דאָס הימעלשקייט האָבען די יודען אַוועק געוואָרפען, נאָר ליידער „ארץ תפארת ישראל״ דאָס ארצות׳קייט גשמיות דאָס איז זייער שיינקייט...

811

אין לעמבערגער שוהל האָט מען אַ מאָהל אין שמחת תורה אויפגערופען אַל׳ס

התן תורה אַ גרויסען „עם הארץ" האָט דאָס זעהר פערדראָסען דעם לעמבערגער רב ר' יוסף שאול נאטאנזאָהן ז"ל (דער מחבר פון שו"ת שואל ומשיב) נאָכ'ן ליינען זאָגט ער צו די גבאים, היינט בין איך געוואָהר געוואָרען אַז לעמבערג איז אַ חסידישע שטאָדט, ווייל איך זעה אַז התנים שליסען שידוכים אָן דעם באַקאַנטשאַפט מיט די כלה...

812

דער רבי ר' יאָקילע ז"ל פון ראַדזימין האָט געזאָגט אויף דעם פסוק „ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני" אין די טראָפען, „קדמאַ ואזלאַ, רביעי, זארקאַ, מנח סגול", יהודה האָט גע'טענה'ט צו יוסף'ן „קדמאַ ואזלאַ רביעי"? די וואונדערסט זיך, וואָס איך כאַטש איך בין דער פערטער, שטעל איך זיך ארויס מעהר פאַר אַלע ברידער? זאָלסטו וויסען, דאָס „זרקאַ מנח סגול" איך האָב אַ שבועה געטוהן צו זיין פערוואָגעלט דורך די דריי אותיות (חרם) אויב איך וועל בנימין ניט צוריק ברענגען... (סגל איז דריי פינטעלעך).

813

אַ גוטער יוד האָט געטייטשט דעם מאמר „חבל על דאבדין ולא משתכחין" (סנהדרין קי"א) עס איז אַ געוואַלד געשריי אויף די מענטשען וואָס זאָגען אַז דער צדיק איז פערלוירען, דער צדיק איז באמת ווייטער דאָ, ווייל „גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהן" (חולין ז')...

814

דער גאון ר' שלמה שטענצעל, וועלכער האָט נאָך אַ'ס יונגעל גע'שמ'ט מיט זיין עילוי'שען קאָפּ, האָט געלערענט ביי אַ מלמד אַ בייזער, איינמאָל האָט זיך דער מלמד שטאַרק צובייזערט, און אויסגעשריגען צו די תלמידים — איך וועל דאָך ביי אייך די גאַל אויסשפייען! דער קליינער שלמה'לע האָט מניה וביה געענטפערט, די גמרא הייסט דאָך אייך אַזוי טוהן, „זרוק מרה בתלמידים" (כתובות ק"ג)...

815

דער „ישמח ישראל" ז"ל אַלעקסאַנדער רבי האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ חסיד האָט פערלוירען אַ גאַרטעל און מ'האָט זי איהם צוריק אָבגעבערענגט, האָט ער געזאָגט, אַצינד קען מען שוין טאַקי זאָגען אויף איהם „איזהו שוטה המאבד כל מה שנותנים לו" (חגיגה ג') ווייל אייגענטליך פאַר וואָס שטייט נישט

„המאבד כל מה שיש לו" נאָר „כל מה שנותנים לו"? ווייל אויב מען פערלירט עפּעס, איז נאָך ניט קיין סימן אז ער איז אַ שוטה, ווייל די חז"ל זאָגען דאָך „כשם שמזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה כך חסרונותיו קצובין לו מר"ה" (ב"ב י') קען דאָך זיין, אז ס'איז איהם בעשערט צו האָבען אַ שאָדען פון הימעל, נאָר אז מ'גיט איהם צוריק אָב, הייסט דאָס „כל מה שנותנים לו" דאַן איז טאַקי אַ סימן, אז ער איז אַ שוטה, און פערלירט אַלץ, ווייל ער האָט דאָך קיין שאָדען נישט געהאַט...

## 816

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם מאמר חז"ל „בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמר אם חכם בני ישמח לבי גם אני" (שבת י"ד) וואָס איז געווען די חכמה? נאָר דאָס איז געווען די חכמה, „עירובין" מ'קען זיין אויסגעמישט מיט די וועלט, „ונטילת ידים" און אין איין רגע אָבוואַשען זיך פון די וועלט...

## 817

א נאון האָט געפרעגט אויף דעם מאמר חז"ל „כל תלמיד חכם שאין בו דיעה נבלה טובה ממנו" (מדרש ויקרא רבה פ"א–ט"ו ותד"א רבא פ"ו) עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין „שאין לו דיעה", ניט „שאין בו דיעה" נאָר מען מיינט אז עס איז ניט „תוכו כברו"...

## 818

ר' מעווערלי מינסקער ז"ל האָט געזאָגט: — „ימי שנותנו שבעים שנה", אַ מענש לעבט 70 יאָהר, נור „אשרי יושבי ביתך עוד", דער וואָס זיצט אין דערהיים, ווערט פון די 70 יאהר 80 (כמנין „עוד") דאגעגען „ענה בדרך כחי קצר ימי", אז מען פאָהרט שטענדיג אומטערוועגענס, ווערט פון די 70 יאָהר 60, כמנין „ימי".

## 819

צום „אוהב ישראל" זצ"ל אין אַפּט, איז אַמאָל געקומען איינער און זיך פערקלאָגט אז מען האָט איהם בעג'גנב'ט, האָט דער אַפּטער רב זצ"ל איהם געפרעגט צו ער האָט עפּעס אַ חשד אויף וועמען, האָט ער געזאָגט אז יאָ, האָט ער איהם געהייסען ברענגען אַ רשימה פון די וועלכע ער איז חושד, אזוי ווי ער האָט נור אריינגעקוקט, האָט ער געזעהן אַ נאָמען חיים צווישען

זיי, האָט ער געזאָגט עס שטייט דאָך אין די היינטיגע סדרה, „ובחרת בחיים" (עס איז פונקט געווען פ׳ נצבים) און עס האָט זיך טאַקי אַרויס געוויזען אַז דער חיים איז געווען דער גנב...

## 820

דער חוזה פון לובלין זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט צו מרדכי ראַקאָווער, וועלכער פלעגט איהם אָפט משמח זיין: מרדכי, וואָס כאַפּסטו אַזוי ס׳דאַווענען? — ווייל ס׳איז גוט — האָט מרדכי געענטפערט. — פאַרוואָס כאַפּ איך נישט? — האָט דער חוזה צוריק געענטפערט פאַר מיר איז עס דאָך אויך גוט? ווייל אייך, הייליגער רבי, בריהט עס! האָט מרדכי מיני׳ ובי׳ צוריק געענטפערט מיט גרויס יראַת הכבוד...

## 821

א געוויסער היינטיגער רבי איז געווען אין ארץ ישראל. צוריקקומענדיג האָט איהם אַ רב געפרעגט, „אוירא דארץ ישראל מחכים", זענט איהר דאָרט געוואָרען קלוגער? „סייג לחכמה — שתיקה"! — איז געווען דעם רבינ׳ס שווייגענדיגער ענטפער.

## 822

א יודענע איז געקומען צום רב פרעגען אַ שאלה, זי האָט אויסגעמישט אַ פליישיגען טאָפּ מיט אַ מילכיגען לעפעל, — ווען איז דער לעפעל דאָס לעצטע מאָל געוואָרען גענוצט? — פרעגט דער רב, נעכטען אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג! — אַ גאַנצע נאַכט האָט מען מיט׳ן לעפל געגעסען? — האָט זיך דער רב געוואונדערט, — מ׳האָט מיטן לעפעל פערשטעקט דעם לאָדען! — האָט די יודענע געענטפערט...

## 823

צוויי מענשען זענען געקומען צו אַ דין תורה, וועגען אַ סכסוך צוליב אַ שטיקעל ערד, — די ערד איז מיין! — האָט געשריגען איין בעל־דין, — די ערד איז מיין! — האָט געשריגען דער צווייטער בעל־דין, דער רב האָט זיך אַראָב געבויגען צו דער פּאָדלאָגע און זיך צוריק אויפגעהויבען מיט אַ שמייכעל, איהר הערט וואָס די ערד זאָגט? — וואָס? — האָבען ביידע בעלי־דינים אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען די ערד זאָגט, אַז איהר ביידע געהערט צו איהר!

## 824

א פוילישער רב איז געקומען אין א אויסלענדישער שוהל און דערזעהען נאכ'ן דאווענען, ווי אלע מתפללים זאגען קדיש. האט ער געפרעגט דעם שמש, צו איז חלילה געווען א מגפה אין שטאט, וואס אלע זענען געבליבען יתומים? חלילה! — האט דער שמש געענטפערט — ס'איז פשוט: נישט קדיש-זאגערס קומען לגמרי נישט אין שוהל אריין! יא! — האט דער רב געזאגט מיט א קרעכץ — ס'איז „כל העדה כולם קדושים", אלע זענען בלויז קדיש־זאגערס!

## 825

דער קאצקער רבי ז"ל האט א מאל געזאגט, צו די חסידים, איך ווייס נישט וואס זיי ווילען פון מיר האבען, א גאנצע וואך טוט יעדער וואס ער וויל, און אז עס קומט שבת קודש טוט ער זיך אן די שווארצע קאפיטע און די שווארצע גארטעל און דאס שווארצע שטריימיל און איז שוין א מחותן מיט דעם „לכה דודי" איך זאג „כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת" — אויף דעם האט דער חי' הרי"ם געזאגט, מיט דעם לשון, איך זאג „אש לפניו תלך ותלהט סביב צריו", אז מען גייט פריער מיט א התלהבות און מען פערברענט אלע געמיינקייטען, איז דער נאך „האירו ברקיו תבל" שאהנט דער שבת אין עס אריין, און אז מ'שעמט זיך מען זאגט וואס פאר א מחותן בין איך מיט דעם שבת, נעמט דער שבת עהם צו מיט די בושה, — דערויף האט דער פארסובער רב ז"ל געענדיגט, מיט דעם לשון, איך זאג אז עס קומט שבת אין א יוד בערעכענט זיך פון א גאנצע וואך און ער זעהט אז עס איז נים ווי ס'בעדארף זיין פונדעסטוועגען, זאל ער נישט ווערען אבגעפאלען, נאר ער זאל זאגען מה דהוה הוה, נאר פון א צינד אהן וועל איך מיך נעמען צו דינען דעם אייבערשטען, דאס איז דער טייטש „שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל" אזוי ווי ביי מתן תורה, זענען פריער די יודען געוועזן אויף א נידעריגע מדריגה, און נאכהער האבען זיי געזאגט וואס איז געווען איז געווען, נאר פון יעצט וועלין מיר מקבל זיין עול מלכות שמים אזוי דארף אויך זיין אום שבת..

## 826

צום נצי"ב ז"ל איז אינמיטען שיעור אריינגעקומען א וואלאזשינער בעל־הבית מיט אזא שאלה: רבי! איך האב אמאל זיך שארף צוקריגט מיט מיין שותף און האב געטוהן א פייערליכען נדר, אז מער זאל איך זיין פנים נישט אנקוקען! יעצט איז דער שותף ל"ע געשטארבען און איך וויל געהן איהם מחילה־בעטען, ווייס איך נישט צו איך מעג אנקוקען זיין פנים? כ'האב דאך געטוהן א נדר? די אנוועזענדע לומדים אין גאונ'ס הויז, דערהערענדיג די

אויסטערלישע שאלה, האָבען אָנגעהויבען צווישען זיך פירען אַ שקלא־וטריא, די האָבען אדורכגעוואָרפען גאַנץ נדרים מיט׳ן ר״ן און אַלע מפרשים, טייל האָבען בע׳פסק׳ענט להיתר, אַנדערע לאיסור. אָבער דער נצי״ב האָט שמייכלענדיג געזאָגט צום שאלה־פרעגער, — איהר מעגט! איהר מעגט! עס איז אַ בפירוש׳ער פסוק אין דער תורה! משה רבנו האָט געזאָגט צו די יודען: „כי כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם״. פונדעסטוועגען שטעהט דערנאָך: „וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים״, איז דאָך אַ ראי׳ אַז נאָכ׳ן טויט האָבען זיי געמעגט זעהען...

## 827

אַ גאון האָט געזאָגט פאַר וואָס עפּעס שטייט די פרשה פון ערכין לעבין די תוכחה? ווייל אַז אַ יוד לייענדיג די תוכחה, קען ער דאָך זיין ביי זיך געפאַלען און מיינען אַז דער יוד האָט ניט קיין ווערט, האָט איהם די תורה באַלד געוויזען, אַז יעדער יוד קוים איז ער עלטער פון אַ חודש, איז ער שטענדיג נאָך עפּעס ווערט...

## 828

דער קעלעמער מגיד ז״ל האָט אַ מאָל געהאַלטען אַ דרשה אין אַ שוהל נאָכהער האָט ער געבעטען דער עולם זאָל געבין געלד, אויף אַ צוועק, רופט זיך אָן אַ קאַרגער גביר, רבי! מען מעג דען נעמען געלד פאַר זאָגען תורה? האָט דער מגיד געענטפערט, איך נעם ניט געלד פאַר תורה זאָגען, נאָר פאַר דעם מוסר זאָגען נאָר שטראָפען, דער אייבערשטער שטראָפט אויך ניט אומזיסט...

## 829

אין אַ מסיבה פון רבנים, האָט איינער זיך געווענדעט צו אַ רב, וואָס איז שוין געזעסען אויף כסא רבנות׳ן אין אַ סך שטעדט. — איהר רבי, וואָס זענט שוין געווען אין אַזוי פיעל שטעדט, דאַרפט וויסען אַ סך גוטע ווערטער נאָכצוזאָגען, אומעטום וואו איהר קומט, זאָגט איהר דאָך מסתמא עפּעס בייעס! — האָט דער רב צוריקגעענטפערט פונקט פערקעהרט — זיצענדיג שוין אויף אַזוי פיעל כסא־רבנות׳ן, איז פאַר מיר געווען צוויפצוּשטעלען בלויז איין דרשה און אין יעדע שטאָדט וואו כ׳בין געקומען האָב איך איבערגעזאָגט די זעלבע דרשה, דאַגעגען ווען כ׳וואָלט געזיצען בלויז אין איין שטאָדט, וואָלט איך געמוזט יעדעס מאָל צוזאַמענשטעלען אַ נייע דרשה. און דאָס איז דער טייטש „מרבה ישיבה — מרבה חכמה״, אַז מ׳זיצט לאַנג אויף איין אָרט, מעהרט מען חכמה, ווייל ב׳מוז פון צייט צו צייט פערפאַסען נייע דרשות, ווען די אַלטע קען מען שוין...

830

דער לאָדזער רב, ר׳ אלי׳ חיים מייזעל ז״ל, איז אַמאָל געווען מיט אַ שתדלנות ביים פירשט „פּלעווע״ פרעגט ער דעם רב — צי געפונט מען נאָך ערגיץ ביי אַן־אומה ולשון מ׳זאָל אַזוי אַכזריותדיק אַרויסרייסן איינער ביים צווייטן דעם ביסן פון מויל, ווי עס טוהן עס די יודען, זאָגאַר צווישען אייגענע? איך וועל זיין עקסעלענץ דערויף ענטפערן — האָט געזאָגט צו איהם ר׳ אלי׳ חיים ז״ל. — עס איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז אַלע חיות, אַפילו די געפעהרליכסטע, פערצוקען נור חיות פון אַ צווייטען מין. דאַגעגען די חיות פון אייגענעם מין לאָזען זיי צורוה און טוהן זיי נישט קיין שלעכטס! דאַגעגען ווייסען מיר, אַז דער פיש, וואָס איז דאָס שטילסטע און רוהיגסטע בעשעפעניש גראָד ער שלינגט איין נור זיין מין, אַ צווייטען פיש, מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס? דאָס איז דערפאַר, — האָט דער רב געזאָגט — ווייל די חיות לעבען אויף אַ פרייע אָפענע וועלט מוזען זיי נישט אָנקומען שלעכטס צו טוהן אייגענע, דאַגעגען דער פיש איז איינגעשפּאַרט אין וואַסער און קען זיין הונגער נישט שטילען מיט קיין אַנדער מין, מוז ער דאָס אַכזריות אויספיהרען אויפ׳ן אייגענעם ברידער, דאָס זעלבע איז מיט די יודען זייענדיג איינגעשפּאַרט אין אַן׳ענגען קרייז, אַרומגעצוימט מיט פערשידענע ווירטשאַפטליכע בעגרעניצען, מוזען זיי טיילמאָל שטילען דעם הונגער נור מיט׳ן ביסען ברויט פונ׳ם אייגענעם ברודער.

831

דער גאון ר׳ שבתי יפה ז״ל, דער וועקסנער רב, איז געפאָהרען מיט זיין דיין ר׳ נטע און נאָך אנשים מכובדים. ביינאַכט איז מען אָנגעקומען צו אַ אַראָבגעלאָזטען שלאַבאַן און עמיץ האָט געמוזט אַראָפּגעהן פון וואָגען עפענען דעם וועג. — ווער פון אונז דאַרף אַראָבקריכען פון וואָגען עפענען? — האָט מען געפרעגט דעם גאון, ער זאָל פסק׳ענען. דער גאון האָט מיני ובי׳ געזאָגט בדרך הלצה: — נטע בתוכנו — הוא יפתח״!

832

איינער האָט זיך מל געווען צו דרייסיג יאָהר, ווייל ס׳איז געווען, „מתו אחיו מחמת מילה״. האָט ער דערנאָך בעקומען אַ בריוועל פון זיינס אַ קרעדיטאָר אַ רב אַז ער זאָל איהם אָבשיקען דעם חוב, ווייל „מל ולא פרע כאילו לא מל״ (שבת קל״ז)...

833

צו אַ בעוואוסטען רב איז געקומען אַ יוד בעטען אַ רעקאָמענדאַציע-בריף, מ׳זאָל

איהם אַרויסהעלפֿען, ווייל ר׳דאַרף טעכטער חתונה צו מאַכען. דער רב איז געווען אַ מזג טוב. האָט ער איהם נישט געקענט אָבזאָגען, האָט ער איהם געגעבען אַזאַ בריף, מיט פערשידענע שבחים און צווישען אַנדערס געשריבען: „אילו הי׳ בימי אלישע, לא הי׳ השמן נפסק״ (ווען ער וואָלט זיין אין אלישע׳ס צייטען, וואָלט דער בוימאייל נישט אויסגעהערט). פערשטעהט זיך, אַז האָבענדיג אַזאַ המלצה-בריף, האָט ער געמאַכט היבשע נדבות, איינמאָל איז ער געקומען אין אַ שטעדטעל און געגאַנגען צום רב. האָט דער רב מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס אין לערנען און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער בכבודער אורח איז ל״ע אַ גרויסער עס־הארץ. האָט דער רב זיך אָנגערופען: — יעצט פערשטעה איך שוין, וואָס דער רב שרייבט אין המלצה־בריף „אילו הי׳ בימי אלישע, לא הי׳ השמן נפסק״. ווארום פאַרוואָס האָט דאָרט אויפגעהערט צו גיסען זיך דער בוימעל? ווייל עס זענען מעהר נישט געווען קיין כלים ריקים, דער יוד איז אָבער אַ כלי ריק... ממילא וואָלט נישט געווען שמן נפסק...

## 834

דער רבי ר׳ בונם זצ״ל מפרשיסחא, פלעגט חנוכה שפּילען אין שאָך און זיך צוזינגען „אַז מ׳געהט אַ גאַנג, דאַרף מען זעהען, אַז דער נאָך זאָל נישט טוהן באַנג!״

## 835

ר׳ ישעי׳לע פּראַגער זצ״ל האָט אַמאָל געטראָפען שעהנע יודען שפּילען אין קאָרטען מיט פּראָסטע מענשען. האָט ער צו זיי געזאָגט — „כי הלל רשע על תאות נפשו״ ווען ווערט דער רשע אַ „הלל״, אַ עניו „הלל איז געווען אַ עניו״ (שבת ל׳) — „על תאות נפשו״, ווען ער געהט נאָכגעבען זיין תאוה קאָרטען צו שפּילען, ער זעצט זיך דאַן צום קאָרטען־טיש מיט אַזעלכע פּאַרשוינען וואָס ר׳שעהמ׳ט זיך מיט זיי צו רעדען.

## 836

אין דער ישיבה פון „נודע ביהודה״ איז געווען אַ מנהג, אַז יעדער בחור וואָס האָט געגעסען טעג האָט איבערגעלאָזט שיריים און ביים בעל־הבית איז געווען אַ זכי׳ צו עסין שיריים פון אַ ישיבה בחור. איינמאָל איז געקומען אַ בחור, וועלכער האָט נישט געוואוסט פון דאָזיגען מנהג און האָט קיין שיריים נישט איבערגעלאָזט. איז דער בעל־הבית אַוועק מיט פּרעטענזיע צום רב. — דער בחור לאָזט גאָרנישט איבער! האָט דער נודע ביהודה בערוהיגט דעם בעל־הבית פרעגט מאָרגען דעם בחור די קשיא, וועט ער אייך זאָגען אַ תירץ, וועט אייך

דערפון פערענטפערט ווערען, פאר וואס ער לאזט נישט איבער קיין שיריים! פרעגט איהם אזוי: די גמרא זאגט אין חולין (דף ז׳ ע״ב), אז ר׳ פנחס בן יאיר׳ס אייזעל האט נישט געגעסען קיין נישט־גע׳מעשר׳טע תבואה, הייסט עס דאך, אז דאס אייזעל האט געקענט לערנען. אויב אזוי האט דאך ס׳אייזעל בעדארפט וויסען די הלכה פון ר׳ מאיר: „נותן עינו בצד זה ואוכל בצד אחר״. קוקען דא און עסען דארט? דער בעל־הבית איז אוועק אהיים און ווען דער בחור איז ווידער אמאל געקומען עסען, האט ער איהם געפרעגט די אויבען דערמאנטע קשיא, דער בחור האט נישט געוואוסט צו ענטפערן קיין תירוץ. 3 טעג איז דער בחור ארומגעגאנגען פערטראכט און געקלערט א תירוץ אויף דער דאזיגער קשיא. פון שאנדע וואס ער ווייסט נישט צו ענטפערן זיין בעל־הבית׳ס קשיא, האט ער זיך געשעהמט צו ווייזען פאר׳ן בעל־הבית און איז נישט געגאנגען עסען אויפ׳ן טאג, ער האט דעריבער זעהר שלעכט אויסגעזעהען און איז געווען זעהר אומעטיג. דער נודע ביהודה האט דאס בעמערקט אויפ׳ן בחור׳ס פנים. האט ער איהם צוגערופען און געפרעגט, פארוואס ער איז אזוי פער׳צער׳ט, און ווען דער בחור האט איהם דערצעהלט דעם בעל־הבית׳ס קשיא. אויף וואס ער ווייסט נישט קיין תירוץ, האט איהם דער נודע ביהודה געהייסען אזוי ענטפערן. דאס אייזעל האט געוואוסט, ר׳ מאיר׳ס הלכה, עסען דא און קוקען דארט. עס האט אבער מורא געהאט איבערצולאזען, ווייל דער בעל־הבית, רבי פנחס בן יאיר, קען מיינען, אז עס האט גענוג ווייניגער תבואה און וועט דעריבער דאס צווייטע מאל שוין געבען ווייניגער, וועט עס פונ׳ם ווייניגער אויך מוזען איבערלאזען, וועט ר׳ פנחס בן יאיר געבען דערנאך נאך ווייניגער, וועט עס ווייטער מוזען איבערלאזען, וועט עס ווידער בעקומען נאך ווייניגער און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער, האט עס ליבערשט אינגאנצען נישט געוואלט עסען, (דאס זעלבע איז אויך ביי די שיריים פון בחור)...

## 837

ר׳ אייזיל סלאנימער האט געזאגט אויף דעם פסוק „ויקח מאבני המקום״ זאגען די חז״ל אז די שטיינער האבין זיך געקריגט אט דאס האט יעקב אבינו געזאגט אז „אין זה כי אם בית אלקים״ ווארים אויב די מחלוקת דער גרייכט אז אפילו די שטיינער קריגען זיך איז נישט אנדערש אז דא מוז זיין א שוהל אדער א בית המדרש...

## 838

דער הייליגער רבי פון לובלין איז אמאהל געקומען קיין ליזענסק צום רבי׳ן ר׳ אלימלך און האט איהם גיטראפען שטארק ווייגען און מען האט איהם נישט געקענט בשום אופן איינהאלטען פון געוויין האט איהם דער רבי פון

לובלין זכרונו לברכה גיפרעגט וואָס ער ווייגט אזוי שטאַרק האָט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט וואָס זאָל איך נישט וויינען אז איך האָב געטוהן אַ עבירה וואָס דאָס גיהנם וועט פאַר מיר אַליין וויייניג זיין, האָט איהם דער רבי פון לובלין גיפרעגט וואָס דער חטא איז גיוועזין האָט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט אַז ער האָט אויס גירעדט צווישען פסוקי דזמרה, האָט איהם דער רבי פון לובלין גיפרעגט מיט וואָס פאַר אַ עסק האָט איהר אויס גירעדט, האָט דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט אַז מען איז געקומען מזכיר זיין אַ חולה האָט ער איבער גיפרעגט נאָך אַ מאָהל דעם נאָמען, האָט איהם דער רבי פון לובלין געזאָגט אַז דאָס הייסט נישט אויסגירעדט דען דאָס איז דאָך אַ תפלה. האָט ער אויפגיהערט צו וויינען...

## 839

עס האָט אמאָהל אַ רב געזאָגט צו אַפיקורס אַלע איסורים וואָס דער מענטש טוהט אַז ער קומט אויף די עלטער ווערין פון איהם אָפגעטוען אַלע תאוות „בטלים בששים" אין זעכציגער יאָהרין אָבער „מין במינו" אַפיקורסות „אַפילו באלף לא בטל" אַז ער זאָל אַפילו לעבין טויזינד יאָהר וועט ער שוין נישט אַנדערש ווערין...

# דער יודישער אוצר

## אכטער העפט.

### 840

ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל האט געטייטשט „ונקרב בעל הבית אל האלקים" אפילו א פראסטער בעל-הבית קען אויך ווערען נאהענט צום אייבערשטען, „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו" אויב ער קריכט ניט אריין און זיין חבר'ס געשעפטען, און ער טוט ניט יענעם קיין שלעכט'ס אין מסחר...

### 841

דער מדרש זאגט, אז לעתיד וועט פון די גאנצע תוכחה ווערין בלויז ברכות אייגענטליך ווי אזוי וועט פון „ואכלתם בשר בניכם" קענען ווערין א ברכה? האט א רב געזאגט – אז א פאטער וועט קענען עסין פלייש ביי א קינד, ער וועט ניט דארפען קלערין אויף כשרות...

### 842

דער רבי פון לובלין ז"ל, האט געזאגט א רמז אז „פרשת וארא" מוז די פראסט פלאצען, ווייל עס שטייט דארטין, „קרח" דאס אייז, „ונפג" צוגעהט „וזכרי" דאס איז א זכרון אויף דורות...

### 843

א קלוגער רב האט געזאגט, אז דרום שטייט „כי יהי' להם דבר, בא אלי" (יתרו,) פריהער „להם" א רבים, נאכהער „בא" א לשון יחיד? ווייל דאס צווייטע מאל קומט נאר צו דעם זעלבען רב, דער וואס האט געווינען די דין-תורה, אבער דער פערשפילטער וויל שוין ניט קומען צו דעם זעלבען רב, איז פון דעם „רבים" צוויי בלייבט נאר א יחיד, דער געווינער...

## 844

איינער איז געקומען צו א רב ארויס נעמען „היתר הוראה״, דער רב האט איהם געפרובט, און געפרעגט פערשידענע שאלות אין הלכות טריפות, האט ער אויף אלעס געענטפערט „טריפה״, פרעגט איהם דער רב, עס שטייט דאך און „יורה דיעה״ אז עס איז „כשר״, האט ער געענטפערט, איך בין א מחמיר, דער רב דערזעהענדיג אז ער ווייסט טאקע קיין דין ניט, זאגט ער צו איהם, די קומסט מיר מאר, ווי יענער קליין שטעטלדיגער, וואס האט געזאגט צום ווייב, ווען עס איז פארגעקומען א שאלה, נאך וואס דארפסט די זיך מטריח זיין לויפען צום רב אין שטאדט אריין, פרעגען א שאלה. עס שטייט דאך אין די תורה, אז א טריפה זאל מען ווארפען פאר די הינד, גיי זשע ארויס אין ווארף דאס פלייש פאר דעם הינד וועסט די זעהן, אויב ער וועט דאס עסין איז א סימן אז עס איז טריפה און אויב ניט איז עס כשר, דער הינד האט אבער אלעמאל אויפגעגעסין האט זי זיך געבייזערט אויף איהם, זאגט דער מאן פין דעם הינט איז קיין ראי׳ ניט ער איז א מחמיר, מאכט ער אלעס טריפה...

## 845

א משכיל האט געפרעגט און א חוזק טאן א געוויסען רב, עס שטייט „אדם ובהמה תושיע ד׳״ ווי קומט א בהמה זאל שטיין נעבען א אדם ? האט דער רב געענטפערט : מיך אהרט אויך די זעלבע קשיא, ווי קומט א בהמה זאל שטיין נעבין א אדם...

## 846

אין א שטעטעל האט מען געוואלט אויף נעמען א רב, דער דאזער א גרויסער עם הארץ האט עס געוואלט פריוועז, פרעגט ער איהם, פונוואנען ווייסט מען אז לבן האט געוואלט ברענגען הבל׳ן, – קין׳ס ברידער – אויף די עקידה ? האט דער רב געענטפערט : דאס שטייט און די הגדה, „ולבן ביקש לעקוד את הבל״ – אווא – זאגט דער דאזער מיט פערווינדערונג, ער האט געטראפען...

## 847

חסידים זאגען אז מ׳דערציילט מעשיות פון צדיקים איז אזוי גיט ווי געלערינט דער מקיר דערפון איז, ווייל אין סוף כתובות ווי די גמרא דערציילט די פטירה פון רבינו הקדוש, הייבט זיך אן „תנו רבנן״ אזוי ווי ביי א הלכה זאך איז א ראיה אז דאס איז אויך גלייך אזוי ווי געלערענט...

## 848

פאר וואָס רופט מען די צדקה פושקעס „קופת ר' מאיר" – האָט א גאון געזאָגט – ווייל די חז"ל זאָגען אז טורנוסרופוס האָט געפרעגט ר' עקיבא'ן אויב אז דער אייבערשטער האָט ליעב אָרימעלייט פאר וואָס איז ער זיי ניט מפרנס, איז דאָך א סימן אז ער האָט זיי ניט ליעב, טאָ ווי אזוי מעג מען געבין צדקה, אז א קיסר וועט זיין אין כעס אויף זיין קנעכט, און ער וועט איהם ניט געבין צו עסין איז אויב איינער וועט געבין דעם קנעכט שפייז, וועט ער דאָך הייסען א „מורד במלכות" ? האָט ער געענטפערט: יודען הייסען „בנים" דעם אייבערשטענס קינדער, און אויף א קינד אז דער קיסר איז בייז, און איינער גיט עם צו עסין איז דער קיסר צופרידען, (ב"ב י') און עס איז א פלוגתא ר' מאיר מיט ר' יהודה, אויב יודען טוען ניט דעם ווילען פון אייבערשטען צו זיי הייסען „בנים" צו „עבדים" און ר' מאיר זאָגט אז שטענדיג הייסען זיי „בנים" (קידושין ל"ו) קומט אויס אז נאָך ר' מאיר מעג מען שטענדיג געבין צדקה, דרום הייסט דאָס „קופת ר' מאיר...

## 849

א גאון האָט געזאָגט אין א הספד אויף א צווייטען גאון פאר וואָס שטייט אין קהלת „עת ספוד ועת רקוד", ניט „עת לספוד ועת לרקוד", אזוי ווי ביי די פריערדיגע שטייט „עת לטעת ועת לעקור", מיט א „למ"ד" אין אָנהייב ווארט, און דאָ שטייט ניט ? נאָר אלע זאכען האָבען א באזונדערע צייט, ווען מען פלאנצט רייסט מען ניט, און ווען מ'רייסט פלאנצט מען ניט, דעריבער שטייט א „למד" צו ווייזען אז יעדערעס האָט א באזונדערע צייט, אָבער אז א צדיק שטארבט איז אין הימעל א שמחה אז ער קומט ארויף אין דער הייך, אזוי ווי חז"ל זאָגען ביי רבי „אראלים ומצוקים אחזו בארון הקודש" (סוף כתובות) נאָר ביי אונז איז דאָס א קלאָג, דערום שטייט „עת ספוד ועת רקוד אז ס'קען זיין ביידע זאכען צו זאמען ביי די מלאכים איז דאָס א פרייד, און ביי אונז פארקעהרט...

## 850

אין לעמבערג האָט איינער מספיד געווען א גאון, ארויס זאָגענדיג דעם הספד פון א פאפיער וואָס ער האָט זיך אויפגעשריבען, – האָט דער לעמבערגער רב ז"ל געזאָגט צו איהם, – עס קוקט אויס אז די האלסט ניט דעם נפטר פאר א צדיק, ווייל די חז"ל זאָגען אז די פטירה פון צדיקים איז א „מכה אשר לא כתובה" היינט אז ביי דיר איז דאָס א „מכה כתובה" (אויפגעשריבען) איז דאָך א סימן אז עס איז ניט קיין מיתת צדיקים...

851

ר' שלום בעלזער ז"ל איז נפטר געוואָרען דריי טאָג פאַר ראש השנה, האָט זיין זוהן ר' יהושע'לע ז"ל געזאָגט, דעם טעם דערפון, ווייל עס שטייט אין ספרים אַז דער וואָס איז אַ חזן אויף דער וועלט, איז אויך אַ חזן אויף יענער וועלט, און עס שטייט אין די פוסקים, אַז אַ חזן דאַרף זיך אָבשיידען 3 טאָג פאַר ראש השנה, פון אַלע זאַכען וואָס קען ברענגען צו אַ טומאה, און ער דאַרף לערנען די כוונות פין די תפילות מיט די תקיעות, (מגן אברהם סי' תקפ"א ס"ק ט' בשם השל"ה) איבער דעם איז ער נפטר געוואָרען 3 טאָג פאַר ראש השנה, ווייל ער איז געוועזען אַ חזן אויף די וועלט, וועט ער דאָך זיין אַ חזן אויף יענער וועלט, דעריבער האָט ער געדאַרפט הכנה 3 טאָג פאַר ראש השנה...

852

צווי פרויען האָבען אוועק געגעבין וועש צו אַ וועשין, נאָכהער האָט איינע געזאָגט אַז אַלע וועש זענען איהרע, זענען זיי געקומען צו ר' בעריש מייזליש ז"ל ווארשעווער רב אויף אַ דין־תורה האָט ער געהייסין צו זיך ברענגען אַלע וועש און האָט זיי געהייסען קומען אויף צו מאָרגען'ס, נאָך זייער אוועק גיין, האָט ער געזאָגט צו די רבי'צין אַז זי זאָל נעמען איהר'ס אַ קלאָהר העמד און אויסמישען צווישען די וועש, צומאָרגענ'ס ווען זיי זענען געקומען צום רב, האָט ער געזאָגט צו די איינע וואָס האָט געזאָגט אַז עס איז אַלע איהרע: זי זאָל איבער קוקען די וועש, אפשר וועט זי געפינען אויף עטליכע שטיקלעך אַז עס איז ניט איהרע, נאָכהער האָט זי וויטער געזאָגט אַז אַלעס איז איהרע, נאָכהער האָט ער געזאָגט צו די צווייטע דאָס זעלבע, האָט זי אויסגעקליבען בלויז איהרע, אויך האָט זי געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ העמד וועלכעס זי האָט בעכטען דאָס ניט געזעהען, האָט דער רב געפסק'נט אַז די צווייטע זאָל זיך נעמען דאָס איהרעגע, אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען...

853

א גאון האט געזאגט דעם פשט פון „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" די גמרא זאָגט אַז אַ אמורא האָט געזאָגט אַז ער וויל ניט זעהן מיט זיינע אויגען די שלעכטע צייט וואָס וועט זיין איידער משיח וועט קומען, די יודישע צרות און ליידען, וואָס וועט דאַמאָלט זיין, דערויף בעטין מיר, ווען מיר וועלין יאָ זעהען די צייט פון „ביאת המשיח", זאָל עס זיין מיט „רחמים" מיר זאָלען קענען סובל זיין די צרות...

## 854

ווען דער סיגוטער רב איז געווארען חתן האבען זיך די מחותנים געשפארט, ווער עס דארף געבין א בעסערע מתנה, צו דער חתן דער כלה, אדער פארקעהרט, האט זיך דער חתן אנגערופען פון דער תורה ווייזט אויס אז מ׳דארף געבין דעם חתן א בעסערע מתנה וויא צו דער כלה, ווייל מ׳געפינט אין פרשת בחוקותי אז דער „ערך” (שאצונג) פון א מאנספערשוין איז מעהר וויא דער „ערך” פון א נקיבה...

## 855

דער „קדושת לוי” ז״ל האט געזאגט א טעם פאר וואס חסידים טרינקען „משקה”? ווייל די חז״ל זאגען „מעביר ראשון ראשון” (ר״ה י״ז) אז דעם ערשטען חטא רעכענט מען ניט אין הימעל, נאר אז דער מענש איז עובר דאס צווייטע מאל רעכענט מען צו דאס ערשטע אויך, און עס איז ידוע דאס די גמרא זאגט אז משקה מאכט פון א „שני” א „ראשון” (ועה שבת ט״ו) דערום טרינקען זיי משקה, אז עס זאל זיין א ראשון, וועט דער אייבערשטער מעביר זיין...

## 856

אין סלאנים האט צוגעפעלט איינער צום מנין, האט דער שמש אריין געברענגט איינעם א קורץ געקליידערטער, פרעגען די מתפללים דעם רב צו מ׳קען עהם מצרף זיין צום מנין, האט דער רב געענטפערט: עס שטייט בפירוש, „העשירי יהי׳ קודש לד׳ לא יבקר בין טוב לרע”...

## 857

א גיטער יוד וואס פלעגט ניט זאגען קיין תורה ביים טיש, האבען איהם די חסידים געפרעגט, פארוואס ער פיהרט זיך אזוי? האט ער געענטפערט ווייל עס שטייט אין תהלים (קל״א) „אם לא שויתי ודוממתי” אויב איך בין נאך ניט צו געקומען צו די מדרגה פון „שויתי ד׳ לנגדי תמיד” דארף איך שווייגען און ניט זאגען קיין תורה...

## 858

בשעת דער גאון ר׳ דוד האט געוואהנט אין דער שטאדט ביחאווע, האט מען עהם גערופען ר׳ דוד ביחאווער, (ביחאווע איז א קליין שטעדטעל,) האט דער

רב געזאָגט, יעצט איז מיר רעכט וואָס עס שטייט, „איזהו חכם המכיר את מקומו" (אבות פ"ו). ער מאַכט דער קענען זיין אָרט ווי ער וואָהנט פאַר אַלעמען, צוליעב זיין הכמה רופען איהם אַלע אָהן מיט דעם נאָמען פון דער שטאדט, כדי מען זאָל וויסען ווער דאָס איז, ממילא ווערט מען דורך איהם געוואָהר אַז עס איז דאָ אַזוי שטעדטעל אויף דער וועלט, ווען נישט ער וואָלט גאָר קיינער ניט געוויסט פון דעם שטעדטעל, קומט אויס אַז ער בעט צו דערקענען זיין אָרט, אַזוי אויך איז מיט דעם ר' דוד, ווען ניט ער, וואָלט קיינער ניט געוויסט אַז עס איז דאָ אַ שטעטיל ביהאָווע...

859

מ'האָט געפרעגט דעם ווילנער גאון ווי איז מרומז אין דעם וואָרט „בראשית" די מצוה פון „פדיון הבן" (ווייל עס שטייט אין „ספרי קבלה" אז אַלע מצות איז מרומז אין וואָרט „בראשית") האָט ער געענטפערט: „בראשית" איז ראשי תיבות בן, ראשון, אחר, שלשים, יום, תפדה...

860

ווען די רעפאָרמער האָבען זיך געמאַכט אין האמבורג אַ באַזינדערע שוהל, און האָבען אַ נאָמען געגעבען די שוהל „היכל הקודש", האָט דער האמבורגער רב ז"ל געזאגט, יעצט איז מיר פערענטפערט געוואָרען אַ פסוק אין תהלים קפיטעל ע"ט, „מזמור לאסף אלקים באו גוים בנחלתיך טמאו את היכל קדשיך" פרעגט דער מדרש אין איכה „קינה לאסף מבעי לי" עס האָט געדאַרפט שטיין „קינה" ניט מזמור וואס איז דאס פאַר אַ געזאַנג אז גוים זענען געקומען אין היכל הקודש? נאר דער תירוץ איז, פון זיי איז מען שוין צוגעוואָהנט צופאַרטראָגען די צרות, אבער פון יודען צו ליידען צרות איז זייער שווער צו פאַרטראגען, דעריבער „מזמור לאסף" די פרייד איז, אז „באו גוים" אבער ווען יודען קומען מטמא זיין דעם היכל הקודש דאַרף מען טאַקע קלאָגען...

861

דער גאון ר' שלמה קלוגער ז"ל בראָדער רב, האָט אַ מאָל געקריגען אַ בעפעהל פון די רעגירונג אַז ער זאָל זאגען אַ דרשה פאר די תלמידים פון די בראָדער גימינאַזיום, — האָט ער אָנגעהויבען צו זאגען, צו די תלמידים, — די רעגירונג פאָדערט פון אייך אַז איהר זאָלט זיין געלערענטע יודען: ווייל אַזוי עס איז שוין דא געלערענטע גוים אין בראָד, וויל די רעגירונג אויך אַז עס זאָל זיין געלערענטע יודען, איבער דעם האט זי מיך דאָ אַ הער

געשיקט אייך צו זאָגען אַ ביסעל מוסר, ווייל זי וויל עס זאָל זיין געלערנטע יודען, ווייל געלערנטע גוים האָט זי שוין גענוג, איבער דעם טייערע קינדער, אויב איהר וועט זיין יודען איהר וועט מקיים זיין וואָס עס שטייט אין דער תורה, וועט איהר ערפילען דעם ווילען פון די רעגירונג. אָבער אַז איהר וועט ניט פאָלגען וואָס אין דער תורה שטייט, וועט איהר דאָך זיין אַזוי ווי אַלע גוים, – וועט איהר דאָך זיין אַ „מורד במלכות"...

862

ווען דער סטאָניסלאָבער רב ז"ל האָט מספיד געווען דעם רבי'ן ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל, האָט ער אָנגעהויבען דעם הספד, מיט דעם לשון, „משמת ר' מאיר בטלו מושלי משלים" (סוטה מ"ט) די חז"ל זאָגען אַז דער צדיק איז אַ מושל אויף דעם מושל פון די וועלט, ווייל אַ צדיק איז מבטל די גזירות רעות, (מו"ק ט"ז) אַזוי אויך ר' מאיר'ל ז"ל איז געווען אַ „מושל משלים" ער האָט מושל געווען אויף די גזירות וואָס ווילען געוועלטיגען אויף דעם מענטש, אָבער „משמת ר' מאיר" אַז ר' מאיר'ל ז"ל איז נפטר געוואָרען „בטלו מושלי משלים" ווייל מיר האָבען שוין ניט מעהר קיין זיין צדיק ער זאָל קענען מבטל זיין שלעכטע גזירות...

863

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געזאָגט צו איינעם וואָס האָט זיך פאַר איהם געזשאַלעוועט אויף פרנסה, און דורך דעם האָט ער ניט אין קאָפּ צום לערנען, עס שטייט פריהער „אם אין קמח אין תורה", נאכהער „אם אין תורה אין קמח" און מיר פסק'נען „תפוס לשון אחרון" (נדרים כ"ו) נאָר תוספות זאָגט אין (תמורה כ"ו) אַז אויב די סיפא איז ניט סותר די רישא, אַז מ'קען אויסטייטשען די סיפא אַזוי ווי די רישא, זאָגט מען „תפוס לשון ראשון", אַזוי קען מען דאָ אויך אויס טייטשען, רבונו של עולם, „אם אין תורה" אַז די זעהסט אַז די יודען לערנען ניט די תורה, איז דאָס ניט חס ושלום פון שלעכטען ווילען, נאָר ווייל „אין קמח" זיי האָבען ניט קיין פרנסה, דרום גיב זיי פרנסה, וועלין זיי לערנען דיין תורה...

864

דער גאון ר' מרדכי זאב ז"ל פון לעמבערג האָט געפרעגט ר' מאיר'ל ז"ל פון פרימישלאַן, די חז"ל דערצעהלען אויף ר' חנינא בן דוסא, אַז ער האָט מתפלל געווען פאַר קראַנקע, נאכהער האט ער געזאָגט „זה חי וזה מת" אַז דער חולה וועט בלייבען לעבען און דער וועט שטאַרבען. (ברכות ל"ד) נאָך

וואס האט ער באדארפט זאגען אז דער וועט שטארבען?– האט ר' מאיר'ל ז"ל עהם געענטפערט – דער פשט אין דער גמרא איז אזוי, די חז"ל זאגען אז דער אייבערשטער איז גוזר א גזירה, און דער צדיק קען דאס מבטל זיין. (מו"ק ט"ז) אייגענטליך וויא אזוי קען ער פערענדערין דעם ווילען פון אייבערשטען? נאר די חז"ל זאגען אויף דעם פסוק „ואתן אדם תחתיך" „אל תקרי אדם אלא אדום" (ברכות ס"ג) אז עס איז דא א גזירה אויף א ערליכען יוד ער זאל אוועק גיין פין דער וועלט, קען דער צדיק פועל זיין אז מ'זאל איינטוישען אויף זיין ארט א רשע, און ער זאל איהם אויסלייזען, אבער ניט ער זאל אונגאנצען מבטל זיין די גזירה, איבער דעם האט ער געזאגט „זה חי" דער וועט בלייבען לעבין „וזה" דער רשע „מת" וועט שטארבען אויף זיין ארט...

## 865

א מחבר וואס האט געמאכט א פירוש אויף קהלת האט געברענגט זיין חיבור אויף הסכמה צו ר' אייזיל חריף ז"ל האט ער אריינגעקוקט אין ספר, איז עהם ניט געפאלען דאס חיבור רופט ער זיך אן די האסט געמאכט דאס זעלבע וויא דער מלבי"ם ז"ל האט געמאכט אויף די מגילה, נאר דער חילוק איז, דער מלבי"ם ז"ל האט געמאכט פין אחשורוש וואס ער איז געווען א מלך טפש (מגילה י') א חכם שבחכמים, און דיא האסט געמאכט פין דעם חכם שבחכמים, א טפש שבטפשים...

## 866

ר' אייזיל סלאנימער ז"ל האט א מאל געקנס'ט א שוחט וואס האט עובר געווען א עבירה אז ער זאל שוין ניט שחט'ן קיין בהמות נאר עופות, האט איהם דער שוחט געפרעגט דעם טעם פאר וואס דוקא בהמות ניט, האט ער געענטפערט, ווייל א חוטא איז דאך א שוטה א בהמה (וצה סוטה ג'.) טאר ער דאך ניט שחט'ן א בהמה, ווייל ער איז דאך עובר אויפ'ן לאו פון „לא תעמוד על דם רעך" (קדושים י"ט)...

## 867

דער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל, האט געטייטש דעם פסוק „יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב", (תהלים ק"ד) „יצא אדם לפעלו ולעבודתו" פריער דארף א מענטש מתקן זיין זיינע מעשים, נאכהער „עדי ערב" ווייל „כל ישראל ערבים זה לזה" (שבועות ל"ט וסוטה ל"ז, ור"ה כ"ט: ברש"י) קען מען זיך נעמען יענעם אויך מתקן צו זיין, אבער איידער דער מענטש האט נאך

זיך זעלבסט ניט מתקן געווען, ווי אזוי קען ער אנדערע מתקן זיין, אזוי ווי די חז"ל זאגען „קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים" (סנהדרין י"ט)...

868

א גאון האט געזאגט פאר וואס אז א שוחט איז עובר א עבירה איז מען עם מעביר פון שחיטה, ווייל די חז"ל זאגען „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות" (סוטה ג׳) און א שוטה טאר דאך ניט שעכטין (חולין ב׳)...

869

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ז"ל האט געטייטשט „פשוט נבילתא בשוקא" זיי פושט די דינים פון נבילות וטריפות זאלסט פסק׳נען די שאלות פון נבילות, זאלסט גלייכער זיין א רב ניט קיין רבי „ואל תצטרך לבריות" זאלסט ניט דארפען אנקומען צו מענטשען זיי זאלען דיר געבין פריונים...

870

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ז"ל האט געזאגט צו ר׳ שלמה מונקאטשער ז"ל פאר די חתונה, – א זייגער, צו נעמט מען, און מען פיצט דאס אויס, און מען שטעלט דאס צוריק צוואמען, דאס איז די כוונה פון תקיעה. שברים, תרועה, מ׳צו ברעכט עס, און דער נאך „תקיעה" מ׳שטעלט דאס גלייך, נאר „ובהקהיל את העם", אז מען איז א מנהיג איבער יודען „תתקעו ולא תריעו" דארף מען ביי זיך זיין גלייך, ניט צובראכען, אזוי ווי די חז"ל זאגען „נהוג בשיאתך ברמה" (כתובות ק"ג) נאכהער האט ער איהם געגעבען דרשה געשאנק דאס ספר „תומר דבורה" אין האט געזאגט „תומר" דיא זאלסט זאגען „דבורה" גוטע דיבורים...

871

דער קעלעמער מגיד דערזעהענדיג אום „שבת ראש חודש" אז עס זענען געקומען דייטשען מיט אויס געקעמטע און אויסגעוואשענע קעפ, און שוהל אריין הערין די דרשה, האט ער אנגעהויבען צו זאגען, „ראשי חדשים" נייע קעפלעך „לעמך בתת" „זמן" עס וועט קומען א צייט אז „כפרה" לכל תולדותם...

872

דער קעלעמער מגיד ז"ל האט געזאגט שבת אין א דרשה, (דערזעהענדיג אריינקומען אין שוהל ראזירטע בערד מיט פריש אויסגעוואשענע און

אויסגעקעמטע האָהר פון קאָפּ), א האָן האָט א קאָם און קעמט זיך ניט אין שבת, איהר האָט ניט קיין קאָם און איהר קעמט זיך יאָ אין שבת, א קאָזע לערענט ניט קיין חומש און זי גאָהלט זיך ניט דיא באָרד, און איהר לערענט חומש וואָס עס שטייט און איהר אַז מען טאָר זיך ניט גאָהלען די באָרד, און איהר גאָהלט זי יאָ...

## 873

אַ גאון האָט געזאָגט, פאַר וואָס זאָגען די חז"ל „כשר שבטבחים שותפו של עמלק" (קידושין פ"ב)? ווייל די חז"ל זאָגען, דער וואָס ווערט געבוירען און מזל „מאדים" וועט זיין אָדער א „טבח" אָדער א מוהל, (שבת קנ"ו) ביידע זענען „שופכי דמים" זיי פערגיסען בלוט, נאָר דער חילוק איז, דער מוהל איז עוסק אין א מצוה, און „דם ברית קודש" און דער „טבח" איז עוסק אין „דם חולין" בלוט פין בהמות, קומט אויס אַז דער „טבח" פאַרשעמט די מצוה פין מילה. ווייל ער האָט דאָך געקענט זיך אויסקלויבען צו זיין בלייכער א מוהל, איידער א טבח, און די חז"ל זאָגען, אַז עמלק האָט גענומען די ערלות פין די מילת און האָט זיי געוואָרפען און דער הייך מבזה צו זיין די מצוה, (רש"י פרשת תצא בשם הפסיקתא) קומט אויס אַז דער טבח איז א שותף מיט עמלק, ביידע האָבען מבזה געווען די מצוה פין מילה...

## 874

אַיינער וואָס האָט זיך געדרייט ביים דאַווענען אין בית המדרש פון ר' העניך ז"ל פון אַלעסק, אין די לענג און אין די ברייט, ער איז ניט איינגעשטאַנען אויף א אָרט, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, די חז"ל ציילען צווישען די ס"ו ניסים פון בית המקדש, איז איינס פון זיי, אַז זיי זענען געשטאַנען ענג, און דאָך ווען זיי האָבען זיך געביקט איז געווען לויז, אַלץ קשה פאַרוואָס איז דאָס שטיין אויך ניט געווען בריווח? נאָר ווען עס וואָלט געווען לויז צו שטיין, וואָלט דאָך אַזייגער ווי דו אַרום שפּאַצירט אין הויף פון בית המקדש, און דאָס איז דאָך ניט קיין כבוד..

## 875

אַ מחבר איז געקומען צו ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל אויף א הסכמה, און דער מחבר האָט איהם געזאָגט אַז ער איז א קראַנקער, און מוז אַנקומען צו דאָקטורים, דערום האָט ער געמאַכט א ספר. ער זאָל האָבען פון דעם ספר געלד פאַר די דאָקטורים, און אויב איהר וועט מיר געבען א הסכמה וועל איך האָבען א סאַך קונים, האָט ר' אייזיל ז"ל עם געענטפערט, פון די גמרא איז

א ראיה אז עס איז גלייכער קראנק צו זיין איידער צו בעטין א הסכמה אויף א ספר ווייל די גמרא זאגט, אז דער אייבערשטער האט קראנק געמאכט חזקי׳ כדי ישעי׳ זאל איהם קומען מבקר חולה זיין (ברכות י׳) אייגענטליך איז דאך חזקי׳ געווען א למדן (זעה אין פרק חלק) האט ער דאך געקענט מאכען א ספר וואלט ער דאך געמוזט גיין צו ישעי׳ נאך א הסכמה, ווייל ישעי׳ איז דאך געווען דער גדול הדור, אזוי ארום וואלטען זיי זיך געטראפען? איז דאך א ראיה אז עס איז גלייכער קראנק צו זיין און צו ליידען יסורין איידער צו זיין א מחבר אוני גיין בעטין א הסכמה...

## 876

איינער האט זיך פערענטפערט פאר א רב וואס האט איהם געפרעגט פאר וואס ער איז ניט קיין מכניס אורח, ווייל — האט ער געזאגט — דאס ווייב זאל זיך ניט קריגען מיט עהם, ווייל „אשה עיניה צרה באורחים״ (ב״מ פ״ז) און צוליעב שלום-בית וואס די חז״ל זאגען „איש ואשה ששלום ביניהם שכינה שרויה ביניהם״ (סוטה י״ז) דעריבער פערמאד איך צו זיין א מכניס אורח, האט דער רב עהם געזאגט יעצט איז מיר רעכטיג וואט די חז״ל זאגען, „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה״ (שבת קכ״ז) ווייל חאטשע די שכינה וועט ניט זיין צווישען זיי דורך דעם הכנסת אורחים פונדעסטוועגין זאלסטו זיין א מכניס אורח, ווייל הכנסת אורחים איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה, דאס איז אויך דער פשט פון די משנה אין אבות, „יהי ביתך פתוח לרוחה״, דיין שטוב זאל זיין אפען פאר אורחים, „ואל תרבה שיחה עם האשה״ זאלסט איהר ניט פרעגין קיין דיעה אין דעם, ווייל זי וועט דיך געוויס ניט לאזען, ווייל „אשה עיניה צרה באורחים״...

## 877

דער רבי ר׳ ישראל׳טשע ריזינער ז״ל האט געזאגט דעם פשט, פון די הקדמה צום זוהר, אז ר׳ שמעון בן יוחאי האט געהערט א קול אז מען רופט איהם „שמעון שמעון״ האט ער געזאגט ווער קען דאס רופען שמעון מוז זיין אז דער אייבערשטער רופט דאס, אייגענטליך ווי קען דאס זיין אז ער זאל זיך אליין האלטען אזוי גרויס? נאר באמת האט ער זיך געהאלטען זייער קליין, און ווען ער פלעגט הערין אז מען רופט איהם „רבי״ שמעון האט ער געהאט עגמת נפש דערפון וואס דער עולם האט און איהם א טעות אז מען האלט איהם אויף אזא גרויסע מדריגה אז מען רופט איהם „רבי״ נאחר אז ער האט געהערט אז מען רופט עהם בלויז „שמעון״ האט ער געזאגט, ווער קען דאס וויסען דעם אמת אז איך בין נאר א בלויזער „שמעון״ ניט קיין „רבי״, מוז זיין אז דאס איז דער אייבערשטער, ווייל נאר ער וויסט דאך דעם אמת...

878

דער גאון ר׳ ישראל סאלאנטער ז״ל איז אמאל איינגעשטאנען אין א אכסניא ביי זיינעם א גוטען פריינד, האבען זיי געזעהען, אז האטשע די קעכין האט עהם ארויין געבראכט א גאנצע קריג וואסער צו וואשען זיך צום עסין, דאך האט ער זיך געוואשען נאר מיט א ביסעל וואסער, האבען די שטוב בענטשען איהם געפרעגט, די חז״ל זאגען דאך אז מען וואשט זיך מיט א פיעל קריגעל וואסער גיט מען איהם פון הימעל פיעל גוט׳ס, (זעה שבת ס״ב. שבת ק״מ. מו״ק כ״ח.) האט ער געענטפערט: איך זעה אז די קיכען ברענגט שטענדיג דאס וואסער פון א וויט ארט, און זי גייט איינגעבויגען אין דרייען, אונטער די שווערע משא פון וואסער טראגען, טאר איך ניט זיין א מהדר נאך א סך וואסער, אויף יענעמ׳ס פלייצעס...

879

דער קאצקער רבי ז״ל האט געזאגט, אלע מחברים האבען געמאכט א הקדמה צו זייערע חיבורים, ווייל די וועלט זאגט א ספר אן א הקדמה, איז אזוי ווי א גוף אן נשמה, טא וועלכעס איז די הקדמה פון די תורה וואס דאס איז דעם אייבערשטענ׳ס ספר? האט ער געזאגט, די הקדמה צו די תורה איז „דרך ארץ״ ווייל דרך ארץ קדמה לתורה, — האט דערויף געזאגט ר׳ יהושעלע קוטנער ז״ל אז דאס מיינט מען די שבע מצות וואס זיי זענען געבאטען געווארען פאר מתן תורה, וואס דאס איז בכלל פון „דרך ארץ״. ווייל דאס איז מצות פון מענשליכען שטאנדפונקט, „מצות שכליות״, דערמיט האט ער מסביר געווען דאס וואס דער אייבערשטער וועט ענטפערין די אומות העולם אויף זייער שאלה „כלום כפית עלינו הר כגיגית״? (ע״ז ב׳.) „שבע מצות שקבלתם היכן קיימתם״, צו האט איהר דען מקיים געווען די שבע מצות? אייגענטליך, קענען זיי דאך אויף דעם אליין אויך טענה׳ן דאס זעלבע „כלום כפית עלינו״, נאר דער תירוץ איז, אז איהר האט ניט מקיים געווען דעם „דרך ארץ״ וואס איז פאר די תורה, האט איהר דאך גאר ניט קיין שייכות צו די תורה...

880

ווען מען האט געוואלט אויפנעמען ר׳ הערשעלע ז״ל סאלאנטער רב קיין מינסק האט ער ניט געוואלט. האבען די דאזיגעס פון מינסק גערעדט מיט די רעבעצין אז זי זאל פוילען ביי עהם ער זאל אננעמען דאס רבנות. האבען זיי נאכהער געזאגט ר׳ הערשעלען אז די רעבעצין איז מסכים צום מינסקער רבנות האט ער געזאגט צו זיי. — אמת טאקע אז די רעבעצין איז ראוי צו זיין א רעבעצין אפילו אין אזא גרויסע שטאדט ווי מינסק — אבער איך בין ניט ראוי צו זיין

קיין רב אפילו אין סאלאנט, מכל שכן אין אזא גרויסע שטאדט ווי מינסק איז...

881

**א** בריסקער קארגער גביר וואס פלעגט ניט וועלין געבין קיין צדקה איז א מאל יום כיפור ביינאכט אויף געווען א גאנצע נאכט אין שוהל און געלערינט, געזאגט תהלים, גייט צו איהם צו דער בריסקער רב ר' יאשע בער ז"ל, און זאגט צו איהם, ביי מיליטער איז פערהאן פערשידענע זעלנער, א טייל זענען פיס גייער'ס, טייל זענען רייטער'ס אויף פערד, יעדער איז ממונה אויף א אנדערע זאך לויט דעם באפעהל פון דעם פעלד מארשאל, און אויב דער פיס גייער וועט זיך חאפען אלס רייטער, ווערט ער באשטראפט, אזוי איז אויך ביי אונז יודען, מיר הייסען דעם אייבערשטענ'ס זעלנער. א תלמיד חכם דארף זעהען צו לערנען און צו פאר שפרייטען תורה פסק'נען שאלות, דער גביר דארף זעהען צו געבין צדקה, אבער דער וואס געהער צו די פארטיע פון צדקה געבין, וועט זיך גאר חאפען צום לערנען, און וועט ניט היטען זיין אמט צו געבין צדקה, ווערט ער באשטראפט...

882

**א** גאון האט פערענטפערט דעם מאמר חז"ל, „כלבים בוכים מלאך המות בעיר, כלבים משחקים אליהו בעיר" (ב"ק ס') (אז די הינט וויינען איז דער מלאך המות אין שטאדט, אז די הינט לאכען איז אליהו הנביא דא אין שטאדט). וואס פאר א מחותן איז דאס וויינען און לאכען פון די הינט צו אליהו מיט דעם מלאך המות? נאר דאס גייט ארויף אויף דעם שטאדט שוחט, אויב ער שעכט כשר איז „אליהו" אין שטאדט, אבער אויב ער איז מאכיל טריפות איז ער גורם אז דער מלאך המות איז אין שטאדט, — נאר די חז"ל האבען ניט געוואלט ארויס זאגען בפירוש אז עס קען זיך געפונען אזא שוחט ער זאל מאכיל טריפות זיין, האבען זיי געזאגט פערשטעלט, אז די הינט וויינען ווייל אין די תורה שטייט אז א טריפה איז „לכלב תשליכון אותו" מ'דארף עס ווארפען פאר די הינט, און אויב דער שוחט איז מאכיל טריפות, וויינען די הינט ווייל זיי האבען דאך ניט וואס צו עסין אבער אז דער שוחט איז א כשר'ער און אויף די טריפות זאגט ער עס איז טרייף, זענען די הינט פריילעך, ווייל מ'וועט זיי דאך געבין די טריפות צו עסין...

883

**ד**ער „אבן עזרא" איז אמאל געגאנגען און וועג, מיט 2 מענטשען, איינער האט געהאט 2 ברויט, און דער אנדערער האט געהאט 3 ברויט, איז

צוגעקומען אַ דריטער מאַן, וואָס האָט ניט געהאַט צו עסין, האָט ער מיט געגעסין מיט זיי, און צוזאַמען האָבען זיי אויפגעגעסין די 5 ברויט, נאָכ'ן עסין האָט זיי דער דריטער מאַן, געגעבין 5 רענדליך, איז געוואָרען צווישען זיי אַ מחלוקת, דער וואָס האָט געהאַט די דריי ברויט האָט גע'טענה'ט אַז ס'קומט עם 3 רענדליך, און דעם אַנדערין קומט נאָר 2 רענדליך, און דער וואָס האָט געהאַט די 2 ברויט, האָט גע'טענה'ט אַז ס'קומט עהם העלפט, ווייל דער דריטער האָט דאך געגעסין פון מיין ברויט אַזוי פיעל ווי פון דייגעם האָט דער „אבן עזרא" גע'פסק'נט אַז דער פון די 3 ברויט זאָל נעמין 4 רענדליך און דער פון די 2 ברויט זאָל נעמין 1 רענדיל, — ווייל יעדער האָט דאָך געגעסין אַ דריטעל, אַז מען צוטיילט 5 ברויט אויף דריטלען, איז דאָ 15 דריטעל, האָט יעדער געגעסין 5 דריטעל, קומט אויס אַז דער וואָס האט געהאַט די 2 ברויט איז עם געבליבען נאָך זיין עסין 1 דריטעל, ווייל 5 דריטעל האָט ער דאך אליין אויפגעגעסען, אָבער דער וואָס האָט געהאַט 3 ברויט ד. ה. 9 דריטעל, איז דאָך עם געבליבען נאך זיין עסין 4 דריטעל, קומט אויס אַז דער דריטער מאַן וואָס האט אויפגעגעסין 5 דריטעל, האָט געגעסין 1 דריטעל פון דעם וואָס האט געהאַט 2 ברויט, קומט עם 1 רענדיל (ווייל ער האָט דאך באַצאהלט 5 רענדליך פאַר 5 דריטעל), און דעם פון די דריי ברויט קומט 4 רענדליך...

## 884

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט דעם פסוק „על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת, לא יומת על פי עד אחד", (שופטים) די חז"ל זאָגען, מ'האָט געפרעגט די חכמה מיט די נבואה אַז אַ מענש זינדיגט צו פויעלט תשובה, האָבען זיי געענטפערט ניין, עס קומט עם טויט שטראָף נאכהער האָט מען געפרעגט די תורה, האָט זי געענטפערט ער זאָל ברענגען קרבנות וועט דאָס איהם מכפר זיין, נאָר דער אייבערשטער אליין האָט געזאָגט אַז עס פויעלט תשובה (ירושלמי מכות פ"ב ה"ו) קומט אויס, אַז „על פי שנים עדים" דורך די צוויי די חכמה און נבואה. „או שלשה" אפילו דורך דעם דריטען די תורה וואָס זי האָט געזאָגט מען זאָל ברענגען קרבנות, וועט דאָך אויסקומען, אַז ווען דאָס בית המקדש איז נישט דאָ, וועט קיין תיקון ניט זיין נאָר „יומת המת" דער זינדיגער וועט מוזען שטאַרבען, אָבער, „לא יומת על פי עד אחד", דער אייבערשטער וואָס ער איז דער „יחידו של עולם" ווייל ער האָט געזאָגט אַז עס פויעלט תשובה...

## 885

ר' מאיר'ל פרימישלאנגער ז"ל האָט געטייטשט „נודע בשערים בעלה" (משלי ל') די חז"ל זאָגען „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה" (שבת נ"ה) אויך

זאָגען די חז"ל „ראוי' היתה בת שבע לדוד משׁשׁת ימי בראשׁית" (סנהדרין ק"ז) ניט אזוי ווי די שׂונאים פון דוד האָבען עהם חושׁד געווען אַז ער איז ח"ו נכשׁל געוואָרען אין איסור אשׁת אישׁ, (ב"מ נ"ט) און די חז"ל זאָגען ווען שׁלמה המלך האָט געוואָלט אריין ברענגען דעם ארון אין קדשׁי קדשׁים, האָבען דיא טויערען זיך באַהעפטט און ניט געלאָזט אריין דעם אָרון אַז ער האָט געזאָגט „זכרה לחסדי דוד" האָבען זיי באַלד אריין געלאָזט דעם אָרון, זענען די שׂונאים פון דוד זייער פערשׁעמט געוואָרען, (שׁבת ל') קומט אויס אַז דורך די טויערען פון בית המקדשׁ איז כען געוואָהר געוואָרען אַז דוד האָט ניט געזינדיגט מיט בת שׁבע נאָר ער איז געווען באמת איהר מאַן, דאָס איז דער פשׁט „נודע בשׁערים" דורך די טויערען איז געוואָרען באַוואוסט „בעלה" אַז ער איז באמת געווען איהר מאַן, און האָט ניט געזינדיגט, ווייל דורך זיין זכות האָט מען אריין געלאָזט דעם ארון..

## 886

א מחבר האָט געברענגט זיין חיבור מיט'ן נאָמען „חן טוב" אויף אַ הסכמה צו ר' אייזיל חריף ז"ל, אריינקוקענדיג אין ספר איז עהם ניט געפאַלען, רופט ער זיך אָן צום מחבר, שׁלמה המלך האָט נאָר געזאָגט „שׂכל טוב יתן חן" (משׁלי י"ג) אָבער אַז „חן טוב" „יתן שׂכל" דאָס האָב איך ניט געהערט...

## 887

דער קעלעמער מגיד ז"ל האָט מספיד געווען אַ גאון און האָט אַלעמען געריהרט ביז טרעהרען, אַפילו די פערגרעבסטע מענטשׁען האָט ער געזאָגט צום ענדע פון דעם הספד, „הצדיק אבד" אויב דער צדיק גייט אוועק פון די וועלט, „ואין אישׁ" אַפילו דער וואָס איז ניט קיין מענטשׁ, אַפילו אַ פּראָסטער מענטשׁ, איז אויך „שׂם על לב" ריהרט דאָס איהם אויך ביז טרעהרען...

## 888

א מחבר האָט געמאַכט אַ פירושׁ אויף קינות האָט ער דאָס געברענגט צו דעם מלבי"ם אויף אַ הסכמה, האָט ער אריינגעקוקט אין חיבור, איז עהם ניט געפעלין, רופט ער זיך אָן, קיין הסכמה קען איך דיר ניט געבין, אויף דיין פירושׁ אויף קינות, איך קען דיר נאָר צו געבין אַ קינה אויף דיין פירושׁ...

## 889

פאַר וואָס זאָגט די וועלט ער איז אַ געזונטער אָרימאַן? האָט דער שׁעדלעצער

רב ר' ברוך ליבשיץ ז"ל געפֿלעגט זאָגען, די חז"ל זאָגען, אַז איבער דעם איז דעם אָרימאַן שלעכט אפילו אום שבת האָטשע ער עסט דאָך גיטע עסין ווייל „שינוי וסת תחילת חולי מעיים" (ב"ב קמ"ה) ער קריגט בויך ווייטאָג, אָבער אַז ער האָט ניט אום שבת אויך צו עסין, איז ער דאָך אַ געזונטער אָרימאַן...

890

צוויי מחברים האָבען געמאַכט בשותפות אַ פירוש אויף „בבא קמא" האָבען זיי דאָס געבערענגט צו ר' מרדכי מעלצער ז"ל אויף אַ הסכמה אויך ער זאָל צו פאַסען אַ נאָמען זאָגט ער צו זיי נאָכ'ן איבערקוקען אין חיבור, קיין הסכמה וועל איך אייך ניט געבען נאָר אַ שיינעם נאָמען האָב איך פאַר אייך „השור והבור"...

891

ר' מאיר פרימישלאַנער ז"ל האָט זיך געוואָלט זעהן מיט ר' שלמה קלוגער ז"ל בראָדער רב, האָבען זיי זיך באַשטעלט זיי זאָלין זיך טרעפען אין אַ דאָרף וועלכער איז געווען זייער ווייט פון בראָד, ווען זיי זענען געקומען אין דאָרף, האָט ר' מאיר'ל ז"ל געשיקט זיין משמש צו ר' שלמה קלוגער ז"ל ווער עס דאַרף פריהער געבין שלום, ווייל זיי זענען דאָך דאָ בײדע גלייכע אורחים, האָט ר' שלמה קלוגער ז"ל עהם געענטפערט — אַז על פי דין דאַרף ער קומען צו מיר געבין שלום, ווייל די חז"ל זאָגען אויף דעם פסוק אין פרשת יתרו „וישאלו איש לרעהו לשלום" איש זה משה (מכילתא יתרו) משה מיט יתרו זענען דאָך בײדע געווען אין דער מדבר פאַרוואָס האָט משה געגעבען פריהער שלום, נאָר ווייל משה האָט געטראַכט אמת טאַקע אַז איך בין דאָ אויך אַ פרעמדער, אָבער יתרו איז דאָך געקומען פון אַ ווייטען וועג פון מדין ביז אַהער, און איך בין געקומען פון דער נאָהנט, קומט עהם פריער שלום אַזוי אויך בין דאָך געקומען אַזש פון בראָד אַ הער, קומט מיר פריער שלום...

892

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט דעם פסוק „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה אשר תשמעו, ואת הקללה אם לא תשמעו", דעם „אנכי" דאָס גרויסקייט פון אַ מענטש, וועלכעס ער זאָגט „אנכי" איך בין, דאָס איז פאַר אייך אַ ברכה אַז איהר נוצט דאָס אויס צו מצות, אַזוי ווי עס שטייט „ויגבה לבו בדרכי ד'" אַז ביי אַ מצוה מעג מען האָבען גיאות, ווייל דאָס איז לשם שמים, אָבער סתם גיאות, איז אַ קללה פאַר'ן מענטש, דאָס

איז דער פשט „ראה" זעה, „אנכי" אז דאס „ישיות" דעם „איך" גיב איך אייך פאר א ברכה און א קללה, „את הברכה אם תשמעו" אז איהר וועט דעם אנכי אויסנוצען אויף מצות אויסצופהערען און צו טוהן וואס דער אייבערשטער האט געהייסען, איז דער „אנכי" א ברכה פאר אייך, „ואת הקללה אם לא תשמעו", אבער אז ער האלט זיך סתם גרויס, איז דאס א קללה, דאס איז אויך דער פשט, „אם תטיב שאת" צו א גוטע זאך מעגסט די זיך האלטען גרויס, אבער ניט צו קיין גוט׳ס „לפתח חטאת רובץ" איז דאס גיאות א חטא...

## 893

דער קעלעמער מגיד ז"ל האט געטייטש, „ואהבת לרעך כמוך" ווען א מענטש טוט אומגערין זיך זעלבסט שלעכט׳ס, וועט ער דאך זיך געוויס ניט פיינד קריגען דורך דעם, אזוי דארף זיין אז יענער האט דיר געטון שלעכט׳ס אומגערין זאלסטו איהם אויך ניט פיינד קריגען...

## 894

א מחבר האט געברענגט זיין חיבור צו א קארגען גביר אום ערב פסח, האט דער גביר זיך ניט וויסען געמאכט און צו גענומען דאס ספר, און איהם געפטר׳ט מיט א דאנק, און קיין גראשען איהם ניט געגעבין, רופט זיך אן דער מחבר איהר ווייסט פאר וואס מען זאגט ניט ערב פסח דעם „מזמור לתודה" ווייל ערב פסח איז דא אסך קרבנות קען מען זיך ניט פטר׳ן מיט א בלויזע „תודה" (א דאנק) מען דארף האבען אסך אנצוגרייטען אויף פסח, קען מען זיך ניט פטר׳ן מיט א בלויזען ישר כח...

## 895

מ׳האט געפרעגט א רבי׳ן וואס וועט זיין משיח א חסיד צו א מתנגד, האט ער געענטפערט, א מתנגד, ווייל מ׳וועט שוין ניט זאגען דענסטמאל, „ויצמח פורקני׳ ויקרב משיחי׳"...

## 896

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ז"ל האט א מאהל געזאגט, רבונו של עולם! „לא עת האסף המקנה" אויב עס איז נאך ניט די צייט פון איינזאמלען די יודען וואס זענען געגליכען צו שאף, אויב עס איז נאך ניט די צייט פון די גאולה, „השקו הצאן ולכו רעו" גיב זיי דער ווייל פרנסה ביז צו די גאולה...

## 897

ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל האָט געטייטשט „כי ידור נדר" אַז אַ מענטש וויל באַשייגען (פון לשון „הידור") „לד'" זאָל ער באַשייגען דעם אייבער-שטען אָבער „לאסור איסר" אַז ער וייל רעדען שלעכט׳ס (פון לשון „סרה") „על נפשו" זאָל ער רעדין נאָר אויף זיך, ניט אויף קיין פרעמדען מענטש...

## 898

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט, דעם פסוק „תהלת ד' ידבר פי" ווען קען איך וויסען אַז איך האָב געדאַווענט מיט כוונה, אַז „ויברך כל בשר שם · קדשו", אַז דורך מיין תפלה ווערט דערוועקט יעדער מענטש, אַז ער ער זאָל אויך דאַווענען, דענסטמאל וויים איך אַז איך האָב געדאַווענט מיט כוונה...

## 899

ר' איציקעל קאַלישער ז"ל האָט געטייטשט „אוהבי ד' שנאו רע". אַז אַ מענטש וויל וויסען צו ער איז פון די „אוהבי ד'" אויב „שנאו רע" אַז ער האָט פיינט אַלע שלעכטע תאוות פון די וועלט, איז אַ סימן אַז ער איז אַ אוהב ד'...

## 900

איינער האָט געפרעגט ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל די חז"ל זאָגען אַז היינט איז ניט דאָ קיין רוח הקודש (סוטה מ"ח) און איהר ווייסט אַלעס דורך רוח הקודש, האָט ער געענטפערט אויף דעם פסוק „וישלח יעקב מלאכים" זאָגט רש"י „מלאכים ממש" האָט דען יעקב'ן געפעהלט אנדערע משרתים ? וואָס האָט ער געדאַרפט שיקען מלאכים, נאָר מען מיינט זיינע „אייגענע מלאכים" וואָס זענען געוואָרען באַשאַפען פון זיינע מצות, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען, „העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד" (אבות), ביי מיר שטייען אויך שטענדיג מיינע מלאכים און זיי זאָגען מיר די אַלע זאכען וואָס עס דאַרף פאַרקומען...

## 901

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט „אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה אל תהרהר אחריו ודאי עשה תשובה" (ברכות י"ט) אַז די זעהסט אַז אַ תלמיד חכם זיצט ליידיג און לערינט ניט, זאָלסטו ניט זאָגען אַז ער איז

עובר די עבירה פון ביטול תורה, ווייל ער טוט תשובה, פאר'ן לערנען, ניט ער זיצט הס ושלום ליידיג און טוט גאר ניט...

## 902

ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל האט געזאגט „הללוהו בתוף ומחול" דער סוף איז דאך אז דו ביזט מוחל, זיי זשע שוין מוחל...

## 903

ר' איציקעל קאלישער ז"ל איז געווען א גרויסער „מכניס אורחים", א מאל איז א דורך געגאנגען א קריסט און געבעטען ברויט, עס איז אבער געווען אין שטוב גאנצע ברויטען, איז די רעבעצין געווען א שאד אנצוהייבען א גאנץ ברויט האט ר' איציקעל ז"ל זיך אנגערופען, צו איהר – שנייד! עס וועט ניט גיין קיין בלוט, – האט זי אפגעשניטען א שטיק ברויט און איהם געגעבען איינמאל איז ער געפארען אונטערוועגינס זענען איהם באפאלען גזלנים, און ביי איהם צו גענומען אלץ, אויך האבען זיי איהם געוואלט הרג'נען נאר דער עלצטער פון זיי האט דערקענט אז דאס איז דער זעלבער יוד וואס האט איהם געהייסין געבין ברויט, האט מען איהם אלעס צוריק אפגעגעבין, – האט ער נאכהער געזאגט צו די רעבעצין, יעצט פערשטייסטו שוין וואס איך האב געמיינט, שנייד, ס'וועט ניט גיין קיין בלוט, דורך דעם וועט ניט ארויס גיין מיין בלוט...

## 904

אין קעניגסבורג וויא דער „מלבי"ם" איז געווען רב, איז געווען א סוחר וואס זיין מסחר האט ער געפירט אין קעניגסבורג. און געוואהנט האט ער אין א אנדערע שטאדט, פאר פסח האבען די קעניגסבערגער שטאדט לייט, איהם אויפגפאדערט ער זאל געבען „מעות־חטים" האט ער געזאגט, אז איך בין ניט קיין היגער איינוואהנער דארף איך ניט געבין, האבען זיי איהם גערופען צו דין־תורה פאר'ן „מלבי"ם" ז"ל קעניגסבערגער רב, האט ער גע'פסק'נט אז ער דארף געבין ווייל עס שטייט אין פסוק (שמואל א' כ"ד) ביי „נבל" „איש במעון ומעשהו בכרמל" געוואהנט האט ער אין מעון, און געהאנדילט האט ער אין „כרמל" אונדעסטוועגען רופט עהם דער פסוק „נבל הכרמלי"...

## 905

דער גאון ר' יוסף חריף ז"ל זבארובער רב און אונגארן, איז א מאל געווען ביי דעם רבי'ן ר' שלום בעלזער ז"ל, נאכדעם געזעגענען זיך, האט דער

בעלזער רבי ז״ל איהם באגלייט ביז אויף די גאס, האט איהם דער זבארובער רב געבעטען אז ער זאל זיך ניט מטריח זיין, האט דער בעלזער רבי ז״ל איהם געזאגט, מיר געפונען אז אברהם אבינו און יצחק אבינו האבען מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים מיט „אכילה שתיה לויה״ עסין, טרינקען, באגלייטען, ווייל זיי האבען געהאט די מעגליכקייט מקיים צו זיין די אלע דריי זאכען, אבער יעקב אבינו וואס האט נאר געהאט בלויז א שטעקען, און האט געוואנדערט, האט ער דאך גאר געקענט מקיים זיין בלויז די מצוה פון „לויה״ באגלייטען, דאס איז דער פשט, פון פסוק, „כי יעקב בחר לו — י־ה״ דאס איז די אותיות „לוי־ה״... איך — פירט אויס דער בעלזער רבי ז״ל, האב אייך אויך ניט מיט וואס מכבד צו זיין, נאר מיט די מצוה פון באגלייטען, טא פאר וואס שטערט איהר מיר די מצוה...

906

אין א שטאדט איז געווען א רב א גרויסער בעל־מופת, אז ער האט גע׳פסק׳נט א דין-תורה, און דער בעל־דין האט ניט געוואלט מקיים זיין, האט ער געהאט א ביטערען סוף, נאכהער אז דער רב איז נפטר געווארען, האט מען אויף גענומען א צווייטען רב, אויך א גרויסער תלמיד חכם, און זעהר א קלוגער, נאר ניט אזא בעל-מופת ווי יענער, האבען די שטאדט מענטשען עם דערציילט די מופתים פון דעם פריערדיגען רב, האט ער געזאגט מיט א שמייכעל, גלויבט מיר אז איך קען אויך דאס זעלבע, נאר די היינטיגע שטאדט מענטשען זענען ניט אזוי ווי די דאמאלסדיגע, זיי זענען געווען גרויסע יראי־שמים זיי האבען געפאלגט וואס דער רב האט געזאגט, אז דער רב האט גוזר געווען אויף דעם בעל-דין אז ער זאל האבען א מיאוסען סוף האט ער מקיים געווען, אבער היינט אז די בעל-בתים מייגע זענען גיט אונטערטעניג זיי פאלגען ניט וואס איך הייס זיי, טא וואס זאל איך טוהן, איך הייס זיי האבען א מיאוסען סוף, און זיי פאלגען מיך אבער ניט...

907

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האט געטייטשט, „רצון יראיו יעשה״ א ירא שמים האט מורא צו בעטען פון אייבערשטען, נאר וואס ער דארף, האט ער אין זינען, און האט מורא צו עפענען דאס מויל פאר פחד, נאר דער אייבערשטער טוט דעם רצון פון די יראים, דאס וואס ער האט געהאט אין זינען...

908

א משכיל איז א מאל אריין געקומען צו ר׳ יוסף שאול נאטאנזאהן ז״ל

לעמבערגער רב, און האָט מיט אַ חוזק טאָן געפרעגט אַ שאלה, – רבי ! אַ היהן האָט ביי מיר אָנגעמאַכט אויף אַ מילכיגען טעלער וואָס דאַרף מען טוען. – האָט דער גאון עם געענטפערט : לויף געשווינד אַ היים און עס דאָס אויף, איידער עס ווערט קאַלט, ווייל די חז"ל זאָגען „כל המלעיג על דברי חכמים נידון בצואה רותחת", (עירובין כ"א) ד. ה. דער וואָס שפעט פון די חכמים ווערט גע'משפט מיט הייסע צואה...

909

אַ גאון האָט געטייטש דעם מאמר חז"ל „הרוצה שיעשיר יצפין והרוצה להחכים ידרים" (ב"ב כ"ה) דער וואָס וויל ווערין אַ עושר זאָל ער עוסק זיין און מסחר מיט מענטשען ווייל דער ישוב העולם איז אין צפון זייט פון דער וועלט, אָבער אז ער וויל ווערען אַ תלמיד חכם, זאָל ער זיין אָבגעשיידט פון דער וועלט (ידרים מלשון הרמה) אָבגעשיידט...

910

דער „נציב" פון וואָלאָזין ז"ל (נ'פתלי צ'בי י'הודה ב'ערלין, ר"ת פון נצי"ב) איז אַ מאָל געווען אין ווילנא אויף אַ אַסיפה צו זאמען מיט משכילים, האָבען זיי גערעדט וועגען זייער'ס אַ משכיל וואָס איז געשטאָרבען, און זיי האָבען עהם שטאַרק גערוהמט, אַלעס גרויסער מענטש, האָבען זיי געפרעגט דעם נצי"ב, ער זאָל זאָגען זיין מיינונג וועגען דעם משכיל, האָט ער געענטפערט איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה, אַ גביר האָט געהאַט אַ איינציגע טאָכטער זעהר אַ פרומע, איז זי שלאַף געוואָרען. און די דאָקטורים האָבען איהר געהייסען עסין „חזיר" זי האָט אָבער ניט געוואָלט עסין, האָט זיך די קרענק פערגרעסערט, איז דער גביר געלאָפען צום רב, ער זאָל איהר זאָגען אַז זי מעג על פי דין עסין, ווייל עס איז פיקוח נפש, האָט זי צו געזאָגט דעם רב אַז זי וועט האָרכען נאָהר זי האט געבעטען דעם רב, אַז ער זאל הייסען דעם שוחט אַז ער זאָל שחט'ן דעם חזיר מיט אַ כשר מעסער, דער רב האט איהר צוגעזאגט, נאכהער האט זי געבעטען דער שוחט ער זאל בודק זיין די „ריאה" (לונג) האט זיך געמאַכט אַ שאלה, איז דער שוחט געלאפען צום רב, מיט די שאלה האט דער רב געזאגט, ווען די שאלה זאל זיך טרעפען ביי אַ כשר'ע בהמה, וואלט איך געפסק'נט „כשר" אבער אויף אַ חזיר ווי אַזוי קען איך דערמאַנען דאס ווארט „כשר" און איהם כשר'ן...

911

צו דעם „הפלאה" ז"ל איז געקומען איינער און האט זיך געזשאַלעוועט אַז

ער האָט אַ ברידער אַ גביר, און ווייל עס ניט שטיצען, האָט דער „הפלאה״ געשיקט רופען דעם גביר, און איהם געפרעגט היתכן? האָט ער זיך פערענטפערט, אז ער מוז זעהען ניט אוועק צו געבען דאָס געלד, ווייל טאָמער וועט ער אויף די עלטער ניט האָבען פונוואַנען צו לעבען, דערוויל קומט אריין צום „הפלאה״ אַ פרוי און זשאַלעוועט זיך, אז איהר מאַן צוטיילט דאָס גאַנצע געלט אָרימע לייט, האָט דער „הפלאה״ געשיקט נאָך דעם מאַן, און איהם געפרעגט היתכן? האָט ער געענטפערט, אז ער האָט מורא טאָמער וועט ער מאָרגען שטאַרבען, ווייל ער זיך קויפען מיט דעם, „עולם-הבא״, אַזוי ווי דער הפלאה האָט אויסגעהערט די ביידע תירוצים, האָט ער אַרויס געגעבען אַ פסק-דין, אז יעדען פון די ביידע זאָל דער אייבערשטער אָבהיטען פאַר די זאַך וואָס ער האָט מורא, דער קאַרגער גביר האָט מורא טאָמער וועט ער לאַנג לעבען, זאָל איהם דער אייבערשטער היטען דערפון, דער מילדער גביר וואָס האָט מורא טאָמער וועט ער אין גיכען שטאַרבען, זאָל איהם אויך דער אייבערשטער היטען און ער זאָל „מאריך-ימים״ זיין

## 912

דער רבי ר׳ הירשלי זידיטשובער ז״ל האָט געזאָגט, דעריבער שטייט דער היתר פון „מלאכת אוכל נפש״ אום יום-טוב נאָר ביי שביעי של פסח, ווייל די חז״ל זאָגען „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״ (פסחים קי״ח)...

## 913

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, אַ רבי איז מטהר אזוי ווי אַ מקוה, דאָס איז אַלץ אז דער חסיד פאָהרט צום רבי׳ן, אָבער אז דער רבי קומט צום חסיד איז עס גלייך ווי די חז״ל זאָגען „גל שנתלש״ אַ פאַלע פאַלט אַרויף אויף אַ מענטש, עס איז אויך מטהר, אָבער דאָך איז דאַ אַ חילוק מ׳דאַרף זיין אַ „יושב ומצפה אימתי נתלש הגל״, מ׳דאַרף האָבען מעהר כוונה. (זעה חולין ל״א)...

## 9:4

דער רבי ז״ל פון לובלין, האָט געטייטשט „ברוך אומר ועושה״ געלויבט איז דער וואָס ער זאָגט תורה, אַ׳ן טוט עפּיס אַ פעולה מיט זיין תורה אויף אַנדערע, אויך ער איז מקיים וואָס ער זאָגט...

## 915

דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, דרום ווערען יורען

אָנגערופען דעם אויסדרוק פון אות „יו״ד״ ווייל יעדער אות קען מען שרייבען סיי גרויס סיי קליין סיי אין די ברייט סיי אין די לענג, נאָר דעם אות „יוד״ מוז מען שרייבען קליין, ווייל אַז מען וועט שרייבען לאַנג, וועט דאָס דאָך זיין אַ וואָוו, וועט מען שרייבען ברייט, וועט דאָס זיין אַ „דלית״, אַ יוד דאַרף אויך זיין קליין בײַ זיך, ווייל דער וואָס האַלט זיך גרויס גייט אַרויס פון דעם נאָמען „יוד״...

916

אַ משכיל האָט געזאָגט צום בעלזער רב ז״ל מ׳דאַרף ניט זיין צופיעל חסיד, נאָר אַ מענטש דאַרף גיין מיט אַ מיטעל-מעסיגען וועג, ניט עקסטרע צופיעל אויף איין זייט, האָט דער בעלזער רבי ז״ל געענטפערט, מענטשען גייען אין די זייט פון וועג, און אַ פערד גייט אין מיטען וועג...

917

מען האָט געפרעגט דעם אָסטראָווצער רבי׳ן ז״ל פאַר וואָס ער פאַסט יעדען טאָג, די חז״ל זאָגען דאָך „כל היושב בתענית נקרא חוטא״ (תענית י״א) האָט ער געענטפערט: עס שטייט „היושב בתענית״ ניט „כל המתענה״ ווייזט אויס אַז דער גאַנצער תענית דאַרף זיין מ׳זאָל דורך דעם גיין העכער און העכער ביז מ׳זאָל צוקומען צו די העכסטע מדריגה אין יודישקייט, אָבער דער וואָס ער איז אַ „יושב בתענית״ ער בלייבט זיצען, אָבגעשטאַנען, שוואַכער אַזאַ מענטש טאָר ניט פאַסטען, דאָס איז דער מיינונג פון די חז״ל...

918

אַ אָרימאַן האָט דער ציילט פאַר דעם „חי׳ הרי״ם״ ז״ל אַז דער ווירט זיינער אַ חסיד, ווייל עהם אַרויס וואַרפען פון די דירה, האָט ער געשיקט נאָך דעם ווירט, האָט דער ווירט געטענה׳ט ער צאָהלט מיר ניט קיין דירה געלד, זאָל דער רבי׳ זעהן אַז מ׳זאָל איהם שאַפען געלד, ער זאָל קענען באַצאָהלען דירה געלד, האָט דער „חי׳ הרי״ם״ געענטפערט: די חז״ל זאָגען אַז איינער האַט אַ האַלבען קנעכט דאס הייסט אַז איין טאג איז ער אַ קנעכט אין איין טאָג איז ער פריי, צווינגט מען דעם האַר זיינעם ער זאָל איהם בעפרייען. (גיטין מ״א) אייגענטליך פאַר וואס קומט דאס דעם האַר ער זאָל היזק האבען דאס גאַנצע געלד, עס קענען דאך גיין צוויי מענטשען צוזאַמען נעמען פאַר דעם קנעכט ער זאָל זיך אויסלייזען? ווייזט דאך אויס פונדעם. אַז אויב דער אייבערשטער האט מזמין געווען אַז ער זאָל זיין בײַ איהם אַ קנעכט, דאַרף ער ליידען, אַזוי אויך אַז דער אָרימאַן האט פונקט געטראָפען צו וואהנען בײַ

דיר איז א סימן אז מ'וויל אין הימעל אז די זאָלסט ליידען אין גאנצען, (זעה ב"מ קי"ג)...

919

ר' אייזיק סלאָנימער ז"ל איז אַ מאָל געגאנגען מבקר חולה זיין אַ רבי'ן, האָט איהם די רעבעצין ניט אריין געלאָזט, זאגענדיג אז די דאָקטורים האָבען ניט געהייסען צו איהם אריין לאָזען, האָט ער איבער געלאָזט ביי איהר אַ קוויטעלע, וועלכעס איז געווען אָנגעשריבען יעצט איז מיר רעכטיג די גמרא אין (ברכות דף י') פאר וואָס ישעי' האָט געמוזט גיין מבקר חולה זיין צו חזקי', די רעבעצין האָט דאָס געוויזען דעם רבי'ן, האָט ער געהייסען זי זאָל אריין רופען דעם רב, ושהענדיג אז דאָס איז ר' אייזיל האָט ער איהם שטאַרק איבער געבעטין, און האָט זיך שטאַרק פערענטפערט פאַר איהם, און דער רבי האָט איהם געבעטין ער זאָל איהם זאָגען פשט וואָס ער מיינט מיט דעם קוויטעלע, האָט ער איהם געזאָגט: עס האָט מיך שטענדיג געאַהרט פאר וואָס האָט דער אייבערשטער קראַנק געמאַכט חזקי' כדי ישעי' זאָל מוזען קומען צו איהם מבקר חולה זיין, האָט דאָך געקענט זיין פערקעהרט, חזקי' זאָל קומען צו ישעי' מבקר חולה זיין? נאָר ווען חזקי' וואָלט געקומען צו ישעי' וואָלט איהם די רעבעצין ניט אריין געלאָזט, דערום האָט דער אייבערשטער געמאַכט אַז חזקי' זאָל קראַנק זיין, און חזקי' איז דאָך געווען אַ „פנוי" ער האָט ניט געהאַט קיין ווייב, (זעה ברכות י') האָט דאָך ישעי' ניט קיין מורא געהאַט, אַז די רעבעצין וועט איהם ניט אריין לאָזען...

920

דער גאון ר' מאיר שמחה ז"ל דווינסקער רב, האָט געזאָגט, פאַר וואָס היינט איז מען מעניש אין הימעל פון 20 יאָהר, און פאַר דעם מבול האָט מען מעניש געווען צו 100 יאָהר, (זעה אין מדרש און רש"י פ' בראשית ביי נח'ן), ווייל היינט איז מען מוליד צו 13 יאָהר און דענסטמאָל האָט דער מינדסטער מענטש פריהער ניט מוליד געווען ווי צו 65 יאָהר, אַזוי ווי עס שטייט ביי „מהללאל" אין בראשית, דאָס איז 5 מאָל אַזוי פיעל אנטקעגין היינט, אַזוי קייגען עונש איז אויך 5 מאָל אַזוי פיעל, אַז מען איז מעניש היינט צו 20 יאָהר, האָט מען דענסטמאָל מעניש געווען צו הונדערט יאָהר, 5 מאָל אַזוי פיעל...

921

דער גאון ר' מאיר שמחה ז"ל דווינסקער רב, האָט געזאָגט דעם טעם פאַרוואָס

נשים זענען פטור פון די מצות „פריה ורביה״ (יבמות ס״ה) ווייל „דרכיה דרכי נועם״ איך שטייט „וחי בהם ולא שימות בהם״ (יומא פ״ו) און דאָס רוב נשים בשעת זיי געבוירען זענען זיי אין אַ סכנה (זעה תוספות כתובות דף פ״ג ע״ב) האָט די תורה ניט געקענט גוזר זיין אויף זיי די מצוה...

## 922

ר׳ מאיר שמחה ז״ל האָט געזאָגט, אויף דעם פסוק „ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו״ (וירא) אייגענטליך וואָס האָט ער געזאָגט „אחר תעבורו״? ווייל דער „יראים״ זאָגט אַז בלויז עסין אום געטרינקען דאַרף מען ניט בענטשען, (מיר פסק׳נן ניט אַזוי) דאָס האָט ער זיי געזאָגט אַז איך וועל ניט געבען נאָר ברויט צו עסין, ניט צו טרינקען, דעריבער „אחר תעבורו״ וועט איהר קענען באַלד אַוועק גיין, איהר וועט ניט דאַרפען בענטשין, (אחר איז טייטש באַלד, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען „אחר סמוך״)...

## 923

דער גאון ר׳ מאיר שמחה ז״ל דווינסקער רב האָט געטייטש „לא תעשו עול במשפט במדה ובמשקל״ (פרשת קדושים) וואָס מיינט מען „במשפט״? (זעה רש״י שהמודד קרוי דיין) נאָר אויב אייגער איז דיר שולדיג אַ חוב וואָס די קענסט ניט אָבנעמען, און ער קומט צו דיר עפיס קויפען זאָלסט די איהם ניט נאַרען מיט די וואָג, און די מאָס, כדי די זאָלסט דיר אַזוי אַרום אָבנעמען דיין חוב, טאָרסט די ניט אַזוי טוען, חאָטשע עס איז „במשפט״ „על פי דין״ עס קומט דאָך דיר דאָס געלד, דאָך זאָלסט די זיך צו אַזעלכע זאַכען ניט צו געוואָהנען...

## 924

ר׳ מאיר שמחה ז״ל דווינסקער רב, האָט געזאָגט דער ירושלמי זאָגט אין סוף קידושין אַז אַ מענטש וועט אָבגעבין דין וחשבון אויף די זאַכען וואָס ער האָט געקענט הנאה האָבען בהיתר אויף די וועלט און ער האָט ניט הנאה געהאַט אַז דער מקור פון דעם ירושלמי איז פון פסוק אין בראשית „מכל עץ הגן אכול תאכל״ דאָס איז אַ מצוה אַז מ׳זאָל הנאה האָבען פון די פירות וואָס עס וואַקסט...

## 925

איך האָט ער געזאָגט אַז פון דעם ווארט „לאמור מכל עץ הגן אכול תאכל״

דרשנ'ט די גמרא זו גילוי עריות (סנהדרין נ"ו) פונוואַנען איז דאָס די ראי'? נאָר די חז"ל זאָגען, אַז זנות איז גורם אַז די פירות זאָלען ניט וואַקסען ווי געהעריג אַז מען זאָל זיי ניט קענען עסין, (זעה אין תורת כהנים פרשת קדושים אויף דעם פסוק ולא תזנה הארץ, שהפירות מזנין ואין ראויים לאכול, אויך אין מדרש בראשית פרשה כ"ח און ירושלמי כלאים, אַז ביי דעם דור המבול „חטים נעשו זונין" אַויף ביי יוסף הצדיק שטייט „ומיוסף מבורכת ארצו שלא זן עיניו מהערוה") טאָ ווי אַזוי וועט קענען זיין „אכול תאכל" אַז די זאָלסט קענען עסין נאָר אַז די וועסט נזהר פון עריות...

## 926

אויך האָט ער געזאָגט, אויף דעם פסוק „ויהי נח בן חמש מאות שנה ויולד נח את שם" די חז"ל זאָגען אַז דער פאַר האָט דער אייבערשטער געוואַרט מיט יצחק אבינו'ס געבוירען ווערין ביז אברהם האָט זיך מל'ע געווען, כדי די קינדער זאָלען זיין טהורים. און נח האָט געלעבט 950 יאָהר, איז אַ העלפט 475 און די חז"ל זאָגען אַז עס גייט אַדורך דאָס רוב יאָהרען פון מענטש און זינדיגט ניט, וועט ער שוין ניט זינדיגען, (יומא ל"ב) דערום אַז נח איז אַלט געווען 500 יאָהר האָט ער געבוירען קינדער...

## 927

אַ רב פלעגט אַרום גיין פרייטאָג פאַר'ן נאַכט צו אַלע געוועלבער אַז מען זאָל פאַרמאַכען פאַר דעם זמן פון ליכט צינדען, זאָגענדיג דערביי, שבת איז דאָך אַ מלך, אַזוי ווי עס שטייט „שבת מלכתא" און אויב אַז אַ מלך דאַרף קומען און אַ שטאָדט, איז דער דרך ארץ, אַז מ'זאָל אַקעגען גיין דעם מלך, און וואַרטען אויף איהם ביז ער וועט קומען, ניט ער זאָל פריער קומען און וואַרטען אויף די שטאָדט מענטשען, אַזוי איז אויך ביי שבת, מ'דאַרף אַקייגען גיין און וואַרטען אויף דעם שבת ניט ער זאָל פריער קומען און וואַרטען אויף אונז...

## 928

ר' מאיר פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט, דעם פסוק אין תהלים „ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי" וואָס שערסט די זיך אָב די באָרד און מען דערקענט ניט אַז די ביסט אַ יוד, נאָר בלויז „ותשא בריתי עלי פיך" וואָס מען זאָגט אַז די ביסט גע'מל'עט מיט דעם ביסט די אַ יוד, גלייכער אַז מען זאָל דערקענען אויפ'ן פנים, אַז די ביסט אַ יוד...

## 929

ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל האָט געטייטשט „קדקד ראש מתהלך באשמיו״ אַז אַ מענש גייט מיט גרויסע האָר אויפ'ן קאָפּ, פערפּיצט מיט אַ גזשיפּע, איז אַ סימן אַז ער גייט אַרום מיט חטאים...

## 930

דער קעלעמער מגיד האָט אַ מאָהל געזאָגט אַ דרשה, זעהענדיג אַז דער עולם פערשטעהט נישט וואָס ער האָט געזאָגט, רופט ער זיך אָב, איהר זענט גרעסער ווי די מלאכים, ווייל די מאלכים האָבען קעלבערנע פיס, און איהר האָט קעלבערנע קעפּ...

## 931

א סוחר אַ תקיף פון ניט כשר'ע קעז האָט געוואָלט אויסנאַרען פון „גודע ביהודה״ אַ הכשר אויפ'ן קעז, האָט דער „גודע ביהודה״ אָנגעשריבען דעם פּרט פון די סדרה „פרשת בא״ (וואָס עס איז דענסטמאָל פונקט געווען), „מתניכם חגורים״ לויט'ן תרגום, דער מיינונג איז געווען, ווייל דער תרגום זאָגט אויף דעם „חרציכון יהון אסורין״ אייערע קעזען זענען אסור, (פון לשון חריצי חלב, שמואל א', י"ז)...

## 932

ר' איטשעלע וואָלאָזינער ז"ל האָט נאָך געזאָגט פאַר די תלמידים פון די ישיבה אַ קשיא פון זיין פאָטער ר' חיים ז"ל, און ער האָט געזאָגט דערויף זיינעם אַ אייגענעם תירוץ, די קשיא האָט ער געזאָגט בקיצור, און זיין אייגענעם תירוץ האָט ער שטאַרק מאַריך געווען, האָט מען נאָך דערציילט דאָס ר' חיים'ן, האָט ער געזאָגט, איך וועל אייך דערציילין אַ מעשה איך בין אַ מאָהל געווען פריי־טאָג פאַר נאַכט אונטערוועגיג'ס בין איך איינגעשטאַנען אין אַ אכסניא, האָב איך געזעהען, ווי די בעל־הבית'טע האָט אויסגעוואַשען די קעפּ פון איהרע 2 טעכטער אײנע האָט זי אַ לאַנגע צייט געוואַשען, און איינע האָט זי געוואַשען סך הכל איינינע מינוט, האָב איך פערשטאַנען, אַז איינע איז איהרע אַ אייגענע טאָכטער, דערפאַר האָט זי איהר לאַנג געוואַשען, און די אַנדערע, איז געווען דעם מאַנ'ס אַ טאָכטער פון אַ אַנדער ווייב, דערפאַר האָט זי ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, אַזוי דאָ אויך, ביי זיין אייגענעם חידוש האָט ער מאַריך געווען אָבער ביי מיינעם ניט, האָט ר' איטשעלע ז"ל דערויף געענטפערט, — ניט איבער דעם איז דאָס געווען, וואָס זי האָט געוואַשען איינע לענגער ווי די אַנדערע נאָר

גאָר פשוט. איינע האָט געהאַט אַ ריינעם קאָפּ האָט זי דעריבער ניט געדאַרפט איהר לאַנג וואַשען, און די 2טע האָט געהאַט ניט קיין ריינעם קאָפּ, האָט זי געמוזט איהר לאַנג וואשען, אַזוי אויך איז דאָ, דעם טאַטענ׳ס איז קלאָר אין ריינע אמת׳ע תורה. דאַרף מען ניט לאַנג מאריך זיין, אבער מיינע האב איך געמוזט לאַנג רייניקען עס זאָל קיין שום פעלער ניט זיין אין מיין חידוש...

933

אַ סוחר וואָס איז געקומען קיין וואַרשאַ, איז איינגעשטאַנען אויף שבת אין אַ אכסניא. האָט ער דעם בעל הבית געגעבין געלד, צובאַהאַלטען איבער שבת. נאָכהער האָט ער געלייקענט אַז ער האָט גאָר ניט גענומען ביי עהם קיין געלד צו היטען, זענען זיי געגאַנגען צו ר׳ בעריש מייזליש ז״ל צו האָבען פאַר עם אַ דין תורה, האָט דער בעל אכסניא פאַר עם אויך געלייקינט. האָט ער געפרעגט צו ער וועט שווערין האָט ער געזאָגט אַז יאָ, דער סוחר האָט אָבער געשריגען אַז ער האָט איהם געגעבין צו באַהאַלטען אַז עס איז קענטיג געוועזן, אַז ער זאָגט אמת, האָט דער רב עקסטרע אָנגעהויבען צו רעדין וועגין אנדערע זאַכען, דערוויילע זעהענדיג ווי דער בעל אכסניא גייט אָנגעטוען אַ גאָלדענעם זייגער, פרעגט איהם דער רב, וויפיעל ער האָט באַצאָהלט פאַר דעם זייגער, ווייל איך וויל אויך קויפען זיך אַזאַ זייגער, האָט ער אים געזאָגט, רופט זיך אָן דער רב, ווייזט מיר דעם זייגער אויף אַ פּאָר מינוט וועל איך ווייזען די רבי׳צין צו עס געפעהלט איהר אַזאַ זייגער, דער רב איז אריין געגאַנגען אין די צווייטע שטיב מיט דעם זייגער, און האָט געזאָגט שטילע-הייד צום משמש, אַז ער זאָל געשווינד גיין צו דעם בעל אכסניא׳ס ווייב און זאָגען אַז דער מאַן האָט געהייסען אַרויס געבין דאָס געלד וואָס דער סוחר האָט געגעבין עהם צו באַהאַלטען, און אויף אַ סימן האָט ער געשיקט זיין זייגער, דאָס ווייב האָט איהם באַלד געגעבען דאָס געלד, און האָט דאָס געלד געברענגט צום רב, האָט דער רב גענומען דאָס געלד און איז אריין געגאַנגען צו זיי אין בית-דין שטוב, פרעגט איהם דער רב די וועסט שווערין, זאָגט ער יאָ, נעמט דער רב אַרויס דעם בייטעל מיט געלד, און זאָגט זעה די האָסט געוואָלט שווערין פאַלש און צו נעמין זיין געלד, איך וועל דיך איבער געבין צו די פּאָליציי, איז ער איהם געפאַלען צו די פיס, האָט זיך דער רב מיט איהם אויסגענומען אַז ער זאָל ניט דערציילין זיין ווייב פון גאַנצען עסק אין האט אב געגעבין דעם סוחר דאס געלד...

934

אַ רבי האט געזאָגט, „מקשה אחת זהב טהור״ דאס שווערסטע איז, ריין געלד אהן שווינדעל...

## 935

דער רבי ר׳ משה ז״ל פון קאברין, האט געטייטשט, „כתית למאור״ (תצוה) פריהער זאלסטו צו שטויסען אלע „מדות רעות״ נאכהער „למאור״ וועסט די מרגיש זיין א „אור״...

## 936

אויך האט ער געטייטשט, „עשה לך רב – והסתלק מן הספק״ (אבות) זאלסט דיר אויסקלויבען א ריכטיגען רבי׳ן זאלסט און איהם קיין שום ספק האבען, צו ער איז ראוי פאר דיר, צו ניט, נאר עס זאל זיין ביי דיר א „ודאי״...

## 937

א גיטער יוד האט געזאגט, „ומעלה מעל בד׳ וכחש בעמיתו״ אז דאס וועגד זיך אייב׳ס און אנדערין, אז מען איז שלעכט צו גאט איז מען שלעכט צו מענטשען, פערקעהרט אויך דאס זעלבע...

## 938

ר׳ הערשעלע רימינאווער ז״ל, האט געטייטשט, „אל נא אחי תרעו״ (וירא) „אל נא״ אויב איהר קענט נישט דאווענען (נא – איז טייטש בעטען, זעה ברכות ט׳) „אחי תרעו״ זאלט איהר זיך צונויף נעמען עטליכע חברים און דאווענען מיט מנין, וועט איהר שוין קענען דאווענען, („תרעו״ – איז פון לשון „ריעות״, חבר׳שאפט)...

## 939

א גאון וואס האט געהאט א ווייב א הויקערין, איז ווען עס איז צו איהם ארייין געקומען אין שטוב א הויקערין, פלעגט ער זיך פאר איהר אויפצושטעלין האט מען איהם געפרעגט, פאר וואס קומט איהר אזא כבוד ? האט ער געענטפערט : ווייל מסתמא איז זיא א „אשת – חבר״ (א גאונ׳ס א ווייב, ווי דער שטייגער איז)...

## 940

דער „חי׳ חרים״ ז״ל האט געזאגט „צחוק עשה לי אלקים כל השומע יצחק לי״

אויב געלעכטער קען קומען פון מדת הדין (אלקים – איז מדת הדין) איז טאקע דא וואס צו לאכען...

## 941

דריי משפילים האבען געטראפען גיין אין גאס דעם גאון ר׳ יאשע בער ז״ל בריסקער רב, זאגט איינער צו איהם גוט מארגען ר׳ - אברהם דער צווייטער רופט זיך אן, גוט מארגען ר׳ יצחק, דער דריטער גוט מארגען ר׳ יעקב, זיי האבען דאס געזאגט אין א חוזק-טאן. רופט זיך אן צו זיי דער רב, – איהר האט א טעות, מיין נאמען איז גאר „שאול״ דער זוהן פון „קיש״ וועלכער איז געגאנגען זוכען די דריי אייזלען, און יעצט האב איך זיי טאקע געפונען...

## 942

ר׳ ישראל סאלאנטער ז״ל האט געטייטשט, דעם מאמר חז״ל „בינונים תלויים ועומדים (ר״ה ט״ז) דער שטייגער איז ווער עס ווערט געהאנגען, שטעלט מען איהם ארויף אויף א בענקעל און די שטריק נעמט מען דורך זיין האלז, דאן נעמט מען אפויהר דאס בענקעל פון אונטער זיינע פיס בלייבט ער הענגען, דאס איז דער פשט „תלויים״ זיי הענגען, נאר „ועומדים״ זיי שטייען נאך אויפ׳ן בענקעל, די עשרת ימי תשובה, זעהט מען אויב ער טוט תשובה נעמט מען אראב די שטריק אויב ניט נעמט מען אפויהר דאס בענקעל...

## 943

א גאון האט געטייטשט, „איש כי יפליא נדר בערכך נפשות״ (בחוקותי) די חז״ל זאגען דער וואס איז מנדר און איז ניט מקיים, ער באצאלט ניט דעם נדר, שטארבען זיינע קינדער, (שבת ל״ב) דאס זאגט דער פסוק „איש כי יפליא נדר״, ער האט צוגעזאגט צו געבען א נדבה אויב ער גיט אפ איז גוט, אז ניט, איז „בערכך נפשות״ וועט ער דארפען באצאהלען מיט נפשות...

## 944

דער ווילנער גאון ז״ל האט געזאגט, דער טראפ אויף דעם ווארט „ונתנו״ (פרשת תשא) איז א „קדמא ואזלא״ ווייל ביי צדקה געבין זאל מען ניט ווארטען ביז די ארימלייט זאלען צו איהם קומען אין שטוב אריין נאר מען דארף זיך פעדערין און גיין צו זיי „קדמא״ פעדערין „ואזלא״ און גיין, מקיים צו זיין דעם „ונתנו״ אזוי ווי די חז״ל זאגען, „דרכן של גומלי חסדים לרוץ אחר דלים״ דער שטייגער איז פון די גומלי חסדים אז זייא לויפען

נאָך דיא אָרימעלייט, צו זיכען זיי און צו געבין זיי זייער הצטרכות...

945

דער קעלעמער מגיד ז״ל פלעגט זאָגען, „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״ (תולדות) דער קארגער גביר האָט אַ טבע, צו זוכען חסרונות אויף דעם אָרימאַן, ער זאָגט אויף דעם אָרימאַן, ער איז אַ בלאָפער, ער איז אַ בעל עבירה, מען טאָר עם ניט געבין קיין צדקה, ווייל מען טאָר ניט זיין קיין „מסייע ידי עוברי – עבירה״, מען טאָר ניט זיין קיין „נותן יד לפושעים״, דערוויייל ווייזט דער גביר אַרויס זיין פרומקייט, ער מאַכט אַ פנים׳על פון אַ ירא־שמים, אָבער דער אמת איז ער האָט אַ שטיינערין הארץ, מיט אכזורי׳שע הענד, דאָס איז דער פשט „הקול קול יעקב״ ער שרייט אויף דעם אָרימאַן מיט אַ „קול יעקב״ אַ קול פון יראת שמים, אָבער דער אמת איז „והידים ידי עשו״ זיינע הענטלעך זענען עשו׳ס הענד, פול מיט אכזוריות, ער וויל ניט געבין קיין גראָשען, רעדט ער אויס אויף דעם אָרימאַן אַלעס בייז, דאָס איז אויך דער טייטש, „ותשחת הארץ״ זיי טוען אַלעס בייז, און זאָגען גאָר, „לפני האלקים״ אַז זיי טוען דאָס לשם שמים, ביז עס קומט דערצו אַז „ותמלא הארץ חמס״, און אַלץ זאָגט ער אַז דאָס איז „לשם שמים״...

946

א מגיד האָט געזאָגט, „פעמון זהב ורמון״ (תצוה) דאָס רוב מענטשען אַז זיי ווערין רייך קלינגען זיי מיט זייער רייכקייט, דאָס הייסט דער „פעמון זהב״ דאָס גאָלדענע גלעקעל דאָס זענען די גבירים, זאָגט אָבער די תורה, פאַר דיר גביר איז אַ מורא, פאַר דעם „וישמן ישורון ויבעט״ דעריבער דאַרף זיין „ורמון״ דער רמון ווייזט אויף מצות, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען אין סוף חגיגה... „אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון״ דאָס מיינט מען, „פעמון זהב ורמון״...

947

א מגיד האָט געזאָגט אין אַ הספד אויף איינעם וואָס איז פלוצלינג געשטאָרבען, „אל תבכו למת בכו בכה להולך״ (ירמיה כ״ב) ער הייבט אָן „אל תבכו״, נאָכהער „בכו בכה״ איז עס דאָך אַ סתירה ? נאָר אַז איינער שטאַרבט ווי געוועהנליך ער קרענקט פריהער, איז ניט אַזוי ווייטאָג, אָבער דער וואָס געהט און גאָס אין שטאַרבט פלוצלינג, דאָס איז מעהר שרייענדיג, „אל תבכו״ ווען „למת״ דער וואָס שטאַרבט געוועהנליך, אָבער בכו בכה״ להולך, ווײנט אַ סאַך אויף דעם וואָס איז געגאַנגען מיט צ פאַר מינוט פריהער אַ געזונטער...

948

**א** רבי האָט געטייטשט „אם כסף תלוה את עמי את העני עמך" (משפטים) אויב די וועסט העלפצן דעם אָרימאַן די וועסט איהם לייען געלד, זאָלסט די וויסען, „את העני" דער וואָס איז שטענדיג מיט דעם אָרימאַן, דאָס איז דער אייבערשטער אזוי ווי עס שטייט, „כי יעמוד לימין אביון" דער אייבערשטער שטעהט אין דער רעכטער זייט צום אָרימאַן, „עמך" וועט זיין שטענדיג מיט דיר – דיר אַרויס צו העלפין אין אַ עת צרה...

949

**א** גאון האָט געטייטשט, „ויקרבו ימי דוד למות. ויצו את שלמה בנו לאמור אנכי הולך בדרך כל הארץ, וחזקת והיית לאיש", די חז"ל זאָגען אז דאָס וואָרט „לאמור" מאַכט לא – אמור – זאָג דאָס ניט (פסחים מ"ב) „ויצו את שלמה בנו" ער האָט געלאָזט אַ צוואה זיין זון שלמה, „לאמור" אז די זאָלסט ניט זאָגען דאָס „אנכי הולך בדרך כל הארץ" אז איך וויל גיין אין דעם וועג פון די היינטיגע יוגענד, אין זייערע מנהגים אז די ווילסט מיט גיין מיט'ן שטראָם, ניט געגען שטראָם, זאָג איך דיר אז „וחזקת והיית לאיש" שטאַרק זיך און זיי אַ מענטש ווייל דער שטייגער איז לעבעדיגער פיש געהט געגען שטראָם, אַ טויטער גייט מיט'ן שטראָם און די חז"ל זאָגען, „ישראל נמשלו לדגים"...

950

**ר'** משה'לי קאָזעניצער ז"ל האָט געטייטשט, „וירא את ענינו זו פרישות דרך דרך ארץ" (יומא צ"ד) „ענינו" דאָס אָרימקייט דער „עני בדעת" (נדרים מ"א) נעמט זיך פון „פרישות דרך ארץ" ווייל „דרך ארץ קדמה לתורה" אָן דרך ארץ קען מען ניט קריגען דעם דעת התורה הייסט מען אַ עני, ווייל די חז"ל זאָגען „מאי עניות דתורה" (קידושין מ"ט).

# דער יודישער אוצר

## ניינטער העפט.

951

א גאון האָט געטייטשט, „ולא ירע לבבך בתתך לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳״ — אז איינער פערלירט הונדערט זלאָטעס, און נאכהער געפינט ער א מציאה 200 זלאָטעס, דאָך איז ער ניט און גאנצען געטרייסט, ווייל ער וואָלט דאָך איצטער געהאט דריי הונדערט, ווען ער פערלירט ניט. ווי איז אָבער אז איינער האָט געפיהרט 10 זעק ווייץ, און די ווייץ האָט זיך אויסגעשיט פאָהרענדיג אויפ׳ן פעלד זייגעם, און ער קומט א היים אָהן די ווייץ, אין א יאהר ארום קומט ער צוריק אויף יענעם וועג זעהט ער ווי אויף זיין אייגען פעלד, וואו ער איז געפאָהרען איז אָנגעוואקסען א פעלד ווייץ, קען ער דאָך שוין ניט זאָגען אז ווען ער וואָלט ניט פערלוירען די זעק ווייץ, וואָלט ער איצט געהאט מעהר, אזוי אויך זאָל דער מענטש ניט זאָגען אז ווען ער זאָל ניט געבען צדקה, וואָלט ער געהאט מעהר, ניין, „ולא ירע לבבך בתתך לו״ עס זאָל דיר ניט פארדריסען ווען די גיסט צדקה, חייל „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳״ צוליעב דער זאך טאקע וואָס די גיסט צדקה בענטשט דיך דער אייבערשטער, דאָס איז גלייך צו פארזייאונג, אזוי ווי עס שטייט „וזרעו לכם לצדקה״ (הושע י׳) עס וואקסט דערפון א סאך לעולם הבא, און א ברכה בעולם הזה: דארף דיך ניט פארדריסען, אדרבה, די דארפסט נאך זיין צופרידען...

952

דער גאון ר׳ מאיר שמחה ז״ל, דווינסקער רב האָט געזאָגט אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגען „חבר שמת אשתו ובניו ובני ביתו הרי הן בחזקתן״ (ע״ז ל״ט) פונוואנען איז דאָס די ראיה אז אויך די שטוב מענטשען זענען „בחזקת חבר״? נאָר דאָס איז א בפירושער פסוק ביי אברהם אבינו „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו — ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט״ (וירא) און די חז״ל זאָגען „ביתו זו אשתו״ (יומא ב׳, זעה אויך תוס׳ ברכות כ״ד) אז זיי זענען

אויך בכלל „ושמרו" און עס שטייט דאך „אחריו" אפילו נאך די פטירה וועט זיין „ושמרו"...

953

א גיטער יוד האט געזאגט דעם פשט פון דעם פסוק „וישא העם את בצקו טרם יחמץ משארותם צרורות בשמלותם על שכמם", (בא) פאר פסח רוימט מען, מען וואשט, און מען קראצט, עס זאל קיין משהו חמץ ניט בלייבען, און דעם אמת'ן חמץ, דער „יצר הרע" דאס ווארפט מען ניט אוועק, — „וישא העם את בצקו טרם יחמץ" מען טראגט אוועק אזעלכע חמץ וועלכע עס איז נאך ניט אפילו קיין חמץ געווארען, אבער, „משארותם" זייער אייגענעם שטענדיגען „שאור שבעיסה" דאס איז דער יצר הרע (זעה ברכות י"ז, „שאור שבעיסה מעכב"), די שאור איז „צרורות בשמלותם" איינגעבינדען אין זייערע קליידער, די חצופה קליידער פון דעם היינטיגען דור, „על שכמם" וועלכע גרייכט ביז צום אקסיל...

954

א גיטער יוד האט געזאגט פסח ביי נאכט, „קדש" אז די ווילסט זיין א קדוש א הייליגער מאן, „ורחץ" וואש די הענד, רייניג זיי פון גזילה, גיב צדקה, ווייל „כרפס" עס איז דא ארימעלייט וואס האבען ניט מער ווי א שטיקעל קארטאפעל מיט געזאלצענע וואסער, אויף פסח, „יחץ" זאלסט זיך טיילען מיט דעם ארימאן, דאן „מגיד" קענסטו זאגען נאכהער „כל דיכפין ייתי ויכול" „רחצה" מיט א ברכה, קענסט שוין נאכהער זאגען „שאו ידיכם קודש"...

955

א מחבר האט געברענגט זיין חיבור אויף א הסכמה צו א גאון, רופט ער זיך אן צום מחבר, — נאכ'ן א דורך קוקען דאס חיבור, וואס איז איהם גאר ניט געפאלען, — דיין חיבור איז „הפלא ופלא" איינמאל איז א פלא, ווי אזוי מען מאכט פון סמאטעס פאפיער, נאך א פלא איז, ווי אזוי דיא האסט געמאכט פון דעם פאפיער צוריק סמאטעס... (ענדליך זעה נומער 701)

956

דער גערער רבי שליט"א האט געזאגט א ראיה אז די תכנה פון די מצוה איז גרעסער ווי די מצוה אליין, ווייל די חז"ל זאגען, אז די לווים האבען זיך אפלערענט זייער עבודה 5 יאהר ווייל „תלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו בה'

שנים שוב אינו רואה" (חולין כ"ד, ומובא ברש"י בהעלותך ח' כ"ד) פארוואס האבען די כהנים זיך ניט געלערינט אויף די הקטרה 5 יאהר, וועלכעס איז געווען מעהר עבודה? איז א ראיה דערפון אז די הכנה פון א מצוה איז גרעסער ווי די מצוה אליין די לוויים האבען דאך נאר געמאכט א הכנה צו די עבודה דעריבער איז דאס גרעסער ווי די עבודה אליין...

## 957

צום לובלינער רב ז"ל ר' זלמן אשכנזי זענען געקומען 2 בעלי־דינים, וואס איינער איז געווען א גלער, האט יענער בעל־דין געזאגט צום גלען בעל־דין א גלער איז א גנב, (זעה אין ספר התשבי אות צ') מיט דעם ווארט האט ער פגם געווען אין כבוד פון רב, ווייל דער רב איז אויך געווען א גלער, רופט זיך אן דער רב, פערצייטענ'ס איז דאס רוב מענטשען געווען ערליכע לייט האט מען געמאכט א סימן אויף דעם מינדערהייט ניט ערליכע, אז זיי זאלען זיין געלע, וועט מען וויסען אז דאס זענען די גנבים, (זעה חולין ס"ג, אז מען ציילט דעם מינדערהייט), אבער היינטיגע צייט אז מעהרסטענ'ס זענען גנבים, מאכט מען דעם סימן אויף דעם מינדערהייט ערליכע לייט אז זיי זאלען זיין דיא געלע...

## 958

א רבי האט א מאל געהאט א חסיד וואס איז נאכהער אליין געווארען רבי, ווייל ער איז געווען א גרויסער צדיק און א עובד ד', האט א חסיד פון א צווייטען רבי'ן, געפרעגט זיין רבי'ן, פארוואס האט איהר ניט אזא חסיד ווי יענער רבי, חאטשע איהר האט א גרעסערען עולם חסידים, — האט ער געענטפערט: מיר געפינען אז ר' פנחס בן יאיר'ס אייזיל האט ניט געגעסין פון קיין איהם געמעשר'טע זאך, און ביי די קעמלען פון אברהם אבינו שטייט אז ער האט זיי געמוזט שליסען די מאלער אז זיי זאלין זיך ניט פאשען אין פרעמדע פעלדער, אייגענטליך איז דען אברהם אבינו ניט אזוי גרויס געווען ווי ר' פנחס בן יאיר, אז זיינע קעמלען זאלען אליין ניט וועלין עסין, פון גזל. נאר דער תירוץ איז ר' פנחס בן יאיר האט געהאט נאר איין אייזיל, האט ער עם געקענט אויסארבייטין, אבער אברהם האט געהאט אסאך קעמלען...

## 959

דער ווילנער גאון ז"ל האט געזאגט א ראיה צום מאמר חז"ל, אז „לעתיד לבא הכל יתרפאו חוץ מנחש" (מדרש בראשית פרשה כ"ב) ווען משיח וועט קומען וועלין אלע געהיילט ווערין חוץ דער מחש (שלאנג) דען ביים נחש

שטעהט „ועפר תאכל כל ימי חייך" און די חז"ל זאָגען „כל ימי חייך להביא לימות המשיח" (ברכות י"ב).

960

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט פערענטפערט דעם שווערין מאמר חז"ל, אויף דעם פסוק „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ד' רופאיך" אַז די רפואה איז באַשאַפין געוואָרען פאַר די מכה, אייגענטליך וואָס איז מיר דאָס אַ נפקא מיני'? נאָר דער דין איז אַ „קרום שעלה מחמת מכה אינו קרום, הייסט דאָס יאָ אַ מכה, אָבער אַ „סתימה מעיקרא" איז כשר הייסט ניט קיין מכה, דאָס איז די נפקא מיני', אויב די רפואה איז פאַר די מכה, איז דאָס אַ „סתימה מעיקרא", איז דאָס גאָר ניט קיין מכה...

961

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט ר' אשי וואָס זאָגט „אגרא דבי הלולא מילי" (ברכות ו') גייט לשיטתו, וואָס זאָגט, אַז מען טאָר ניט הולען אויף אַ חתונה (ברכות ל"א) דרום זאָגט ער, אַז מען דאַרף משמח זיין דעם חתן מיט רייד...

962

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט דאָס וואָס ר' פפא זאָגט „אגרא דבי טמיא שתיקותא" דער שכר וואָס מען קומט מנחם אבל זיין איז דאָס שווייגען (ברכות ו') ווייל ר' פפא איז געוואָהנט געווען צו רעדין אַ סאַך פאַר זיינע רבי'ס, (נדה כ"ג) דרום האָט ער געזאָגט אַז ביי אַ אבל דאַרף מען שווייגען...

963

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס ר' ששת זאָגט „אגרא דהספידא דלויי" (ברכות ו') אַז דער שכר פון אַ הספד איז דאָס הויכע קויל, ווייל ר' ששת איז געווען אַ סגי נהור האָט ער דאָך ניט געזעהען דאָס געוויין, נאָר ער האָט מרגיש געוועזן פון קול פון די יללות, דרום איז דער שכר פון הספד דאָס הויכע קול כדי אַז אפילו אַ בלינדער זאָל אויך ווייגען...

964

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס אביי האָט געזאָגט,

„אגרא דכלה דוחקא״ (ברכות ו׳), ווייל די גמרא זאגט „אביי חש בהדרוקן״ (שבת ל״ב) פונדעסטוועגען איז ער געזעסען אין ענגשאפט אין די ישיבה, דרום האט ער געזאגט „אגרא דכלה דוחקא״...

## 965

ר׳ יאשע דענעבורגער ז״ל האט געזאגט אויף דעם וואס ר׳ זירא האט געזאגט אגרא דפרקא רהטא״ (ברכות ו׳) וואטשע ר׳ זירא איז געווען א „קטינא חריך שקי״ (ב״מ פ״ה) איז דאך איהם געווען שווער צו גיין, דאך איז ער נעלאפען צו די דרשה מקבל צו זיין שכר דרום האט ער געזאגט „אגרא דפרקא רהטא״...

## 966

ר׳ יאשע דענעבורגער ז״ל האט געזאגט אויף דעם וואס רבא האט געזאגט „אגרא דשמעתא סברא״ (ברכות ק׳) ווייל רבא איז געווען א „עמקן בסברא״ אזוי ווייט אז ער האט ניט מרגיש געווען אז עס רינט עם בלוט פון די פינגער (שבת פ״ח) דרום האט ער געזאגט „אגרא דשמעתא סברא״...

## 967

ר׳ יאשע דענעבורגער ז״ל האט געזאגט אויף דעם וואס מר זוטרא האט געזאגט „אגרא דתעניתא צדקתא״ (ברכות ו׳) ווייל ער איז ניט געווען קיין עסער (זעה ברכות נ׳ און ב״מ כ״ב) עס האט איהם סיי ווי ניט געאהרט דער תענית דרום האט ער געזאגט „אגרא דתעניתא צדקתא״, — און עס איז דא א גירסא אז ר׳ ששת האט דאס געזאגט, איז אויך ריכטיג, ווייל ר׳ ששת איז געווען א איסטניס (פסחים ק״ח) איז איהם ניט שווער געווען דער תענית...

## 963

א גאון האט געזאגט דאס וואס די וועלט זאגט א ווערטיל, — וואס עס איז דיר באשערט דאס וועט ניט אוועק קומען, — דאס איז א גמרא מפורשת „אי חזאי לך לא אזלי מינך״ (מו״ק י״ח)...

## 969

א גאון האט געזאגט אויף דעם וואס די מפורשים פרעגען וואס שטייט אין פרשת בא „כשלחו כלה גרש יגרש אתכם מזה״ — וואס עפיס א טאפעלט

לשון, „גרש יגרש״? נאָר מען מיינט אַזוי ווי אַ גרושה ממש איז דאָך „משולחת ואינה חוזרת״ אַזוי וועלין זיי אויך ניט טאָרען צוריק קערין זיך קיין מצרים אַזוי ווי די תורה זאָגט „לא תוסיפו לראותה״...

## 970

די חז״ל זאָגען וועמ׳ הייסט אַ עושר „השמח בחלקו״ (אבות פ״ד), ר׳ מאיר זאָגט „כל שיש לו נחת רוח בעשרו״ (שבת כ״ה) ווייל ר׳ מאיר איז געווען אַ סופר (עירובין י״ג) אין סופרים זעגען דאָך אָרימעלייט, (פסחים נ׳), און אויב זיי טוען לשמה זעהען זיי אַ סימן ברכה אין זייער אַרבייט, דרום האָט ער געזאָגט „כל שיש לו נחת רוח בעש״ו״ דאָס הייסט אַז ער טוט „לשמה״. — ר׳ טרפון וואָס איז געוועזן אַ עושר, (נדרים ס״ב) דרום זאָגט ער „איזהו עשיר כל שיש לו ק׳ שדות״ — ר׳ עקיבא וואָס האָט געהאַט רדיפות פון שווער זיינעם (כתובות ס״ב) דרום זאָגט ער „כל שיש לו אשה נאה במעשים״ אַזוי ווי זיין ווייב, — ר׳ יוסי איז געווען אַ חולי מעיים (ע״ז מ׳) דרום זאָגט ער כל שיש לו בית הכסא סמוך לשלחנו...

## 971

די חז״ל זאָגען „כל ימי חייך להביא לימות המשיח״ (ברכות י״ב) האָט ר׳ אברהם ז״ל פון טשעכענאָוו געזאָגט דעם טייטש, אַלע דיינע שטרעבונג אין דיין גאַנצען לעבען דאַרפסטו נאָר זיין „להביא לימות המשיח״...

## 972

דער גאון ר׳ יהושע בעלזער ז״ל האָט געזאָגט, פאַר וואָס איז די אכילה פון ערב יום כיפור אַ מצוה, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען, „כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי״ (ברכות ח׳) ווייל דער דין איז אַ בהמה וואָס האָט געגעסין שטענדיג נאָר „מאכלות אסורות״ טאָר מען איהר ניט עסין, (זעה יורה דיעה סימן ס׳). דרום, טאָמער זענען מיר אויך נכשל געוואָרען חס ושלום, אַ גאַנץ יאָהר מיט מאכלות אסורות, אָדער די אכילה איז נאָר געווען לשם תאוה, הייסט דאָך דאָס אויך מאכלות אסורות, וועט דאָך דאָס פאַסטין ניט עולה זיין לגבוה, ווייל דאָס פאַסטען הייסט דאָך „כאילו נתמעט חלבו ודמו״ (ברכות י״ז) אַזוי ווי אַ קרבן, איז דאָך דאָס ניט „מן המותר לישראל״ (מנחות ו׳) דעריבער האָט מען געמאַכט די אַכילה פון ערב יום כפור פאַר אַ מצוה, וועט דער תענית שוין גיט זיין — דעריבער הייסט דאָס „כאילו התענה תשיעי ועשירי״ ווייל דורך דעם ערב יום כיפור וואָס די אכילה איז אַ מצוה, מאַכט דאָס אַז דער תענית זאָל זיין אַ גיטער...

## 973

דער „חתם סופר" ז"ל זעהענדיג וויא דער גאנצער עולם בלייבט איבער יום כיפור ביינאכט נאך מעריב א גאנצע נאכט אין בית המדרש און מען זאגט תהלים און מען לערינט, האט ער געזאגט יעצט איז מיר רעכט דער טייטש אין די גמרא „מה לו לאב שהגלה את בניו" (ברכות ג') וואס פעהלט דען דעם טאטין אין הימעל מיט דעם וואס ער האט פערטריבען די יודען אין גלות וויל אפילו אין גלות דינבען זיי עם, זיי דאווענען און לערנען, נאר „אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם"...

## 974

א מגיד איז א מאל געקומען קיין סלאנים האלטען א דרשה, האט איהם ר' אייזיק'ל סלאנימער ז"ל ניט געוואלט געבען קיין רשות צו זאגען. דערקענענדיג אין איהם אז ער איז א קנאפער יראת-שמים, האבען די בעלי בתים איהם געפרעגט, היתכן ? אז ער איז א מגיד, מסתם איז ער דאך א ירא שמים, טא פארוואס לאזט איהר איהם ניט זאגען, — האט ר' אייזיק'ל ז"ל געענטפערט ; עס איז גאר קיין ראי' נישט, וויל אויפ'ן פסוק „ויאמר ליוסף הנה אביך חולה" (ויחי) זאגט רש"י „אחד מן המגידים" ווי קומען אידישע מגידים אין מצרים ? איז דאך א ראיה דערפון, אז עס קען זיין א מגיד, א פושע ישראל — א גוי...

## 975

ר' מענדעלע פילצער ז"ל האט געזאגט א ראיה אז די הכנה פון די מצוה איז גרעסער ווי די מצוה אליין, וויל „הטבת המנורה" איז „פסול" דורך א „זר", און „הדלקת המנורה" איז „כשר בזר" (רמב"ם ה' ביאת מקדש פ"ט ה"ז) זעהען מיר אז די הכנה איז גרעסער ווי די מצוה זעלבסט...

## 976

דער גערער רבי שליט"א האט געזאגט, אויף דעם וואס דער בעל הטורים זאגט אין פרשת „וישב" אויף דעם ווארט „בן זקנים" אז זקנים לייגט זיך אויס די ראשי תיבות זרעים, קדשים, נשים, ישועות (דאס איז נזיקין, זה שבת ל') מועד, דאס האט יעקב געלערינט מיט יוסף'ן, אייגענטליך פארוואס ניט קיין „טהרות" ? איז דער תירוץ, אז טהרות מוז מען אליין לערנען דאס קען מען ניט מיט יענעם לערנען און „הבא לטהר מסייעין אותו" (שבת ק"ד, יומא ל"ח)...

## 977

**א** רבי האָט אַמאָל געפרעגט אַ חסיד, זיצענדיג ביי די שבת'דיגע סעודה ביים טיש, צו ער האָט שוין געגעסין האָט איהם געענטפערט דער חסיד, איך בין נישט אַ הער געקומען עסין, האָט דער רבי געזאָגט צו איהם, און אַ שמייכעל: די נשמה קומט אויך נישט אַ הער אויף די וועלט עסין, פונדעסטוועגין אַז מען גיט איהר נישט קיין עסין אַנטלויפט זי אַוועק...

## 978

**ר**' ישראל סאלאנטער ז"ל איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר נאָך מעות-חטים, דער גביר איז במשך פונ'ם יאָהר שטאַרק רייך געוואָרען, דאָך האָט ער איהם ניט געוואָלט געבין קיין גרעסערע נדבה, ווי מיט אַ יאָהר פריהער — רופט זיך אָן ר' ישראל סאלאנטער ז"ל — יעצט פערשטיי איך דעם פשט, „הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד" (תהלים) פאַראַן אַזעלכע גבירים וואָס כאָטש דער „הון ועושר" וואַקסט ביי זיי, פונדעסטוועגען „וצדקתו עומדת לעד" די צדקה זייערע שטעהט אַלץ אויפ'ן זעלבען אָרט...

## 979

**ד**ער קאָזעניצער מגיד ז"ל פלעגט זאָגען אויף די וואָס פאַסטען אַסאַך תעניתים, עס איז גלייכער נישט צו פאַסטען, און אָבצונאַרען מענטשען אַז ער פאַסט יאָ, איידער יאָ צו פאַסטען, און זיך אַליין אָבצונאַרען...

## 980

**א** גאון האָט געזאָגט — אויף דעם פסוק „לא תקח שוחד" (שופטים) זאָגט די גמרא „מאי שוחד שהוא חד" (כתובות ק"ה) איז דער פשט, — לויט ווי די חז"ל זאָגען „הדן דין אמת לאמיתו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית" (שבת י') אָבער אַז ער נעמט שוחד איז ער דאָך ניט קיין שותף, בלייבט ער דאָך איינער אַליין, ניט מיט קיין שותף — דאָס איז דער מיינונג „שהוא חד" ער בלייבט נאָר איינער...

## 981

**א** גאון האָט געזאָגט, „כי כעס בחיק כסילים ינוח" (קהלת ז') אַז אַ חכם איז אין כעס, האָט ער דער נאָך חרטה, אָבער אַ כסיל נאָכ'ן כעס באַרוהיגט ער זיך, און האָט מנוחה דערפון דאָס מיינט מען „ינוח" נאָכ'ן כעס האָט ער מנוחה.

## 982

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, אַז דעריבער שטייט ביי יעדערין נשיא באַזונדער „זה קרבן" ווייל איין נשיא האָט ניט נאָכגעטוען דעם אַנדערין, נאָר יעדער נשיא האָט געהאַט זיין אייגענעם רצון...

## 983

דער רבי ר' יצחק פון באיאן ז"ל דעם סאדיגורער רבינ'ס אַ זון, האָט געטייטש, „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" (סוטה ב') דער אייבערשטער וויל געבין יודען כל טוב, נאָר מען דאַרף צו זיין ראוי, מקבל צו זיין, — „קשין" ס'איז קשה פאַר דעם אייבערשטין, וואָס „מזונותיו של אדם" זענען „כקריעת ים סוף" ווייל דער אייבערשטער וויל אַז יודען זאָל'ן זוכה זיין, און זיי זאָלין האָבען פרנסה בריוות...

## 984

ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט, די גמרא זאָגט ר' ישמעאל קרא והטה" (שבת י"ב), דעריבער האָט דער זעלבער ר' ישמעאל געזאָגט „אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום שודאי עשה תשובה" (ברכות י"ט) געמיינט אויף זיך, ווייל „והטה" איז דאָך געווען ביי נאַכט...

## 985

דער גאון ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס תוספות פרעגט אין (סנהדרין דף פ"ט) וויא געפינט זיך אַ אזהרה אַז „הכובש נבואתו לוקה"? אַז דאָס איז אַ בפירושער פסוק ביי בלעם „את אשר ישים ד' בפי אותו אשמור לדבר" (בלק) און די חז"ל זאָגען דאָך „כל מקום שנאמר השמר אינו אלא לא תעשה" (מכות י"ג)...

## 986

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געטייטשט, „ויבא הביתה לעשות מלאכתו" זאָגט רש"י „שנראה לו דמות דיוקנו של אביו" פריהער איז דאָך יוסף געווען אַ מסלסל בשערו, דאָס האָט פרעה געזאָגט „הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו" אַזאַ מענטש וואָס איז מסלסל בשערו און דאָך איז דאָ אין איהם אַ „רוח אלקים" דאָס איז זייער אַ וואונדער, ווי יוסף האָט געזעהען אַז דאָס האָט גורם געווען צו דעם, אַז פוטיפר'ס ווייב זאָל זיך טשעפען אין איהם, „נראה לו דמות

דיוקנו של אביו״ איז איהם געפעלען געוואָרין דעם פאָטער׳ס גאַנג, דעם חסידישען גאַנג, ניט צו זיין אַ „מסלסל בשערו״ דורך דעם וועט ממילא ניט צו קומען צו קיין שום זאַך...

987

ר׳ אייזיל סלאָנימער ז״ל האָט געזאָגט „אם ראית ת״ח שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום שודאי עשה תשובה״, (ברכות י״ט) מן הסתם האָט ער געשריבען אַ תשובה להלכה, אַז ער מעג דאָס טוען, עס איז געווען געוויס אויף אַזאַ אויפן וואָס מען מעג דאָס...

988

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטשט דעם פסוק „לך נא ראה את שלום אחיך״ (וישב) „שלום״ איז טייטש גאַנצקייט, שלימות, יעקב האָט געזאָגט צו יוסף׳ן, די זאָלסט ניט זעהען אויף זיי קיין שלעכט׳ס, נאָר בלויז די גוטע מדות, וואָס איז דאָ אין זיי, דאָס וועט פויעלען אַז די וועסט ניט אויף זיי רעדין קיין שלעכט׳ס...

989

ר׳ פנחס׳ל קאָריצער ז״ל האָט געטייטשט „את קרבני לחמי לאשי״ (פנחס) דער אייבערשטער זאָגט „את קרבני״ מיין עיקר קרבן איז „לחמי לאשי״ אַז מיין ברויט זאָלט איהר געבין צו מייגע מענטשען, צדקה טוהן...

990

צום בריסקער רב זענען אַמאָל געקומען די אָרימעלייט פון שטאָדט, אין אַ הונגער יאָהר און איהם דערציילט, אַז דער פרנס פון שטאָדט, איז אַ גרויסער רשע, און וויל ניט געבין אַ גראָשען פון די קהלה, מיט זאָלין האָבען, זיך צו שטילען דעם הונגער, האָט דער בריסקער רב, געשיקט נאָך דעם פרנס, און ער האָט געזאָגט די חז״ל דערצעהלען (אין בבא בתרא ח׳) אַז אין אַ הונגער יאָהר איז אייגער יונתן בן עמרם געקומען צו רבי, און געבעטין „רבי פרנסני״ גיב מיר עסין, פרעגט ער איהם די קאָנסט עפיס לערנין, זאָגט ער ניין, אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל איך דיר געבין עסין, האָט איהם יענער געענטפערט : „פרנסני ככלב וכעורב״ אייגענטליך פאַרוואָס האָט איהם רבי פריער ניט געוואָלט געבין צו עסין, מיר ווייסען דאָך „אין בודקין למזונות״ ? נאָר לעולם האָט מען אַלע געגעבין צו עסין, נאָר כדי די תלמידי חכמים זאָלען ניט דאַרפען שטיין אין

איין רייהע מיט די עמי הארצים נאָך שטיצע, האָט מען געמאַכט אַז מיט די תלמידי חכמים זאָל זיך רבי אַליין בעשעפטיגען, און מיט די עמי הארצים, זאָלין זיך פערנעמען די פרנסים, אַז יונתן בן עמרם, איז געקומען צו רבי, האָט ער געוואָלט וויסען צו וועלכע כתה ער געהער און אַז ער האָט געענטפערט אַז ער קען ניט לערנען, האָט רבי געזאָגט: „במה אפרנסך" די געהערסט דאָך גאָר צו די פרנסים ניט צו מיר, האָט יונתן געענטפערט „פרנסני ככלב" איין פרנס איז אַ גרויסער כלב ער גיט ניט קיין גראָשען...

## 991

די חז"ל זאָגען אויף דעם כלי זמר וואָס הייסט „נבל" אַז דעריבער הייסט ער „נבל" שמנבל אחרים בנגינתו" אויב אַזוי האָט עס דאָך געדאַרפט הייסען „מנבל" האָט דער „חידושי הרי"ם" ז"ל דערויף געענטפערט, אַז דער וואָס איז מנבל אַנדערע, איז אַליין אַ „נבל"...

## 992

א קלוגער רב האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ חברה משכילים, אַ פרומען יוד קען אַ מאָל טרעפין, ער זאָל עסין פאַר'ן דאַווגען, אָבער אייך קען דאָס קיינמאָל ניט טרעפין, אַז איהר זאָלט עסין פאַר'ן דאַווגען ווייל איהר דאַוונט דאָך ניט...

## 993

א מגיד האָט געזאָגט אַז דערום מאַכט מען יום כיפור ביינאַכט אַ „שהחיינו" ווייל עס קומען דאַמאָלט די ספּעציעלע יום כיפור יודלעך וועלכעס אַ גאַנץ יאָהר זעהט מען זיי נישט, אין שוהל, אָדער אין בית־המדרש, און זיי באַווייזען זיך נאָר איינמאָל אין יאָהר...

## 994

ווען דער „נודע ביהודה" האָט געוואָלט ווערין פּראָגער רב, האָט קאַנדידירט אויף דעם רבנות אויך ר' זרח איידליץ, די לומדים האָבען געהאַלטען פאַר ר' זרח, און דער המון האָט געהאַלטען פאַר'ן „נודע ביהודה" ווען ער איז געוואָרען רב, האָט ער מקרב געווען די לומדים, האָבען די פּראָסטע איהם געפרעגט היתכן? מיר האָבען פאַר אייך געאַרבייט ווען איהר אונז מרחק, און זיי די שונאים אייערע ווען איהר מקרב? האָט ער געענטפערט? משה רבינו האָט געזאָגט „לא חמור אחד מהם נשאתי" קיין איינציג קאָפּ פון זיי האָב איך

נישט דערהויבען, האָטשע ער איז געוועזן פון מיינע אָנהענגער, ולא הרעותי את אחד מהם״ (קרח) און דעם „אחד מהם״ דעם חשוב, (זעה מגילה כ״ז) האָב איך קיין שלעכטס נישט געטוהן, האָטשע ער איז געוועזן פון מיינע מתנגדים, ווייל דער אדם חשוב בלייבט אַ אדם חשוב, און דער אייזעל קאָפּ בלייבט אַ אייזעל...

995

דוד המלך האָט געזאָגט „אני עבדך בן אמתך (תהלים) נאָך וואָס האָט ער זיך מייחס געווען נאָך אַ נקיבה ? האָט אַ גאון געזאָגט: דוד המלך האָט אַזוי געזאָגט, האָטשע איך קום דאָך אַרויס פון רות המואביה, פון דעסטוועגען בין איך ניט פסול לבא בקהל, ווייל „מואבי ולא מואבית״ (יבמות ס״ט)...

996

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געזאָגט, „הבל הבלים אמר קהלת״ דורך די קהלה, וואָס יודען קומען זיך צוזאַמען, ווערט נתגלה אַז די גאַנצע וועלט איז נאַרישקייטען...

997

אַ מגיד האָט אַ מאָל געזאָגט אין די דרשה, – נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעמוסר׳ט דעם גאַנצען עולם, – איהר זאָלט נישט מיינען אַז איך זאָג מוסר בלויז פאַר אייך, באמת זאָג איך דאָס אַלעס פאַר מיר זעלבסט, נאָר אַזוי ווי איך וויס דאָך אַז איהר זענט אויך ניט בעסער פון מיר, זאָג איך מיר דעם מוסר אויפ׳ן קול, כדי איהר זאָלט אונאַייבערוועגס אויך הערין...

998

אַ גאון איז אַ מאָל נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה פון אַ גרוסען מלוכה מאַן, דער גאון איז געווען אַ כהן, אַדורכפאָרענדיג דורך דעם יודישען בית עולם, האָט דער גאון אויסגעמיטען, און איז געגאַנגען אַרום און אַרום, ביז ער איז צו געקומען צום קריסטליכען בית הקברות, און האָט בייגעוואוינט די קבורה, – איינער פון די מיניסטאָרען, מיט וועלכען ער איז פערזענליך בעקאַנט געווען, האָט איהם אַ פרעג געטוהן, פאַרוואָס האָט איהר אויסגעמיטען דעם יודישען בית עולם ? האָט ער געענטפערט, ווייל איך בין אַ כהן, און אַ כהן טאָר נישט געהן אויפ׳ן בית הקברות, – טאָ פאַרוואָס זענט איהר דאָ אויפ׳ן קריסטליכען בית הקברות יאָ געקומען, פרעגט ער איהם צוריק – האָט דער גאון איהם

געענטפערט – אייער רבי האָט אייך ערקלערט אז ער וועט נישט שטאַרבען און אז אלע וואָס גלויבען אין איהם שטאַרבען נישט, – ווענען דעריבער זייערע קברים נישט מטמא... אָבער אונזער רבי „משה" האָט געזאָגט בפירוש אַרויס אז ער וועט שטאַרבען און מיר יודען שטאַרבען אויך, דערפאַר ווענען די יודישע קברים יאָ מטמא...

## 999

דער מלבי"ם זאָגט אז דרום זאָגען די חז"ל „כל האוכל ושותה בתשיעי כאלו התענה תשיעי ועשירי" (ברכות ח') ווייל עסין לשם שמים איז שווערער ווי צו פאַסטען לשם שמים, דערפאַר איז די אכילה גרעסער, און טאָפּעלט ווי אַ תענית...

## 1000

א גביר האָט געזאָגט צו ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל, איהר זעהט אז אַ גביר איז גרעסער ווי אַ רב, ווייל די רבנים קומען צו די גבירים נאָך געלד, אָבער די גבירים קומען נים צו די רבנים; האָט ר' אייזיל געענטפערט: געהט דען דער קראַנקער צום דאָקטער נאָר דער דאָקטאָר געהט צום קראַנקען...

## 1001

א קלוגער רב האָט אַ מאָהל געזאָגט צו אַ שאַרפזיניגען סוחר, וואָס פלעגט מסחר'ן מיט פערשידענע קאָמבינאַציעס און האָט דעם גאַנצען חוש אריינגעלעהגט אין מסחר, זעה דעם חילוק פון דיר ביז אדם הראשון, אדם הראשון האָט געגעסין פון עץ הדעת כדי צו קריגען דעת, און די גיסט אוועק דעם גאַנצען דעת כדי צו קריגען עסין...

## 1002

מ' האָט געפרעגט אַ שאלה דעם „כתב סופר" צו עס איז גלייך צו וואַרטען מיט דעם ברית מילה אויף אַ אדם השוב בכדי איהם מכבד צו זיין מיט סנדקאות, חאָטשע דורך דעם וועט אויסקומען דער ברית זייער שפעט, ווייל דער אדם חשוב, איז אַ רבי וועלכער ער דאַווענט שפעט, און ווערט פערטיג שפעט, צו מעג מען צוליעב איהם עובר זיין אויף „זריזין מקדימין למצות" (פסחים ד')? האָט ער געענטפערט: די חז"ל זאָגען, ווער האָט מל'ע געווען די ששים רבוא יודען? „משה מוהל ואהרן פורע ויהושע משקה" (מ'רבה נשא פי"א) אייגענטליך, אז זיי אליין זאָלען מל'ע זיין, „ששים רבוא" האָט דאָך

גדויערט לאַנג, האָט מען דאָך געקענט נעמען צו הילף דעם שבט לוי וואָס זיי זענען געווען גע׳מל׳עט אין מצרים, האָבען זיי דאָך שוין געמעגט מל׳ע זיין, (זעה ע״ן כ״ו המל ימול) וואָלט דאָך די מצוה געווען בזריזות? אין דאָך א ראיה, אז עס איז גלייכער צו וואַרטען, אבי די מצוה זאָל ווערין געטוהן דורך אַ אדם חשוב...

## 1003

אין פוזנא איז געשטאָרבען אַ פראָצענטניק אַ גרויסער קאַרגער, האָבען די חברה קדישא פערלאַנגט אַ סאַך קבורה געלד פון די יורשים, זענען זיי געקומען צום ר׳ עקיבא איגר ער זאָל זיי געבין אַ ערקלערונג פאַר וואָס די חברה קדישא ווילען פון זיי מעהר געלד ווי ביי אַנדערע גבירים, האָט ר׳ עקיבא איגר געענטפערט: אַנדערע ווערלין דאָך אויפשטעהען צו תחית המתים, ממילא איז דאָך דער קבר נאָר גילטיג אויף אַ קליינע צייט, קומט נישט צו נעמין אַזוי פיעל קבורה געלד, אָבער אַ פראָצענטניק וועט דאָך נישט אויף שטיין צו תחית המתים, איז דאָך זיין קבר אַנ׳אייביגער, קומט טאַקע צו באַצאָהלען אַסאַך קבורה געלד...

## 1004

דער רב ז״ל דער מחבר פון „ליקוטי תורה ותניא" איז אַ מאָל אריין געקומען צו אַ מתנגד, האָט ער דערזעהען ווי דער „מדרש פנחס" פון ר׳ פנחס׳ל קאָריצער ז״ל ליגט אונטער די שאַנק, האָט דער רב ז״ל אויף געהויבען דאָס ספר און עס אַ קוש געטאָהן, פרעגט דער מתנגד, ווער איז דער מחבר פון דעם ספר? — האָט דער רב געענטפערט: דאָס איז אַזא יוד, אז אפילו ווען איהר זאָלט איהם אליין ארונטער לייגען אונטער די שאַנק, וואָלט ער אויך געשוויגען און גאָר ניט געמאַכט דערפון קיין עסק...

## 1005

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטש, „ומשמע ודומה ומשא" (חיי שרה) אַ מענטש דאַרף הערין זיין חרפה, און שווייגען, און פאַרטראָגען...

## 1006

אַ גאון האָט געטייטשט, „אל תגזול דל כי דל הוא" זאָלסט ניט גזל׳נען דעם דל, זאָגענדיג צו אַ צווייטען וואָס וויל איהם באָרגין געלד, אז ער איז אַ דל, און וועט דיר ניט אַ וועק געבין, טאָרסט די ניט, אויך „אל תגזול דל כי

ד״ל הוא״ זאָלסט ניט גזל׳ען דעם דל, אויף די קאַנטע וואָס די ווייסט אז ער איז שוואך זיך אַקייגען צו שטעלין, ער האָט ניט אין זיך דעם „עשיר יענה עזות״ צוליעב דעם ביסט די זיכער אז די וועסט איהם קענען בייקומען, זאָלסט די דאָס ניט טוהן...

## 1007

ר׳ הירש בער גראַבאָוויצער ז״ל האָט געטייטשט, „אם במחתרת ימצא הגנב״ אז אַ מענטש גראָבט אין זיך אריין, ביז ער געפינט דעם יצר הרע, אז דאָס איז מעשה יצר הרע, וואָס ער וויל איהם אָנרעדין צו שלעכט׳ס „חיים שנים ישלם״ וועט איהם דער לעבעדיגער גאָט אין הימעל באַצאָלען אַ גיטאָפּעלטען שכר...

## 1008

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטשט. „תחת אשר לא עבדת את ד׳ אלקיך בשמחה״ (תבא) זיי זענען נענש געוואָרען צוליעב דעם, וואָס נישט געגוב וואָס זיי האָבען ניט געדינט דעם אייבערשטען, זענען זיי נאך געווען דערפון בשמחה דאָס וואָס זיי דינען ניט, דאָס איז געווען דער עיקר עונש, וואָס על כל פנים האָבען זיי דאַך געדאַרפט זיין געפאַלען ביי זיך, ניט זיך צו פרייען...

## 1009

איינער האָט געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, אויב ער זאָל אוועק לייגען דאָס מסחר, און זיך נעמין בלויז צום לערנין — האָט ער געענטפערט : „אל תאמר לכשאפנה אשנה״ (אבות) זאָלסט ניט זאָגען אז ווען איך וואָלט אוועק געלייגט דאָס מסחר, וועל איך קענען זיצען און לערנען, ווייל „שמא לא תפנה״ טאָמער וויל מען אין הימעל אז די זאָלסט זיך ניט אוועק קערין פון מסחר. און דאך זאָלסט די עוסק זיין אין תורה...

## 1010

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געטייטשט, „מי בכם ירא ד׳ אשר הלך חשכים ואין נוגה לו״ (ישעי׳ נ׳) ווער הייסט אַ ירא שמים, — אז האָטשע דאָס פינסטערניש, דאָס פערשטעלעכץ, איז אוועק געגאַנגען פון איהם, און דאך איז איהם ניט לעכטיג, ער איז ביי זיך נידעריג, ער האַלט זיך גלייך מיט אנדערע מענטשען, דער איז אַ אמת׳ער ירא שמים...

## 1011

דער חי׳ הרי״ם ז״ל פון גור, האָט געזאָגט, „אגרא דכלה דוחקא״ (ברכות ו׳) דער שכר וואָס מען קומט הערין תורה, איז „דוחקא״ וואָס דאָס איז מציל פון דעם דחקות הפרנסה...

## 1012

אויך האָט ער געטייטשט „יום תרועה יהיה לכם״ מען זאָל צובראָכען דעם „לכם״ דאָס גשמיות, דעריבער דאַרף מען שבת ניט בלאָזען שופר ווייל ביי שבת שטייט „קודש יהי׳ לכם״ אַז דער לכם איז אויך קודש, דאַרף מען ניט בלאָזען, וואָס דאָס ווייזט אויף צו צוברעכען אַזוי ווי אַ „תרועה״, — ווייל שבת דאַרף מען דאָס ניט...

## 1013

דער רבי ר׳ העניך ז״ל פון אלעקסאַנדער האָט געטייטשט, „ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי, ויאמר הנני בני״ עס שטייט ניט וואָס ער האָט געזאָגט ? נאָר ס׳איז ידוע אַז אברהם איז געווען חסד, יצחק איז גבורה, דאָס האָט יצחק געזאָגט צו אברהם „אבי״ דיין מדה איז דאָך חסד, ווי אַזוי קענסטו מיך שעכטען, האָט ער געענטפערט, יעצט „הנני בני״ בין איך די מדה פון דיר מיין קינד, מדת הגבורה, צוליעב די ציווי פון אייבערשטען...

## 1014

א גאון איז אַ מאָל געקומען קיין אויסלאַנד אין אַ שטאָדט האָט דער דאָזיגער איהם אַרום געפיהרט ווייזען די אלע שוהלען פון שטאָדט, דיא שוהל איז אַ רומענישע, די שוהל איז אַ רוסישע, די אַ ליטווישע, די אַ פולישע, — זעהענדיג אַז די אלע שוהלען זענען געשטעלט אויפ׳ן רעפאָמירטען אופן, פרעגט איהם דער גאון, וואָס איז די מעשה וואָס איהר ווייזט מיר בלויז גוי׳שע שוהלען ווייזט מיר אַ יודישע שוהל אויך...

## 1015

מען האָט געפרעגט ר׳ אייזיל סלאָנימער ז״ל, וויפיעל פראָצענט הכמים איז דאָ צווישען יודען, האָט ער געענטפערט, צעהן פראָצענט, ווייל משה רבינו האָט געזאָגט אַז ער׳ האָט אויס דערווילט בלויז חכמים און זיי געמאַכט פאַר „שרי עשרות״ קומט אויס אויף ידערע צעהן יודען אַ חכם. האָט מען איהם

ווייטער געפרעגט, וויפיעל פראצענט נאראנים איז דא צווישען יודען, האט ער געענטפערט: אויך צעהן! א ראיה, אז יעדער מנין האט א חזן...

## 1016

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האט געזאגט געלד פארלארין איז גאר ניט פערלוירען, מוט פערלוירען, איז אלעס פערלוירען...

## 1017

דער לאסקער רב ז"ל האט געזאגט אויף דעם וואס מיר זאגען שבת אין די זמירות „יונה מצאה בו מנוח" ווי שטייט דאס אז די טויב האט גערוהט אין שבת? נאר ר' יעקב עמדין ז"ל ברענגט אין ספר מגדול עוז (אין בית המדות עליות הטבע) אז חוץ דעם סמבטיון איז דא א מופת חותך אויף דעם שבת, פון די טויב, וואס זי רייסט ניט אויס קיין שום געוויקס אום שבת, דאס מיינט מען יונה מצאה בו מנוח, עס גייט ארויף אויף אלע טויבען, (ניט ווי טייל טייטשען, אז עס גייט ארויף אויף נח'ס טויב ביי די תיבה)...

## 1018

מען האט געפרעגט ר' אייזיל סלאנימער ז"ל, די חז"ל זאגען „שני תלמידי חכמים הדרין בעיר אחת ואין נוחין זה לזה אחד מת ואחד גולה" (סוטה מ"ט) אויב איינער שטארבט, איז דאך שוין גענוג, ווייל עס וועט דאך שוין ניט זיין צווישען זיי קיין שנאה, טא נאך וואס דארף דער אנדערער פערטריבען צו ווערין אין גלות אריין? האט ער געענטפערט: עס טרעפט אז א שטאדט נעמט צו עקסטרא צוויי רבנים, האטשע זי האט גענוג איין רב, נאר אזוי ווי עס איז דא מחלוקת, פון 2 צדדים, דער וויל דעם רב, און דער 2-טער וויל דעם רב, ממילא איז דא 2 רבנים, אבער אז איינער פון זיי שטארבט, בלייבט דאך איין צייט אן א רב, ממילא ווערט דער אנדערער רב — וואס איז געבליבען לעבען געפאניגט פון דעם 2-טען צד, ביז ער מוז אנטלויפען פון שטאדט, און ליידען גלות...

## 1019

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האט געטייטשט דעם מאמר חז"ל, „המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה" (ב"ק צ"ב) (ד. ה. אז איינער בעהט פאר זיין חבר, און ער אליין דארף צו די זאך, ווערט ער פריער בעענטפערט פון הימעל), אז ער בעהט אויף זיין חבר'ס א צרה, האטשיש ער

דארף דאָס, — דאָס וואָס זיין חבר איז און אַ צרה איז אַ טובה פאַר דעם מתפלל, פון דעסט וועגין קוקט ער ניט דערויף און בעט פאַר יענעם, ווערט ער געענטפערט פריער פון הימעל אויף זיינע צרות. דאָס ברענגען טאַקע די חז״ל אַ ראיה פון אברהם אבינו, חאָטש עס איז דאָך פאַר איהם געווען אַ טובה דאָס וואָס אבימלך איז אַ עקר, כדי די ליצני הדור זאָלען ניט זאָגען „מאבימלך נתעברה שרה” דאָך האָט ער געבעטין, אין עס איז טאַקע געווען „הוא נענה תחילה” „וד׳ פקד את שרה”...

## 1020

דער רבי ר׳ העניך ז״ל פון אַלעקסאַנדער האָט פערענטפערט די שווערע רש״י אין פרשת פנחס, „שהיו השבטים מבזים אותו הראיתם בן פוטי זה שהרג נשיא שבט מישראל בא הכתוב ויחסו אחר אהרן” אייגענטליך, האָבען דען זיי ניט געוויסט דעם דין אַז עס קומט איהם מיתה, טאָ וואָס האָבען זיי געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט איהם געהרג׳ט? אויך דער תירוץ פון רש״י איז ניט פערשטענדליך „ויחסו אחר אהרן” וואָס איז שוין פערענטפערט זייער קשיא? נאָר באמת האָבען זיי יאָ געוויסט, אַז עס קומט איהם מיתה נאָר זיי האָבען געזאָגט, אַז פנחס האָט ניט געמיינט צו הרג׳נן צוליעב ערליכקייט, פאַר׳ן כבוד פונם אייבערשטען, נאָר ווייל ער איז פון אַ משפחה פון קצבים און רוצחים דערפאַר האָט ער איהם גע׳הרג׳עט, אָבער ניט צוליעב נקמה פאַר׳ן אייבערשטען, דערויף איז דער פסוק איהם מייחס נאָך אהר׳ן, וואָס ער איז געווען אַ רודף שלום, אַ איש חסד, קען דאָך ניט זיין ער זאָל האָבין די מדה פון רציחה, מוז זיין אַז עס איז געווען בלויז פאַר׳ן אייבערשטען...

## 1021

דער קעלעמער מגיד איז אַ מאָל געקומען אין אַ קור־אָרט, ווי די בעלי־בתים פלעגין קומען צו פאָהרען פון די דער בייאיגע שטעדטלעך, אריינקומענדיג שבת אין שוהל האָט ער געזעהן, אַז זיי קומען דאווגען אָן די טליתים, ווייל בשעת זיי זענען אוועק געפאָרען פון רער היים האָבען זיי פערגעסין מיט צו נעמין די טליתים, איז דער קעלעמער מגיד אַרויף געגאַנגען אויפ׳ן בעלעמער, און זאָגט צום עולם: איך בין די וואָך געווען אין אַ שטאָדט, געה איך אַריין צו אַ בעל־הבית, זאָגט מען מיר אַז ער איז אויף דאַטשע, טאַקע אין דעם היגען קור־אָרט, אַזוי ווי איך שטיי ביי יענעם אין שטוב, הער איך אַ געוויין, איך גיב אַקוק, קיינער איז נישטאָ אין שטוב, נאָר ס׳הענגט אויף דער וואַנד אַ טלית זעקיל, און פון דאָרטין הערט זיך דאָס געוויין, פרעג איך טלית, וואָס וויינסטו? ענטפערט מיר דער טלית: פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אַלעס האָט דער בעל הבית מיט גענומען מיט זיך, געלד און מלבושים, נאָר בלויז

מיך האָט ער איבער געלאָזט: האָב איך געטרייסט און בארוהיגט דעם טלית, און איהם געזאָגט: וויין נישט, טליתל, עס וועט א מאָל קומען א טאָג, ווען דער בעל הבית וועט אוועק פאָהרען, א ווייטע נסיעה, און וועט מיט זיך גאָר ניט מיט נעמען, נאָר בלויז דיך אַליין...

## 1022

איינער האָט זיך געזעגענט פאַר דעם רבי'ן ר' העניך ז"ל פון אלעקסאנדער אז ער האָט שטאַרקע רדיפות פונ'ם יצר הרע, ער לאָזט איהם ניט דינען דעם אייבערשטען, פערלאַנגט ער א עצה, אז עס זאָל איהם אָנקומען גרינג, דענסטמאָל איז פונקט געגאַנגען פרשת ואתחנן, האָט דער רבי איהם געזאָגט, „ואתם הדביקים בד' אלקיכם" אז עטץ ווילט זיין דבוק אין אייבערשטען, איז די עצה „חיים כולכם היום" איהר זאָלט אייך פאָרשטעלין אין געדאַנק, אז איהר לעבט נאָר היינטיגען טאָג, אז נאָר היינט דאַרף מען דינען דעם אייבערשטען ניט מער, אויפצומאָרגענ'ס זאָלסט די ווייטער אזוי זאָגען, וועט דיר טמילא ניט אָנקומען שווער...

## 1023

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געטייטשט, „ויקחו לי" אז איהר ווילט זיך נעמין צו עבודת הבורא, „תרומה" מוזט איהר זיין אָבגעשיידט פון גשמיות...

## 1024

דער רבי ר' אלימלך ז"ל פון ליזענסק, האָט געטייטשט, „המקדש עצמו מלמטה מקדשין אותו מלמעלה" (יומא ל"ט) דער וואָס איז מקדש דעם אונטערשטען חלק פון קערפער, איז איהם מקדש פון הימעל דעם אויבערשטען טייל, ד. ה. דעם קאָפ מיט'ן מוח מיט'ן הארץ...

## 1025

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געטייטשט, „האזינו השמים" פאַרנעמט הימעלדיג...

## 1026

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט דריי זאַכען פערלאַנג איך פון מיינע חסידים, 1) פון זיך נישט אַרויס צו קוקען, 2) אין יעגעם נישט אריין צו קוקען, 3) אין זיך נישט צו מיינען...

## 1027

דער חי׳ הרים ז״ל האָט געטייטשט „יוסף היה מסלסל בשערו״ (רש״י וישב) די עבודה פון אַ יוד איז, אַז ווי ער האַלט, און וועלכע מדריגה ער איז, זאָל ער זיך רוקען אַלע טאָג מיט אַ האָר העכער, אין עבודת השם, דאָס איז דער פשט אין די גמרא, (סוכה נ״ב) אַז דער יצר הרע, וועט ביי די צדיקים אויס קוקען ווי אַ באַרג, און ביי די רשעים ווי אַ האָר, און ביידע וועלען וויינען, פאַר וואָס וועלין די צדיקים וויינען? נאָר די עבודה איז דאָך ניט מעהר ווי אַ האָר, נאָהר פון די אַלע „חוט השערה׳ס״ ווערט אַ גאַנצער באַרג, ממילא איז דאָך דאָס ניט געווען אַ שווערע זאַך, איז דאָך די עבודה ניט געווען אַזאַ גרויסע, אין די רשעים וויינען פאַר וואָס זיי האָבען ניט געטוען אין עבודת השם, מען האָט דאָך ניט געדאַרפט מעהר טוען ווי אַ האָר דאָס איז דער פשט, „יוסף היה מסלסל בשערו״ יוסף האָט זיך שטענדיג געדרייט ביי די האָר...

## 1028

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, האָט געטייטשט „אלה הדברים אשר דיבר משה״ די רייד וואָס משה רבינו האָט גערעדט, דאָס האָט אָן געריהרט, און עס האָט געהאַט אַ שייכות „אל כל ישראל״ צו אַלע יודען...

## 1029

אויך האָט ער געזאָגט, „ועשיתם לכם פסל תמונת כל אשר צוך ד׳ אלקיך״ רש״י זאָגט „אשר צוך שלא לעשות״ נאָר מען קען זאָגען, אַז עס גייט טאַקע אַרויף אויף אַ מצוה, די זאָלסט ניט לערנען שלא לשמה, אָדער טוען אַ מצוה מיט אַ פניה, דאָס ווערט גערעכענט אין הימעל אַזוי ווי אַ פסל און אַ תמונה ווייל ער פערשטעלט זיך דאָך, זאָגענדיג אַז ער לערינט לשמה, — דערויף האָט דער שפת אמת ז״ל געזאָגט, אַז דאָס איז דער פשט „ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך למען לא נבוש ולא נכלם לעולם ועד״ מען קען אַ מאָל טוען אַ מצוה, אין הימעל רעכענט מען דאָס גאָר פאַר אַ פסל, בעט מען אַז מען זאָל חס ושלום ניט האָבען קיין חרפות ובושות פון אונזערע מצות...

## 1030

צום לעמבערגער רב זענען אַמאָל געקומען בעלי־בתים פון שטאָדט און איהם דערציילט, וועגין אַ געוויסען בכבוד׳יגען בעל הבית פון שטאָדט, אַז ער שטאַרבט פאַר הונגער ווייל ער איז זעהר אַ בכבוד׳יגער מענטש און ער וויל

זיך נישט פאר קיינעם וויסענדיג מאכען, האָט דער רב געענטפערט: אויב אַזוי שטאַרבט ער דאָך פאר כבוד, נישט פאר הונגער.

דאָס זעלבע האָט אויך געזאָגט ר' ישראל סאלאנטער, אַז מען שטאַרבט נישט פון הונגער נאָר פון גאווה, דאָס פּאַסט איהם נישט, יענץ פּאַסט איהם נישט, ביז ער שטאַרבט נעבּיך דורך דעם ג'אות זיינעם פון הונגער...

1031

ווען עס איז אַרויס אַ גזירה אין פּרייסין, וועגין ציוואַנג שולע, האָט דער גאון ר' עקיבא איגר ז"ל געמאַכט אַנ'אסיפה אין פּויזען, אַז מען זאָל שיקען אַ שליח צום קייזער מיט אַ בּריעף און דער שליח זאָל קענען גוט רעדין די שפּראַך, האָבען די שטאָדט מענטשען געוואָלט שיקען נאָך אַ משכיל'ישען שרייבער און גוטער רעדנער פון שטאָדט, וועלכעס ער איז געווען באַקאַנט פאר דעם גרעסטען קענער אין די שפּראַך, — האָט ר' עקיבא איגר ז"ל ניט מסכים געווען אויף דעם, ווייל דעם זעלבען משכיל ריהרט גאָר ניט אָן די גזירה, אדרבה ער איז נאָך אפשר צופרידען דערפון, האָט ר' עקיבא איגר ז"ל געענדיגט זיינע ווערטער אַז דאָס איז דער פשט אין פסוק „אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה" (תהלים קמ"ו) מען זאָל זיך ניט פערזיכערען אויף אַ מענטש אויסצופוילען אַ זאַך, וואָס בּיי איהם אַליין איז דאָס גאָר ניט קיין הילף דאָס וואָס די גזירה וועט בטל ווערין...

1032

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ חסיד, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער חכם, וועלכעס ער פלעגט נאָר קלערין אויפטוען, ווי אַזוי צו פערדינען געלד, און איז געווען נאָך אַלעם אַ גרויסער אָרימאַן, — די ווייסט דעם טייטש פון „לא לחכמים לחם" דער אייבערשטער זאָגט, אַז די בּיסט יאָ אַ חכם, און די ווילסט ניט האָבּען קיין בטחון, טאָ זיך דיר אַליין פּרנסה...

1033

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט עס שטייט „ויתן מסוה על פניו" האָט דען משה רבינו זיך אָנגעטוען אַ מאַסקע ?, נאָר דער טייטש איז ער האָט זיך פארשטעלט, מען זאָל ניט דערקענען זיין גרויסקייט...

1034

מען האָט געפרעגט ר' יאָשע דענענבּורגער ז"ל וואָס איז דער פשט אין פרקי

דר׳ אליעזר, „וכי אברהם אבינו כהן גדול היה" (איז דען אברהם אבינו געווען א כהן גדול וואס ער האט געמעגט שחט'ן יצחק'ן אויף דער עקידה), אייגענטליך מיר ווייסען דאך אז „שחיטה כשירה בזר" (זבחים ל"א) האט ער געענטפערט: בשעת ער וועט שעכט'ן יצחוק'ן וועט ער דאך ווערין א אונן, טאר ער דאך ניט טוען די עבודה, נאר א כהן גדול מעג מקריב זיין חאטשע ער איז א אונן (יומא י"ד כהן גדול מקריב אונן), אויף דערויף פרעגט דער פרקי דר׳ אליעזר, „וכי כהן גדול היה", (זעה שו"ת צפנת פענח סי׳ ע"ב שהוצאתי לאור בשנת תרצ"ה)...

## 1035

דער קלעצקער מגיד איז א מאל געווען שבת הגדול אין א אויסלענדישע שטאדט, ביי די דרשה איז אנוועזענד געווען די דארטיגע רעפארמירטע רבנים, אזוי ווי ער האט געזאגט מוסר אין זיין דרשה אזוי ווי זיין שטייגער, האבען זיי אנגעהויבען חוזק צו מאכען פון איהם, גיט ער א קלאפ אין שטענדער, און זאגט, אזוי ווי מ'דארף דאך רעדין מעבינא דיומא, וועל איך אייך פערציילען א מעשה, איינער האט געזאגט די הגדה, צוקומענדיג צו די מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע האט ער געזאגט לאנגזאם, באזונדערע ווערטער, האט זיין ווייב געמיינט אז ער צעהלט די מכות, האט זי געגומען טינקען דעם פינגער אין כוס, זאגט ער צו איהר, דאס איז „רבנים" ניט קיין מכות, נאכהער ווען ער האט געזאגט „דם צפרדע" האט זי שוין אויך ניט געטינקט, ווייל זי האט מורא געהאט טאמער איז דאס אויך רבנים, זאגט זי צו איהם, פילייכט איז דאס אויך רבנים? זאגט ער ביין! די פריהערדיגע זענען טאקע געווען אלע רבנים, אבער די איצטיגע זענען ניט קיין רבנים נאר טאקע מכות...

## 1036

אין דער וואלאזשינער ישיבה איז געווען א צייט די ראשי ישיבות דער נציב ז"ל, און ר׳ יאשע בער ז"ל בריסקער רב, זיי זענען געווען מחולק אין דרך הלימוד, ביז עס האט זיך געשאפען צוויי לאגערין פון די תלמידים, האט מען אראב געבערענגט עטליכע גדולים זיי זאלען שלום מאכען, צווישען זיי איז געווען ר׳ וועלוועלע דער ווילנער שטאדט מגיד, אינמיטען רופט זיך אן ר׳ וועלוועלע איהר ווייסט, ביי מיר געהט איצט די סדרה „וישב", וואס מיינט איהר ר׳ וועלוועלע? האבען זיי איהם געפרעגט — האט ער זיי געענטפערט: איך בין שטאדט מגיד, און בעת איך זאג א דרשה יעדען שבת, איז מיין שטייגער, שטעל איך פאר דעם צדיק געגען רשע, און דאס האב איך כסדר אין אלע סדרות, אויפצווייזען דעהמ'ס צדקות, און דעהמ'ס רשעות, למשל, אין פרשת בראשית" — אדם הראשון, מיט'ן נחש, אדער קין מיט הבל, אין „נח" — נח מיט'ן דור המבול, אין „לך" — אברהם מיט פרעה אין „וירא" — אברהם מיט סדום, אזוי

כסדר האָב איך פון איין זייט אַ צדיק און פון די אַנדערע זייט אַ רשע, ממילא נעם איך זיך אָן פאַר'ן צדיק, און אויף דעם רשע רעד איך אויס אַלעס בייז, אָבער אַז איך קום צו „וישב" צו יוסף מיט די ברידער, דאָ בין איך אין אַ קלעם, איך ווייס ניט פאַר וועמען צו האַלטען, ווייל זיי אַלע זענען דאָך געוועזען צדיקים, - אַט יעצט בין איך אויך און דער זעלבער פערלעגענהייט...

## 1037

דער קעלעמער מגיד ז"ל, זייענדיג אין אויסלאַנד און צו זעהענדיג דאָס פריצות און הפקרות, און דאָס ביסעל בעלי־עבירות וואָס געפינען זיך דאָרטין, האָט ער געזאָגט און אַ דרשה, יעצט פערשטיי איך שוין וואָס מיר זאָגען „על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע" וועלכען חטא זינדיגט מען אָן יצר הרע? נאָר דאָ זעה איך אַז איהר דאַרפט גאָר ניט דעם יצר הרע, אַז ער זאָל אייך אָנרעדין צו אַן'עבירה, ווייל איידער ער רעדט אייך אָן צו אַן'עבירה, האָט איהר שוין אָפּגעטאָהן הונדערטער עבירות, דרייט זיך דאָך דער יצר הרע אַרום אָן פרנסה, ער האָט ניט קיין שטאָך אַרבייט, דאָס איז דער טייטש „ביצר הרע" מיר האָבען געזינדיגט, וואָס מיר האָבען געמאַכט דעם יצר הרע פאַר אַ ליידיג געהער, איהר זענט איהם מקפח פרנסה...

## 1038

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט אויף די גמרא, „פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה" (ברכות ה') פאַר וואָס הייסט דאָס לא מצא, צו ביטול תורה איז דען בישט קיין עבירה? נאָר דער טייטש איז ווייל ער האָט ניט געפּערינט, דעריבער איז „לא מצא" ווייל ער ווייסט ניט וועלכעס עס הייסט אַ חטא, דאָס איז דער פשט, „פשפש ולא מצא יתלה" זאָל ער אָנהענגען אַז דעריבער איז לא מצא, „בביטול תורה" ווען ער זאָל געווען לערנען וואָלט געווען „מצא" וואָלט ער געפינען אויף זיך אַ חטא...

## 1039

דער קעלעמער מגיד ז"ל האָט געזאָגט אין אַ דרשה, אויף די הפטורה אין ראש השנה, „ויהי איש אחד" דאָס איז דער יוד, „מן הרמתים צופים" וואָס ער איז פון אַ הויכען יחוס, פון אברהם אבינו, „ושמו אלקנה" דער יוד ווערט אָנגערופען „אלקנה" אל־קנה דער אייבערשטער האָט זיי געקויפט, „ולו שתי נשים" דעם יצר הרע מיט דעם יצר טוב, „שם האחת „חנה" פון לשון „חן" דאָס איז דער יצר טוב, „ושם השנית פנינה" די אַנדערע איז נאָר פעריל (פון לשון פנינים יקרים) געלד, און געלד, דאָס רעדט אָן דער יצר הרע דעם מענטש,

"ויהי לפנינה ילדים" די יוגענד איז איבער געגעבין נאָר צום געלד, צום יצר הרע, "ולחנה אין ילדים", אָבער דער יצר טוב האָט פערלוירען די יוגענד, נאָר די אַלטע לייט זענען זיינע חברים, ליידער די יוגענד, זענען ניט מיט איהם קיין מחותן "ועלה האיש ההוא מימים ימימה להשתחוות" אַלע יאָהר יום כיפור קומט ער אין שוהל דאַווענען, זיך ביקען כורעים...

## 1040

דער חי' הרי"ם ז"ל האָט געזאָגט פאַר וואָס זאָגט די וועלט אז נאָך א שריפה ווערט מען רייך, און ניט נאָך א גניבה, ווייל דער דין איז אין יורה דיעה, "צמקה הריאה בידי שמים כשר, ובידי אדם טריפה" ווייל בידי שמים קען נאָכהער צוריק געזינט ווערין, אָבער די זאַך וואָס ווערט דורך מענטשין, ווערט ניט צוריק געזונט...

## 1041

כ'האָט געפרעגט דעם גאון ר' יאָשע דענענבורגער ז"ל דווינסקער רב, (זעה אין שו"ת צפנת פענח ח"א סי' ע"ב, שהוצאתי לאור בשנת תרצ"ה), אויף דעם פסוק "ויגלח ויחלף שמלותיו" (מקץ) איז אויף דעם וואָרט "ויגלח" זאָגט דער תרגום אונקלוס "וספר" יוסף האָט זיך אָנגעשוירען, מיט א שעריל (לשון "מספריים") סתם "גילוח" איז דאָך מיט א "תער" בריטווע, האָט ער מני' ובי' געענטפערט : עס איז א גמרא אין שבת קל"ט אין א מדרש פ' ויחי, אז יוסף איז געווען א נזיר עולם, ווייל עס שטייט "ולקדקד נזיר אחיו" דעריבער האָט ער געמוזט נאָר במספריים, ניט מיט קיין תער (זעה אויך אין שו"ת צפנת פענח ח"ב סי' ק"א שהוצאתי לאור)...

## 1042

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגען "אפי' סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו" (כתובות ס"ז) — אז מען דארף געבין דעם אָרימאַן א פערד צו רייטען קען זיין טאָמער איז איהם שווער צו גיין, אָבער א עבד זאָל לויפען פאַר איהם, דאָס איז דאָך א נאַרישקייט, א זאַך וואָס מען ברויכט דאָס ניט ? ווייזט אויס, אז נאָך צו געבין א נאר זיין נארישקייט איז אויך א גמילות חסד...

## 1043

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געטייטשט "החלצו מאתכם" אז איהר וועט

אָפּטוען אייער נגיעה, „אנשים לצבא" זענט איהר מענטשען צו די עבודה...

1044

דער רבי ר' העניך ז"ל פון אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט „לעושה השמים בתבונה" ער האָט באַשאַפען דעם הימעל מ'זאָל זיך פון איהם מתבונן זיין דאָס גרויסקייט פון אייבערשטען...

1045

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, אז אַ מענטש איז בלויז גיט, איז ער אַ נואף, בלויז פרום איז ער אַ גנב, בלויז קלוג, איז ער אַ אפיקורוס, נאָר ס'דאַרף זיין אַלע 3 זאַכען צוזאַמען דאָס איז דער פשט „טוב ויחיל ודומם", שווייגען איז קלוג ווייל סייג לחכמה שתיקה (איכה ג')...

1046

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא, האָט געזאָגט „וידעת היום והשבות אל לבבך וכו' אין עוד" (ואתחנן) וואָס איז דער טייטש אין עוד? אז עס איז ניטאָ מער וואָס צו וויסען, נאָר די ידיעה אז „ד' אלקים איז בשמים ממעל ועל הארץ מתחת" דאָס איז דער עיקר, — נאָך האָט ער געטייטשט, אז עס גייט אַרויף אויף דעם „וידעת" אז נאָר די יוד קענסט דאָס וויסען די ידיעה ניט קיינער...

1047

אויך האָט ער געזאָגט „לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו" (בא), צוליעב דעם וואָס איינער דעם אַנדערין קען ניט אנקוקען, קומט עס צו דעם, אז זיי קענען זיך אַליין נישט רירען...

1048

ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל איז אַ מאָהל געקומען אין אַ שטאָדט ווי מען האָט איהם געוואָלט אויפנעמען פאַר אַ רב, דער דאָזאָר פון שטאָדט, וועלכער איז געווען אַ עם הארץ, שמועסענדיג מיט'ן רב, און זעהענדיג אז ער איז אזאַ געוואַלדיגער גרול, האָט ער ניט מסכים געווען איהם אויפצונעמען אַלס רב, מורא האָבענדיג אז זיין כבוד וועט נתמעט ווערין ביי די שטאָדט מענטשין, ווייל אַנטקעגין אזאַ רב וועט ער זיך רעכענען מיט דעם דאָזאָר, — רופט זיך

אָן ר׳ אייזיל צו איהם — קויט ווי איך זעה, זוכט איהר אַ רב. ווערכער ער זאָל קענען וויינינער לערנען פאַר אייך און אוא רב איז אָבער גישטאָ צו געפינען אין ערגיץ...

## 1049

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, האָט געזאָגט „לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי ומודה על האמת ודובר אמת בלבבו" אַז די ווערסט האָבען אין דיר די אַלע מדות, דענסטמאָל „וישכם ויאמר" קענסט די דיך פעדערין אַזוי ווי די שטייסט אויף פון שלאָף און גלייך גיין דאַווענען אָן שום הכנות, ווייל מיט די מדות הייסט מען שוין, אַ מוכן צום דאַווענען...

## 1050

מען האָט געפרעגט ר׳ אייזיל אויף דעם וואָס די חז״ל דערצעהלען, „תא ואחוי לך בלועי דקרח ושמעית דהוו אמרין משה אמת ותורתו אמת והן בדאין" (ב״ב ע״ד) אַז די וואָס זענען איינגעזונקען געוואָרען, פון קרח׳ס מענטשען, זאָגען אַז משה מיט זיין תורה איז אמת, און אויף זיך זאָגען זיי אַז זיי זענען ליגנער׳ס, עס שטייט דאָך אָבער „רשעים אפילו על פתחו של גהינם אינם חוזרים בתשובה" (עירובין י״ט) האָט ער געענטפערט: פונדאָנען איז טאַקע אַ ראיה אַז אינם חוזרין „בתשובה" ווייל זיי לייגען צו דאָס וואָרט „והן בדאין" מען זאָל זיי ניט גלייבען דאָס וואָס זיי זאָגען „משה אמת ותורתו אמת...

## 1051

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטשט, „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים" (אסתר) המן האָט געזאָגט צו אחשורוש „ישנו" זייער גאַנץ „ישות" איז, די איינגע זאַך האָבען זיי, וואָס „עם אחד" וואָס זיי האַלטען זיך צו זאַמען, איז די עצה, „מפוזר ומפורד בין העמים" זאָלסט זיי צו שפרייטען צווישען די פעלקער, ווערן זיי שוין ניט האָבען קיין ישות אין זיך...

## 1052

איינער וואָס איז שטענדיג געווען בעצבות איז געפאָרען צום רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, אויף אַ שבת, דערוויל האָט זיך געמאַכט אַ סיבה, און ער איז געבליבען שבת אונטער וועגינ׳ס, איז ער אָנגעקומען קיין פרשיסחא שבת צו נאַכט׳ס, האָט איהם דער רבי ר׳ בינם ז״ל געזאָגט: דער הייליגער שבת, אַז עס קומט צו איהם אַ גאַסט, דהיינו ראש חודש געפאַלט אום שבת,

אָדער יום כיפור, געפאַלט אום שבת איז דער שבת איהם מכבד, מיט דעם דאַוונען, אַז מען דאַוונט די תפלות פון יום כיפור, און ראש חודש, אָבער אַז דער טרויריגער תשעה באב געפאַלט אין שבת, דענסטמאָל ווערט ער נדחת אויף נאָך שבת ווייל דער שבת זאָגט, איך וויל ניט האָבען אַזעלכע אורחים וואָס זענען בעצבות ביי מיר, דריבער ביסט די געקומען, נאָך שבת צו מיר...

## 1053

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, „ודתיהם" זייער דת איז „שונות מכל עם" אַז זיי זאָלין זיין פערענדערט פון אַלע פעלקער...

## 1054

אויף האָט ער געטייטשט, „וחכמת המסכן בזוייה", (קהלת) די חכמה פון אָרימאַן איז אַז „בזוייה" ער זאָל זיך מבוה זיין, און דורך דעם וועט ער האָבען פרנסה...

## 1055

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געטייטשט, „רבים מכאובים לרשע והבוטח בד׳ חסד סובבנהו" דער עיקר טוט וויי דעם רשע, פאַר וואָס דער חסד פון אייבערשטען שאַנד אויף דעם יוד וואָס האָט בטחון...

## 1056

ווען דער קאָצקער רבי ז״ל איז נפטר געוואָרען, האָט דער חי׳ הרי״ם ביים הספר געזאָגט. „הצדיק אבד ואין איש שם על לב", עס איז נישט דאָ קיינער זאָל אריין ברענגען אין הארץ אַריין...

## 1057

איינער האָט אַ מאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל, צו ער זאָל פאָהרען קיין ארץ ישראל, — האָט ער געענטפערט: עס איז גלייכער צו טאָרען אוים יוד פון לאַנד, איידער צום לאַנד פון יוד...

## 1058

אַ בר מצוה יונגעל האָט געזאָגט זיין דרשה אויף פויליש, ווי דער שטייגער

פון היינטיגען יוגענדליכען דור, די עלטערע יודען וואס זענען דארט געווען, האבען קיינ׳ס ניט פערשטאנען, ווייל ער האט גערעדט זעהר מאדערנע פויליש, פרעגען זיי דעם רב וואס איז אנוועזענד געווען ביי די דרשה: רבי, וואס זאגט ער? האט ער געענטפערט, פאר וואס פערשטייט איהר ניט וואס ער זאגט, ער זאגט זיך אפ פון אידישקייט...

## 1059

א רב האט א מאל פערלאנגט א ברכה פון א רבי׳ן, האט דער רבי איהם געווינשען, אז ער זאל געבענטש ווערין ברוחניות ובגשמיות — רופט זיך אן דער רב! איך וויל אז דער רבי זאל מיר אן ווינשען בלויז רוחניות! פרעגט איהם דער רבי פאר וואס ניט אויך גשמיות? — ענטפערט דער רב, — א פראסטער יוד מאכט פון גשמיות רוחניות, ער גיט אוועק דאס געלד אויף ישיבות, אויף הכנסת כלה, דארף מען איהם דעריבער ווינשען וואס מעהר גשמיות, אבער מיר רבנים און רביים, פערקויפען אונזער רוחניות פאר גשמיות, דעריבער דארפען מיר מעהר רוחניות, כדי מיר זאלען האבען וואס צו פערקויפען...

## 1060

דער קאצקער רבי ז״ל האט געטייטשט, „ושוא תשועת אדם״ (תהלים י״ג) עס איז פאלש דאס פאר גלעטיגקייט פון מענטש, דאס וואס ביי איהם איז אלעס רעכטיג, אפילו א עולה פערגלעט ער, און ער מאכט ניט דערויס קיין ווענן...

## 1061

אויך האט ער געטייטשט, „השמר לך״ היט דיין גוף, נאר „ושמור נפשך מאוד״ די נשמה זאלסטו זייער היטען, דאס איז דער עיקר...

## 1062

אויך האט ער געזאגט, „לא תראו״ פאר וואס האבען זיי נישט קיין מורא, „כי לא תבושי״ ווייל זיי שעמין זיך נישט, „לא תכלמי״ פארוואס שעמין זיי זיך נישט, „כי לא תחפירי״ ווייל זיי טוען נישט אין זיך אריין גראבין...

## 1063

אויך האט ער געזאגט, פארוואס שטייט „ויקחו אליך פרה אדומה תמימה״ פריער „אדומה״, נאכהער „תמימה״ עס האט דאך געדארפט שטיין פארקעהרט,

ווייל „אדומה" איז דאָך נאָר אַ געשטאַלט, און „תמימות" איז אַ אייגענשאַפט ? ווייזט אויס, אַז אויב דער גוון נעמט אַדורך דעם עצם, ווערט פון גוון אויך אַ עצם...

## 1064

אײנער וואָס פלעגט פאַסטען איין גיין אַנגעטועך אַ זאַק אויפן לייב, איז אַ מאָהל אַריינגעקומען צום קאָזעניצער מגיד ז"ל, און האָט זיך עקזטרע אויף געמאכט די קאַפּאָטע כדי ער זאָל אַנזעהען דעם זאַק, האָט דער מגיד ז"ל זיך אַנגערופען קוקט אויס אַז דער יצר הרע האָט איהם אַריין געחאַפּט אין זאַק אַריין...

## 1065

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט צו אַ חסיד וואָס האָט זיך פאַר איהם געזשאַלעוועט אַז ער איז שטענדיג אַ בעל יסורים, עס שטייט „מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ד'" (תהלים ק"ז) דער מזמור גייט אַרויף אויף די וואָס דאַרפען גומל בענטשין, (ברכות נ"ד) איז אַזוי דער פשט „מי חכם וישמר אלה" דער וואָס איז אַ חכם און וואַרט איבער ביז ער וועט געהיילט ווערין (וישמר איז פון לשון ואביו שמר את הדבר) „ויתבוננו חסדי ד'" וועט ער דער נאָך פערשטיין אַז דאָס איז געוועזן אַ חסד פאַר זיין טובה וועגין...

## 1066

ר' יצחק'ל וואָרקער ז"ל האָט געטייטשט, דעם מאמר חז"ל „ולא ששתי בתקלת חבירי" (מגילה כ"ח) (איך האָב מיך ניט געפריידט אין דעם שטרויכלונג פון מיין חבר) וואָס איז דאָס פאַר אַ רבותא ? נאָר דער פשט איז אַזוי, „ולא ששתי" איך האָב ניט געקענט זיין בשמחה, און מיינע אייגענע אינטרעסין, חאָטשע מיר איז גוט געוועזן, אויב נאָר „בתקלת חברי" אַז מיין חבר איז געוועזן שלעכט אין זיין מצב, ער האָט ניט געהאַט קיין פרנסה, בין איך שוין אויך ניט געוועזן בשמחה, דאָס איז די רבותא אַז יעדער יוד זאָל שפירען יענעמ'ס צער...

## 1067

א גאון איז אַ מאָהל אַריין געקומען צו אַ רעספּאַרמירטען רב אין שטוב, האָט ער איהם געטראָפען שלאָפען אין בלויזען קאָפּ, אָהן היטעל, — רופט זיך אָן דער גאון צום משמש — ער איז גערעכט, ווייל ער איז דאָך יעצט אַ עוסק במצוה ווייל „שינת רשעים הנאה להם והנאה לעולם" (סנהדרין ע"א) טוט ער דאָך

אַ מצוה וואָס ער איז מהגה די ווצלט, אין „עוסק במצוה פטור מן המצוה״ (סוכה כ״ה) דרום איז ער פּטור פון צו גיין אַ היטעל ביים שלאָף...

## 1068

אַ נ'אפיקורוס פאָהרענדיג אין באהן, האָט זיך אַ מאָל עקסטרע געזעצט עסין אָן אַ היטעל געגען איבער אַ רב, — רופט זיך אָן דער רב, — איך בין אייך ניט חושד חס ושלום אַז איהר עסט עקסטרא אין בלויזען קאָפּ להכעיס, נאָר ווייל איהר ווייסט ביי זיך קלאָר, אַז איהר האָט גאָר קיין קאָפּ נישט...

## 1069

אַ קיסר האָט געפרעגט אַ גאון לויט ווי מען זאָגט זענט איהר אַ גרויסער חכם, זאָגט זשע מיר וואָס טהוט ג—ט? האָט ער געענטפערט: אויב די וועסט טוהן וואָס איך וועל דיר הייסען, וועסט די זעהען אַליין מיט דיינע אויגען וואָס ג—ט טהוט, — זאָגט דער קיסר, — איך וועל טוהן וואָס די פערלאַנגסט, האָט דער גאון געזאָגט: איך פערלאַנג די זאָלסט מיר אויף אַ ווייל‍ע געבען דיינע קליידער און דיין קרוין, און די זאָלסט אָנטוהן מיינע קליידער, אויך זאָלסטו מיר ערלויבען אַ ווייל‍ע צו זיצען אויף דיין שטיהל, ווען ער איז שוין געזעסין אויף די שטיהל, זאָגט דער קיסר צו איהם, נו, יעצט ווייסטו וואָס ג—ט טהוט? — געוויס ווייס איך — האָט דער גאון געענטפערט: אָט פאַר אַ ווייל‍ע פריהער בין איך געוועזן אַ פּראָסטער מענטש און דו ביסט געוועזן קעניג, יעצט איז פערקעהרט, און אַ ווייל‍ע ארום וועט ווייטער זיין דאָס זעלבע ווי פריהער, אָט דאָס טוהט טאַקע ג—ט, אָט דערהויבט ער דעם נידריגען, און דער נידערט דעם הויכען, אַזוי ווי עס שטייט „מאשפות ירים אביון״ — „מי ישפל ומי ירום״.

## 1070

דער ריזינער ז״ל האָט געטייטשט „ושני תמידים כהלכתם״ עס איז דאָ צוויי „תמידין״ איינס, שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ דער צווייטער „וחטאתי נגדי תמיד״ דאָס דאַרף אַ מענטש שטענדיג געדענקען...

## 1071

ר׳ בעריש מיינליש ז״ל איז אַ מאָהל געפאָהרען אין באַהן מיט אַ פּויער, האָט דער פויער איהם געוויזען אַ דעקעל וועלכעס אויף איין זייט איז געוועזן אויסגעמאָלט אַ יוד, און פון די צווייטע זייט אַ כלב, און האָט אַזוי געדרייט מיט'ן דעקעל הין און צוריק, זאָגענדיג צו איהם, אַז אַ יוד מיט אַ כלב איז גלייך,

רופט זיך אָן דער גאון צו איהם, זעהסטו, דאָס ווייזט, אז א יוד דרייט זיך איבער חס ושלום, אויף די אַנדערע זייט, ער שמד׳ט זיך, ווערט ער א כלב...

## 1072

ר׳ גרשון העניך ז״ל דער ראדזינער רבי האָט א מאָהל געזאָגט צו א רב וואָס האָט געגומען שוחד, עס ווייזט אויס אַז געלד איז אַזא טייער מיטעל אז אפילו א שונא בצע קען מען אויך אָב קויפען פאַר געלד...

## 1073

ר׳ יאָשע בער ז״ל בריסקער רב איז א מאָהל געפאָהרען מיט א גביר צוזאמען, דערזעהענדיג א גרויסען באַרג, רופט זיך אָן דער גביר, רבי! איהר מוזט אודאי וויסען וויעפיעל מולטער זאמד דער באַרג האָט! רופט זיך אָן דער גאון צו איהם, — איך וייס, איך וייס, גאָהר עס ווענדט זיך, וואָס פאַר א מילטער איהר מיינט, וויעפיעל די גרייס זיינע איז, אויב דער מולטער אין גרויס א צעהנטעל פונ׳ם באַרג, וועט זיין צעהן מולטער׳ס, איז ער גרויס ווי א הונדערטעל פון באַרג, וועט זיין הונדערט מולטער׳ס, אויב א טויזענטעל, וועט זיין טויזענט מילטער׳ס...

## 1074

א גאון האָט געזאָגט אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגען אז איינער גייט אויס „שמונה־עשרה״ אין גייט צוריק די דריי פסיעות, טאָר מען איהם ניט איבער גיין דעם וועג, (ברכות כ״ז) ווייל בשעת שמונה עשרה האָט ער דאָך אודאי געמאַכט עפיס א געשעפט, ממילא אַז מען גייט איהם איבער דעם וועג, אין מען דאָך עובר אויף „לא תסיג גבול רעך...

## 1075

א גיטער יוד האָט געזאָגט, צייט די רבנים האָבען זיך אָנגעהויבען צו רופען מיט׳ן נאָמען דאָקטורים, דאָקטאָר ראַבינער — ליגט דער אידישער פאָלק קראַנק געבעט...

## 1076

דער גאון ר׳ יעקב דוד ז״ל סלוצקער רב האָט א מאָהל געמאַכט א הספד, און דער עולם האָט גאָר ניט געוויינט, האָט איהם איינער געפרעגט, רבי!

איהר וואָס האָט אַזאַ גרויסען כח אין זאָגען דרוש, אין הספדים, פאַר וואָס איז עפּעס דער עולם קנאַפּ גערירט פון אייער הספד? האָט ער געענטפערט: מיין אומנות איז נאָהר אויפצודרעהען דעם קראַן פון דעם פאַס, עס זאָל אַרויס וואַסער, אָבער אַז אויב די פאַס איז ליידיג, בין איך גאָר ניט שולדיג...

## 1077

אין בריסקער שוהל האָט מען געמאַכט אַ „סיום הספר" איז געווען אַ גרויסער עולם, און עס איז געווען זעהר הייס, ווען ר' יאָשע בער ז"ל איז אַדורך געגאַנגען דורכ'ן עולם פון טיהר ביז אויבען אָן, האָט ער געזעהען, ווי עטליכע יונגע לייט שטעהען אָן היטעל, פרעגט ער זיי פאַר וואָס האָט איהר אויסגעטוהן די היטלען אין שוהל – האָבען זיי געענטפערט: עס איז זעהר הייס האָט ר' יאָשע בער ז"ל געענטפערט: אָבער איך הייס נישט...

## 1078

א חסיד איז אַ מאָהל געפאָהרען צום רבי'ן, קומענדיג אין מיטען וועג האָט איהם אויסגעפעהלט אויף די הוצאות האָט ער פאַר זעצט דעם טלית ותפילין, אַז ער איז געקומען צום רבי'ן, האָט ער געזאָגט צדיק כתמר, דער רבי דער צדיק איז גיגליכען צו תְמָרִין אַז יהודה איז געווען ביי תמר'ן האָט ער אויך געמוזט געבען אַ משכון דעם טלית ותפילין, אַזוי אַז מען וויל פאָהרען צום רבי'ן, דאַרף מען אויך פאַר זעצען דעם טלית ותפילין...

# דער יודישער אוצר

## צעהנטער העפט.

### 1079

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער ז״ל איז שבת הגדול געקומען זעהר מיעד פון שוהל נאָכ׳ן זאָגען די דרשה: פרעגט איהם די רעבעצין, וואָס ביזטו אַזוי מיעד? זאָגט ער, איך האָב געהאַט זעהר אַ שווערע ארבייט מיט די גבירים ארויס צורופען ביי זיי אַ רחמנות געפיהל זיי זאָלען געבען „מעות חטים״ — פרעגט זי איהם, די האָסט האָטשע עפּעס געפּועלט: יאָ — רופט ער זיך אָן — אַ העלפט האָב איך געפּועלט, די אָרימע לייט זענען שוין גרייט צו נעמען, צו די רייכע זענען גרייט צו געבין דאָס ווייס איך נאָך נישט...

### 1080

א מגיד האָט געטייטשט, לכו עבדו את ד׳ אלקיכם, מי ומי ההולכים (בא) פרעה האָט געזאָגט, געהט דינען ג–ט אָבער זאָגט נאָהר מיר, ווער זענען אייערע געהער אין שוהל, ווייס איך דען נישט ווער עס גייט ביי אייך אין שוהל? עס געהען קראַנקע, אַלטע, קאַליקע׳ס, שלעפּער׳ס, קדישים זאָגער׳ס. אדרבה געהמט זיי און גייט, זיי זענען מיר סיי ווי ניט נוצליך אָבער דער יוגענד, זיי גייען דאָך ניט אין שוהל, האָט משה געענטפערט דערויף, „בנערינו״ מיט דער יוגענד, ניט מיט די טאַבאַק שמעקער, ווערלען מיר דאַווענען, נאָהר איבער הויפּט מיט דער יוגענד, נאַכהער מיט די אַלטע וועלען מיר גייען „כי חג ד׳ לנו״ דער יום טוב איז פאַר אונז צוליעב דעם וואָס מיר וועלין דייגע פטור ווערין...

### 1081

דער מלבי״ם האָט אַ מאָל געזאָגט, עס איז אַ פערקעהרטע וועלט, די בעלי בתים אין שוהל זענען זיך נוהג, אַז די ספר תורה קושען זיי מיט די הענד,

דאַגעגען די נדרים זענען זיי מנדר מיט'ן מויל, און בעצאָהלען נישט – עס האָט דאָך געדאַרפט זיין פונקט פערקעהרט...

1082

אַ אמעריקאַנער מגיד האָט געזאָגט אויף די הגדה „ויהי שם לגוי־מלמד־ וואו נאָר אין אמעריקא אַ מלמד, איז ער על פי רוב אַ גוי, מקיים צו זיין דעם מאמר פון בעל הגדה, „ויהי שם לגוי" יעדערער וועלכער איז אין רוסלאַנד אָדער אין אַ אַנדערע מדינה געווען אַ גוי, איז ער אין אַמעריקא אַ „מלמד"...

1083

דער דובנער מגיד ז"ל האָט אַ מאָהל געטראָפין אין גאַס אַ חברה משכילים, זיי האָבען געלאַכט און געשטיפט, האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופען צום דובנער מגיד ז"ל אין אַ חוזק טאָן, ברוך הבא אליהו הנביא איז דאָ! – יאָ, יאָ, איהר זענט גערעכט, – רופט זיך אָן צו זיי דער דובנער מגיד ז"ל, – די גמרא זאָגט „כלבים משחקים אליהו הנביא בא לעיר" (ב"ק ס':) אַז די כלבים שטיפען און לאַכען, איז אַ סימן, אַז אליהו הנביא איז דאָ אין שטאָדט...

1084

אַ מיטער יוד האָט געזאָגט, דעם מענטש'ס לעבען איז גלייך צו אַ קינדער שפיעל אַ גאַנצען טאָג שפיעלט זיך דאָס קינד, מיט פערשידענע שפיעלעכלאַך, אָבער ווען עס קומט דער אָווענט, ווערט דאָס קינד מיעד, און לאָזט אַלעס איבער, און עס געהט שלאָפען...

1085

דער בריסקער רב ז"ל האָט געזאָגט. אַמאָהל האָבען זיך די רבנים אונטער געשריבען „הקטן" און די וועלט האָט זיי נישט געגלויבט, מ'האָט זיי געהאַלטין פאַר גדולים, היינט שרייבט זיך יעדער אונטער „הרב" און מען גלויבט זיי אויך ניט, און מען האַלט זיי פאַר קטנים...

1086

אַ פּאַקראָטניק איז געקומען שבת בראשית אין שוהל מיט אַ פּאָר נייע שיך, וועלכע זיי האָבען געקוויטשעט הויך, (אזוי ווי געוועהנליך איז דער שטייגער אַז נייע שיך לאָזען פון זיך הערין אין גאַנג), האָט דער רב זיך אָנגערופען די

האָסט מקיים געווען דעם פסוק „קול דמי אחיך" די שטימע פון דיין ברידער׳ס געלד, („דמים תרתי משמע" בלוט און געלד, מגילה י״ד) דאָס קול פון די שיך וואָס די האָסט זיי דיר געמאַכט פון דיין ברידער׳ס געלד, וועלכעס די האָסט באַנקראָטירט, און זיי פעראָרימט) „צועקים אלי" זיי קווייטשען צו מיר „מן האדמה" פון די פאָדלאָגע...

## 1087

א באַנקראָטניק, האָט אַ מאָל אין סלאָנים חוזק געמאַכט פון דעם מנהג וואָס ראש השנה באַשמירט מען די „המוציא" מיט האָניג, רופט זיך אָן דער רב צו איהם, אַלץ גלייכער המוציא מיט האָניג, ווי צו זיין „המוציא מחבירו"...

## 1088

ר׳ חיים בריסקער ווען ער איז געווען נאָך אַ יונג קינד, איז ער געווען אַ שטיפער, האָט דער דיין פון שטאָדט איהם געזאָגט מוסר, זעה חיים, דיין שאָפּע ר׳ יאָשע בער, איז געזעסין און געלערינט איז ער אויסגעוואַקסען אַ גאון, אָבער וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסען, אַז דו לערינסט נישט? האָט ר׳ חיים געענטפערט: — אַ דיין!...

## 1089

חסידים טייטשען „ומפני חטאינו גלינו מארצינו ונתרחקנו מעל אדמתינו ואין אנו יכולים לעלות" חטא הייסט אַ פעלער, ארץ הייסט רצון, (מדרש בראשית רבה פ״ה—ח), אדמה איז ערד, דער מענטש הייסט אָדם, ווייל ער איז באַשאַפען געוואָרען פון די ערד, דאָס איז דער טייטש „ומפני חטאינו" איבער אונזערע פעלערען און חסרונות, וואָס מען איז ניט עוסק אין עבודה אַזוי ווי עס געהער צו זיין מיט פנימיות, נאָר בלויז מיט אַ עבודה חיצוניות, איז „גלינו מארצינו" איז מען פאַרוואָגעלט געוואָרען אַז מען האָט גאָר פערגעסין דעם טעם פון אַ אמת׳ן רצון, „ונתרחקנו מעל אדמתינו" ביז מען ווערט דערווייטערט, פון אונזער אדם, דאָס הייסט פון דעם אדם פנימי וואָס ליגט אין עבודה פנימית, ביז אַז ח״ו „ואין אנו יכולים לעלות" מען האָט זיך אַזויפיעל אָפּגעלאָזען אַז מען קאָן זיך נישט אויפהויבען...

## 1090

דער מיטעלער רבי ז״ל פון ליובאַוויטש האָט געטייטשט, „עצביהם כסף וזהב מעשה ידי אדם" זייער עצבות געמט זיך, ווייל זיי מיינען אַז כסף וזהב

קריגט דער מענטש דורך מעשה ידי אדם — די פארבלענדקייט פון די בעלי מסחר מאכט זיי, אז הגם „פה להם" זייא האבען מיילער און רעדין חסידות, „ולא ידברו" זיי ברענגען דאס ניט אראפ און א שליטה וממשלה, (פון לשון „ידבר עמים") וממילא האט דאס קיין טעם נישט, „עינים להם ולא יראו" זיי זעהען ניט די השגחה פרטית, „אזנים להם ולא ישמעו" מען דערהערט ניט מעהר ווי די חיצוניות, ממילא איז „ולא יריחון" מען האט ניט קיין חוש הריח, און אזוי ארום ווערט מען ח"ו א עבודה זרה...

## 1091

דער קאצקער רבי ז"ל האט געזאגט, דער חילוק פון א חסיד ביז א מתנגד איז, א חסיד האט מורא פאר'ן אייבערשטען און א מתנגד האט מורא פאר'ן שלחן־ערוך...

## 1092

א נאון האט געזאגט דעם שייכות פון די ערשטע מצוה „פרו ורבו" צו די לעצטע מצוה „כתיבת ספר תורה" דאס ווייזט, אז די מצוה פון קינדער האבען, איז נאהר צוליעב לערנען די קינדער תורה! „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת, ולמדה את בני ישראל"...

## 1093

א גלח האט געפרעגט א רב, פאר וואס האט איהר פיינד די גוים ? א ראיה איהר מאכט אלע טאג א ברכה „שלא עשני גוי" האט דער רב געענטפערט: דאס וואס מיר זאגען „שלא עשני גוי" איז ניט צוליעב פיינדשאפט, א בעוויז האסטו, אז מיר מאכען א ברכה „שלא עשני אשה" חאטשע אונזערע ווייבער האבען מיר בעווים ניט פיינד...

## 1094

ר' הירשלי בערלינער ז"ל האט געזאגט: מיין שטאדט בערלין איז פיעל מיט יראה (מלאה יראה) ווייל ווער עס קומט א הער מיט א שטיקעלע יראה, לאזט ער זי דא איבער...

## 1095

א מגיד האט געזאגט, אין יעדען דור צובריכט דער עגל הזהב די לוחות,

וואו דער עגל הזהב, די גאָלד, די געלד עקזעסטירט, דאָרט ווערט צובראָכען די לוחות, עס ווערט אפילו די עשרת הדברות אויך ניט אָבגעהיטען...

## 1096

אין פרימישלאַן איז די מקוה געווען אונטער אַ באַרג אַז עס פלעגט ווערין גליטשיק פלעגט מען מוזען גיין אַרום דעם באַרג, ווייל צו גיין דורך דעם באַרג וועג איז געווען אַ סכנה מען זאָל ניט צוברעכין הענד און פיס, ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער ז״ל פלעגט אָבער גיין אויך אין דער גליטשיקער צייט דורך דעם באַרג, און האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעגליטשט, איינמאָל האָבען אַ פּאָר אויפגיקלערטע יונגעלייט, וואָס האָבען ניט געהאַלטען פין קיין מופתים זעהענדיג ווי דער רבי ר׳ מאיר׳ל גייט זיך אַזוי גלאַטיג אויף דעם באַרג, האָבען זיי אויך געוואָלט ווייזען, אַז זיי קענען גיין אויף דעם גליטשיגען באַרג, מסתמא האָבען זיי זיך גוט צו׳מזיק׳ט, אַז זיי האָבען געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאר און בענוצען רפואות, האָט איינער פון זיי געפרעגט דעם רבין ר׳ מאיר׳ל ז״ל, פאַרוואָס קען דער רבי גיין אויף דעם באַרג, אין די צייט וואָס קיינער קען ניט בשום אופ׳ן גיין. האָט ר׳ מאיר׳ל ז״ל איהם געענטפערט: „אַז מען איז צוגעבינדען אויבען, פאַלט מען אונטען ניט אַראָפּ...

## 1097

א רבי איז געזעסין מיט חסידים און קיינער האָט ניט געגעבין אַ גראָשען אויף משקה, רופט זיך אָב דער רבי, אויב איהר גיט צוויי רובעל, צאָפּ איך משקה פון דער וואַנט, באַלד איז געוואָרען צוזאַמען געשטעלט צוויי רובעל, זאָגט דער רבי צום משמש נאַ ברענג דערפאַר אַ פלעשעל משקה, זאָגענדיג צו די חסידים, אַז איך קען בעקומען מיט׳ן דרך הטבע, דאַרף איך דאָך ניט קיין נסים באַווייזען...

## 1098

א מגיד האָט געטייטשט „על אלה חשכו עינינו״ (איכה) אויף די ימים טובים וואָס זיי ווערין אָנגערופען „אלה״ (אלה מועדי ד׳) „חשכו עינינו״ ווערט פינצטער פאַר די אויגין צוקוקענדיג זיך אויף די היינטיגע יוגענד ווי זיי זענען מחלל די ימים טובים בפרהסיא...

## 1099

א גאון האָט געטייטשט „טוב כלב חי מארי המת״ (קהלת) די וואָס זענען ניט

ניט בין אדם למקום, זענען ניט גיט אויך בין אדם לחבירו, נאָר אויב מען געפינט אַ זעלבער וואָס בין אדם לחבירו איז ער פּאַרט גיט, זאָלסטו וויסען אַז דאָס איז נאָר, ווייל ער האָט געהאַט אַ טאַטען אַ צדיק „טוב כלב חי" אַז מיר זעהן אַ גיטען כלב חי, זאָלסטו די וויסען אַז דאָס שטאַמט „מארי המת" פון זיין טאַטען דעם צדיק וואָס ער איז געווען „גבור כארי לעשות רצון אביו שבשמים"...

## 1100

**א** משכיל איז אַריין אין מיט'ן דעם סדר אַבּרעכטען, צו אַ רב, און און אַ חוזק טאָן געזאָגט צום רב, רבי! זייט מיך מוציא מיט די עשר מכות, טונקט דער רב איין דעם פינגער אין כוס, און זאָגט, דם — דם דיר — צפרדע — צפרדע דיר, כנים — כנים דיר אין אַזוי כסדר...

## 1101

**א** משכיל אַ לוסוואַק האָט געפרעגט אין אַ חוזק טאָן אַ גאון פונוואַנען האָט געשטאַמט „זרש", המנ'ס ווייב? — האָט ער געענטפערט — פון ליטא, ווייל דער תרגום מאַכט אויף „ארורה" „ליטא", און עס שטייט דאָך „ארורה זרש"...

## 1102

דער רבי פון לובלין ז"ל האָט געזאָגט, אַז דרום הייבט זיך אָן דער יורה-דיעה מיט הלכות שחיטה און ענדיגט זיך מיט הלכות אבילות? אויב איינער איז מבזה שוחטים, זאָל ער מורא האָבען אַז ער זאָל חס ושלום ניט מסיים זיין מיט די הלכות אבילות, דער חי' הרי"ם ז"ל האָט אַ מאָהל געזאָגט אַז מען זאָל ניט טשעפּען מיט אַ שוחד, ווייל ער האָט אַ חלף אין דער האַנד...

## 1103

**א** גיטער יוד האָט געזאָגט, יודען זענען צו זייעט איבער דער גאַנצער וועלט דעריבער שניידט מען זיי...

## 1104

**א** מגיד האָט געזאָגט „ויקח את רבקה ויאהבה" (חיי שרה) די תורה ווייזט אונז אַז נישט ווי די היינטיגע, וואָס זענען זיך אוהבים פאַר די חתונה, און נאָכדעם איז אויס אהבה, ווייל „אהבה התלוי' בדבר בטל דבר בטל

אהבה" נאָר „ויקח את רבקה" פריהער „ויקח" נאָכהער „ויאהבה" ומט״לא בלייבט דאָס שוין אויף דעם גאַנצען לעבען, אָבער ביי די היינטיגע איז פריהער „ויאהבה" און נאָכהער „ויקח" בלייבט נאָכהער „וישנאה"...

## 1105

א גאון האָט געטייטשט „עת ללדת" אפילו ווען „ועת למות" ווייל ז׳י חז״ל זאָגען „היו לו בנים בילדותו, יהיו לו בנים בזקנותו" ער זאָל אויך האָבען קינדער אויף די עלטער (יבמות ס״ב) נאָך אַ פּשט, אַזוי ווי דער געבאָרען ווערין איז געווען ריין פון חטאים, אַזוי זאָל זיין דער „עת למות", נאָך אַ פּשט, ווען עס וועט זיין „עת ללדת" ביי תחיית המתים, וועט זיין אַזוי ווי דער „עת למות" ווייל די חז״ל זאָגען, אַז דער מענטש וועט אויפשטעהען צו תחיית המתים מיט די זעלבע בגדים וואָס מען האָט איהם אָנגעטועט נאָך דער טהרה... נאָך אַ פּשט, די צייט פון „ללדת" קינדהייט קומט צוריק ווען עס איז „עת למות" ווייל די חז״ל זאָגען „לא בסבי טעמא ולא בדרדקי עצה"...

## 1106

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געזאָגט אויף די רש״י אין פרשת תרומה, „מטבע של אש" אַז מען זאָל געבין די מטבע מיט התלהבות פייערדיג...

## 1107

א גיטער יוד האָט געטייטשט „עוז והדר לבושה" ביי דעם וואָס די תורה וואָס זי ווערט אָנגערופען עוז והדר) איז ביי איהם אַ לבוש, — דער מענטש „ותשחק ליום אחרון" דער יום אחרון איז ביי איהם אַ געלעכטער...

## 1108

אייגער האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר אַ גיטען יוד, בכן ער ליידט אויפ׳ן קאָפּ קען ער ניט דאַוונען, האָט ער איהם געענטפערט: דאַוונען איז דאָך אַ עבודה שבלב, (תענית ב׳) דאָס איז אַ הארץ ארבייט, טאָ וואָסער שייכות האָט דאָס צום קאָפּ...

## 1109

דער גאון ר׳ איטשעלע פאָניעוויזער ז״ל האָט געזאָגט, קיינמאָל האָט מיך קיינער ניט מנצח געווען חוץ איין בעל עגלה, איך בין מיט איהם אַ מאָהל געפאָהרען

אין וועג, האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט דאָווענען, האָט דער בעל עגלה געשווינדער אָבגעדאַווענט פאַר מיר, פרעג איך איהם, איהר קענט עברי בעסער פאַר מיר? זאָגט ער צו מיר, אוודאי: איהר האָט געלערינט אַ פאָר חדשים סך הכל, ווייל נאָכהער האָט איהר שוין געלערינט חומש מיט גמרא, און איך האָב געלערינט עברי גאַנצע דרייצעהן יאָהר, דרום קען איך עברי בעסער פון אייך...

## 1110

**א** משכיל האָט געפרעגט ר׳ אייזלען סלאָנימער ז״ל, פאַרוואָס שלאָגט מען דריי מאָהל אין יאָהר? – המן׳ען – כפרות – הושענות –? האָט ער געענטפערט ווייל עס שטעהט „הכה תכה״ „הכה״ מאַכט המן, כפרות, הושענות, „תכה״ זאָלסטו שלאָגען, האָט ער איהם ווייטער געפרעגט פאַר וואָס עסט מען אין די דריי מאָהל, כרעפלאך, – האָט ער געענטפערט: דאָס איז אויך געדרינגען פון דעם זעלבען, ווען עס איז „הכה״ די דריי מאָל אין יאָהר, דאַן איז „תכה״ מאַכט „תאכל״, „כרעפלאך״ „הרבה״, דער משכיל איז זייער נתפעל געוואָרען פון דעם מני׳ ובי׳ ענטפער...

## 1111

**א** גאון האָט געטייטשט „אחת שאלתי מאת ד׳ אותה אבקש שבתי בבית ד׳ כל ימי חיי״ דער דין איז אַז אַ שואל איז חייב באונסין, אָבער „שאילה בבעלים״ אַז דער בעל הבית פון דעם אָקס איז דערביי ווען דער שואל אַרבייט מיט די בהמה און עס טרעפט אַ אונס, איז ער פטור, דאָס זאָגט דוד המלך, „אחת שאלתי מאת ד׳״ איין זאַך האָב איך געבאָרגט פון דיר, דאָס איז די נשמה, וואָס ווערט אָן גערופען „יחידה״ („שאלתי״ איז פון לשון „שאילה״ באָרגען) בין איך דאָך חייב באונסין דרום „אותה אבקש״ בעט איך דיך אַז „שבתי בבית ד׳ כל ימי חיי״ איך זאָל זוכה זיין שטענדיג צו זיצען ביי דיר, עס זאָל זיין שאילה בבעלים וועל איך דאָך זיין פטור...

## 1112

**ד**ער הייגטיגער לובאַוויטשער רבי שליט״א האָט געזאָגט אום שמחת תורה אין אַ שמועס, – שמחת תורה צו הקפות קאָן אַ יוד אויסבעטען גאָהר גאָהר גרויסע זאַכען, בײַ סוחרים איז פעראַן פערשידענע דרכים און אופן המסחר, פעראַן אַזעלכע סוחרים וואָס גיבען סחורה נאָר במזומן, אויף באָרג גיבען זיי ניט, און פעראַן סוחרים וואָס גיבען אויף באָרג, דער אויבערשטער ב״ה איז אַ סוחר וואָס גיט אויף באָרג און דאָס איז הקפות מלשון „הקפה״ (באָרגען) מיט דער שמחה וואָס בעת הקפות, קאָן מען נעמען פיל סחורה, און די סחורה גיט מען

בהקפה, אויף באַרג, נאָר אז מען נעמט סחורה אויף באָרג, ווערט מען א משועבד, מען דאַרף צאָהלען, און צאָהלען דאַרף מען יעדען טאָג...

## 1113

דער גאון ר' יצחק יעקב ריינעס פלעגט זאָגען, ציוניסטען זאָגען, יעדער יוד וואָס איז ניט קיין ציוניסט, איז ער קיין יוד נישט, און איך זאָג, יעדער ציוניסט וואָס איז קיין יוד נישט, איז קיין ציוניסט נישט...

## 1114

א רב האָט געזאָגט פאַר וואָס פאַרצייטענס האָט מען געריפען „אסתר תענית" און היינטיגע דייטשען רופען „תענית אסתר" ווייל אין יעדען תענית עסט ער („אסתר" מאַכט — עסט ער)...

## 1115

א מגיד האָט געזאָגט פאַרוואָס ווערט פורים קיינמאָל ניט בטל ווערין, (ירושלמי מגילה) ווייל די המנ'ס און ויזתא'ס ווערין קיינמאָל ניט אויס שטאַרבען, נאָכמעהר צייט מען האָט המן אויף געהאָנגען אויפ'ן בוים, האָבען אָנגעהויבען צו וואַקסען א סאך המנ'ס...

## 1116

א גאון האָט געזאָגט, דעם טעם וואָס שטייט אין דער מגילה „יעשו עץ גבוה חמשים אמה" וואָס עפיס פונקט פופציג איילען ? ווייל די חז"ל זאָגען אין מסכת מגילה אז דעם בוים האָט ער געגרייט פאַר זיך, און די חז"ל זאָגען „מרחיקין את הנבילה חמשים אמה" (ב"ב כ"ב)...

## 1117

א מגיד האָט געזאָגט „ויקרא אלקים לאור יום אלו מעשיהם של צדיקים, ולחושך קרא לילה, אלו מעשיהם של רשעים" (מדרש בראשית) עס זענען פערהאַן גוטע מענטשען, די וועלכע זעהען נאָר די ליכטיגע זייט אויף יעדען איינעם, נאָר גוטעס געפינען זיי אויף יעדען מענטש, די וואָס טוען אזוי, איז „ויקרא אלקים לאור יום" השי"ת האָט גערופען די מענטשען וועלכע זיי געפינען נאָר די ליכטיגע זייט אויף יעדען, אז „אלו" די מענטשען זענען „מעשיהם של צדיקים" זיי טוען די אַרבייט פון די צדיקים, עס זענען אָבער

דאָ מענטשען וואָס זיכען אויף יעדען נאָר פינסטערניש, אזעלכע צבועים, וואָס זעהען אויף קיינעם ניט קיין ליכטיגקייט, „ולחשך" צו די פינסטערע מענטשען, וואָס זעהען נאָר אויף יעדען „לילה" טונקעל, נאַכט, זאָגט אויף זיי דער אייבערשטער דאָס זענען מעשיהם של רשעים...

## 1118

שבת ראש השנה האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשובער ז"ל זיך אויסגע'טענה'ט מיט'ן רבונו של עולם, און געזאָגט, היינט איז דאָך שבת מ'טאָר ניט שרייבען, ווי אַזוי שרייבסטו, נאָר אַז דו וועסט פאַרשרייבען „לאלתר לחיים" צוליעב פיקוח נפש, דאָס מעג מען שרייבען אום שבת...

## 1119

ר' אייזיל ז"ל איז אַ מאָהל געגאַנגען שאַפען אַ נדבה צו אַ קאַרגען גביר און דערצו אַ גראָבער יונג, האָט דער גביר איהם געזאָגט, איך האָב שוין גענוג מצות, זייט מיך ניט מזכה מיט נאָך מצות — האָט ר' אייזיל ז"ל זיך אָנגערופען צו זיינע באַגלייטער יעצט איז מיר רעכטיג געוואָרען דער מאמר „ריקנין שבך מלאים מצות כרמון" (סנהדרין ל"ז) די גראָבע יונגען זענען שטענדיג פיל מיט מצות, טאָמער פערלאַנגט פון איהם אַ נדבה טענה'ט ער באַלד, אַז ער האָט שון גענוג מצות...

## 1120

א גאון האָט געטייטשט „שרתי במדינות היתה למס" די חז"ל זאָגען „מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדין" (שבת ק"ד) דער מ"ם מיט דעם סמ"ך פון די לוחות, זענען געשטאַנען על פי נס, דאָס זאָגט דער מקונן אין איכה אמאָהל איז ירושלים געווען „שרתי במדינות" און יעצט איז „היתה למס" זי איז גיגלעכין צו מ"ס די מ' מיט די ס' וואָס זענען געווען על פי נס, אַזוי איז זי היינט אויך, זי שטייט על פי נס...

## 1121

מען האָט געפרעגט ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל, וואָס איז די מעשה אַז די דייטשען, די משכילים, זענען ווייניג געוואָרינט אין יודישקייט, נאָר פון דרך-ארץ האַלטען זיי יאָ? — האָט ער געענטפערט אין אַ שמייכעל, — ווייל ווען מען האָט געגעבען די יודען די תורה, האָט משה רבינו אויסגערופען, יודעלעך גייט'ס נוס באַרג סיני, די פרומע יודען האָבען גאָר ניט באַלאַמוטשעט

און גלייך געלאָפען צום באַרג סיני, אָבער די דייטשען האָבען אויף דיער אופן, זיך אָנגעהויבען צו פיצען און צו וואַשען, און ביז זיי זענען צוגעקומען צום באַרג סיני, האָט מען שוין געהאַלטען נאָך תורה שבכתב, און תורה שבעל פה, און זיי האָבען קוים געדאַנדועט, צו טרעפען צו מסכת דרך ארץ וואָס איז פון די לעצטע מסכתות אין ש״ס...

## 1122

ספרים טייטשען „וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך״ דאָס וואָרט אור איז 2 טייטשען ליכט און פינסטער, (פסחים ב׳) אָבער חושך איז נאָר נאַכט, אַ חכם קען ביידע זאַכען, קלוג און נאַריש, ווען ער דאַרף, אַזוי ווי עס שטייט „לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך״ אָבער דער נאַר קען ניט זיין אַ חכם דאָס זאָגט שלמה המלך דער אור האָט אַ יתרון פון דעם חושך, אַז אור איז כולל ביידע זאכען, אור, און חושך, אָבער חושך איז בלויז נאַכט, אַזוי איז דער יתרון פון חכמה ביז סכלות, דער חכם קען זיך אַ מאָהל מאַכען נאַריש, אָבער דער נאַר קען קיין חכם נישט ווערין...

## 1123

ר׳ אייזעלע סלאָנימער ז״ל האָט געזאָגט צו אַ דאזאר וואָס פלעגט גולנ׳ן קהל׳ישע געלטער, — יעצט פערשטיי איך דעם מאמר חז״ל „הראהו הקב״ה דור דור ושופטיו דור דור והומסיו״ (מדרש ויקרא פכ״ז) דרום האָט דער אייבערשטער געוויזען משה רבינו די שופטים די פיהרער פון יעדען דור צוזאַמען מיט די גזלנים ווייל דאָס איז איינס אין דאָס זעלבע...

## 1124

א פרוי האָט געפרעגט אַ שאלה אַ רעפאָרעם ראַבינער עס איז אויסגעלאָפען אַ טאָפ מילך אויף אַ טאָפ פלייש, האָט ער געזאָגט אַז דער מילך טאָפ איז טריפה, און דער פלייש טאָפ איז כשר, ווייל דער מילך טאָפ איז שולדיג ווייל ער האָט דאָך אָנגעהויבען דעו ערטעט, דרום איז ער טריפה...

## 1125

ר׳ יוסילע טאָמישאווער ז״ל איז געווען דעם צאַנזער רב׳ס אַ תלמיד, און איז געווען אַ חולק אויף די הנהגה פון קאָצקער רבי׳ן ז״ל, איינמאָהל איז ער איינגעשטאַנען אין אכסניא אין אַ שטאָדט, נאָכהער ווי ער האָט געהערט אַז דער בעל הבית פון די סטאַנציע האָט געגומען פאַר אַ איידים אַ יונגערמאַן

וואָס פלעגט פאָהרען קיין קאָצק צום רבי'ן, איז ער שוין מעהר ניט איינגעשטאַנען און די אכסניא, האָט איהם דער יונגערמאַן געפרעגט היתכן? אין גאַנצין וואָס איהר זענט בייז אויף די קאָצקער חסידים איז דאָך נאָר וואָס זיי דאַוונען שפעט, און תפלה איז דאָך נאָר "מדרבנן", און דאָס וואָס איהר האָט מיך מבייש געווען, איז דאָך נאָך ערגער, ווייל "המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא" (ב"מ נ"ט) האָט ר' יוסילי געענטפערט: איך טוה תשובה דערויף, האָט דער יונגערמאַן געפרעגט: דאָס הייסט תשובה, אין איין רגע? האָט ער געענטפערט: יאָ! ווייל די חז"ל זאָגען "המקדש על מנת שאני צדיק מקודשת שמא הרהר תשובה בלבו" איז דאָך אַ סימן אַז הרהור תשובה איז שוין גענוג, קומענדיג קיין קאָצק האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, פאַרוואָס האָסטו איהם ניט געענטפערט: אַז פון דאָרט איז קיין ראיה ניטאָ, ווייל דאָרט שמיסט דאָך אַז ער האָט מקדש געווען אַ אשה, איז ער דאָך אַ חתן, און אַ חתן איז מען דאָך מוחל אַלע עוונות, (ירושלמי ביכורים פרק הלכה ג') דרום איז גענוג פאַר איהם בלויז אַ הרהור תשובה, אָבער אַ אַנדערע מענטש דאַרף טאַקע תשובה טוהן אַזוי ווי דער דין איז אַ ריכטיגע תשובה...

1126

אַ פּאָר דאָרפסלייט פון אַ שטעדטעל האָבען געפרעגט אַ גאון צי מעגען זיי צו נעמען אַל'ס חזן אַ זעלכען וואָס האָט זעהר אַ גוטע שטימע נאָר ער גייט געשוירען די באָרד? — האָט דער גאון געענטפערט: עס שטייט אין שיר השירים "הראיני את מראיך" פריהער דאַרף מען זעהען ווי די מראה דיינע קוקט אויס, נאָכהער "השמיעני את קולך"...

1127

אַ רב איז געגאַנגען שפּאַצירען און אַ גאָרטען, צוקומענדיג צו די טיר פון גאָרטען זאָגט צו איהם אַ קריסט, וואָס האָט אויך געוואָלט אריין גיין אין גאָרטען, אַז אויף דער שילד ביים אריינגאַנג פון גאָרטען איז געשריבען, אַז יודען און הינט איז פערבאָטען דער אריינגאַנג, אויב אַזוי — זאָגט דער רב צו איהם — טאָ לאָמיר זיך טאַקע ביידע צוריק אומקערין...

1128

דער רבי ר' יחיאל מאיר ז"ל פון גאָסטענין האָט געזאָגט: אַז ענייוות איז ניט קיין עקסטרע מצוה אין די תורה, נאָר די תורה זאָגט נאָר בלויז אַלעס שבח פון משה רבינו "והאיש משה עניו מאד" ווייל עס איז דערויף ניט שייך קיין מצוה, וואָרום אַז די תורה זאָל זאָגען אַלעס מצוה, אַז דער מענטש

זאָל זיך, האַלטען נידעריג, וואָלט דאָס ניט געווען קיין אמת'ע עניוות. ווען אפילו אַז אַ מענטש זאָל זיך טאַקע האַלטען נידעריג, וואָלט דאָס געהייסען אַלעס חיוב התורה האַלט ער זיך נידעריג, אָבער בעצם, איז ער טאַקע גרויס ביי זיך. הייסט דאָך דאָס ניט קיין אמת'ע עניוות, אַז ער זאָל טאַקע וויסען ביי זיך, אַז ער איז גאָר נישט...

## 1129

דער קעלעמער מגיד ז"ל איז אַ מאָהל אַדורך געפאָהרען אין אַ דייטשישע שטאָדט, ווי עס איז דאָרטען אין גאַנצען קיין שוהל ניט געווען, האָט ער זיך אויסגעדריקט פאַר עטליכע מענטשען אַ מאָהל האָט יעדער געוואָלט האָבען אין שוהל אַ שטאָדט, היינטיגע אינטעליגענציע ווילען ניט האָבען אַז אין זייער שטאָדט זאָל זיין אַ שוהל...

## 1130

צו ר' אייזיל סלאָנימער ז"ל זענען אריין געקומען 2 מענטשען אויף אַ דין תורה, פרעגט דער רב ביי דעם ערשטען „מה שמך"? פאַרשטעהט ער ניט, וואָס מען רעדט צו איהם, פרעגט ער דעם צווייטען „מה שמך"? ווייסט ער אויך ניט, זאָגט דער רב אויף זשאַרגאָן, ווי רופט מען אייך? זאָגען זיי, מיר הייסעןביידע לייב, זאָגט דער רב, מיר איז ערגער ווי אַ בעל עגלה, ווייל אַ בעל עגלה האָט 2 פערד גוטע ווי די לייבען, און איך האָב צוויי לייבען ווי די פערד...

## 1131

א משכיל האָט זיך געזשאַלעוועט פאַר אַ רבי'ן אַז ער איז קראַנק, אויף די פיס, — האָט דער רבי עהם געזאָגט! ווער האָט דיך געהייסען אזוי ווייט פערקריכען, דרום האָסטו שלאַפע פיס ווייל די ביסט צו ווייט אוועקגעגאַנגען אין יודישקייט...

## 1132

דער קעלעמער מגיד ז"ל האָט געטראָפען 2 רעפאָרמירטע רבנים האָבען גערעדט מיט אַ נקבה, האָט ער צו זיי געזאָגט איך זעה אַז איהר „רע-בנים" זענט נאָך פרומער פאַר רבינו גרשום מאור הגולה, ווייל פאַרצייטענ'ס האָט מען געמעגט נעמען 2 ווייבער, און נאָכהער האָט רבינו גרשום אַרויף געלייגט אַ חרם אַז מען טאָר ניט מעהר נעמען ווי איין פרוי

און איהר זענט נאָך מעהר מחמיר, אַז איהר צוויי האָט נאָר איינע..

## 1133

א גאון האָט געזאָגט דעם פשט פון דער מגילה, „ודתיהם שונות מכל עם, ואת דתי המלך אינם עושים, אם על המלך טוב יכתב לאבדם" המן האָט געזאָגט צו אחשורוש, זייערע אַלע ימים טובים, זענען פון דעם, וואָס ווען אַ מלכות מאַכט אויף זיי אַ גזירה, און זיי ווערין ניצול. מאַכען זיי אַ יום טוב. אַזוי ווי פון פרעה מיט זיינע גזירות, האָבען זיי יעצט אַ פסח, און זיי דער מאָנען פרעה אַלע ווייל, „ודתיהם שונות מכל עם" פון יעדען פאלק האָבען זיי אַ פערשידענעם יום טוב מיט פערשידענע דינים, „ואת דתי המלך אינם עושים" פון דיר האָבען זיי נאָך ניט קיין יום טוב, „אם המלך טוב יכתב לאבדם" אויב דיר געפעהלט, מאַך אַ גזירה זיי צו פאַרלירען, וועלין זיי דאָך אוודאי ניצול ווערין, און זיי וועלין אוודאי מאַכען אַ יום טוב. וועלין זיי דיך בסדר דערמאָנען...

## 1134

דיר' דעמבא איינער פון די גרעסטע פאַרטיידיגער פון די שחיטה, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון די באַזעלער ציוניסטישער קאָנגרעס, דורכפאָהרענדיג קאָוונע, האָט איהם איינער געפרעגט, וואָס האָט איהר געטוהן אויף דעם קאָנגרעס? האָט ער געענטפערט: איך בין געפאָהרען בעטען ביי די פיהרער פון ציון, אַז ווען זייערע אידעאַלען וועלין פערווירקליכט ווערין און עס וועט זיין אַ אידישע הערשאַפט אין ארץ ישראל, זאָלען זיי ניט מבטל זיין די שחיטה...

## 1135

א מגיד האָט געזאָגט אין אַ הספד אויף איינעם וואָס ער אַליין איז ניט געוועזן אַזוי פרום, נאָר ער האָט איבער געלאָזט גוטע קינדער, „ושבח אני את המתים שכבר מתו" איך לויב נאָר דער מיט די טויטע „מן החיים אשר חיים עודנה" פון זיינע לעבעדיגע קינדער וואָס ער האָט איבער געלאָזט אַז איך זעה אַז די לעבעדיגע קינדער זיינע פירען זיך אין יודישען וועג דאַסטמאָל לויב איך דעם פאָטער ווייל „ברא מזכי אבא" (סנהדרין ק"ד)...

## 1136

פון האָט געפרעגט דעם ווילנער גאון ז"ל אחשורוש האָט געהאַט 127 מדינות,

וויפיל האט ער געהאט פון זיי אויף דעם ים, און וויפיעל אויף דער יבשה? האט ער געענטפערט פון דער מגילה אליין איז דאס געדרונגען, עס שטייט „וישם המלך מס על הארץ ואיי הים" „מס" באטרעפט הונדערט, דאס איז געווען „על הארץ" אויף דער יבשה „ואיי" באטרעפט 27 „על הים"...

## 1137

דער דובנער מגיד האט געטייטשט, „יש רעה חולה ראיתי תחת השמש עושר שמור לבעליו לרעתו" (קהלת) א קארגען מיטעל יעהריגער גביר אז מען הרעגט איהם פארוואס ער גיט ניט קיין נדבה ענטפערט ער, איך קען ניט צוטיילען דאס געלד, ווייל טאמער וועל איך קרענקען פאר מיין טויט טאג וועט ווער וועט מיר דאמאלס געבין, דערויף זאגט שלמה המלך, די זאגסט טאמער וועסטו קרענקען. איך זאג, אז מיט דעם ביסטו שוין א געפעהרליכער קראנקער. „יש רעה חולה ראיתי" איך האב געזעהען א געפעהרליכען קראנקער, דאס איז „עושר שמור לבעליו לרעתו" א רייכקייט וואס ער היט דאס אב און גיט ניט קיינעם דערפון קיין גראשען ווייל ער באהאלט דאס „לרעתו" ווען ער וועט קרענקען, ער טענה'ט טאמער וועט ער קרענקען זאגט שלמה המלך דערויף, אז דאס אליין איז א געפעהרליכע קראנקייט...

## 1138

דער הייליגער בארדיטשובער רב ז"ל האט אמאל ראש השנה נאכ'ן יהי רצון פון תקיעת שופר, וואו עס ווערין אויסגירעכענט די מלאכים היוצאים מן השופר, מן התקיעה שברים תרועה תקיעה, און דערנאך שטייט ומן קשר"ק, געזאגט! זיסער טאטע, דערבארימדיגער פאטער, טאמער זענען די מלאכים, וועלכע זענען ארויס פון דעם שופר, וואס לוי יצחק בן שרה האט געבלאזען, שוואכע מלאכים, זאלען קומען די מלאכים הקדושים והבריאים וועלכע זענען באשאפין געווארין פון דער עבודה ויגיעה וואס עמך בני ישראל האבען געטוען פאר פסח, קשר"ק מאכט קראצען, שאבען, רייבען קשר'ן די כלים אויף פסח צוליעב דעם הידור מצוה...

## 1139

דער קאצקער רבי ז"ל האט געזאגט דעם טעם פאר וואס א כלי חרס איז ניט מטמא מגבו נאר מתוכו? ווייל א כלי חרס איז דאך באמת גאר ניט קיין ווערט, נאר דאס גאנצע חשיבות דערפון איז וואס דאס האט א תוך, און מען קען אין דעם נוצען, אריינטוען עפיס א זאך, קומט דאך אויס אז דער עיקר איז נאר דער תוך פון די כלי, דעריבער איז ער מטמא נאר מתוכו...

## 1140

א קאָצקער חסיד האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ װאָרקער חסיד, דער חילוק איז פון די תורה װאָס אונזער רבי זאָגט, ביז אייער רבי'ס, אייער רבי זאָגט תורה װאָס גרייכט ביז צום הימעל, און אונזער רבי זאָגט תורה, ביז אין פּיפּוק אַריין...

## 1141

דער באַװאוסטער חזן ר' ניסן קעשעניאָװער איז געפאָהרען מיט דעם כאָר דאַװנען צום טאַלנער רבי'ן ז"ל אויף אַ שבת, און כדי דער כאָר זאָל אויסזעהען גרעסער פלעגט ער צװישען די זינגער אויך אַװעקשטעלען דעם בעל-עגלה. נאָכ'ן דאַװנען זאָגט צו איהם דער רבי, דער כאָר האָט זייער שיין געזונגען נאָר דער יונגער מאַן (װייזענדיג אויף דעם בעל עגלה), האָט גאָר ניט מיט געזונגען – װאָס רעדט איהר – זאָגט ניסן – דער יונגער מאַן פיהרט דאָך דעם גאַנצען כאָר...

## 1142

ר' לוי יצחק באַרדיטשעװער ז"ל פלעגט מלמד זכות זיין אויף יודען, אַ מאָל האָט ער געזאָגט, רבונו של עולם געב אונז אַ גוט יאָהר, װעסט דו זאָגען דאָס מיר זענען ניט גוט, זיי װיסען, די גמרא זאָגט אַז די לייגסט תפילין װאָס אין זיי שטעהט „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", (ברכות ו') אין אויב די װעסט זאָגען אַז זיי טויגען ניט, קומט דאָך אויס אַז די לייגסט ח"ו פסול'ע תפילין...

## 1143

א גוטער יוד האָט געטייטשט. „שקר החן והבל היופי" עס װעט קומען אַ צייט, אַז דער שקר װעט האָבען אַ חן, און צו אַלע נאַרישקייטען װעט מען רופען היופי, אָבער „אשה יראת ד' היא תתהלל" מלשון הוללת פון איהר װעט מען חוזק'ן...

## 1144

װען די מתנגדים האָבען פּערצייטינ'ס גוזר געװען אַ איסור אויף צולערנען חסידות, װייל עס איז אַ ביטול תורה, האָט דער רב ר' שניאור זלמן ז"ל פון לאָדי געזאָגט אויף דעם, אַז דער בעל דבר איז געקומען צו די מתנגדים

מיט'ן שכל פון א קלוגען גנב, אז מען חאפט איהם, הויבט ער אן „רחמנא קריא" ער איז מזכיר שם שמים, אבער דער אמת איז אז עס קען זיין „גנבא אפום מחתרתא רחמנא קריא" (ברכות ס"ג).

## 1145

ווען ר' אברהם בירך סמיליאנער ז"ל איז געקומען דאס ערשטע מאל צום רב ר' שניאור זלמן ז"ל קיין ליאזני, האט ער איהם געזאגט „כי האדם עץ השדה" א אילן ווען ער איז ניט עושה פירות ווערט ער א אילן סרק, מען קען זיין א ש"ס יוד, און מען איז ח"ו א אילן סרק, וואס טויג דיין תורה ועבודה, אז די האסט ניט מאיר אור געווען להכניס אור אין נאך איינעם „אמר רבא דרחים רבנן הוויין לו בנין רבנן", (שבת כ"ג), ווען מען מאכט א יודע תורה פאר א אוהב ד' און מען ווייזט איהם א דרך אין עבודת ד'. הוויין לו בנין רבנן...

## 1146

ר' יאקילע ראדזימינער ז"ל האט א מאל געוואלט פעררייכערין די לולקע. פלעגט ער אליין אריין גיין אין קיך און זיך אנצינדען א שטיקעל פאפיער און צו פעררייכערין, ער פלעגט ניט לאזען מען זאל איהם משמש זיין, — האט זיך אמאל א חסיד געחאפט ער זאל איהם משמש זיין מיט פעררייכערין די לולקע, זאגענדיג אז ער וויל משמש זיין א תלמיד חכם! זאגט דער רבי צו איהם א תלמיד חכם וויל איך אליין אויך משמש זיין...

## 1147

דער יוד הקדוש האט געזאגט א בעל מופת צו זיין איז נישט קיין קונץ א לאדע בעל מדריגה קען פערדרייען שמים וארץ, נור א יוד צו זיין איז שווער...

## 1148

די מוטער פון חי' הרי"ם ז"ל האט אמאל איהם געפרעגט פאר וואס ער שלאפט נישט מעהר ווי 2 שעה אין די נאכט, האט ער איהר געענטפערט, מען זאגט דאך אז איך בין א עילוי, און א עילוי איז דאס וואס איינער דארף לערנען א גאנצע טאג, קען דער עילוי אב לערנען אין 2 שעה, אזוי מיט דעם שלאפען איז אויך דאס זעלבע, וואס איינער דארף שלאפען א גאנצע נאכט, קען ער דאס גענוג האבען אין 2 שעה...

1149

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געזאָגט פאַר וואָס איז „מזוזה בימין ונר חנוכה בשמאל״ (שבת כ״ב) ווייל מזוזה איז דאָך „חובת הדר״ (פסחים ד׳) עס איז פאַר דעם בעל הבית, דעריבער איז דאָס פון די רעכטע זייט פון אַריינגאַנג אין שטוב, אָבער נר חנוכה איז דאָך פאַר דעם פירסום פון די גאַס, דעריבער איז דאָס „בשמאל״ וואָס אין די רעכטע זייט פין אַרויסגאַנג אויף די גאַס...

1150

אַ חסיד וואָס האָט געהאַט אַ סיבה רחמנא ליצלן, האָט געפרעגט ר׳ אברהמ׳לי פאַריסובער ז״ל. אַז עס איז זייער שווער דער מאמר חז״ל „כל מה דעבד רחמנא לטב צביד״ (ברכות ס׳) ווייסט דאָך אויס אַז אַלעס איז גוט, אין די חז״ל זאָגען דאָך, „כשם שמברכין על הטובה כך מברכין על הרעה״ (ברכות נ״ד) ווייזט דאָך אויס אַז עס איז דאָ של׳עכט׳ס אויך, האָט איהם דער פאַריסובער רבי ז״ל געענטפערט! דער טייטש אין „כל מה דעביד רחמנא לטב״ – אַלץ וואָס דער אייבערשטער טוט צו אַגוטען מענטש – „עביד״ איז אָב געטוען ער איז ניט קיין מתרעם אויפן רבונו של עולם, ווייל ער גלייבט טאַקע אין דעם מאמר חז״ל „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד״ אזוי ווי דער פּראָסטער פשט איז...

1151

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געזאָגט צו אַ יונגערמאַן נאָך די חתונה, די ווייסט דעם טייטש פון „שנה אחת נקי יהי׳ לביתו״ – אזוי ווי עס שטייט ובעל השור נקי, זאָגט די גמרא (ב״ק מ״א) „כאדם האומר לחבירו יצא פלוני נקי מנכסיו ואין לו בהם הנאה של כלום״, אַז מען זאָל ניט מיינען לשם הנאה...

1152

דער חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געטייטשט „כי לקח טוב נתתי לכם״ דאָס אליין אַז מען זאָל זיך בוחר זיין דעם טוב, דאָס אַליין איז אויך אַ מתנה פון מיר...

1153

דער רבי ר׳ יעקב הירש פאַריסובער ז״ל איידער ער איז אַריין געגאַנגען אין די סוכה, האָט ער געזאָגט „אדם יסודו מעפר״ בין איך דאָך אַ כלי חרס, און אַ כלי חרס טאָר מען דאָך ניט אַריין ברענגען אין די סוכה, (סוכה כ״ט)

נאכהער האָט ער געזאָגט דער דין איז ביי אַ כלי חרס „שבירתן מטהרתן״ (שבת ט״ז) אַז מען האָט שבירת הלב, איז דאָס מטהר, און אין אַריין אין סוכה...

# 1154

אַ יונגער מאַן האָט זיך געזעגנט פאַר דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל אַז זיין ווייב איז מושל אויף איהם. האָט ער געענטפערט: עס שטייט „ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך״, און אויב די תשוקה איז ביי דיר פערקעהרט, איז די ממשלה אויך פאַרקעהרט...

# 1155

ר׳ וואָלף סטריקיבער ז״ל איז אַ מאָל געפאָרען אין וועג מיט חסידים, האָט ער געזעהען אַ שייגעץ פאַשעט בהמות, דער שייגעץ איז געגאַנגען אָנגעטוהן אַ ברייטען קאַפעלאַש, האָט ער זיך אָנגערופען, אַז דער שייגעץ איז אַ יתום, דער טאַטע זיינער איז איהם געשטאָרבען, האָט אַ חסיד געפרעגט דעם שייגעץ צי איז דאָס אמת, אַז דער פאָטער איז איהם געשטאָרבען האָט ער געזאָגט אַז יאָ האָט ר׳ וואָלף ז״ל געזאָגט צו דעם חסיד, איהר מיינט אַז דאָס איז אַ רוח הקודש פון מיר, דאָס איז גאַנץ פשוט. איך האָב געזעהען אַז ער איז געגאַנגען אָנגעטוהן אַ גרויסען ברייטען קאַפעלאַש, האָב איך פערשטאַנען, אַז מסתמא איז איהם דער פאָטער געשטאָרבען, האָט ער געיאַרשענט דעם קאַפעלאַש פון פאָטער...

# 1156

די נאַכט ווען דער „תפארת שלמה״ איז נפטר געוואָרען, איז צו איהם געקומען ר׳ ארון ז״ל דעם „מאור ושמש״ס״ אַ זון ווען זיי האָבען זיך געגעבען שלום, האָט דער „תפארת שלמה״ געזאָגט צו ר׳ ארון, — די חז״ל זאָגען „ארון נושא את נושאיו״ (סוטה ל״ה) ער האָט באַלד פאַרשטאַנען זיין כוונה אַז ער וועט נפטר ווערין...

# 1157

ר׳ ארון ז״ל דעם „מאור ושמש״ס״ אַ זוהן איז אַ מאָל געקומען אויף אַ יום טוב צום „תפארת שלמה״ ז״ל, ווען אַלע חסידים האָבען זיך געשטופט ביים טיש, האָט זיך אָבער ר׳ ארון אַוועק געשטעלט אין אַ ווינקעל, און ער האָט זיך ניט געשטופט צווישען עולם, נאָך דעם ווי דער „תפארת שלמה״ האָט

אָבגעזאָגט דעם שמוס, האָט ער זיך אָנגערופען צום עולם, די חז"ל זאָגען „מקום ארון אינו מן המדה" (מגילה י') דער אָרון האָט ניט תופס געווען קיין שום מקום. פונדעסטוועגען זענען די לוחות געליגען נאָר אין ארון. ניט אין קיין אַנדער כלי וואָס האָט יאָ תופס מקום געווען, אַזוי דער ר' ארון. ווייסט דעם גאַנצען שמוס, האָטשע ער האָט ניט תופס מקום געווען און זיך ניט געשטופט צום טיש...

1158

דער ט"ז ז"ל אַז ער איז געווען אַ יונגעל האָט ער געלערינט ביי דעם ב"ח ז"ל, אַז דער ב"ח ז"ל האָט געזעהען וואָס פאַר אַ חריף דער ט"ז איז, האָט ער איהם גענומען פאַר אַ חתן, פאַר זיינס אַ טאָכטער, איין מאָל האָט דער ב"ח געזאָגט צו זיין טאָכטער, בוזט דאָך אַזוי שיין ווי די לבנה, האָט דער ט"ז זיך אָנגערופען, עס איז שוין צייט מקדש צו זיין די לבנה...

1159

דער מלמד פון דעם רבין ר' העשיל ז"ל פון קראָקע האָט אַ מאָל געזאָגט מוסר דעם רבין ר' העשיל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגעל, זעה! אַז די יונגלעך וואָס גייען אין שקאָלע אַריין הייבען זיך אויף פרי, אין גייען מיט זריזות, אין די ביסט אַ פאַלער און קומסט שפעט צו גייען אין חדר אַריין, האָט ער איהם געענטפערט: זיי גייען דאָך אין שקאָלע אַריין העלפט זיי דער יצר הרע צו, און ביי מיר העלפט דער יצר הרע אויף פאַרקעהרט...

1160

א גוטער יוד האָט געטייטשט „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" (ברכות ס') אַלץ וואָס דער אייבערשטער טוט צום מענטש, דאָס אַלץ איז כדי דער מענטש זאָל בעסער ווערין...

1161

איינער האָט געפרעגט ר' יחזקאל שינאַווער ז"ל די תורה זאָגט „ארבעים יכנו" אין די רבנן האָבען נאָר געמאַכט 39, פאַר וואָס איז דאָס? האָט ער איהם געענטפערט, ווייל די תורה זאָגט „ונקלה אחיך לעיניך" דרשנ'ן די חז"ל „כיון שלקה הרי הוא כאחיך" (סנהדרין ו') ווען דאָך דער מענטש מיינען אַז ער איז שוין אַ צדיק גמור, דעריבער כדי ער זאָל שטענדיג געדענקען אין זיינע חטאים און אַז ער איז נאָך ניט אין גאַנצען פערטיג, האָבען די רבנן

געהייסן אראָב נעמען איין קלאַפּ, כדי ער זאָל וויסען אז עהם פעלט נאָך א קלאַפּ אז ער איז נאָך ניט פערטיג, ער איז נאָך ניט גלייך צו א צדיק גמור...

## 1162

ר׳ מענדעלי וואָרקער ז״ל האָט נאָך געזאָגט א תורה פון א דאָרפ׳ס מאַן, אויף דעם פסוק „הצאן ובקר ישחט להם, אם את כל דגי הים יאסף להם״ משה רבינו האָט געזאָגט צום אייבערשטען אָדער גיב זיי פלייש, אָדער פיש, האָט דער אייבערשטער געענטפערט „היד ד׳ תקצר״ איך זאָל זיי געביןביידע פיש מיט פלייש...

## 1163

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחאָ האָט געטייטשט „הטוב ומטיב לרעים ולטובים״ צו די דאָויגע וואָס א מאָל זענען זיי גוט און א מאָל זענען זיי שלעכט...

## 1164

דער רבי ר׳ בינ׳ם ז״ל האָט א מאָל מכבד געווען א חסיד ער זאָל בלאָזען די תקיעות, האָט דער חסיד געמאַכט לאַנגע שהיות, כדי ער זאָל מכוון זיין די כונות פון די תקיעות, האָט דער רבי ר׳ בינם ז״ל געזאָגט צו איהם, זעה וואָס עס שטייט אין סידור ביי די תקיעות, דאָס וואָרט „שב״ דאָס איז ראשי תיבות, „ש׳וטה, ב׳לאָז״, מאַך ניט קיין הכונות, נאָר דער עיקר איז מען זאָל מקיים זיין דעם רצון פון אייבערשטען, וואָס ער האָט געהייסן בלאָזין, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען, „למה תוקעין? רחמנא אמר תיקעין״ (ר״ה ט״ז)...

## 1165

דער גאון ר׳ משה שלמה ז״ל פאַרציוועך רב האָט געפרעגט דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל פאַר וואָס האָט די תורה געזאָגט אז א עבד כנעני ווערט נידון אין דין פון יום או יומים, אויב ער איז „קנין כספו״ דאַרף דאָך זיין אז אפילו דער עבד שטאַרבט באַלד זאָל דער אדון אויך זיין פטור? האָט ער געענטפערט דער דין איז „המפקיר עבדו יצא לחירות״ (גיטין מ׳) אז ער האָט איהם געגעבין א קלאַפּ כדי להמית האָט ער איהם באַלד מפקיר געווען, איז ער דאָך פריי, דעריבער איז ער מחויב מיתה. וויל ער איז שוין ניט קיין „קנין כספו״...

1166

ר' מענדילי אמשינאָווער ז"ל איז אַמאָל געווען אויף אַ אוהל פון אַ גרויס, צדיק, האָט ער געזעהען וויא אַלע וואַרפין אַריין קוויטלעך אויפ'ן קבר פון צדיק, האָט ער זיך אָנגערופען. יעצט איז מיר רעכטיג געוואָרען וואָס די חז"ל זאָגען, „צדיקים במיתתן קרויין חיים" (ברכות י"ח) עס האָט געדאַרפט שטיין „נקראין חיים" ניט „קרויין" נאָר דער טייטש איז „קרויין חיים" זיי לייענען איבער די קוויטלעך פון די לעבעדיגע...

1167

אין אַלעקסאַנדער האָט מען אַ חסיד אַרויס גע'גנב'ט געלד זייענדיג ביים אַלעקסאַנדער רבי'ן ז"ל, — האָט דער אַלעקסאַנדער רבי ז"ל צו גערופען אַ יונגערמאַן אין געהייסין אָפּגעבין דאָס געלד, אין ער האָט זיך מודה געווען, און האָט צוריק געגעבין דאָס געלד, האָט דער רבי ז"ל זיך אָנגערופען צו די חסידים איהר זאָלט ניט מיינען אַז דאָס איז אַ מופת, נאָר ווען דער יונגערמאַן איז נאָך געווען אַ קינד, האָב איך איהם אַ מאָל פערהערט בבא מציעא די סוגיא פון ד' שומרים, האָב איך עהם געזאָגט, פרעג עפּיס אַ קשיא האָט ער מיך געפרעגט, וויא אַזוי באַשווערט מען אַ שומר אַ „שבועה שאינו ברשותו" אז ער האָט דאָס ניט באַ זיך אין רשות דער שומר האָט דאָך אַ עצה, ער זאָל אַריין לייגען דאָס חפץ אין אַ אַנדערע שטוב, ווערט ער דאָך גאַנץ גיט קענען שווערען „שאינו ברשותו" און באמת קען ער זיין דער גנב, — האָב איך דענסטמאָל געזעהען, אַז ער האָט אַ גנב'ישען קאָפּ...

1168

דער שפת אמת ז"ל האָט געזאָגט דעם טעם פאַר וואָס מען האָט גערופען דעם רבי'ן פון פרשיסחא ז"ל „דער יוד" ווייל אַלע טאָג האָט ער זיך גערוקט אין די מדרגות העכער און העכער, אַז אַנטקעגין דעם נעכטיגען טאָג, האָט ער געהייסין אַ נייער יוד...

1169

ר' יעקב דוד אמשינאָווער ז"ל האָט אַ מאָל געהאַט הקפדה אויף איינעם, און דאָך האָט ער איהם באַלד מוחל געווען, האָטשע ער האָט געקלערט ביי זיך טאָמער טאָר איך על פי דין עהם ניט מוחל זיין, דאָך האָט ער איהם באַלד מוחל געווען, האָט ער געזאָגט דערויף אַ סברא, ווייל אַז איך וועל עהם ניט מוחל זיין און ער וועט זיך בייזערין אויף איהם, טאָמער האָב איך דער

נאָך חרטה, אויף דעם, ווייל איך וועל זעהן אַז יענער איז גערעכט געווען, און אַז איך וועל וועלין בעטין פון יענעם מחילה, און איך וועל אָבער יענעם ניט טרעפין, ווייל טאָמער וועט ער אַוועק פאָרען, וועל איך דאָך ניט קענען יענעם איבער בעטין. דרום בין איך באַלד יענעם מוחל, און אויב טאָמער וועל איך דער נאָך געוואָהר ווערין אַז איך האָב עס ניט געטאָרט מוחל זיין על פי דין, וועל איך דאָך נאָר האָבען געזינדיגט קייגען רבונו של עולם, און דער אייבערשטער איז דאָך דאָ אומעטום, וועל איך דאָך עס קענען שטענדיג איבער בעטין...

## 1170

דער „אבני נזר" ז"ל איז אַ מאָל געווען אין אַלעקסאַנדער ביי דעם רבי'ן ר' יחיאל ז"ל עס מבקר חולה זיין ווען ער האָט געוואָלט עפּעס עסין האט ער געזאגט צום עולם חסידים וואס זענען ביי איהם, אַז זיי זאלין אַרויס גיין, האט איהם דער „אבני נזר" ז"ל געפרעגט פאַר וואס ער הייסט אַרויס גיין, האט ער געענטפערט אין אַ שמייכעל, פרייטיג צו נאַכט'ס זאגט מען צו די מלאכים בואכם לשלום, אין מען פרייד זיך מיט זיי, פונדעסטוועגין זאָגט מען באַלד צאתכם לשלום? נאָר דער תירוץ איז ווען מען דאַרף גיין עסין, זאָגט מען אפילו צו מלאכים אויך זייט מוחל גייט אַרויס אַביסעל ביז איך וועל דער וויל אָבעסין...

## 1171

דער רבי ר' יאַקילע ראַדזימינער ז"ל האָט פערענטפערט די גמרא'ס קשיא אין (קידושין ל"ו) פאַר וואָס עס שטייט „תורת ד'" און נאַכהער שטעהט „בתורתו יהגה יומם ולילה", ווייל יעדער מענטש האָט זיינס אַ בעזונדערע תורה און אַ באַזונדערען דין, דער מלוה האָט אַ דין פון „לא יגוש", ער טאָר ניט מאָהנען דער לוה האָט אויף זיך אַ פּסוק „לוה רשע ולא ישלם" דאָס שרייט דוד המלך „ובתורתו יהגה" די זאָלסט לערנען דיין תורה ניט יענעמ'ס, די זאָלסט ניט פאַרדרייען די יוצרות דער מלוה זאָל ניט שרייען „לוה רשע ולא ישלם" נאָהר ער זאָל גלייכער היטען דעם „לא יגוש", און דער לוה זאָל ניט שרייען „לא יגוש" נאָר ער זאָל היטען זיין תורה ער זאָל ניט זיין קיין „לוה רשע ולא ישלם"...

## 1172

מען האָט דערצעהלט דעם ישועות יעקב ז"ל לעמבערגער רב, אַז עס איז דאָ אַ רבי וואָס ער איז אַ מבין אויף אַ כלי, אַז ער קוקט זי אָהן ווייסט ער צו

עס איז גע'טובל'ט צו נים, — האָט ער זיך אָנגערופען יעצט איז מיר רעכטיג די גמרא, „עתידה תורה שתשתכח מישראל, עתידה אשה שתטול ככר של תרומה ותחזר בבתי כנסיות ובבתי מדרשות לידע אם טמאה היא ואם טהורה היא, ואין מבין אם טהורה היא או טמאה היא, פרעגט די גמרא, הא בהדיא כתיב? אלא לידע אם ראשונה היא או שניה היא", (שבת קל"ח) אייגענטליך געפינט זיך דען נים קיין ספיקות אין טומאה וטהרה אליין, וואָס עפּעס נאָר דער ספק צי ראשון לטומאה צי שני? נאָר דער תירוץ איז, עס שטייט דאָך נאָר עתידה „תורה" שתשתכח, אָבער רביים וועט דאָך זיין. אין אויב מען וועט קלערין צי טמא צי טהור וועט מען פרעגין אַ רבי'ן, אָבער אַז מען וועט פרעגין אויף אַ ראשון צי אַ שני, דאָ העלפט שוין נים קיין מבינות פון אַ רבי'ן ווייל עס איז דאָך סיי ווי טמא, דאָס איז דער טייטש „ואין מבין" דאָ העלפט נים קיין מבינות, נאָר מען דאַרף לערנען צו דעם, — ש"ס מיט פוסקים...

## 1173

דער אַלעקסאַנדער רבי ז"ל האָט געטייטשט „דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים" (יומא ע"ה) „ישיחנה" איז פון לשון תפלה „ויצא יצחק לשוח בשדה" דאָס איז דער פשט „ודאגה בלב איש" אַז איינער האָט אַ דאגה, „ישיחנה לאחרים" זאָל ער בעטין פאַר אַנדערע וועט ער פריער געהאָלפען ווערין אַזוי ווי די חז"ל זאָגען „המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחלה" (ב"ק צ"ב)...

## 1174

ר' מענדעלי וואָרקער ז"ל האָט געטייטשט „הנותן ליעף כח" ווייל אַ גוטען יוד איז זייער שווער סובל צו זיין די צרות ישראל וואָס יעדער חסיד זשאַלעוועט זיך פאַר דעם רבי'ן, דער אויף פרנסה דער אויף אַ חולה, גאָר דער אייבערשטער גיט עס כח ער זאָל קענען סובל זיין, דאָס איז דער פשט, „ליעף" צו דעם וואָס באמת זיך פאַר יודען דאָס איז דער צדיק...

## 1175

דער סאָכאַטשובער רבי ז"ל דער מחבר פון „אבני נזר" איז אַ מאָל געוועזן פאַרבעטין אויף אַ סיום פון מסכת שבת, האָבען די לומדים עם געבעטען ער זאָל זאָגען עפּעס אַ הדרן לכבוד דעם סיום, האָט ער מני' ובי' געזאָגט, די 24 פּרקים פון מסכת שבת זענען אַ קייגען די 24 שעה פון שבת, איז דאָך אָבער קשה, עס איז דאָך דאָ תוספות שבת פאַר שבת און נאָך שבת? מוז מען דאָך זאָגען אַז תוספות שבת איז נים מדאורייתא, און דער הרב המגיד זאָגט אין הלכות שבת אַז פון די משנה „מי שהחשיך לו בדרך נותן כסו

לנכרי" איז געדרונגען אז תוספות שבת איז ניט מדאורייתא דעריבער זאגט ער „הדרן עלך מי שהחשיך" וואס פון דאנען איז א ראיה אז תוספות שבת איז ניט מדאורייתא, דעריבער „סליקו לה מסכת שבת" ענדיגט זיך מסכת שבת ביי דעם 24׳טען פרק. ווייל אויב עס וואלט געווען דער תוספות שבת מדאורייתא, וואלט געדארפט צו זיין נאך 2 פרקים אנטקעגען תוספות שבת, פין פאר שבת, און נאך שבת...

## 1176

א גיטער יוד האט געטייטשט „ויהי מקץ שנתיים ימים" אז פאר דעם קץ איידער משיח וועט קומען וועט זיין שינויים אין די טעג, איין טאג וועט ניט זיין גלייך צום אנדערען טאג...

## 1177

א רבי האט געטייטשט „מזרק אחד כסף שבעים שקל בשקל הקודש" „כסף" איז טייטש גליסטען „מזרק אחד כסף" אז א מענטש ווארפט א וועק איין תאווה און ער גליסט שוין ניט צו דעם קיין מאל, איז דאס גלייך אזוי ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה וואס זי איז געגעבען געווארען מיט 70 לשונות, דאס איז דער טייטש „שבעים שקל בשקל הקודש" עס איז געוואויגען אזוי ווי די הייליגע תורה וואס זי איז געגעבען בשבעים לשון...

## 1178

א רבי האט געהאט א שלעכטע פרוי, איז זי א מאל קראנק געווארען, האבען די חסידים באמערקט, אז שטענדיג ווען דער רבי געהט ארויס פון די קראנקע, איז ער זעהר פרעהליך, האבען זיי געפרעגט דעם רבי׳ן, פאר וואס ער איז אזוי פרעהליך, נאכ׳ן באזוכען די קראנקע, האט ער געענטפערט: איך פרעה זיך וואס דער אייבערשטער האט מיר צו געשיקט מקיים צו זיין די מצוה פון ביקור חולים ביי מיר אין הויז...

## 1179

דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל פון ליזענסק ארויס פאהרענדיג פון שטאדט, האט איהם אגרויסער עולם באגלייט א שטיק וועג׳ס אונטער דער שטאדט, ארויס קומענדיג אונטער דער שטאדט, איז דער רבי ר׳ אלימלך אראב פון די פיהר און צו זאמטען געגאנגען מיט זיינע באגלייטער, האבען די חסידים עס געפרעגט פאר וואס ער פאהרט ניט אויפ׳ן וואגען. — האט ער זיי געענטפערט

מיט אַ שמייכעל — אויב די מצוה פון באַגלייטען איז באמת אַזוי גרויס, וויל איך אויך האָבען אַ חלק אין די מצוה...

1180

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט פאַר וואָס רופט מען אַ צדיק „גיטער יוד"? אויב ער דאַווענט גיט דאַרף מען דאָך עהם אָנרופען אַ גיטער דאַוונער, לערנט ער גיט, דאַרף מען עהם אָנרופען אַ גיטער לערנער, זעהט ער גיט, דאַרף מען עהם אָנרופען אַ גיטער זעהער, פאַר וואָס עפּעס אַ גיטער יוד? נאָר אַ גיטער יוד הייסט, ער קלערט גיט, און עסט גיט, און טרינקט גיט, און שלאָפט גיט, און מיינט גיט, און איז בכלל גיט...

1181

ר' יעקב דוד ז"ל פון אמשינאָוו האָט אַ מאָל געהערט אַז חסידים רעדען פון דעם גרויסקייט פון דמא בן נתינא, וואָס די גמרא דערצעהלט אַז ער האָט היזק געהאַט אַ סך געלד וואָס די יודען האָבען עהם געוואָלט געבין פאַר אַ פרה אדומה, צוליעב כיבוד אב, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויפוועקען דעם פאָטער פון שלאָף, (קידושין ל"א) האָט ער זיך אָנגערופען וואָס שמועסט עטץ פון דעם שייגעץ, אדרבה, פון דעם זעהט מען נאָר דאָס גדלות פון יודען, זיי האָבען עהם געוואָלט געבין אַ סך געלד פאַר אַ מצוה וואָס איז נאָר אַ חוקה אָן אַ טעם, און ער האָט נאָר היזק געהאַט געלד פאַר אַ מצוה, וואָס האָט אַ טעם, און דער שכל איז דאָס מחיב אַזוי צו טוען...

1182

דער רבי ר' אברהמ'לע טשעכאַנאָווער ז"ל האָט געטייטש „כל הלן שבעת ימים בלא חלום נקרא רע" די וועלט איז אַ חלום אַ גאַנצע וואָך איז מען ניט מרגיש, שבת האָט יעדער יוד אַ התעוררות. און עס איז דאָך „מעין עולם הבא", איז יעדער יוד מרגיש, אָבער אַז עס גייט אַדורך גאַנצע 7 טאָג, איז דאָך שבת אויך געווען אין דער מיט און ער איז ניט מרגיש אַז די וועלט איז נאָר אַ חלום „כצל עובר" נקרא רע, איז אַ סימן אַז ער האָט ניט אין זיך קיין הרגשה, און קיין התעוררות...

1183

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט פּשט אויף דעם שווערין מאמר וואָס הלל האָט געזאָגט אם אני כאן הכל כאן (סוכה נ"א) ווי אַזוי האָט ער זיך

באַרומט? עס איז דאָך ידוע אַז הלל איז געווען אַ עניו, (שבת ל׳) נאָר ער האָט דאָס געגעבין צו פערשטיין מיט אַ משל איינער האָט אַ מאָל געזאָגט צו זיינ׳ס אַ חבר פאר וואָס פאָרסט דיא ניט אויף דעם יריד, האָט ער איהם געענטפערט מיט דעם בלויזען שטעקען וועל איך פאָרען? איך האָב ניט וואָס מיט צו נעמען, האָט איהם דער חבר געזאָגט, אויב איך פאָהר אוים׳ן יריד, וועלכעס קיין גרעסערער אָרימאַן וויא איך איז שוין נישט דאָ — קענען שוין אַלע פאָרין, דאָס האָט הלל געזאָגט. „אם אני כאן" אַזאַ קליין מענטשעל ווי איך „הכל כאן" מעגין אַלע שוין אַ הער קומען...

## 1184

ווען דער רבי ר׳ העשעל איז געווען אַ יונגעל האָט ער אַרום ראַגירט, האָט איהם דער פאָטער געפרעגט פאַר וואָס טוסטו אַזוי, ענטפערט ער איך האָב דאָך אַ יצר הרע! האָט דער פאָטער איהם צוריק געפרעגט, אדרבה פון יצר הרע אליין דאַרפסטו זיך אָבלערנען, אַז אַזוי ווי ער טוט דעם ווילען פון אייבערשטען אַזוי זאָלסט די אויך טוען — האָט ער איהם געענטפערט, דער יצר הרע האָט דאָך ניט קיין יצר הרע דעריבער טוט ער דעם ווילען פון אייבערשטען, אָבער איך האָב דאָך יאָ אַ יצר הרע...

## 1185

א גיטער יוד האָט געטייטשט „קיץ וחורף לא ישבותו" אַז אויב „קיץ וחורף לא" אַז דער זומער מיט דעם ווינטער וועט ניט זיין אין דער צייט, דאַרף דעם וועט דאָך קיין פרנסה ניט זיין, ווייל יעדער פרנסה ווענד זיך לויט אין סעזאָן, איז די עצה „ישבותו" אַז מען זאָל היטען שבת, ווייל דורך דעם חילול שבת, האָט מען ניט קיין פרנסה...

## 1186

ר׳ עקיבא איגר ז״ל האָט געזאָגט אַז דרום איז שייך אַ ציווי אויף אהבה, „ואהבת את ד׳ אלקיך" ווייל עס שטייט פריער „הבוחר בעמו ישראל באהבה" אַז השי״ת האָט אונז אויסדערוועהלט אַלעס זיין געליעבט פאָלק, זענען מיר טאַקע געצוואונגען איהם ליעב צו האָבען...

## 1187

א רבי וואָס האָט געהאַט זעהר אַ פרומע פרוי, וואָס פלעגט מדקדק זיין אויף יעדער זאַך צו האָבען אַ בעלעגענהייט צו מאַכען אַ ברכה, איינמאָל ווען

עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו רעגענען און עס האָט אָנגעהויבען דונערין, און בליצען, האט דער רבי געזאגט צו די חסידים, איהר קענט מיר געבען א מזל טוב, די רעבעצין מאַכט „שבע ברכות", האָבען זיי געפרעגט מיט בעראַשונג וואָס פּעס פּלוצלינג שבע ברכות? האט דער רבי געזאגט, נאך אזוי פיעל דונערין, האט דען די רעבעצין ניט געמאַכט קיין שבע ברכות...

## 1188

ר' שלמה ליב לענטשנער ז"ל האָט געטייטשט, „ועשית מעקה לגגיך" די זאָלסט דיר מאַכען א שמירה, אַ צוים, אויפ'ן דאַך, דאָס איז דער קאָפּ, ניט מהרהר זיין קיין שלעכטע מחשבות, ווייל טראַכטען אין עבירה איז ערגער ווי די עבירה אַליין, ווי די חז"ל זאָגען, „הרהורי עבירה קשים מעבירה" (יומא כ"ט) דאָס איז איך מרמז דאָס וואָרט „מ'ע'ק'ה'", וואָס די ראשי תיבות מאַכט „ה'רהורי ע'בירה ק'שים מ'עבירה"...

## 1189

צום ריזשינער איז אַ מאָל געקומען אַ פרוי מיט אַ בקשה, האָט איהר דער ריזשינער אָפּגעשיקט צו ר' מאיר'ל פרימישלאַנער, און איהר מבטיח געווען, אז ווען זי וועט קומען צום פרימישלאַנער וועט ער וועט טרינקען טיי, וועט זי געוויס בעהאָלפען ווערין איז די פרוי ווירקליך געקומען צום פרימישלאַנער בעת ער האָט געטרונקען טיי, האָט זי איבאַיינעם מיט איהר בקשה אויך דערצעהלט איהם, וואָס דער ריזשינער האָט איהר געזאָגט: האָט ר' מאיר'ל צו איהר געזאָגט, די באַדייטונג פונם וואָרט „טיי" איז „תהא השעה הזאת שעת רחמים"...

## 1190

ר' שלמה ליב ז"ל פון לענטשנע האָט געטייטשט, „וזאת הברכה אשר בירך משה" משה רבינו האָט געבענטשט די יודען אז יעדער יוד זאָל זיין א „איש אלקים"...

## 1191

נאָך דער פּטירה פון ר' הירשעלע זידיטשובער, האָבען געפיהרט די ראַביסטווע די 2 ברידער ר' משה'לע סאמבורער און ר' ישכר בעריש, דער רוב עולם איז געפאָהרען צו ר' ישכר בעריש'ן, נאָך זיין פּטירה, איז דער גאַנצער עולם שוין געפאָהרען צו ר' משה'לע, א טייל חסידים האָבען זיך אָנגעהויבען צו

פערגעססערין פאר ר׳ משה׳לען פאר וואס זיי זענען באלד ניט געפאָהרען צו איהם, נאָך ביי ר׳ ישכר בער׳ס לעבען, — יעדער האָט זיך פערענטפערט מיט פערשידענע תירוצים, ר׳ משה׳לע ניט קענענדיג סובל זיין די תירוצים, האָט ער געזאָגט צו די חסידים, — וואָס טויגען אייך די תירוצים, ניט גענוג וואָס עס איז מיר ניט קשה, וואָס איהר זענט יעצט יאָ געקומען צו מיר, זאָל מיר נאָך קשה זיין פאר וואס איהר זענט ביז יעצט ניט געקומען צו מיר...

## 1192

דער שמש האָט אַמאָל דערלאַנגט דעם קאָזעניצער מגיד ביים טיש דאָס עסין אין זעהר אַ קינסטליכען מייסטער טעלער, האָט דער מגיד באַמערקט, אַז די חסידים קוקען אויף דעם מיט פארגאַפונג, זאָגט צו זיי דער מגיד ז״ל: אויב איהר טראַכט, אַז עס איז גוט צו זיין אַ רבי, האָט איהר אַ גרויסען טעות אַרבי האָט גרויסע עגמת נפש, און איך ווינש אַלע רשעים זאָלען זיין צדיקים...

## 1193

אַ חסיד האָט זיך געזשאַלעוועט פאר דעם „שפת אמת״ ז״ל אַז דער זכרון איז ביי איהם געוואָרען שוואַכער, האָט איהם דער שפת אמת ז״ל געענטפערט: מיר דארפען דאנקען דעם אייבערשטען, וואָס דער זכרון ווערט אויף די עלטערע יאָהרען אָבגעשוואַכט, מיר זאָלען פערגעסין די צרות וואָס מיר האָבען געליטען במשך די אַלע יאָהרען פון לעבען...

## 1194

דער סטאָלינער לערענדיג זיין זוהן ר׳ אהרן קארלינער דעם ענין פון עבודת הבורא, האָט ער איהם פארזאָגט אַז ער זאָל זיין זהיר פון תשובה צו טוהן — ווייל ביטער און וויער איז אַז מען דארף אָנקומען צו תשובה...

## 1195

אַ גביר, וועלכער איז געווען דער גאַנצער בעל דעה אין שוהל האָט זיך איהם פערגלוסט צו דאַווענען פאר׳ן עמוד די ימים נוראים, זאָגענדיג מכלומר׳שט, אַז ער איז אויסען אייבצוברעכענען דעם קהל דאָס געלד וואָס אַ חזן דארף קאָסטען, דער שטענדיגער בעל תפלה אַ יוד אַ אָרימאַן האָט זיך געקלאָגט פאר׳ן רב, ער איז איהם מקפח פרנסה, בכן ער האָט פשוט חשק צו דאַווענען! האָט דער רב געשיקט רופען דעם גביר, און איהם געזאָגט, עס איז דאַ דריי

סאָרטען תפלות, תפלה למשה, תפלה לדוד, תפלה לעני, מילא די מדות פון די ערשטע צוויי וועסט די דאָך מודה זיין אז די האָסט ניט, בלייבט דאָך נאָר די „תפלה לעני“ – אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפען אויף איבער אַ יאָהר, אז די וועסט זיין אַ אָרימאַן, וועסטו ראוי זיין צו דאַווענען פאַר'ן עמוד ימים נוראים...

1196

ר' אלעזר קאָזעניצער ז"ל פלעגט ניט נעמען קיין קוויטלעך, האָט ר' חיים צאַנזער איהם אַ מאָל געפרעגט: איהר וואָס זענט אַ בן גדולים, אַ אייניקעל פון היילינגען קאָזעניצער מגיד ז"ל, און אַ זוהן פון ר' משה'לען זאָל זיך אַנדערש נוהג זיין ווי זיינע עלטערין? האָט איהם ר' אלעזר ז"ל געענטפערט: די חז"ל זאָגען „הקורא למפרע לא יצא“ (ברכות ט"ו) דער וואָס פאַר רופט זיך אויפ'ן זכות פון זיינע עלטערין, איז נאָך ניט קיין ראיה, אז ער קען נעמען קוויטלעך...

1197

א רב אַ גרויסער למדן וואָס פלעגט זיך האַלטען גרויס קייגען זיינע חברים, רבנים, איז אַ מאָהל געפאָהרען צום רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק, ווען דער רב האָט גענומען שלום, האָט איהם דער רבי ר' אלימלך ביין אָנגעקוקט און צו איהם געזאָגט, איך וויל דער אייבערשטער ניט זעהן, – ביי דעם געזעגענען האָט זיך ווידער דאָס זעלבע איבער געחזר'ט, האָט דער רב געפרעגט פונוואַנעט ווייסט איהר – רבי! אז דער אייבערשטער וויל מיך ניט זעהען, האָט איהם דער רבי געזאָגט עס איז אַ בפירושער פסוק, „אם יסתר איש במסתרים“ אז אַ מענטש האָטשע ער זיצט באַהאַלטען יומם ולילה און לערינט, נאָר ער זאָגט „ואני“ איך בין אַ למדן אַ גאון ער האַלט זיך גרויס, „לא אראנו נאום ד'“...

1198

ר' נפתלי ראָפשיצער איז אַ מאָל געווען ערב יום כיפור ביי מנחה אין אַ שוהל, נאָך שמונה עשרה האָט זיך ניט ווייט פון דעם ראָפשיצער אַ וועקגעשטעלט אַ דייטש, און האָט אָנגעהויבען זאָגען די על חטא'ס, מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט, אַזוי ווי אַ יוד בענטשט נאָך אַ גוט מיטאָג, דער ראָפשיצער האָט איהם אָנגעקוקט, פרעגט איהם דער דייטש, וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן, איהר האָט נאָך קיינמאָל ניט באַגעגענט קיין אַנשטענדיגען מענטשען? האָט דער ראָפשיצער איהם געענטפערט: מיין רבי האָט מיך

געלערינט נאָך אַל'ס יונגעל' אין חדר, אַז אויב איך וועל ניט וויסען קיין פשט אין די עברי זאָל איך אַריין קוקען אין דייטש, יעצט זאָגענדיג די על חטא'ס, האָב איך אין אַ סך על חטא'ס ניט געוויסט קיין פשט, נאָר קוקענדיג יעצט אויף אייך פערשטיי איך שוין די על חטא'ס, אויף קלאָהר...

## 1199

קיין באַרדיטשוב איז געקומען אַ באַריהמטער חזן דאַוונען, איז ער נאָכ'ן דאַוונען אַריין געקומען צום באַרדיטשובער רב ז"ל שלום געהמען, פרעגט איהם דער באַרדיטשובער רב, פאַר וואָס ביזט די הייזעריג, האָט ער געענטפערט: איך האָב זיך צוגעקיהלט, בעת איך האָב געדאַווינט פאַר'ן עמוד, — האָט דער באַרדיטשובער רב ז"ל געענטפערט וואָלט איהר אָבער געדאַווינט פאַר'ן רבונו של עולם, ניט פאַר'ן עמוד, וואָלט איהר ניט הייזעריג געוואַרען...

## 1200

אַ יוד האָט זיך געקלאָגט פאַר'ן טשערנאָבלער, אַז דער פריץ וויל עם צו נעמין די אַרענדע ער זאָגט איהם אָב, פרעגט איהם דער טשערנאָבלער, עס האָט שוין וועלכער יוד נהנה געווען פון דיר — ענטפערט ער, אַ שאלה? צעהנדליגער יודען אָרימעלייט שפייזען זיך פון מיר, — נו, אויב אַזוי פאָהר זשע צום סטריקאָווער רבי'ן וועסטו געהאָלפען ווערין, בלייבט דער יוד שטיין מיט פערווינדערונג, און פרעגט איהם, וואָס עפיס שיקט איהר מיך צום סטריקאָווער, — האָט איהם דער טשערנאָבלער געענטפערט, איך וויים דאָך, אַז דאָס וואָס די זאָגסט, אַז צעהנדליגער יודען שפייזט די, איז שקר וכזב, פאָר זשע צום סטריקאָווער, עם וועסט די קענען אָבנאַרען...

## 1201

אַ לעכעוויטשער חסיד האָט געהאַט אַ שותף אין מסחר אַ מתנגד, איז זיי אויסגעקומען אַ מאָל צו זיין אין לעכעוויטש, האָט זיך דעם מתנגד פערגלוסט צו זעהען די התנהגות פון רבי'ן, דער חסיד איז געווען מלא שמחה, וואָס זיין שותף איז אַריין צו זיין רבי'ן, דער מתנגד אַרויסגייענדיג פון רבי'ן איז געווען שטאַרק איבערראַשט. פרעגט איהם דער חסיד וואָס האָסטו אַזוינס געזעהען פון רבי'ן, וואָס האָט דיך באַלד אַזוי איבערראַשט? זאָגט ער, איך האָב געזעהען, דער רבי האָט געדאַווינט מיט אַזאַ התלהבות, אַזוי ווי דער כהן גדול ביי די עבודה, איז דער חסיד אַריין צום רבי'ן מיט פערביטערונג, און געזאָגט, איך פאָהר שוין אַ הער אַזאַ צייט, און איך האָב גאָר ניט זוכה געווען צו זעהען, דאָס וואָס מיין שותף האָט דערזעהען מיט דעם ערשטען

מאָל ? האָט דער רבי געענטפערט : אַ מתנגד דאַרף זעהן אַ חסיד דאַרף גלייבען...

1202

צו אַ באַוואוסטען גאון איז אַ מאָל צו געגאַנגען אַ פּראָסטער יוד, און בפני כל עם ועדה געזאָגט צו איהם, – רבי! איהר געדענקט ווי מיר זענען געווען קליינע קינדער האָבען מיר זיך געשפּילט אין פערדלעך ? – אודאי געדענק איך – האָט דער גאון געענטפערט : אַ מאָל בין איך געווען אַ פערד, און אַ מאָל ביסטו די געווען אַ פערד, אָבער ווער איז לסוף געבליבען אַ פערד ?

1203

ווען צופיעל חסידים זענען געקומען צום קאָזעניצער מגיד ז״ל מיט בקשות, און זיי פלעגען איהם שטערען זיין לערנען דעם טעגליכען שיעור, פלעגט ער זאָגען, איך בין אייך מזהיר, אַז אויב איהר וועט כסדר קומען צו מיר, און מיך מבטל זיין פון טעגליכען לערנען, וועט איהר דאָך ניט האָבען צו וועמען צו קומען, ווייל איך וועל קיין רבי ניט זיין אום געלערינט...

1204

א מגיד איז אמאל געקומען קיין באַרדיטשוב צום „קדושת לוי״, און איהם געבעטען, אזוי ווי ער האָט א בוגרת חתונה צו מאַכען, און ער איז א אָרימאַן, זאָל ער איהם ערלויבען צו זאָגען א דרשה אין בית המדרש, כדי ער זאָל זיך שאַפען א פאַר גילדען, האָט דער באַרדיטשובער איהם געפרעגט, זאָגסטו מיר צו, אז די וועסט ניט מוסר׳ן דעם עולם, און ניט אויסרעכענען די יודישע חטאים, און ניט זיי שרעקין מיט׳ן גהינם, אזוי ווי דער שטייגער פון מגידים! האָט ער צו געזאָגט, אז ער וועט ניט מוסר׳ן דעם עולם! אינמיטען די דרשה האָט ער פאַרגעסען, און אָנגעהויבען צו זאָגען מוסר דעם עולם מיט זלזולים, איז דער באַרדיטשובער, וואָס איז אויך אנוועזענד געוועזען ביי די דרשה, צוגעלאָפען צום ארון קודש, און אריין געשריגען, רבונו של עולם, גלויב ניט דעם מגיד, דיינע יודעלעך זענען דאָס שענסטע פאָלק, העלף דעם מגיד ער זאָל חתונה מאַכען די בוגרת, וועט ער ניט אויסרעדען אויף דיינע קינדער...

1205

שבת פרשת תולדות, ווען די חסידים זענען געזעסען אַרום דעם קאָזעניצער מגיד׳ס טיש, ערוואַרטענדיג צו הערין פון מגיד וועגין די ברכות, וואָס יצחק האָט געבענטשט יעקב׳ן, האָט דער מגיד ז״ל מיט א שמייכעל געזאָגט צו די חסידים, זעהט איהר די היינטיגע סדרה באַשטעטיגט דאָס פוילישע ווערטיל „גדושע זשאָנא זשאָנדושי, טאָם מאָנוש בלאָנדושי״ (וואו די פרוי רעגירט ווערט דער מאַן פאַרפיהרט) צוליעב רבקה׳ס איינפאַל-אָוועקצונעמען די ברכות פון עשו׳ן פאַר יעקב׳ן האָט יצחק געבענטשט יעקב׳ן — „ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ״ און עשו׳ן האָט ער געבענטשט, „והיה כאשר תריד ופרקת עלו מעל צואריך״ וועט דאָך עשו האָבען אַלע ברכות, וואָלט אָבער

יצחק געבענטש עשו'ן מיט'ן ויתן לך, און יעקב'ן מיט'ן והיה כאשר תריד, וואלט יעקב געהאט אלע ברכות, ווייל עשו, וואלט אפילו קיין איין רגע ניט בעהיטען די תורה...

## 1206

צו ר' אשר ז"ל פון סטאלין פלעגען קומען צופאהרען אויף שבת רבנים און רביים, בעקליידעט אין ווייסע מלבושים, א מאל ווען די רביים זענען געזעסען שבת ביים טיש, עס איז געווען פרשת שמות, האט דער סטאלינער געזאגט צו זיי, „תבן" פארשטאנד, אין ניתן לעבדיך" האסטו נישט געבעבען דיינע קנעכט, „ולבנים" ווייסע קליידער „אומרים להם עשו" הייסטו זיי מאכען...

## 1207

די פרוי פון א באוואוסטען רבי'ן האט זיך א מאל צוקריגט מיט דער דינסט, באשר זי האט צובראכען עטליכע כלים, האט די רעבעצין גערופען די דינסט צו א דין תורה צום רב, גייענדיג מיט איהר, זעהט די רעבעצין אז דער רבי גייט אויך מיט, צו די דין תורה, פרעגט איהם די רעבעצין, נאך וואס גייסט דיר אז די זאלסט מיט גיין, צוליעב א מחלוקת מיט א דינסט, ענטפערט דער רבי! די האסט א טעות וואס די מיינסט אז איך געה דיר צו העלפען איך גיי גאר פערטיידיגען דאס דינסט מיידעל ווייל זי איז אן ארימע יתומה, און זי וועט ניט וויסען וואס צו טענה'ן ביים רב, דעריבער מוז איך גיין טענה'ן פאר איהר...

## 1208

ר' גרשון העניך ראדזינער רבי פלעגט זיך אפט צו זינגען בעת שפאצירענדיג אין שטוב מיט דעם טאן, באם — באם — באם. אן אפיקורוס וואס פלעגט האבען דיסקוסיעס מיט'ן רבי'ן, האט איינמאל דאס באמערקט, האט ער געלאכט, רופט זיך אן ר' גרשון העניך ז"ל, עס איז דאך א בפירושער פסוק „ודברת בם", אין א צייט ארום. נאך זייער א דיסקוסיע, האט דער אפיקורוס פערטיפענדיג זיך אויך זיך צו געזינגען באם — באם — באם, פרעגט איהם דער רבי, וואס פאר א באדייטונג האט פאר דיר דער טאן, — זאגט ער, דער רבי האט דאך געזאגט אז עס איז א בפירושער פסוק ודברת בם, — יא! ענטפערט איהם דער רבי, — ס'שטעהט אבער „צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" עס ווענדט זיך נור די כוונה איז...

1209

א חסיד האט זיך געזשאלעוועט פאר דעם רבי'ן ר' אלימלך ז"ל אזוי ווי ער האט ניט קיין גדן פאר זיין טאכטער א בוגרת, און ער וועט מוזען ארומפאהרען קלויבען נדבות, און דורך דעם וועט ער ניט קענען לערנען, און ער וועט מבטל זיין עבודת הבורא צו זאל ער דאס טוהן? האט דער רבי ר' אלימלך ז"ל איהם אפגעענטפערט: עס איז דאך א פירושע גמרא, „בתך בגרה שחרר עבדך" (פסחים קי"ג) ווען דיין טאכטער איז ראוי לחופה זאלסטו זיך באפרייען פון עבודת הבורא, און חתונה מאכען דיין טאכטער...

1210

דער אלעקסאנדער רבי ז"ל האט א מאל געזאגט צו זיינע חסידים, ווייסט איהר וואס קארטען זענען? קארטען זענען אפגעמאלטע נאך געמאכטע מענטשען...

1211

דער „חוזה" האט געזאגט צו ר' נפתלי ראפשיצער ז"ל, וועלכער איז געווען בארוהמט פאר א גרויסער חכם, אין דער תורה שטעהט ניט „חכם תהיה עם ד' אלקיך", נאר „תמים תהיה"? האט דער ראפשיצער געענטפערט: צו זיין א תמים דארף מען טאקע באנוצען גרויס חכמה...

1212

דער קאצקער רבי ז"ל האט געזאגט, אויב א מענטש גרייכט צו דער מדריגה אז ער קען זיך אליין ווייזען א פייג, מעג ער די גאנצע וועלט ווייזען א פייג...

1213

א גאון האט א מאל געפרעגט דעם רבי'ן פון לובלין ז"ל, פאר וואס פאהרען צו אייך אזוי פיעל יודען, איך קען דאך בעסער לערנען פאר אייך? האט איהם דער רבי פון לובלין ז"ל געענטפערט: עס אהרט מיך אויך דאס זעלבע, לויט ווי איך וויס ווער איך בין, און וואס איך בין, פאר וואס קומען זיי טאקע צו מיר און ניט צו אייך, עס קאן אבער זיין, אז זיי קומען צו מיר ווייל איך וייס ווער איך בין, און קומען ניט צו אייך ווייל איהר ווייסט ניט ווער איהר זענט...

1214

דער רבי ר' בער ז"ל האָט געזאָגט, יעדער מענטש פּרמאָגט אַ העכסט אונשעצבאַר אַרטיקעל און דאָס איינציגע זיכערע פּלאַץ צו באַהאַלטען דאָס אַרטיקעל איז צווישען מיסט, — דאָס אַרטיקעל איז גיאות...

1215

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט דעריבער שטייט „זכור אשר עשה לך עמלק" ניט לכם, אַ לשון רבים, נאָר „לך" אַ לשון יחיד? ווייל די יודען וואָס האָבען זיך געהאַלטען צו זאַמען האָט זיי עמלק קיין שלעכט'ס ניט געקענט טוהן, נאָר „לך" דער יחיד וואָס איז געווען אַ פּורש מן הצבור האָט עמלק געקענט אין איהם שולט זיין...

1216

אַ חסיד האָט געבּרענגט אַ חיבור אויף חסידות צום גאסטענינער רבי'ן ז"ל אויף אַ הסכמה, האָט דער רבי איהם געפרעגט, איהר זענט דאָך אַ למדן, טאָ פאַר וואָס האָט איהר ניט געמאַכט דאָס חיבור אויף פּלפול, וואָלט דאָך די וועלט געזעהען אַז אויך אַ חסיד לערינט, און קאָן לערנען...

1217

ווען דער „בעל המאור" איז נאָך געווען אַ קינד, האט ער שוין געלערינט מיט תלמידים עלטערע מענטשען, איינמאָהל האָט ער דערזעהען אַ קאָזע האָט ער זיך אַרויף געזעצט רייטען אויף איהר, האָט דאָס זיינע תלמידים פערדראָסין ווייל ער האָט זיי פערשעהמט דערמיט, האָט ער זיך פערענטפערט, יעדער מענטש ווען ער איז יונג מוז ער פּראָווען ווילדע שטוקעס, אויב ער נוצט דאָס ניט אויס אין דער יוגענד פּראָוועט ער עס אויף די עלטער, ווייל איך בעסער פּראָווען די שטוקעס אין דער יוגענד, איידער איך זאָל *** פּראָווען אויף די עלטער...

1218

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט אַ מאָל געגעבען אַ בכבודיגען אָרימאַן אַ נדבה, נאָכ'ן אַרויס גיין פון אָרימאַן, רופט איהם דער רבי ר' בינם ז"ל נאָך אַ מאָל, און גיט איהם אַ גרעסערע נדבה, האט איהם אַ מקורב געפרעגט

פאר וואס האט איהר צפעס אזוי געטוען, האט ער געענטפערט, די ערשטע נדבה וואס איך האב געגעבין, איז געוועזן מצד רחמנות, די צווייטע נדבה איז צוליעב די מצוה פון „נתון תתן"...

## 1219

א חסיד האט דערצעהלט דעם קאצקער רבי'ן ז"ל אז ער פאהרט קיין ארץ ישראל, כדי ער זאל שטארבען און בּאגראבען ווערין אין ארץ ישראל, אויסצומיידען צער גלגול מחילות – האט דער קאצקער רבי ז"ל זיך אנגערופען אט דאס הייסט דער אמת'ער בעל גוף, אפילו נאכ'ן טויט, האט ער מורא אז דער גוף זיינער זאל ליידען יסורים...

## 1220

צו א גאון איז אריין געקומען א משכיל און געזאגט, רבי! איך בין א אפיקורוס גלויב ניט אין יודישקייט, דאך איז מיר קשה א געוויסער יודישער ענין, וויל איך בעטין דעם רב, איהר זאלט מיר דאס ערקלערין, פרעגט איהם דער גאון צו האט איהר אמאהל געלערינט ש"ס ופוסקים? ענפערט ער ניין, דאס איז א בטלנישער לימוד, האט איהר געלערינט תנ"ך? ניין, איך לייען נאר וויסענשאפטליכע ביכער, – אויב אזוי – זאגט דער גאון צו איהם, האב איך ניט מיט אייך וואס צו רעדין, ווייל איהר זענט ניט קיין אפיקורוס נאר א פשוט'ער גוי...

## 1221

ר' יחיאל מאיר גאסטענינער ז"ל האט געטייטשט, „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך" עס איז א חוב אויף יעדען יוד ער זאל אפט אריינקוקען אין זיך, און זעהן ווי ער קוקט אויס אין יודישקייט...

## 1222

צום קאזעניצער מגיד ז"ל איז געקומען א יוד מיט א בקשה אז ער זאל איהם געבען א סגולה, ער זאל געפונען דאס ביישטעלע געלד וואס ער האט פערלוירען, האט דער מגיד איהם געהייסען א היים גיין און ער זאל זאגען „איזהו" – דער יוד האט געזאגט „איזהו" מקומן של זבחים" – עס זענען אריבער עטליכע טעג און מען הערט ניט און מען זעהט ניט, קומט ער צוריק צום מגיד ז"ל און דערצעהלט איהם אז עס העלפט ניט, פרעגט איהם דער מגיד ז"ל, וועלכען „איזהו" האסטו געזאגט, – האט דער יוד געענטפערט: „איזהו" מקומן של

זבחים" — זאָגט דער קאָזעניצער מגיד ז"ל צו איהם — ניט דעם „איזהו" האָב איך געמיינט, — איך האָב געמיינט דעם מאמר חז"ל „איזהו שוטה המאבד מה שנותנין לו" חגיגה ד'..

1223

ר' הלל ראַדאָשיצער ז"ל האָט געטייטשט, „צור ילדך תשי" דאָס שטאַרקייט פון דער יוגענד האָסטו שלאַף געמאַכט, דורך דעם „ותשכח" האָסטו געפונען „אל מהללך" דעם גאָט וואָס האָט דיך געמאַכט...

1224

א רב א פשיסחער חסיד איז געקומען צום רבי'ן ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא. און געקלאָגט זיך פאַר איהם אז ער איז א אָרימאַן, ווייל ער האָט ווייניג פענסיע פון רבנות דרום ליידט ער דחקות, האָט דער רבי ר' בינם ז"ל איהם געענטפערט: וואָס זאָל איך דיר טוהן, גלויב מיר אז עס וואָלט מעגליך געווען צו גנב'ענען א ווערטפולען חפץ פון הימעל, וואָלט איך דאָס פאַר דיר גע'גנב'ט, שטעהט אָבער „והעושר והכבוד מלפניך" טאָ ווי אזוי קען איך גנב'נען, אז דער באַשעפער זעהט!

1225

תשעה באב בעת קינות זאָגען אין קאָזעניצער מגיד'ס בית-המדרש זענען אריין געקומען א חברה יונגעלייט און האָבען אָנגעהויבען צו וואַרפען זיך מיט קאָלטאַנעס אזוי ווי דער מנהג איז, א טייל עולם זענען זייער אין כעס געוואָרען און האָבען זיי געוואָלט ארויסוואַרפען, האָט זיך דער קאָזיניצער מגיד ז"ל אויפגעשטעלט, און זיך אָנגעביי|ערט אויף די וואָס האָבען די יונגוואַרג געוואָלט ארויסוואַרפען, און געזאָגט צו זיי, — אויב דעם רבונו של עולם איז ניט ניחא אונזער התנהגות פון תשעה באב, האָט ער א ברירה, ער זאָל איהם איינגאַנצען צו נעהמען פון אונז...

1226

א גאון האָט געפרעגט דעם „חוזה" פון לובלין, פאַר וואָס נעמט איהר פדיונים, צו האַלט איהר זיך א חשוב'ער ביים אייבערשטען ווי כל ישראל? האָט ער געענטפערט איך נעם א פדיון, כדי שטיל צו מאַכען דעם מקטרג, אז די כוונה פון מיין מתפלל זיין פאַר א חולה, איז ווייל ער האָט מיך געדונגען ווי א פשוט'ען עבד..

## 1227

צום קאזעניצער מגיד ז״ל איז געקומען א פריץ מיט א קוויטעל. געבעטען דעם מגיד ער זאל איהם בענטשען אז זיי פרוי זאל געבוירן א יונגעל. און האט איהם א נידער געלייגט א פדיון. האט דער מגיד ז״ל ארויפגעלייגט זיינע הענד אויפ'ן פריצ'ס קאפ און איהם אזוי געבענטש: רבונו של עולם פארמאגסט אזוי פיעל גויים אויף די וועלט זאל זיין נאך א גוי...

## 1228

דער קדושת לוי ז״ל פלעגט זאגען, אז דער וואס טרינקט וואסער צו שטילען זיין דורשט, — ער לערינט תורה, „אין מים אלא תורה״ (ב״ק י״ז) ואגט דער אייבערשטער „שהכל נהיה בדברו, אז אלעס וואס ער וועט וועלין און בעטין, וועט ער בעקומען...

## 1229

דער רבי ר׳ בונם ז״ל האט געזאגט: א סוד הייסט, אז אלע זאלין הערין, און קיינער זאל ניט וויסען...

## 1230

אמאל אינמיטען דאווענען האט דער קאזעניצער מגיד אויסגעשריגען, רבונו של עולם! לייז אויס די אידען פון די גויים, אויב ניט, לייז אויס די גויים פון די אידען...

## 1231

א חסיד האט געפרעגט דעם „חידושי הרי״ם״ ז״ל א עצה, אזוי ווי ער איז א אומן-יד צו שרייבען ספרי תורות, איך איז ער פעהיג צו זיין א מלמד, צו וועלכען פון די צוויי מלאכות זאל ער זיך נעמין? האט איהם דער חידושי הרי״ם גענטפערט נעם דיך צו מלומדות, ווייל אז עס וועט זיך דיר טרעפען א גוטער תלמיד וועסטו אליין אויך זיך עפיס פון איהם לערנען...

## 1232

א סטאלינער חסיד א מקורב, איז קראנק געווארען פאר פסח, האט ער געבעטען א צווייטען חסיד ער זאל בעטין דעם רבי'ן, אז דער רבי זאל איהם שיקען

אַ ביסעל פון זיין קמח שמורה, ער זאָל האָטשע עפּיס נהנה זיין פון דערוויטנ'ס פון רבי'ן, ווען דער חסיד איז געקומען צום רבי'ן און איהם איבערגעגעבין די בקשה פון זיין מקורב, האָט דער סטאָלינער רבי אַ מינוט באַטראַכט דעם חסיד, און איהם געענטפערט: — איך וואָלט זעהער גערין געשיקט מיין קמח שמורה צו מיין מקורב, ווי אַזוי שיקט מען אָבער דאָס, אַז די כלי וואָס איז מרוצה צו האַלטען עס, איז אַ חמצ'דיגע...

## 1233

אַ חסיד וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט זיך פּערקלאָגט פאַר'ן קאָזיניצער מגיד ז"ל, בכן איך האָב מיך שוין פאַר אייך אַזוי פיעל מאָהל מזכיר געווען אויף אַ בן זכר, און איך ווער ניט געהאָלפען, און דער מתנגד פון שטעדטעל איז געווען אַ עקר פופציג יאָהר, און איז קיינמאָהל צו אייך ניט געפאָהרען, האָט ער לעצטענ'ס געהאַט אַ בן-זכר? — האָט איהם דער מגיד געענטפערט, ווייל אַלע וועלכע ווילען געהאָלפען ווערין מיט אַ בן-זכר, קומען צו מיר אָדער צום רבי'ן פון לובלין, — האָט דער אייבערשטער געוויזען אַז אויך ער קען העלפין מיט אַ בן-זכר...

## 1234

דער רבי ר' אלימלך האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז בטוח אַז ער וועט האָבען עולם הבא, — אַז מען וועט מיך פרעגין צו האָסטו געלערינט און געטוהן מצוות, וועל איך זאָגען דעם אמת אַז ניין, וועט דאָס בית דין של מעלה פסקנ'ן, ווייל איך זאָג דעם אמת, קומט מיר עולם הבא...

## 1235

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט, דער חילוק פון אַ חסיד ביז אַ מתנגד איז, דער חסיד ווייסט אַליין ביי זיך אַז ער איז אַ גאָר ניט, און דער מתנגד איז ממילא אַ גאָר ניט...

## 1236

דער קאָזיניצער מגיד ז"ל האָט געפרעגט, די תורה דערצעהלט ווען יעקב'ס קינדער האָבען איהם געזאָגט אַז יוסף לעבט און רעגירט איבער מצרים "ויפג לבו כי לא האמין להם" היתכן? יעקב זאָל ניט גלייבען זיינע קינדער, זיי צו האַלטען ח"ו פאַר ליגנער? האָט ער דערויף געענטפערט: ווען די קינדער האָבען דערצעהלט זייער טאַטען יעקב, אַז יוסף לעבט און איז אַ צדיק, האָט

פר טאקע געגלויבט: אז זיי האָבען אָבער געזאָגט, אז ער איז א מושל איבער גאנץ מצרים האָט ער ניט געגלויבט, ווייל א איד וועלכער איז א מושל אין א לאנד, מעג ער האָבען אפילו יעקב'ן פאר א טאטען, איז שווער צו גלייבען אז ער זאָל ניט פארלייקענען דאָס אידישקייט...

## 1237

יוָצן דער גאון ר' אבישעל ז"ל איז געוואָרען רב אין פראנקפורט, איז ער ארויף שבת אויף די בימה און געזאָגט, — רבותי! איך האָב צו פרעגין דריי קשיות. 1) היתכן, אז אין אזא גרויסע שטאָדט זאָלין זיך געפונען אזעלכע שוטים מיך אויפצונעמען פאר א רב?. 2) ווי נעמט זיך א חוצפה צו אבישעל צו וועלין זיין א רב אין אזא גרויסע שטאָדט?. 3) ווי קומט דאָס אז פון הימעל זאָל מען מסכים זיין אז אבישעל זאָל זיין פראנקפורטער רב?. — גאָר מען קען דאָס פערענטפערין מיט איין תירוץ, אויב זיי זענען טאקע אזעלכע שוטים און גלויבען אז אבישעל איז ראוי צו זיין פראנקפורטער רב. ממילא איז דאָך שוין ניט קיין חוצפה פון אביש'ל פאר וואָס ער וויל אָננעמין דאָס רבנות, ווייל די בעלי בתים ווילען דאָך דאָס, און אויב ווייטער אז די קהלה מיט אבישלען ווילען זיך אייגער דעם אנדערין פאר וואָס זאָל מען דען אין הימעל ניט מסכים זיין, — אויב אזוי — איז דאָס טאקע פון הימעל אז אבישעל זאָל פערבלייבען פראנקפורטער רב...

## 1238

פאר וואָס ענטפערט מען אָב, אז מען זאָגט „לחיים" — „לחיים טובים ולשלום" — פאר וואָס ניט בלויז לחיים טובים"? האָט דער רבי ר' אלימלך ז"ל געזאָגט, ווייל „לחיים טובים" באטרעפט 165 דאָס זעלבע וואָס „קללה"...

## 1239

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט די ת' פון „תמים תהיה עם ד' אלקיך" איז אין דער ספר תורה געשריבען גרויס, אז זי קען ארייננעמען די גאנצע וועלט, חוץ א בעל גאוה, ווייל ער האלט זיך נאָך גרעסער...

## 1240

א יונגערמאן נאָך דער חתונה האָט זיך געקלאָגט פאר'ן קאָצקער רבי'ן ז"ל אז דער שווער האָט איהם ניט געגעבין קיין טלית, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, טאָ וויקעל זיך ארום בארבע כנפות הארץ...

## 1241

א רבי האָט געטייטשט, „כי אתה שומע תפלת כל פה" ווען א מענטש רעד מיאוסע רייד, שרייט מען אויף איהם פע! דערויף זאָגען מיר, „כי אתה שומע" אז די רבונו של עולם, הערסט צו די תפלות פון אזעלכע מענטשען, וואָס אפילו אין דער בעזעלשאַפט ווען זיי רעדען, שרייט מען צו זיי — פע!...

## 1242

דער רבי ר' שמעלקע ניקעלשבורגער ז"ל האָט געטייטשט „יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך" דער כבוד וואָס דיין חבר געט דיר, זאָל ביי דיר האָבען אזא ווערדע, פונקט ווי די אליין וואָלסט דיך מכבד געווען זאָגענדיג צו זיך אליין פערשידענע כיבודים, האָט דאָס דען אווערדע,? אזוי זאָלסטו דיך גיט גרויס האַלטען מיט דעם כבוד וואָס יענער איז דיך מכבד...

## 1243

דער חידושי הרי"ם ז"ל האָט געזאָגט, צוויי אידען טרינקען לחיים און גיבען זיך איינער דעם אנדערין די הענט, איז גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געגעבען תקיעת-כף אז זיי ווענלן זיך בלייבען שטענדיגע גוטע פריינד...

## 1244

דער „אוהב ישראל" פון אפט האָט געזאָגט, ווען איך וואָלט אפילו געקענט מבטל זיין אלע תעניתים, וואָלט איך יום כיפור און תשעה באָב ניט מבטל געמאַכט, ווייל אום תשעה באב ווער קען דען עסין, און יום כיפור ווער דאַרף דען עסין...

## 1245

דער יוד הקדוש האָט געזאָגט פאַראַן צדיקים וואָס זאָגען ברמיזה אז זיי ווייסען דעם קץ, ווען משיח וועט קומען, דער אמת איז, אז דער וואָס ווייסט זאָגט נישט, און דער וואָס זאָגט ווייסט נישט...

## 1246

צום רבי'ן ר' בינם ז"ל פון פשיסחא איז אמאָל געקומען א חסיד און דערצעהלט, אז דער טאַטע איז איהם געקומען צום חלום, און איהם געזאָגט

אַז ער איז ראוי צו זיין אַ רבי, און איהם געוואָרענט אַז ער זאָל באַלד זעהען אָנצוהויבען צו פירען ראַביסטווע, — בין איך געקומען צו אייך — רבי ז איהר זאָלט מיר געבין אַ עצה וואָס אָנצוהויבען צו טאָהן, — ענטפערט איהם דער רבי ר' בינם ז"ל, — די ביסט טאַקע מוכן צו פיהרען די וועלט, ווען דער טאַטע ווערט דיר נאָכאַמאָל קומען צום חלום, זאָג איהם אַז די ביסט גרייט צו פיהרען, נאָר זאָל ער קומען צום חלום צו דער וועלט אַז זיי זאָלין דיך אַנערקענען אַלעס מנהיג, און אָנהויבען פאָהרען צו דיך...

## 1247

דער וואָרקער רבי ר' יצחק'ל ז"ל האָט געטייטשט, „שנים שיושבים" צוויי אידען זיצען צו זאַמען, „ואין ביניהם" און צווישען זיי איז נישטא גאָרנישט, ניט קיין שנאה ניט קיין קנאה, און ניט קיין שום מחלוקת, „דברי תורה" דאָס אַליין איז שוין דברי תורה...

## 1248

א קאָצקער חסיד האָט גענומען אַ איידעם אויף קעסט, נאָך די חתונה האָט דער יונגערמאַן אויפגעהערט צו לערנען, ער האָט דוקא געוואָלט ווערין אַ סוחר, איז ער געפאָרען דאָס דערציילען דעם קאָצקער רבי'ן אַז דער רבי זאָל איבער שמועס'ן מיט'ן איידעם און משפיע זיין אויף איהם ער זאָל ניט אויפהערען צו לערנין, האָט דער רבי גערעדט מיט'ן איידעם, רופט זיך נאָכהער דער קאָצקער רבי אָב צו דעם שוועהר — שמועסענדיג מיט דיין איידעם האָב איך דערקענט, אַז ניט בלויז וואָס ער איז ניט פעהיג צום לערנען, נאָר אַפילו צום מסחר אויך ניט...

## 1249

א משכיל האָט אַ מאָל געפרעגט אין אַ חוזק טאָן אַ רב, די חז"ל זאָגען „איזהו עשיר כל שיש לו בית הכסא סמוך לשלחנו" (שבת כ"ה) צו קען מען פון דעם עשירות, אָנקלויבען נדן פאַר אַ טאָכטער, אָדער געבען אַן איידעם קעסט? — אַ ודאי — האָט דער רב איהם געענטפערט: אַזאַ איידעם ווי דו ביסט קאָן מען דערפון געבען קעסט!...

## 1250

א חסיד איז געקומען צום רבי'ן ר' בינם ז"ל פרעגען אַ עצה, אַזוי ווי ער איז אַ שוחט און חזן אין אַ קליין שטעדטעל, קיין פרנסה האָט ער נישט,

און ער קען זיין אַ סופר, אפשר פון די אַלע דריי מלאכות וועט ער האָבען פרנסה, — האָט איהם דער רבי ר׳ בינם ז״ל אַזוי געענטפערט, משנים קדמוניות האָט דער יצר הרע געהאַט אַ שווערע אַרבייט, ווייל מענטשען האָבען איהם ניט געוואָלט פאָלגען שלעכט׳ס צו טוהן, האָט ער זיך מיישב געווען ער וועט אָנרעדין יחידים, וואָס דורך זיי קען נכשל ווערין אַ רבים, למשל. אַ שוחט. אַ חזן. אַ סופר. שפּעטער האָט דער יצר הרע נאָכמער געוואָלט זיך פערגרינגערין, האָט ער פון שוחט געמאַכט אַ חזן, יעצט ווייזט אויס איז דער יצר הרע געפאַלען אויף אַ דריטע המצאה, נאָך וואָס דאַרף ער אַרבייטען מיט באַזונדערע מענטשען, ער וועט איבערגעבין אַלע דריי מלאכות צו איינעם, וועט ער מכשיל זיין פאַר דריי מענטשען...

## 1251

דער אַלעקסאַנדער רבי ז״ל האָט געזאָגט, פאַראַן אידען וואָס זענען מקיים דעם „למדו היטב״ זיי ווילען נאָר לערנען גוט, אָבער ווילען ניט לערנען צו זיין גוט אַזוי ווי רש״י זאָגט „למדו להיטב״...

## 1252

דער קאָזעניצער מגיד ז״ל האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט פאַר זיינע מקורבים, אַז דאָס ענין רעבּישקייט איז אַ תאוה גלייך ווי אַלע תאוות, נאָר צו צוגרייכען אָבער צו די תאוה, מוז מען פריער גובר זיין אַלע תאוות...

## 1253

צום נעשכיזער רבּי׳ן ז״ל איז אַ מאָל געקומען אַ יוד, און זיך געזשאַלעוועט, אַז ער אַרבייט מיט שוויים אַ גאַנצע טאָג, די פּרנסה קומט עם שווער אָהן, — אוודאי! זאָגט דער רבי: עס שטייט דאָך „בזעת אפיך תאכל לחם״ — זאָגט דער יוד, — איך האָב דאָך אָבער ניט אפילו קיין ברויט בריווח, — האָט דער רבי געענטפערט! די וועלט זאָגט דאָך, אַז נאָך אַ שווייסיגען אַרבייט׳ס טאָג איז נישט געזונד צופיעל צו עסין...

## 1254

דער „קדושת לוי״ פלעגט קומען אויפ׳ן יריד אין באַרדיטשוב, אָנגעטוהן סוחרי׳ש און דרעהען זיך צווישען די מעקלערס, האָט איהם אַ מעקלער געפרעגט, רבי, ווי קומט איהר צו דעם פאַך מעקלעריי? וואָסער שייכות האָט איהר צו דעם? האָט דער באַרדיטשובער רב ז״ל געענטפערט! איך בין שוין

א אלטער מעקלער, איך האב א מאהל אויסגעפירט א מעקלעריי, וועלכעס איך האב טאקע געקריגען גוט בעצאהלט, איך האב פערהאנדילט א מסחר צווישען דעם רבונו של עולם און די יודען, ער האט געהאט א ארטיקעל מחילה, סליחה, כפרה, און זיי, חטאים, עוונות, ופשעים, האב איך געמעקעלט, אז זיי זאלין זיך בייטען, איך האב טאקע אויסגעפירט דאס מסחר, און איך האב געקריגען שכר פאר מיין מעקלעריי, בני, חיי, ומזוני...

1255

דער קאצקער רבי ז"ל האט געזאגט, פריער דארף מען זיין א סור מרע, נאך דעם א שונא רע, אז מען קומט צום „ועשה טוב" קען מען ערשט קומען צו מיר קיין קאצק...

1256

א איד האט אמאהל דערצעהלט דעם פשיסחער אז ער האט זיך געקויפט א פערד און איז געווארען א בעל-עגלה, —אויב אזוי, – האט איהם דער פשיסחער געזאגט: וועט דאך דאס פערד דיר שטענדיג ליגען אין קאפ, האסטו דאך געמאכט דיין קאפ פאר א שטאל...

1257

דער אלעקסאנדער רבי האט א מאהל געזאגט צו זיינע חסידים שמועסענדיג וועגין קנאה תאוה און כבוד — קנאה נאך וואס ? תאוה צו וואס ? כבוד פאר וואס...

1258

דער קדושת לוי ז"ל איז א מאהל געקומען צו גאסט צום רבי'ן פון לובלין ז"ל, האט דער משמש אריינגעברענגט קאווע מיט מילך, אין 2 באזונדערע כלים, האט דער רבי פון לובלין גענומען די כלי מיט קאווע און געוואלט אנגיסען פאר'ן בארדיטשובער, האט דער בארדיטשובער אנגעכאפט זיין האנד און מיט א שמייכעל געזאגט צו איהם, — זייט מוחל לובלינער רבי פריער גיסט אריין די מילך נאכהער די קאווע, ווייל איך אויסטרינקען א גאנצע מקוה, וועל חלב באטרעפט, פערציג, וועט זיין מ׳ מיט „קוה" וועט דאס מאכען „מקוה"...

1259

דער רבי פון לובלין האט אמאהל געזאגט מיט גרויס עניוות, אפילו עס זאל

קומען א מלאך און מיר זאגען אז איך בין א צדיק, וועל איך איהם ניט גלויבען אויב דער רבונו של עולם אליין וועט מיר זאגען אז איך בין א צדיק, וועל איך איהם נאר גלויבען בלויז אויף די רגע וואס ער וועט דאס מיר זאגען...

1260

„עת רקוד" פאר וואס שטייט ניט „לרקוד" האט דער חידושי הרי"ם געזאגט, די צייט פון טאנצען טאנצט זיך אליין...

1261

דער חידושי הרי"ם ז"ל האט א מאל געזאגט, אויב מען וועט מיר משפט'ן דעם גהינם, וועל איך ארויסקריכען אופ'ן דאך פון גהינם, און וועל אנהויבען זאגען תורה, וועלין אלע צדיקים פון גן עדן קומען ארויסצולויפען אופ'ן דאך הערין די תורה, ממילא וועט דארטען ווערין דער גן עדן...

1262

ר' משה ליב סאסאווער האט דערצעהלט אז ער האט אמאל געהערט א געשפרעך פון 2 דארפס פויערים ביי א גלעזיל משקה, איינער האט געפרעגט דעם צווייטען, האסטו מיך ליעב? יא — האט ער געענטפערט: איך האב דיך זייער ליעב, — אז די האסט מיך ליעב, ווייסטו וואס מיר פעהלט? — פונוואנען זאל איך ווייסען? האט ער צוריק געענטפערט, אז די ווייסט ווייטער נישט וואס מיר פעהלט, טא ווי אזוי קענסטו זאגען, אז די האסט מיך ליעב? אט פון, דעם געשפרעך, — האט דער סאסאווער.פערענדיגט — קען מען זיך אבלערנען אז אהבת ישראל הייסט, אז מען זאל פיהלען און ווייסען וואס דעם חבר פעהלט און מיט צו ליידען זיינע ליידען...

1263

א מתנגד האט פארגעווארפין א חסיד אז זיין רבי איז א מעכאנישער מענטש, — האט דער חסיד געענטפערט, ביסט גערעכט, דער רבי איז טאקע א מחיה'נישער מענטש, יעדער יוד וואס קומט צו איהם, איז זיך מיט איהם מחיה...

1264

דער זדיטשובער האט געזאגט, ווען איך וויל אין כעס ווערין באהאלט איך דאס שפעטגדיג אויף שפעטער, דעם מסחר וועל איך קיינמאל ניט פערשפעטיגען...

## 1265

„ישמח לב מבקשי ד׳״ – האָט דער רבי ר׳ בינם ז״ל געטייטשט, – בשעת אַ מענטש זיכט אַ פאַרלוירענע זאַך, איז דער שטייגער אַז בשעת דעם זוכען איז ער טוהל מיט עגמת נפש, נאָר ווען ער געפינט די אבידה, איז ער פרעהליך, אָבער די „מבקשי ד׳״ זענען פריילעך באַלד בשעת דעם זוכען...

## 1266

דער וואָרקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגען „הרבנות מקברת את בעליה״ (יומא פ״ו) ווייל אנדערע מלאכות ווערין פער מיאוסט יעדער בעל מלאכה האָט פיינד זיין אומנות, אַ שניידער וויל ווערין אַ שוסטער, אַ שוסטער וויל ווערין אַ קאָוואַל, און אַזוי ווייטער, נאָר הוץ אַ רב אַפילו ער האָט נים קיין פרנסה, וויל ער ניט אַוועק וואַרפען דאָס רבנות, נאָר ער וויל ווערין אַ רב אין אַ גרעסערע שטאָדט, אָבער ניט ער וויל פטור ווערין דאָס רבנות, דאָס איז דער מיינונג „שהרבנות מקברת את בעליה״ עס לעבט איבער דעם רב...

## 1267

אַ חסיד האָט זיך געקלאָגט פאַרן ראַדזינער רבי׳ן ז״ל אַז ער האָט נים קיין פרנסה, פרעגט איהם דער רבי, געזונד ביסטו? – יאָ, אַ פּעטיט צום עסין האָסטו? – יאָ, אויב אַזוי ביסטו ניט קיין אָרימאַן, ווייל-נעכטען איז געווען ביי מיר אַ יוד, האט ער מיר דער ציילט אַז זיין פרוי קאָסט איהם שוין אָב 600 רובעל פאַר דאָקטורים, אַז זיי זאָלען איהר געבען רפואות אַז זי זאָל האָבען אַ אַפּעטיט צום עסין, און זי האָט נאָך אַלץ ניט קיין אַפּעטיט צום עסין, פאַרמאָגסטו דאָך 600 רובעל וואָס די וואָלסט געדאַרפט אויסגעבין אויף צו זוכען אַ אַפּעטיט...

## 1268

ווען דר אַלעקסאַנדער רבי ז״ל איז געפאָהרען צום רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא אַלץ יונגערמאַן, האָט ער דאָרט שמועסענדיג מיט אַ יונגערמאַן דערקענט אין איהם אַז ער גייט אַרום מיט אַ איינרעדעניש אַז ער האָט גילוי אליהו, האָט דער אַלעקסאַנדער רבי ז״ל גענומען אַ קוויטעל אין אויפגעשריבען מיט גרויסע אותיות די התנהגות פון אַ צדיק און אונטער געחתמ׳עט זיך „מלאך מילד״ און דאָס אונטער געוואָרפען דעם יונגערמאַן, ער האָט דאָס אויפגעהויבען און אַריינקוקענדיג און קוויטעל איז ער געווען ביי זיך זיכער, אַז פון האָט איהם דאָס אַראָבגעוואָרפען פון הימעל, איז ער אַריין צום רבי׳ן ר׳ בינם, און ער געוויזען דאָס קוויטעל. האָט ער געשמייכעלט און געזאָגט צו איהם, מיר איז דער מלאך באַקאַנט, מיל״ד מאַכט „פתי יאמין לכל דבר״...

1269

צוים קאָזשעניצער מגיד ז״ל איז אַמאָהל געקומען אַ חסיד, אַז דער מגיד זאָל בעטען פאַר זיין פרוי, וועלכע איז געפעהרליך קראַנק, זי זאָל געזינד ווערען, האָט דער מגיד באַטראַכט דעם חסיד, און געזאָגט צו איהם, „רבות מחשבות בלב איש״, די טראַכסט אין הארץ אַז זי וועט שטאַרבען, און מיט וועלכע פרוי די זאָלסט חתונה האָבען, איך זאָג דיר אָבער „ועצת ד׳ היא תקום״ דער אייבערשטער וועט העלפען אַז זי, דיין פרוי וועט אויפשטעהן געזונטערהייד...

1270

א מתנגד האָט אַמאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל, ווער איז דער אמת׳ער צדיק פון היינטיגען דור? — האָט דער קאָצקער רבי ז״ל געענטפערט! מה — דאָך איר ווייסט נישט ווער עס איז זער צדיק הדור, איז ער אייך ווי אַ שפּין אין די אויגען, מכל שכן נאָך אַז איהר וואָלט געוואוסט...

1271

א גאון האָט געזאָגט: אויף „עם לבן גרתי״ זאָגט רש״י איך בין ניט געוואָרען קיין שר נאָר אַ גר, יעקב האָט אַזוי געזאָגט. דער טאַטע האָט מיך געבענטשט „הוי גביר לאחיך ולא נתקיימה בי־ אַז מען נעמט אַראָפּ פון די אותיות „גביר״ די אותיות ״בי״ בלייבט איבער די אותיות „גר״ דאָס איז דער טייטש „ולא נתקיימה בי״ דער „בי״ איז ניט מקויים געוואָרען, בין איך געבליבען אַ ״גר״...

1272

דער רבי פון אַלעקסאַנדער ז״ל האָט געטייטשט, „בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך לא יחסר״, דער מענטש דאַרף שטענדיג זיך פאָרצושטעלין, אַז ער איז געקליידעט און ווייסע זיידענע טייערע קליידער און אויף זיין קאָפּ שטייט אַ קריגעל מיט בוימאייל, און אויב ער וועט אַוועק בייגען דעם קאָפּ אין אַ זייט, קאָן דער בוימאייל זיך אויסגיסען און פאַראומרייניגען זיינע ווייסע קליידער...

1273

א רבי האָט אַמאָל געזעהען ווי אַרבייטער האָבען געמויערט אַ הויז, איינער פון די אַרבייטער האָט געזוכט אַ עצה ווי אַזוי ער זאָל צוזאַמען פּאַסען צוויי קלעצלעך, און ער האָט ניט געקאָנט, ווייל פון איין קלעציל האָט אַרויס געשטאַרט

אַ סענק, האָט דער אַרבייטער אויסגעשניטען אַ לאָך אין צווייטען קלעצעל עס זאָל זיך אריין פאַסען דער סענק, אָט איהר זעהט — האָט דער רבי אויסגערופען צו זיינע באַגלייטער — אַזוי דאַרף מען שליסען שלום צווישען צוויי געגנער, ביז צו צווינגען דעם עקשן ער זאָל נאָך געבין, נאָר דער ווייכערער דאַרף זיך אונטער געבין, וועט דאָס בלייבען אַ אייביגער שלום...

## 1274

א רבי האָט געהאַט אַ זוהן אַ עילוי נאָר אַ חלוש, האָט דער רבי געזוכט אַ שידוך פאַר'ן זוהן מיט 5 טויזינט רובעל נדן, און וועגין יחוס איז בּאַ איהם ניט געווען קיין מניעה, איז געקומען אַ רייכער דאָרפ'ס יוד און מסלק געווען דעם נדן פאַר זיין טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ פיזיש געזונטע, זיי האָבען חתונה געהאַט, און האָבען געבוירען אַ קינד וועלכער איז געווען אַ חלוש ווי דער טאַטע, און געהאַט אַ פויערישען קאָפּ אַזוי ווי די מאַמע, האָט דער רבי געזאָגט אַמאָל צום מחותן, איך האָב געמיינט אַז דאָס קינד וועט האָבען דעם כח פון די מאַמע און דעם מוח פון דעם טאַטען, צום סוף האָט ער דעם מוח פון די מאַמין, און דעם כח פון דעם טאַטען...

## 1275

ר' מענדעלע קאַסיווער ז"ל האָט געטייטשט „נתן תתן לו" (ראה) אַז איינער גיט אַ גדבה און דער אָרימאַן וויל ניט אַזאַ קליינע נדבה און וואַרפט איהם צוריק ער וויל אַ גרעסערע נדבה, „ולא ירע לבבך" און דיך פערדרוסט גאָר ניט דאָס עזות פון דעם אָרימאַן, נאָר די ביסט איהם מוסיף אין די געסט איהם אַ צווייטע גרעסערע נדבה „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'" פאַר אַזאַ האַנדלונג וועט דיך דער אייבערשטער בענטשען מיט כל טוב...

## 1276

א חסיד האָט אַמאָהל געזאָגט צום קאָצקער רבי'ן ז"ל, איך וואָלט געוואָלט אַז מיינע קינדער זאָלען קענען לערנען, האָט דער קאָצקער ז"ל געענטפערט, ושננתם „לבניך" איז דער טייטש „ושננתם" אַז דו אַליין וועסט פריהער לערנען, „לבניך" וועלין דיינע קינדער אויך קענען לערנען, ווייל זיי וועלין האָבען זיך פון וועמין אָבצולערנען...

## 1277

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה" אייגענטליך פריהער שטייט אַ

לשון יחיד „ראה" נאכהער א לשון רבים „לפניכם"? האט דער פרימישלאנער ז"ל געטייטשט, אז איינער זאגט „ראה אנכי" זצה ווער איך בין איך בין א איך, ער האלט זיך גרויס, צווישען אזא מענטש און דעם אייבערשטען איז א הבדל א צווישענשייד אזוי ווי פון א ברכה צו א קללה, ווייל „אין אני והוא יכולים לדור במדור אחד" (סוטה ה׳)...

1278

דער בעל שם טוב האט געזאגט „תורת ד׳ תמימה" די תורה איז גאנץ, אזוי ווי מען האט איהר געגעבען, וויפיעל מען זאל אין איהר לערנען, איז זי נאך אלץ גאנץ גלייך ווי קיינער וואלט ניט אנגעהויבען...

1279

דער קאצקער רבי ז"ל האט געטייטשט, „והיה עקב תשמעון" „והיה" איז א לשון שמחה, ס׳וועט זיין א שמחה, אז די אידען וועלין זיך צוהערין צו די דאזיגע משפטים...

1280

דער פשיסחער רבי ז"ל האט געטייטשט, „והיה עקב תשמעון" דער סוף וועט דאך זיין אז איהר וועט מוזען צוהערין, איז דאך גלייכער איהר זאלט באלד צוהערין...

1281

דער סאסאווער ז"ל האט געטייטשט „והיה עקב תשמעון" עס איז א חוב אויף יעדען מענטש זיך גוט איינצוהערין אין די טריט וויא ער גייט אויב עס איז א גוטער צוועק אדער נישט...

1282

דער רבי ר׳ בונם ז"ל פון פרשיסחא האט געזאגט, צו וואס דארף א מענטש די בלינדע קישקע, דאקטוירים אפערירען דאך די בלינדע קישקע, טא נאכוואס אייגענטליך האט מען דאס באשאפען? נאר אין מענטש איז דא רמ"ח אברים ושס"ה גידין, אנטקעגין די רמ"ח מצות עשה, ושס"ה מצות לא תעשה, צווישען זיי געפונט זיך מצות מיט טעמים, און מצות אהן טעמים, דרום איז דא אויך אין מענטש אברים, וואס עס איז ניט פערשטענדליך דער טעם נאך וואס מען דארף דאס אבר...

## 1283

א משכיל א פרייער האט א מאהל געפרעגט ר' אייזיל סלאנימער ז"ל, דער מדרש זאגט אין פרשת וישלח, „ששים רבוא כלבים היה ליעקב אבינו שישמרו את צאנו", זעקס מאהל הונדערט טויזענט כלבים האט יעקב געהאט וואס האבען געהיטען די שעפסען, איז דאך א פלא, וואו האט ער זיי אריינגענומען? וואו האט ער זיי געגעבען עסען? האט דער גאון געענטפערט! אין מדרש שטייט רבי האט דערצעהלט: א פרוי האט געהאט ששים רבוא קינדער, האט א תנא געפרעגט דעם מיינונג דערפון. האט רבי געענטפערט: איך מיין יוכבד האט געהאט משה רבינו וואס ער איז שקול אנטקעגען ששים רבוא אידען, אזוי דא אויך דארט רעדט מען פון מענטשען, איז משה געוועזן שקול אנטקעגען ששים רבוא, דא ווערט אבער גערעדט פון כלבים, מיינט ער אויך אז ער האט געהאט אזא גרויסען כלב ווי דו וואס איז שקול אזוי ווי ששים רבוא כלבים...

## 1284

דער רבי ר' משה'לע קאברינער ז"ל פלעגט אפט הוסטן, פלעגט ער זאגען, איך הוס בשם כל ישראל, איך הוס פאר אלע יודען, זיי זאלען ניט דארפען הוסטן...

## 1285

א פרוי וואס האט קיין קינדער נישט געהאט, איז זי א מאהל אריינגעקומען צו ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל זיך מזכיר זיין אויף קינדער, ער האט זי געפרעגט ווי זי הייסט האט זי געענטפערט „לאה בת ויסעל" דער פרימישלאנער האט גראדע געהאלטען א חומש אין דער האנד האט ער געעפינט דאס חומש, האט זיך אויפגעמישט דער פסוק, וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה", האט ער געזאגט צו די פרוי זעהסטו, האסטו א פסוק אין דער תורה אז די וועסט האבען קינדער, וטפכם אשר אמרתם, קינדער וואס דו בעהטס'ט „לבז" צו „לאה בת ויסעל" „יהיה" וועט זיין, זי וועט האבען קינדער...

## 1286

א גאון האט געזאגט אויף די רש"י אין פרשת וישלח „ויצר לו שמא יהרוג את אחרים" יעקב האט מורא געהאט טאמער וועט ער הרג'נען עשו'ן וואס פון איהם דארף ארויסקומען ר' מאיר, ווייל די חז"ל זאגען אז פון נירון קיסר איז ארויסגעקומען ר' מאיר (גיטין נ"ו), ווייל ער האט זיך מגייר געוועזן, און די חז"ל זאגען „מאן אחרים ר' מאיר" (הוריות י"ג) דאס מיינט רש"י, „שמא

יהרוג את אחרים" טאמער וועט ער הרג'נען עמיץ וואס פון איהם קומט אהיס ר' מאיר...

## 1287

דער חידושי הרי"ם ז"ל האט געטייטשט, „נח איש צדיק" וואס מיינט מען „איש צדיק"? נאר מען מיינט אין זיין מענטשליכען אויפפיהרונג, און אין זיין באציהונג צו מענטשען איז ער געווען א צדיק...

## 1288

דער חידושי הרי"ם ז"ל האט געטייטשט, דעם מאמר חז"ל „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס" וואס מיינט מען „מן הכיס"? — משיח וועט פריער ניט קומען ביז וואנעט דאס אנגעזאמעלטע געלד אין די בייטלען פון די נגידים וואס גיבען ניט קיין צדקה, און ניט קיין גמילות חסדים נאר זיי האלטען דאס געלד פארמאכט אין בייטעל, וועט זיך אין גאנצען אויסלאזען, זיי וועלין שוין אפילו א פרוטה ניט האבען, דאן וועט משיח קומען...

## 1289

א קלוגער רב האט געגומען א איידעם א מופלג בתורה, און האט איהם צו געזאגט צו געבין קעסט א לאנגע צייט, דער איידעם איז אבער געווען א גרויסער עססער, אז דער שווער האט אויס געקריצט מיט די צעהן צוקוקענדיג ווי זיין איידעם פרעסט, איינמאהל זאגט דער שווער צום איידעם (געהייסען האט ער ניסן) הערסטו ניסן, איך האב שוין אין מיין לעבען געזעהען געגוג פרעסט, כסלו פרעסט, טבת פרעסט, שבט פרעסט, אדר פרעסט, אבער ניסן פרעסט, דאס איז שוין ניט מעגליך איבער צו האלטען האט דער איידעם געענטפערט: אז אייר (איהר) פרעסט איז אודאי ניט מעגליך אויס צו האלטען...

## 1290

דער רבי ר' העניך ז"ל פון אלעקסאנדער האט געטייטשט „אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, ואם ראשונים כאנשים אנו כחמורים" (שבת קי"ב: וירושלמי דמאי פרק א' הלכה ג') די וואס פארשטעהען מיט זייער שכל, אז די ראשונים זענען געווען כמלאכים, איז א סימן אז זיי אליין זענען כבני אדם. אבער די וואס געבען צו פארשטעהען מיט זייער שכל אז די ראשנים זענען נישט מעהער געוועזען ווי פשוט'ע מענשען זענען זיי געגליכין כחמורים...

1291

דער רבי ר' בינם ז"ל האט געטייטשט, „החלצו מאתכם אנשים לצבא" אויב איהר ווילט באזיגען די אייגענע שלעכטע מדות, דאמאלסט ווערט איהר זיין „אנשים לצבא"...

1292

דער פאריסובער רבי ז"ל האט געזאגט די עצה איז ניט צו האבען קיין גאות, אז מען זאל ניט וויסען צו דאס איז גאר דא אויף דער וועלט, מען האט דאס לגמרי ניט אין זינען גלייך ווי עס וואלט גאר ניט עקזיסטירט, דרום האט משה רבינו אליין געקענט אויף זיך שרייבען, „והאיש משה ענוו מאד מכל האדם"...

1293

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פארשיסחא האט געטייטשט, „ולא תהיה עדת ד' כצאן אשר אין להם רועה" (פנחס) די יודען זאלען האבען א מנהיג ער זאל זיין אזוי ווי א פשוט'ער פאסטוך וואס פאשעט די שעפסין נישט קיין אריסטאקראט וואס גיט זיך ניט אב מיט קיינעם...

1294

דער קאזשעניצער מגיד ז"ל האט געזאגט אז יעדער מענטש האט אין זיך שטעס קנאה תאוה וכבוד, שיריים פון יענע ערשטע צייטען, קנאה, פון קין און הבל, תאוה, פון דור המבול, כבוד, פון דור הפלגה...

1295

דער רבי ר' הירשלי זידיטשובער ז"ל האט געטייטשט, „בראשית" דאס ערשטע דארף א יוד וויסען „ברא אלקים את השמים ואת הארץ" אז דער אייבערשטער האט באשאפען הימעל און ערד...

1296

דער קאצקער רבי ז"ל האט געטייטשט, "לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא" די זאלסט ניט טראגען אויף דיר דעם נאמען יוד, (אז די ביסט מלא יראת שמים) פאלש...

297

דער הייליגער „קדושת לוי" וואָס איז געווען אַ גרויסער מלמד זכות אויף יודען, האָט אַ מאָהל פאַר ראש השנה זיך אויפגעהויבען אין מיטען די נאַכט און מיט בענומען אַ פלאַש בראָנפען, און איז געגאַנגען אין שטאָטעשין הקדש, וואו עס זענען געשלאָפען אָרימע לייט, האָט ער געפרעגט אַ אָרימאַן אשׁר ווילט איהר אַ ביסעל בראָנפען, – יאָ, האָט דער אָרימאַן געענטפערט! האָט דער באַרדיטשובער געפרעגט האָסטו וואסער זיך אָב צו גיסען די נעגעל? האָט דער אָרימאַן געזאָגט, אויב איהר ווילט זייט אַזוי גוט און באַהאַלט מיר דעם בראנפען ביז אין דער פרי, ווייל אָהן נעגיל וואַסער וועל איך ניט טרינקען דעם בראָנפען, נאָכהער איז דער באַרדיטובער צו געגאַנגען צום סטרוזש און געפרעגט אפשר ווילסטו בראָנפען, האָט דער סטרוזש שנעל געזאָגט וואו, וואו, איז דער בראָנפען, און ער האָט איהם אָנגעגאָסין אַ גלעזיל בראָנפין, און מיטין קוק האָט ער שוין געהאַט אויסגעטרינקען, האָט דער באַרדיטשובער אויף געהויבען בידע הענד צום הימעל און געזאָגט רבונו של עולם זעה נאָר דעם חילוק צווישען דייגע קינדער צו אַנדערע פעלקער...

1298

דער רבי ר' אברהמ'לע פאָריסובער ז"ל האָט פערענטפערט די וועלט'ס קשיא אין פרשת בראשית, ווען דער אייבערשטער האָט געפרעגט צו קין „אי הבל אחיך" האָט קין געענטפערט: „לא ידעתי השומר אחי אנכי," זאָגט רש"י „נעשה כגונב דעת העליונה" האָט דען קין ניט געוואוסט אז עס איז ניט מעגליך צו זיין אַ גונב דעת המקום? נאָר אין מכילתא שטייט אַז די עשרת הדברות זענען געווען געשיילט אין צוויי טיילען 5 אַנטקעגען 5, קומט אויס אַז „לא תרצח" איז געווען אַנטקעגען „אנכי" דאָס הייסט, אַז דער וואָס הרג'עט אַ מענטש, פאַרמינערט ער דעם ציווי פון „אנכי" ווייל דער נע'הרג'עטער דיענט דאָך שוין ניט מיצהר זיין באַשעפער. דאָס האָט דער אייבערשטער געפרעגט "אי הבל אחיך" וואו איז די עבדות דאָס דינען דעם „אנכי" פון הבל'ן, ווייל די האָסט דאָך איהם גע'הרג'עט, האָט קין געענטפערט, „לא ידעתי" איך האָב ניט געוואוסט „השומר אחי אנכי" אַז איך בין פערענטוואָרטליך פאַר דעם אנכי פון מיין ברודער, צו האָט דען מיין ברודער געהיטען דעם „אנכי"...

1299

דער „קדושת לוי" ז"ל פלעגט אריין בעטין אין סוכה אריין צו די סעודות אַזעלכע אורחים וואָס זענען געווען זעהר פראָסטע מגושמ'דיגע מענטשען, האָט מען איינמאָהל געפרעגט דעם באַרדיטשובער ז"ל, וואָס איז זיין מיינונג.

דערמיט? האָט ער געענטפערט: לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען, וועלען די אבות און אַלע צדיקים און חסידים זיצען אין די סוכה של לויתן, וועל איך לוי יצחק זיך אַריינכאַפּען אין סוכה און זיך זעצען צווישען זיי, וועט קומען אַ מלאך און מיך פרעגען הא ווי קומסטו לוי יצחק, אַזא איש מגושם ווי די צו זיצען צו זאַמען מיט זיי? וועל איך ענטפערין, אין מיין סוכה זענען אויך געזיסען פּראָסטע מגושם׳דיגע יודען...

## 1300

אַ גאון האָט געזאָגט, דרום שטייט „הראה הקב״ה לאדם הראשון דור דור ומנהיגיו דור דור ושופטיו״ (מדרש רבה בראשית) אייגענטליך פאַר וואָס האָט דער איבערשטער ניט פריער געוויזען דעם מנהיג נאָכהער דעם דור? נאָר ווען אדם הראשון וואָלט דערזעהען וואָס פאַר אַ מנהיג דאָס איז, וואָלט ער געהאַט שטאַרקע עגמת נפש, דרום האָט ער פריהער געוויזען דעם דור, וועט אדם שוין זיך גלייכשטעלען אַז דער מנהיג איז טאַקע צוגעפּאַסט צו דעם דור...

## 1301

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פּרשיסחא האָט געזאָגט דער וואָס פאַרנעמט נישט קיין אָרט, דער האָט שטענדיג אַן אָרט.

## 1302

אַ רבי האָט געזאָגט, דרום הייסט אַ מענטש „אדם״ ווייל דאָס וואָרט „אדם״ איז ראשי־תיבות אכילה, דירה, מלבוש, די 3 זאַכען דאַרף אַ מענטש האָבען, אַז ניט איז ער קיין אדם נישט...

## 1303

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געזאָגט, „ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה וגו׳, ואל קין ואל מנחתו לא שעה״, דערפאַר האָט דער רבונו של עולם ניט אָנגענומען קין׳ס מנחה, ווייל „מקץ ימים״ ער האָט זי געבראַכט אויף די עלטערע יאָהרען...

## 1304

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פּרשיסחא האָט געזאָגט, אויב אַ יוד מיינט אַז ער איז שוין אַ פערטיגער, איז ער אינגאַנצען אַ אָפּגעקאָכטער...

### 1305

א מולה האָט זיך מזכיר געווען פאַר דעם רבי'ן ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא אזוי ווי ער דאַרף זיך מאַכען אַ אָפּעראַציע, האָט ער זעהר מורא, האָט דער רבי ר' בינם ז"ל געענטפערט: „החותך חיים לכל חי" אז מען שניידט, איערט מען דער נאָך לעבעדיג...

### 1306

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געטייטשט: „חצות לילה אקום להודות לך" דוד המלך האָט אזוי געזאָגט, איך בין גרייט אַפילו אינמיטען די נאַכט אויף צושטעהען דינען דעם אייבערשטען, גלייך ווי איינער וואָס איז שטענדיג גרייט אַפילו אין מיטען די נאַכט אויף צושטעהען טאָהן אַ טרינק בראָנפען מיט זיינ'ס אַ פריינד (דערמיט איז רעכט די גמרא'ס קשיא, זעה ברכות דף ג' עמוד ב)...

### 1307

ר' משה ליב סאַסאָווער ז"ל האָט געטייטשט, „ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בשלום" דער אייבערשטער זאָל געבען יודען געזונד, ממילא וועלען זיי זיין געבענטשט מיט שלום, ווייל די טבע פון אַ קראַנקען איז, אז ער איז אויפגירעגט און איז תמיד אין כעס, אז צוליעב אַ מינדעסטע קליינינקייט, איז ער גרייט באַלד צו כעס'ן זיך...

### 1308

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געטייטשט: הבוחר בשירי זמרה „שירי" איז פון לשון שיריים, בלייבען, דער אייבערשטער איז בוחר אין דעם מענטש, וואָס איז ביי איהם שטענדיג דאָ פלאַץ צו זאָגען הלל וזמרה פאַר'ן „מלך יחיד אל חי העולמים", ער פיהלט בּאַ זיך אז ער האָט נאָך ניט יוצא געווען. ער איז נאָך ניט פערטיג, האָטשע ער לערינט און דאַוונט אַ גאַנצע טאָג, דאָך פיהלט ער זיך נאָך אַלץ אז ער האָט נאָך געניג צו דינען דעם באַשעפער, אָט אין אזאַ חסיד איז דער אייבערשטער בוחר...

### 1309

דער אַלעקסאַנדער רבי ז"ל האָט געטייטשט „סור מרע ועשה טוב" דער סור מרע וועט קומען דורך דעם עשה טוב, אז מען וועט טוען גוט'ס וועט דאָס שלעכטע ממילא בטל ווערין...

## 1310

ר׳ נפתלי ראָפשיצער ז״ל האָט געזאָגט: אז אַ ייד טוט תשובה, ווערט ער אַ אַנדערער מענטש, פרעגט מען זיך אויף איהם אין הימעל, — ווער איז דער מענטש וואָס מען דערקענט איהם נישט?

## 1311

צום רבי׳ן ר׳ אלימלך ז״ל פון ליזענסק, איז אַ מאָהל געקומען אַ חסיד און זיך בעשאָלעוועט פאַר איהם, אז ער האָט באַקומען פלוצלינג זעהר אַ קורצען זכּרון, בכן פערלאַנגט ער פון רבי׳ן אַ סגולה, האָט דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל איהם גענטפערט: טוה תשובה וועסטו האָבען זכּרון, פרעגט דער חסיד רבי, וואָסער שייכות האָט זכּרון צו תשובה? האָט דער רבי ר׳ אלימלך גענטפערט: די חז״ל זאָגען דאָך „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" (יומא פ״ו) תשובה איז אַזוי גרויס אַז עס גרייכט ביז צום כסא הכבוד, און עס שטעהט דאָך בפירוש „ואין שכחה לפני כסא כבודך" דערפאַר וועסט די דורך תשובה באַקומען דעם זכּרון...

## 1312

א רב וועלכער האָט געהאַלטען אַלע שבת אַ דרשה אין בית המדרש, האָט ער זיך אַמאָהל אַרומגעקוקט, האָט ער געזעהען, אז עס איז ניט דאָ קיין איין נגיד פון שטאָדט ביי די דרשה, בלויז דאָס ביסעל אָרימעלייט זענען געקומען, רופט ער זיך אָהן צום עולם, די חז״ל זאָגען „כשאין הפרוטה מצויה הכל רצין אחר אגדה" (מס׳ סופרים פרק ט״ז) דרום ווילען די נגידים נישט קומען אין בית המדרש צו די דרשה, כּדי מען זאָל ניט פון דעם זיך אַרויסדרינגען, אז עס איז ביי זיי „אין הפרוטה מצויה" וועט זיי דאָס דאָך שאַטען צום קרעדיט, דעריבער קומען זיי ניט דאָ אַהער...

## 1313

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער ז״ל האָט אַ מאָל געזאָגט, סיי חסידים סיי מתנגדים דאַווענען נישט קיין „תפלה בזמנה" (דאווענען אין דער צייט) ווייל ביי חסידים איז בלויז „תפלה" און ביי מתנגדים איז בלויז „בזמנה"...

## 1314

דער הפלאה פערענטפערט די וועלט׳ס קשיא פאַר וואָס די חז״ל זאָגען נישט

אויף דעם פסוק „ובכל מאודך" „אפילו הוא נוטל את ממונך" פונקט אזוי ווי ווי זאָגען אויף דעם „ובכל נפשך"? (זעה ברכות נ"ד אין דער משנה) נאָר דער תירוץ איז, אַז מען האָט נישט קיין געלד איז מען גיכער פרומער ווי דער וואָס האָט יאָ געלד...

## 1315

ר' מענדילע קאָסיווער ז"ל האָט געטייטשט „המהולל בפה עמו" אַז אַ מענטש היט אָב זיין אייגען מויל, ער רעדט נישט קיין לשון הרע, קיין דברים בטלים, ער מישט זיך ניט אין יענעמס געשעפטען, „משובח ומפואר" אַזאַ מענטש באַשיינט זיך זעלבס'ט, און ווערט פון יענעם געלויבט...

## 1316

דער „חידושי הרי"ם" איז אַמאָל שבת אין דער פריה אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט ער געזעהן וויא די חסידים זיצען אין לערנען פאַר'ן דאַווענען, האָט ער געזאָגט צו זיי: אויב איהר לערענט לשמה, כדי מקיים צו זיין „ומלתם את ערלת לבבכם", מעגט איהר לערנען פאַר'ן דאַווענען, ווייל מילה איז דוחה שבת, אויב אבער איהר לערענט שלא לשמה, נאר בלויז צו ווייזען אז איהר לערענט, איז גלייכער איהר זאָלט דאַווענען פריער און עסין די סעודת שבת מקיים צו זיין די מצוה פון עונג שבת...

## 1317

דער „רב" ר' שניאור זלמן ז"ל פון לאַדי (מחבר פון רב שלחן ערוך) האָט אַמאָל שבת געשמיסט ווענען דעם ענין פון עסין קוגעל אום שבת, זאָגענדיג דערביי, אַז דער זעלבער מלאך, וואָס איז ממונה אויף שופר בלאָזען, אום ראש השנה, איז אויך ממונה איבעריי'ן קוגעל פון שבת. ממילא האָט אין זיך דאָס עסין קוגעל אום שבת די זעלבע כוונה, ווי דאָס שופר בלאָזען אום ראש השנה: — אַ מתנגד וואָס האָט דאָס געהערט: איז אַוועק צום „רב" און איהם געפרעגט, אויב אַזוי ווי איהר זאָגט, מאָ נאָך וואָס זאָל מען בלאָזען שופר אום ראש השנה. זאָל מען בעסער עסין קוגעל? האָט ר' שניאור זלמן געענטפערט: מהאי טעמא אַז ראש השנה געפאַלט אום שבת בלאָזט מען טאַקע נישט קיין שופר, ווייל דער שבת'דיגער קוגעל איז אויפן אָרט פון שופר בלאָזען...

## 1318

איינער איז אַמאָל געקומען צום חידושי הרי"ם ז"ל, און געקלאָגט זיך פאַר

איהם, אז ער ליידט גרויס דחקות, דאס לעבען איז איהם מיאוס, ער וויל א וועק ווארפען די וועלט, — האט דער חידושי הרי״ם ז״ל צו איהם געזאגט די וועלט איז עפעס דיינס? וואס די גייסט איהר אוועק ווארפען אזא זאך וואס איז ניט דיינ׳ס קענסטו ניט אוועק ווארפען...

1319

דער יוד הקדוש טייטש „פן יש בכם שורש פורה״ דער „פן״ די ספיקות וואס א יוד האט חס ושלום אין אמונה, אויב „פן יש בכם״ אז עס עקזיסטירט ביי אייך א „פן״ א ספק, דאס איז דער „שורש פורה ראש ולענה״...

1320

דער באוואוסטער יודישער שתדלן ר׳ משה מאנטאפיארע האט געפרעגט דעם „חידושי הרי״ם״ פאר וואס זעהט איהר נישט אז די חסידים זאלען זיך לערנען די לאנד שפראך, די סנהדרין האבען דאך אויך געמוזט קענען די „שבעים לשונות״ און די ישועה אויף יודען איז דאך אויך נאר געקומען א דאנק דעם, וואס מרדכי היהודי האט פארשטאנען די פרסיים שפראך, פון בגתן ותרש? (זעה מגילה דף י״ג ע״ב) האט דער „חידושי הרי״ם״ ז״ל געענטפערט: אדרבה פונדאנען איז א ראיה אז מען דארף ניט לערנען די לאנד שפראך, ווייל בגתן ותרש האבען זיך דאך ניט געהיטען צו רעדען זייערע פלענער בעגען אחשורוש׳ן ווען מרדכי הערט, איז דאך א ראיה אז זיי האבען פארשטאנען קיין יודען לערנען זיך ניט די לאנד שפראך. האט ר׳ משה מאנטאפיארע ווידער געפרעגט. אבער זיי מודה אז א מנהיג ביי יודען דארף יא קענען, ווייל מרדכי האט דאך געקענט, האט דער „חי׳ הרי״ם״ געענטפערט: אודאי דארפט איהר טאקע קענען די לאנד׳ס שפראך, כדי איהר זאלט זיך קענען משתדל זיין פאר די יודען אין א עת צרה...

1321

ר׳ מענדעלע קאסיווער ז״ל האט געטייטשט, טוב תורה עם דרך ארץ״ (אבות) די תורה ביי דעם מענטש איז נאר גוט, דאמאל׳ס ווען דער מענטש פיהרט זיך אויף דעם זעלבען וועג ווי די ערד, פון דער ערד קריגען מיר אלע מיני מאכלים, און פון דעסטוועגין זאגט ניט די ערד, אויב איך גיב אייך אלעס, פארוואס טרעט איהר אויף מיר, פאר וואס גראבט איהר מיך אויס, איהר מאכט פון מיר א תל, איהר בעהאנדילט מיך ניט ארענטליך, אזוי דארף זיך אויך פיהרען א בן תורה, האטשע אלע לערנען פון איהם, דאך דארף ער אלע סובל זיין זיך ניט צו האלטען גרויס, נאר זיך האלטען נידעריג אזוי ווי די ערד...

## 1322

ר' הירש מלך דינובער ז"ל האט א מאהל אום ראש השנה אועקגעלייגט זיין מחזור אויפ'ן עמוד, און האט געעפענט בלויז דעם סאדער בלאט, און האט ניט אריינגעקוקט אין מחזור, און ניט איבער געמישט דעם מחזור קיין איין בלעטיל, און געזאגט: רבונו של עולם! איך ווייס ניט וואס צו בעטין ביי דיר, כבן האסטו דעם גאנצען מחזור, און קלויב זיך אויס די בעסטע תפלה וואס דיר געפעלט..

## 1323

דער קאצקער רבי ז"ל האט קיינמאל ניט גענומען קיין מתנות, און ניט קיין פדיונים, נאר איינמאהל האט א נגיד געפועלט ביי איהם, ער זאל פון איהם נעמען א גאלדענעם בעכער אל"ס מתנה, דער נגיד האט ספעציעל געלאזט ארבייטען א שענעם בעכער, ביי א מייסטער, ברענגענדיג דעם בעכער צום קאצקער רבי'ן ז"ל, האט ער געזעהן אז פון אויבען געהט דער בעכער קאלעכדיג, רופט זיך אן דער קאצקער צו איהם, „גלייך האט מען ליעב אין הימעל", האט דער נגיד געלאזט מאכען ספעציעל אגלייכען בעכער, נאָהר הינטען איז ער געווען שמאהל, און אויבען ברייטער, ברענגענדיג דעם בעכער, רופט זיך אן דער קאצקער, „אז מען ווערט א ביסעל העכער, דארף מען שוין ווערין ברייט ביי זיך" האט דער נגיד געמוזט באשטעלין א בעכער ער זאל זיין הינטען און אויבען גלייך, ברענגענדיג דעם בעכער האט ער געזאגט „גלייך גלייך"...

## 1324

דער באוואוסטער ווארשאווער גאון און צדיק ר' נתקי שפיגעל גלאס שליט"א, וועלכער איז אויך באוואוסט מיט זיין גרויסען נדיבות הלב, איז א מאל קומענדיג קיין אטוואצק אראב שטייגענדיג פון דעם צוג, צו געגאנגען צו א דראשקע בכדי צו צו פאהרען צו זיין וואהנונג, אין דעם איז אויך אנגעקומען דער בריסקער גאון און צדיק ר' חיים הלוי סאלאווייטשיק ז"ל זאגט צו איהם ר' חיים ז"ל בתמימות סיי ווי נעמט איהר א דראשקע קען איך דאך אויך פאהרען ווייל עס איז דאך בכלל "זה נהנה וזה לא חסר", וואס די חז"ל זאגען אין (בבא בתרא דף י"ב ע"ב), „כגון זה כופין על מדת סדום" האט ר' נתקי שליט"א געענטפערט! איהר באליידיגט מיך דערמיט, ווייל איך טייטש, אז די חז"ל'ס מיינונג איז אז אויב עס איז נאר בלויז „זה לא חסר", ניט אז ער האט אויך הנאה פון דעם וואס יענער האט הנאה פון איהם, נאר ער איז נאר בלויז בבחינת „לא חסר" עס אהרט איהם ניט, אבער ניט עס איז „זה נהנה וזה נהנה" נאר „זה נהנה וזה לא חסר" אט דאס אליין איז

א מדת סדום, קומט אויס אז דאָס איז גאָר א באַליידיגונג פאַר מיר, האָט דער בריסקער רב ז״ל זעהר הנאה געהאַט פון דעם פשט, און איהם געענטפערט: איהר זענט גערעכט...

1325

א חסיד איז אמאָהל געקומען צו ר׳ יצחק׳ל וואָרקער ז״ל בעטען א סגולה פאַר א חולה, האָט ער איהם געענטפערט: גלייב מיר אז איך ווייס נישט פון קיין שום סגולות, איין סגולה איז מיר באַקאַנט, „והייתם לי סגולה״...

1326

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, האָט געטייטשט: „לך אמור להם שובו לכם לאהליכם״ (יתרו) דער אייבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו, לאָמיר זעהן, ווי אזוי זיי וועלן זיך אויספיהרען אין דער היים...

1327

דער „חידושי הרי״ם״ ז״ל האָט געטייטשט, „לעשות את השבת לדורותם״ פון לשון דירה, (וואהנונג), דער יוד דאַרף דעם שבת אריינגעמען אין זיך איינגאַנצען, אזוי ווי אין א דירה וואָס ער וואהנט אין איהר...

1328

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט: די צייט פון עסין זענען די יוגענד יאָהרען, די צייט פון שלאָפען איז אין קבר...

1329

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא האָט געטייטשט, „וההר בוער באש עד לב השמים״ (יתרו) דער באַרג האָט אין זיי אריין געברענט מיט פייער ביז זיי האָבען געקריגען א הימעלדיג האַרץ...

1330

א פרוי האָט א מאָל געהאַט א קינד 12 חדשים נאָך דער מאַנ׳ס טויט, האָט די גאַנצע שטאָדט איהר חושד געווען אַל׳ס מופקרת, איז זי אַוועק צום רב פון שטאָדט מיט א געוויין אז מען איז איהר בחנם חושד, און אז דאָס קינד

אין פון איהר געוועזענעם מאן, דער רב האט דערקענט אז עס איז אמת, איז ער ארויף אין בית המדרש אויף דעם בלעמער, און האט געזאגט. עס זאל קיינער איהר נ׳ט חושד זיין חס ושלום, עס איז מעגליך צו האבען א קינד צו 12 חדשים, ווייל מיר געפינען, אז די מעשה פון אבימלך מיט שרה איז געווען אום פסח, און שרה האט געבוירען יצחק׳ן אויף אום פסח און א יאהר ארום, ד. ה. 12 חדשים, און ווי אזוי האבען די ליצני הדור געזאגט „מאבימלך נתעברה״ איז דאך א סימן אז מ׳קען האבען א קינד צו די 12 חדשים...

1331

דער חיי הרי״ם ז״ל האט געטייטשט „לעולם יעשה אדם עצמו כשור לעול וכחמור למשא״ אזוי דער אקס און דער אייזיל טראכטען נישט און קוקען נישט, אויב זייער ארבייט איז פאר זיי שעהן און פאסיג, אזוי דארף דער מענטש ניט קוקען, אויב זיינע התנהגות און ענין עבודת הבורא איז שעהן פאר מענטשען...

1332

דער רבי ר׳ העניך פון אלעקסאנדער ז״ל האט געטייטשט „ויענו כל העם יחדיו״ (יתרו) די אידען האבען געכאפט די תורה יעדער איינער האט געוואלט האבען א חלק התורה, פונקט אזוי ווי עס טרעפט א מאל אז מענטשען געהן צוזאמען, און איינער הייבט אויף א מציאה, אין די רעשט מענטשען וואס ווילען אויך האבען א חלק אין די מציאה, שרייען אויס צו דעם געפינער „יחדיו״ ד. ה. אלע זאלען זיך טיילען...

1333

אבתולה א בת ת״ח נאך איהר חופה האט זיא געזאגט „שמחתי באומרים לי״ איך האב זיך זייער גיפרייט אז איך האב געהערט דאס ווארט לי „הרי את מקודשת לי״ ווארים איך ווייס שוין אז „בית ה׳ נלך״ איך וועל שון גיין אין שיהל אריין גלייך מיט אלי ווייבער ווארים א מיידיל גייט דאך ניט אין שיהל אריין, דערוביער האט זיא געזאגט דעם פסוק „שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך״:

1334

איין גרויסער גביר האט גענומען איין איידים פאר זיין טאכטער זייער א גרויסער למדן אז די גאנצי שטאדט האט איהם מקנא גיווען מיט דעם איידים, דיא טאכטער א״ז אבער געוועזן זייער א מרשעת זיא פלעגט איהם נעביך טאהן מער צום טויט וויא צום לעבען דער יונגער מאן וואלט נעבעך געוואלט פטור ווערין פון איהר נאהר

עס איז געווען אוממעגליך, ער האָט נעבעך געזיכט כל התחבולות, עס האָט אַלץ ניט געהאָלפען, דער יונגער מאַן האָט זיך בייא קלערט איין אַנדערע עצה ער האָט אָהן געהויבען אלי טאָג אַרויס צו גנב'נין דאָס געלט פון דעם מתן בסתר דער גבאי פונם קלויז האָט זיך אום געקוקט אַז מען גנב'ת פון דעם כתן בסתר נאָהר ער האָט ניט געוויסט ווער עס גנב'ת, הכלל מען האָט זיך אָן געהויבען צו צי קוקען, אין גוט נאָך קלערען ביז וואַנין מען האָט דער קלערט אַז דעם גביר'ס איידעם גנב'ת פון דעם מתן בסתר, איז מען געלאָפען צו דעם גביר אין מען האָט איהם דער ציילט אַז זיין איידעם איז אַ גנב, אַזוי האָט דער גביר באַלד אָפ גי'גט דאָס פאָהר פאָלק, נאָך דעם גט איז דער יונגער מאַן געגאַנגען צום גבאי אין האָט איהם אָפ גיגעבען דאָס גאַנצי געלט אין האָט אָהן געשריבען אויף דעם קעסטיל פון כתן בסתר, „אשה רע מר ממות", וצדקה תציל ממות", איבער דעם וואָס ער האָט געהאַט איין אשה רע אין האָט פון איהר ניט געקענט פטור ווערין האָט ער געמוזט מקיים זיין „וצדקה תציל ממות".

## 1335

אשרכן האָט גערעדט איין שידוך צו אַגרויסען גביר האָט ער איהם געשריבען איין בריף אַז דער אבי ההתן פרמאָגט ה' אלף רו"כ אין דעם החתנ'ס זיידע פארמאגט ש' אלף רו"כ אין דער חתן איז אַ בן יחיד אין דער אבי ההתן איז אויך אַ בן יחיד איבער דעם איז דער חתן אָן געגרייט צו זיין אַ גרויסער גביר, האָט איהם דער גביר געענטפערט אַז אַלי זענין אָן געגרייט צו זיין גרויסי גבירים אָבער ניט אַלע זענין אָן געבורייט צו זיין שיינע אָרימי לייט וואָס שרייבסטו מיר אַז דער חתן איז אָן גֶעבורייט צו זיין איין גרויסער גביר, שרייב מיר צו קען ער זיין איין עני הגון דאָס מיינט מען אויב ער קען לערנען אין איז אַ פרומער וואָרים געלד איז קאַלעכדיג אַז עס איז ניט באַשערט צו האָבען מעג מען ירש'נען מי יודע וויפיעל בלייבט ניט, דער עיקר איז דאָס קרן:

## 1336

עס שטייט אין דער מגילה אַז אסתר המלכה האָט געזאגט „וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים לילה ויום גם אני ונערותי אצום כן" וואָרים די חכמים ז"ל האָבען געזאָגט אַז דער וואָס עסט ניט דרייא מעת לעת רצופים דאָס טרעפט אָן צוויי און זיבעציג שעה. פיהלט זיך איהם פון דעם מויל, איבער דעם האָט אסתר גיזאָגט „אני ונערותי אצום כן", וואָס כן באטרעפט נאָר זיבעציג מער ניט וואָרים אַז זיא וועט אויך פאַסטען צוויי און זיבעציג שעה עס הייסט דריי מעת לעת וועט זיא דאָך ניט געפונען קיין חן ביי דעם מלכות אָבער דאָס האָט זיא געזאָגט, „וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים לילה ויום", דאָס איז צוויי און זיבעציג שעה, „גם אני ונערותי אצום כן" איך וועל אויך פאַסטען זיבעציג שעה

אזוי וויא „כן״ בעטראַכט ווערים ובכן אז איך ווער פאַסטען צוויי און זיבעציג שעה „אבוא אל המלך אשר לא כדת״ וועל איך שוין קומען צום מלך ניט אזוי וויא דער דין וואָרים איך וועל דאָך שוין האָבען ריח הפה, „וכאשר אבדתי אבדתי״ אזוי וויא איך בין פאַר לאָרען געוואָרען פון מיין פאָטינס משפחה אזוי וועל איך פון דעם מלך אויך פאַר לאָרען ווערען:

## 1337

עס איז דאָ אַ מדרש, וואָס האָט אָדם הראשון געזעהן וואָס ער האָט געזינדיגט ענטפערט דער מדרש ער האָט געזעהן צוויי האָט ער געזינדיגט האָט מען דאָס געפרעגט דעם שוויסיוחקער רב, האָט ער געזאָגט וואָרים עס שטייט אין אבות „הסתכל בשלשה דברים״ וועסטו ניט קומען צו איין עבירה, דאָס פרעגט דער מדרש וואָס האָט אדם הראשון געזעהן וואָס ער האָט געזינדיגט ענטפערט דער מדרש „ראה שתים״ ער האָט געזעהן צוויי ווייל ער האָט מער ניט געזעהן ווי צוויי דעריבער האָט ער געזינדיגט אָבער ווען ער זאָל געווען זעהן אַלי דריי וואָלט ער ניט געווען געזינדיגט...

# דער יודישער אוצר

## צוועלפטער העפט.

1338

דיזער גרויסער גאון ר׳ קאפיל ליקאווער ז״ל א זיידע פון דעם חוזה פון לובלין, האט געהאט א שענק אין ליקאווע, ווי עס פלעגין אבשטייגען א סך גויים, האט ער דערהאלטין א בריעף פון די אמשטערדאמער קהלה, אז זיי ווילען עהם אויף נעמען פאר א „אב בית דין״, האט ער זיי געענטפערט, איך וויל בעסער זיין א „אב המון גויים״ און האלטין די שענק, איידער צו זיין א „אב ב״ד״...

1339

איינער האט א מאהל געפרעגט ר׳ דוד׳ל אמשינאווער ז״ל, די תורה זאגט אויף ישמעאל, „ויהי ד׳ עמו ויגדל, ויהי רבה קשת״, אייגענטליך אז דער אייבערשטער איז געוועזן מיט איהם, ווי קומט דאס ער זאל ווערין א שיסער, א פרא אדם? האט ער געענטפערט: דער פסוק אליין פערענטפערט דאס, „ויהי ד׳ עמו״ דער אייבערשטער איז געוועזן מיט איהם, „ויגדל״ איז ישמעאל ביי זיך גרויס געווארען. ער איז געווארען א בעל גאוה, דרום האט דער אייבערשטער עהם אראב גענידערט, צו אזא נידעריגע מדריגה, און געמאכט פון איהם א מגושמדיגע בריה – א „רבה קשת״!...

1340

א גאון האט פערענטפערט, די וועלט׳ס קשיא, פאר וואס ווען מען האט געגעבין די יודען די תורה, האט ער אנגעהויבען מיט „אנכי״ דאנעגען ביי די אומות העולם ווען זיי האבען געפרעגט, „תורה מה כתיב בה״ האט ער געענטפערט, „לא תרצח לא תגנוב״ דרום האבען זיי ניט געוואלט מקבל זיין, עס קען דאך אבער זיין, ווען ער זאל ביי זיי אויך אנהויבען מיט „אנכי״ וואלטען זיי אויך געוועזן מקבל געוועזן די תורה? נאר דער תירוץ איז, אלע פעלקער ליינען און

שרייבען פון לינק'ס צו רעכט'ס, איז דאָך ממילא אויסגעקומען די ערשטע געבאָטען „לא תרצח" מיט „לא תגנוב" ווייל עס איז דאָך אויס געשטעלט אין די לוחות 5 דברות אנטקעגען 5 דברות, אָבער די יודען ליינען פון רעכט'ס צו לינק'ס קומט אויס אַז דער ערשטער דיבור איז „אנכי"...

## 1341

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געזאָגט, וואו וואוינט דער אייבערשטער ? – דאָרט וואו מען לאזט איהם אריין...

## 1342

דער ריזשינער האָט זיך אַ מאָהל צוזאַמען געטראָפען מיט ר' מאטילע טשערנאָבלער ביי אַ סעודת מצוה, זיי האָבען צו זאַמען פאַרבראַכט אין אַ שמועס בשעת מען האָט דער לאַנגט צום טיש צימעס פון פלוימען, האָט דער ריזשינער געזאָגט צום טשערנאָבלער דערלאַנגענדיג איהם אַ קערעלע פון אַ פלוים, פעטער ר' מאָטעלע, אָט האָט איהר אַ קעהר צו גאָט ! האָט ר' מאָטילע גענומען אַ פלוים און דערלאַנגט דעם ריזשענער און געזאָגט, אָט האָט איהר אַ פליאַם צו גאָט...

## 1343

דער רבי ר' הירשלי זידיטשובער ז"ל האָט געזאָגט, חסידים וואָס זאָגען אַז זייער רבי איז דער גרעסטער און דער איינציגער, איז דאָס אַ סאָרט עבודה זרה ר"ל, נאָר יעדער רבי איז גוט פאַר זיינע חסידים...

## 1344

דער גאון משה הגיז ז"ל זאָגט, פאַר וואָס הייסט ארץ ישראל „ארץ החיים" ? אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים „אתהלך לפני ד' בארצות החיים" דרשנ'ן די חז"ל אַז דאָס מיינט מען „ארץ ישראל" (סוף כתובות, און ירושלמי מס' שביעית) נאָר די חז"ל זאָגען אין מכות דף ז', אַ רוצח וואָס איז מחוייב געוואָרען מיתה, און ער איז אַנטלאָפען קיין ארץ ישראל פויעלט דער זכות פון ארץ ישראל אַז מען זאָל נאָכאַמאָל איבער פסקנען דעם דין, ווייל טאָמער וועט מען געפונען אויף עהם אַ זכות צו פטר'ן איהם, צוליעב דעם זכות פון ארץ ישראל, דרום הייסט ארץ ישראל „ארץ החיים" ווייל עס פויעלט אַז מען זאָל דעם רוצח לאָזען לעבען...

## 1345

דער „חידושי הרי״ם״ האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין אייניקעל ר׳ שמעון, זאָלסט זיך ניט גרויס האַלטען מיט דעם יחוס וואָס איך בין דיין זיידע ווייל אַז אַ בן מלך זאָגט אַ חכמה, חאָטשו ווען אַ אַנדערער זאָל דאָס זאָגען וואָלט מען קיין וועזען ניט געמאַכט דערפון, דאָך אַז דער בן מלך האָט דאָס געזאָגט, זאָגען אַלע נאָך זיין חכמה, פערקעהרט, אָבער, ווען ער זאָגט אַ נאַרישקייט, איז דאָס ערגער וויא אַ אַנדערער זאָל דאָס זאָגען, דרום דאַרפסטו זיין מעהר פאָרזיכטיג, מיט דעם וואָס די יחוס׳ט דיך...

## 1346

ר׳ משה לייב סאַסאווער ז״ל, האָט געזאָגט, דאָס לעבען פון דעם מענטש, איז גלייך צו דער שאַרף פון אַ מעסער, פון רעכט׳ס און פון לינק׳ס איז דער שאול דער אָבגרונד, אינמיטען, איז דער דרך החיים...

## 1347

די וועלט פרעגט פאַר וואָס האָבען ניט די כהנים, די קינדער פון די חשמונאים, געמאַכט אויך אַז חנוכה זאָל זיין „ימי משתה ושמחה״ אַזוי ווי פורים, דאָס איז דאָך געווען אַ גרעסערער נס ווי פורים, ווייל דאָס איז דאָך געווען ניט כדרך הטבע, „נמסרו רבים ביד מעטים״? דערויף ענטפערט ר׳ אלעזר אַשכנזי ז״ל אין זיין ספר יוסף לקח, — ווייל אין די טעג פון די חשמונאים האָבען יודען ניט געהאַט קיין גאַנצע שמחה, ווייל אַ סך זענען געפאַלען דורך די שווערד, זיי האָבען זיך ניט געקענט פרייען צוקוקענדיג יענעמ׳ס צרות...

## 1348

א משכיל האָט אַ מאָל געפרעגט דעם ראַדזינער רבי׳ן ר׳ גרשון העניך ז״ל, די חז״ל זאָגען, ווען דער אייבערשטער האָט געגעבען די תורה האָט ער פריער געפרעגט די אומות העולם אויב זיי ווילען מקבל זיין די תורה, האָבען זיי געפרעגט „תורה מה כתיב בה״ האָט ער געענטפערט „לא תרצח לא תגנוב״ האָבען זיי ניט געוואָלט מקבל זיין די תורה, (זעה שבת ד׳ פ״ט) שפעטער אַז ער האָט געגעבען די תורה צו יודען, האָט ער אָנגעהויבען „אנכי״, אפשר ווען ער וואָלט צו די גויים אויך געזאָגט „אנכי״ וואָלטען זיי גלייך מקבל געווען די תורה! — האָט דער ראַדזינער רבי גלייך געענטפערט, דער שמייגער איז אַז איינער מאַכט תתונה זיין טאכטער צו אַ חתן וואָס זיינע עלטערין זענען געווען גנבים, אָדער רוצחים, זאָגט ער אָן דעם חתן איך גיב דיר מיין

טאָכטער פאַר אַ פּרוי בתנאי זה, די זאָלסט ניט טוען אַזעלכע מעשים ווי דיין טאַטע אָבער אַז דעם חתנ׳ס עלטערין זענען אָרענטליכע מענטשען, דאַן איז איבעריג דאס אָנצוזאָגען דעם חתן...

## 1349

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פּרשיסחא, האָט געזאָגט, אז פון מענטשליכען האַרץ ביז דעם מויל, איז אַזוי ווייט ווי פון הימעל ביז די ערד...

## 1350

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פּרשיסחא, האָט געזאָגט, „כי בשמחה תצאו״ מיט שמחה קען מען אַרויס גיין פון אַלע צרות, אויב אַ מענטש איז בשמחה דאָס הייסט אַז ער האָט ניט קיין שום דאגות, און צרות...

## 1351

אַ מתנגדישער רב האָט אַ מאָל געטראָפען אַ רבי׳ן דאַוונען שפּעט, האָט דער רב איהם געפרעגט פאַרוואָס דאַוונט איהר אַזוי שפּעט? ענטפערט דער רבי ווייל איך האָב מיך געלייגט שלאָפען שפּעט, פרעגט דער רב, פאַרוואָס זענט איהר געגאַנגען שלאָפען שפּעט, — ווייל איך האָב געגעסען וויעטשערע שפּעט, — פאַרוואָס האָט איהר געגעסען שפּעט? — נאַרישער מתנגד, ווייל מען האָט אָבגעקאָכט שפּעט...

## 1352

דער רבי פון לובלין ז״ל האָט געזאָגט אַ מענטש וואָס מאַכט זיך אַ חשבון הנפש פון זיינע מעשים, איז, אַזוי ווי די וועלט זאָגט, אָבגערעכענט איז האַלב באַצאָהלט...

## 1353

דער „חידושי הרי״ם״ ז״ל האָט געזאָגט, דער וואָס באַשעפטיגט זיך בלויז נאָר אָבצווואַשען יעגעמ׳ס בלאָטע, שמירט זיך אַליין אויס מיט דיזעלבע בלאָטע...

## 1354

ר׳ הירש מלך דינובער ז״ל האָט געזאָגט, די חז״ל זאָגען „מלאך המות כולו

מלא עניים״ (ע״ז כ׳) דער מלאך המות איז פיל מיט אויגען הייגט וויעפיעל אויגען דארף אַ מענטש צו האָבען בכדי זיך צו פאַרהיטען פון איהם...

1355

דער רבי פון לובלין ז״ל איז אַ מאָל אַדורך געגאַנגען דורך אַ בית – המדרש האָט ער דערזעהן אַז עס גייט אַרויס פון דאָרט א גרויס ליכטיקייט, האָט ער זיך געטראַכט, אַז מסתמא לערינט מען דאָרטין תורה לשמה, איז ער אַריין דאָרטין, האָט ער געזעהען, ווי צוויי חסידים רעדין צווישען זיך, און לערנין ניט, האָט ער זיי געפרעגט פון וואָס זיי רעדין, האָבען זיי געענטפערט אַז זיי רעדין סיפורים, און גוטע ווערטער פון צדיקים, האָט ער פערשטאַנען אַז דורך דעם גייט אַרויס דער אור, האָט דער רבי פון לובלין צו זיי געזאָגט יעצט איז מיר רעכט דאָס וואָס שטייט אין פרקי אבות, (פרק ג׳ משנה ב׳) „שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם, שנאמר אז נדברו יראי ד׳ איש על רעהו ויקשב ד׳ וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ד׳ ולחושבי שמו״ אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפט שטיין „אז ידברו״ אָדער „מדברים״? אויך דער „כפל לשון״ „ליראי ד׳ ולחושבי שמו״? אויך איז שווער וואָס רש״י און דער ברטנורא זאָגען „איש אל רעהו הרי כאן שנים״ דאָס איז דאך זעלבסט פערשטענדליך? נאָר די חז״ל זאָגען, אַז דער וואָס זאָגט אַ דבר הלכה פון אַ נפטר, „שפתותיו דובבות בקבר״ (יבמות צ״ו) דאָס איז דער פשט אין דער משנה אַז צוויי זיצען און זענען עוסק אין סיפורי צדיקים, „שכינה שרוי׳ ביניהם״ און עס גייט אַרויס אַ אור הקדושה אַ ראיה פון דעם פסוק „אז נדברו יראי ד׳ איש אל רעהו״ נדברו איז אַ לשון נפעל, אַז די „יראה ד׳״ די צדיקים ווערין גערעדט צווישען מענטשין אַז מענטשין רעדין פון זיי, פון זייערע גוטע מדות, פון זייערע גוטע ווערטער, איז „ויקשב ד׳ כו׳״ ווערט פון דעם אַ טובה פאַרביידע, „ליראי ד׳״ פאַר די צדיקים אליין, ווייל שפתותיהם דובבים בקבר „ולחושבי שמו״ פאַר די וואָס רעדין און טראַכטען פון די צדיקים, ווייל „שכינה שרויה ביניהם״ דאָס זאָגט דער ברטנורא „הרי כאן שנים״ די טובה איז פאַר ביידע, פאַר די צדיקים, און פאַר די וואָס רעדין פון זיי...

1356

דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פרשיסחא האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגען „שערי דמעות לא ננעלו״ (ב״מ נ״ט) אַז די טויערען פון טרערין ווערין אין הימעל נישט פערשלאָסען, אייגענטליך אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף מען זיי איינגאַנצען צו האָבען,? נאָר מען דאַרף זיי האָבען, צו פאַרשליסען, אַז עס זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּען קיין פאַלשע טרערין און אויסמישען זיך מיט די אמת׳דיגע טרערין...

1357

איך האָט דער רבי ר׳ בינם געזאָגט, דאָס וואָס מען זאָגט ראש השנה באַנאַכט „שנהי׳ לראש״ ווייל „לראש״ מאַכט ראשי תיבות, „לעשות רצון אבינו שבשמים״...

1358

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, „דרך ארץ קדמה לתורה״ (אבות) אַזוי ווי דורך די הקדמה פון אַ ספר, קריגט מען אַ באַגריף וועגן דעם מהות, אין דעם תוכן פון דעם ספר, אַזוי דורך דעם דרך ארץ פון דעם מענטש, דורך זיין פירונג, דער קענט מען דעם תוכן פון זיין תורה...

1359

מען האָט אַ מאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבין ז״ל, פונוואַנען ווייסט איהר צו געבין עצות אין מסחרים, אין די צייט ווען איהר זענט אַ פרוש פון אַלע עניני עולם הזה? האָט דער קאָצקער רבי ז״ל געענטפערט: אָט טאַקע דערפאַר ווייס איך, ווייל דער וואָס איז אין דרויסען, קען געכער באַטראַכטען די זאַך, ווי דער וואָס איז פון אינווייניג, און טאַקע דערפאַר וואָס איך בין אין דרויסען, אויסער דעם עולם הזה׳דיגען לעבען, קען איך דעריבער בעסער אַריינדרינגען, און אַריינבליקען אינ׳ם לעבען פון דער וועלט...

1360

דער באַרדיטשובער רב ז״ל צוקומענדיג ימים נוראים אין די שמונה עשרה, צו די ווערטער „בראש השנה יכתבון״ האָט ער אַזוי געזאָגט, „בראש השנה יכתבון״ אום ראש השנה שרייבען די פעלקער, זיי זענען מחלל יום טוב, „וביום צום כיפור יחתמון״ אום יום כיפור חתמנ׳ען זיי, „כמה יעברון״ וויעפיעל פרויען פאַכען זיי מעוברות, „וכמה יבראון״ וויעפיעל ממזרים באַשאַפען זיי אין די הייליגע טעג, פרעג איך דיך רבונו של עולם, אַדרבה „מי יחיה״ ווער דאַרף לעבען...

1361

דער רבי ר׳ משהלע סאַמבורער ז״ל איז אַ מאָל צו געגאַנגען צו זיינ׳ס אַ חסיד נאָכ׳ן דאַוונען, זעהענדי׳ג אַז אין מיטען דאַוונען האָט דער הסיד געמאַכט משונה׳דיגע תנועות, און העוויות, און געשרייען וועלכעס עס האָט איהם זעהר געראַזשעט, — רופט זיך אָן צו איהם דער רבי! ווען מען זאָל

חאָטשע קענען מיט דיין פייערדיג דאַווגען, אָבקאָכען אַ טאָפּ עסען, וואָלט מיך נישט געאַהרט דיינע משונה׳דיגע תנועות...

1362

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געזאָגט, דערום ווערט אַ רבי אָנגערופען „גוטער יוד״ ווייל אַ רבי האָט ליעב יעדען יוד, און זוכט אויף יעדען יוד אַ זכות צום גוטען...

1363

דעם „חידושי הרי״ם׳ס״ משמש, האָט אַ מאָל דערלאַנגט פרייטאָג צו נאכט׳ס צום טיש אַ גרויסען קאָפּ פיש, האָט דער רבי געגעסען אַ שטיקעל, און דאָס איבעריגע איבער געלאָזט, צומאָרגענ׳ס שבת אין דער פריא צו דער סעודה, האָט ער ווידער דערלאַנגט דער זעלבען קאָפּ פיש האָט דער רבי ווייטער אראָב געגעסין אַ שטיקעל און דאָס איבעריגע איבער געלאָזט, צו „שלש סעודות״ האָט ער ווידער דערלאַנגט דעם זעלבען קאָפּ פיש, האָט דער „חידושי הרי״ם״ זיך אָנגערופען צו די חסידים, אויף דעם קאָפּ קען מען זאָגען, אז „חכמתו מרובה ממעשיו״...

1364

דער „חוזה ז״ל פון לובלין האָט געזאָגט, אַז ער קען בענטשין די יודען מיט „בני חיי ומזוני״ ווייל ער איז אַ לוי. און עס שטייט אין תהלים (קפיטל ס״ה) „ושנותיך לא יתמו״ איז דיא ראשי תיבות „לוי״ דאָס איז אַנטקעגין „חיי״ „וזרעם לפניך יכון״ איז ר״ת לוי, דאָס איז אַנטקעגען „בני״, „ולחם לבב – אנוש – יסעד״ איז אויך ר״ת „לוי״ אַנטקעגין „מזוני״...

1365

דער רבי ר׳ גרשון הענוך ז״ל פון ראַדזין האָט אַ מאָהל געשפּיעלט אין אַ שאָך מיט אַ משכיל, דער רבי האָט עקסטרע געמאַכט אַפּעל האַפּטיגען גאַנג, האָט דער רבי זיך געבעטין ביי דעם משכיל, ער זאָל איהם מוחל זיין, ווייל ער האָט געהאַט אַ טעות, און איהם צוריק לאָזין דעם גאַנג, האָט דער משכיל בשום אופן ניט געוואָלט אַנערקענען דעם רבינ׳ס טעות, רופט זיך אָהן דער רבי צו איהם יעצט זעהסטו שוין, אַז עס איז וויי צו דעם מענטש וואָס פערקריכט אין אַ שלעכטען וועג, אַז עס העלפט איהם ניט קיין געבעט זיך צוריק צוקעהרען צום פריערדיגען וועג...

## 1366

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט געטייטשט, די משנה אין אבות, „האומר שלי שלך״ דער וואָס זאָגט „שלי״ די זאַך וואָס געהערט צו מיר. „יראת שמים״ אזוי ווי די חז״ל זאָגען „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״ (ברכות ל״ג) וואָס דאָס איז אָבהענגיג אין מענטש, איז „שלך״ פון אייבערשטען, אז דאָס געט דער אייבערשטער דעם מענטש, „ושלך״ עשירות, רייכקייט, וואָס דאָס ליגט אין אייבערשטענס׳ס האַנד, זאָגט גאָר דער מענטש, אז „שלי״ דאָס איז מיין כח, „כחי ועוצם ידי״ אַזאַ מענטש איז א „עם הארץ״...

## 1367

דער „חי׳ הרי״ם ז״ל האָט געטייטשט, „סומך ד׳ לכל הנופלים״ אז א יוד טוט א עבירה, און איז נאָכהער ביי זיך געפאַלען, העלפט איהם דער אייבערשטער, ער זאָל ניט אינגאַנצען אומפאַלען, און ער שטעלט איהם צוריק נאָך דעם ווי ער טוט תשובה...

## 1368

דער רבי ר׳ בינם ז״ל האָט א מאָהל געהערט, ווי א פויער וואָס האָט געהאַט צו פערקויפען תבואה און האָט זיך ניט געקענט פערגלייכען מיט׳ן מקח, מיט דעם קונה, האָט ער געזאָגט צו דעם קונה אויף פויליש „פאָפראַווטשע״ (פאַרבעסערט) האָט דער רבי ר׳ בינם ז״ל זיך שטאַרק צוויינט, און געזאָגט אפילו דער פויער שרייט, מען זאָל זיך פאַרבעסערין און תשובה טהון...

## 1369

מ׳האָט דערצעהלט דעם „חוזה״ פון לובלין, אז די מתנגדים זאָגען, אז דעם טאָג ווען דער רבי וועט נפטר ווערן וועלין זיי מאַכען א סעודה, האָט דער רבי געענטפערט מיט א שמייכעל, זאָגט זיי אז דעם טאָג ווען איך וועל שטאַרבען, וועלען זיי אפילו קיין טרינק וואסער נישט קענען טרינקען, דער „חוזה״ איז טאַקע נפטר געוואָרען אום תשעה באָב...

## 1370

דער דובנער מגיד ז״ל איז א מאָהל געווען שבועות ביים רבי׳ן פון לובלין ז״ל, ווי דער שטייגער האָט דער רבי געזאָגט די ערשטע נאַכט „תיקון ליל שבועות״ דאַגעגען דער דובנער מגיד ז״ל האָט זיך געזעצט לערנען, האָט דער

רבי פון לובלין איהם געפרעגט, — דובנער מגיד – פארוואס זאגט איהר נישט קיין תיקון? האט דער דובנער געענטפערט מיט א משל, א שווער האט א מאל אבגעזאגט א איידעם פון די קעסט הייסענדיג איהם נעמען זיך צו א מסחר, פרעגט איהם דער איידים, צו וואס פאר א מסחר זאל איך זיך נעהמען? זאגט צו איהם דער שווער, גיי ארויס אין גאס, קוק זיך צו וואס אנדערע טהון וועסטו נאכטהון איז ער ארויס און גאס, האט ער געזעהען, אז איינדרויסין פאר די געשעפטען העננגען שילדען, וואס רעקלאמירען די סחורות. האט דער איידים אויך געדונגען א קראם, מיט א שילד, אבער אן סחורה, שרייט דער שווער – שוטה, די שילד איז דאך נאר צו רעקלאמירען די סחורה פון געוועלב, אבער אן סחורה, ווי אזוי קענסטו האנדלין און פערדינען, דאס זעלבע – זאגט דער דובנער מגיד – תיקון איז נאר די התחלה און דעם סוף פון די פרשיות התורה, דאס איז נאר א שילד וואס זי דערצעהלט וועגען דער סחורה, מיילא – פירט אויס דער דובנער מגיד ז״ל – איהר לובלינער רבי פארמאגט אין זיך די סחורה, איהר קאנט די גאנצע תורה, דארפט איהר אויך האבען די שילד, די סימנים פון דער סחורה, וואס געפינען זיך ביי אייך, איך אבער באזיץ ניט די סחורה, מיין קראם איז א ליידיגע, קאן איך דאך ניט יוצא זיין מיט די בלויזע שילד, דער פאר מוז איך פריער לערנען...

1371

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, האט געזאגט „רצון יראיו יעשה״ דער אייבערשטער האט באשאפען דעם רצון, דער מענטש דארף ווערלין דעם רצון...

1372

דער רבי ר׳ בינם ז״ל פון פרשיסחא, האט געזאגט, אז דאס וואס די חז״ל זאגען אז א מענטש דארף עסען „פת שחרית״, מיינט מען, אז מען זאל לערנען אלע פרי מארגען א בלאט גמרא, ווייל „פת״ באטרעפט אזוי פיעל ווי „תלמוד״ – 480 – ...

1373

א פויער האט א מאל געזאגט צום רבי׳ן ר׳ זושא גייענדיג אונטער ווענינ׳ס ער זאל איהם העלפען אויפשטעלין זיין וואגען וואס איז איהם אומגעפאלען, האט ער געענטפערט, איך קאן נישט, האט דער פויער איהם געזאגט די קאנסט גאר די ווילסט נישט, האט דער רבי ר׳ זושא זיך צו וויינט אין געזאגט רבונו של עולם, איך קאן, גאר איך וויל נישט...

## 1374

דער חי' הרי"ם ז"ל האט געזאגט, אויף דעם וואס די חז"ל זאגען אז די 2 טעג ראש השנה איז „כיומא אריכתא" ווייל אין די תורה שטייט „ובחודש השביעי באחד לחודש" און דארט וואו עס שטעהט „באחד" ניט „בראשון" איז א סימן אז עס איז ניט דא קיין צוויי, (וזה רש"י בראשית אויף דעם פסוק „יום אחד")...

## 1375

דער בארדיטשובער רב ז"ל האט געזאגט, „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת" אויב די רבונו של עולם וועסט בשעת דעם משפט'ן די אידען באנוצען זיך מיט רחמנות. מיט חסד וועסטו טאקע זיצען אויף די שטוהל מיט אמת, אלע משפטים וועלין ווערין אויסגעפיהרט, אבער טאמער חס ושלום אז די וועסט משפט'ן די אידען מיט דעם מדת הדין, און וועסט גוזר זיין אויף זיי חס ושלום גזירות רעות, דאס וועט ניט פערווירקליכט ווערין, ווייל דיינע צדיקים וועלין דאס מבטל זיין אזוי ווי די חז"ל זאגען „הקב"ה גוזר וצדיק מבטלה" (מו"ק ט"ו ב"מ פ"ה) ממילא וועט דאך דער משפט ניט זיין קיין אמת'ר, ער וועט ניט ווערין אויס געפיהרט...

## 1376

דער קעלעמער מגיד איז א מאהל געקומען אין א דייטשישע שטאדט, האט ער געבעטען די ראשי קהלה ער זאל זאגען א דרשה, האבען זיי זיך מיט איהם אויסגענומען, ער זאל זייערע חטאים ניט אויסרעכענען, ער זאל זיי קיין מוסר ניט זאגען, דער קעלעמער האט אבער אין די דרשה שטארק געמוסר'ט די קהלה, וועגין חילול שבת, פריצות, האבען זיי איהם נאך די דרשה געפרעגט, איהר האט דאך צו געזאגט צו האלטען די דרשה אהן מוסר? האט ער געענטפערט איך וועל אייך עפעס דערצעהלען, א רייכער פריץ א גבור, זעהר אדיקער, פלעגט קומען צו זיין יודישען קרעטשמער אין שענק און זיך אנשיפורען, און אנידער פאלען אויף דער ערד, ער האט אבער פערנומען א האלבע שטוב, צוליעב זיין דיקקייט, און אז דער שענקער פלעגט זעהן איבער די שטוב, האט ער נישט ווילענדיג געמוזט טהון א שטויס מיט'ן פוס דעם פריץ צוליעב דעם ענגשאפט, האבען דעם קרעטשמער'ס שונאים דערצעהלט דעם פריץ דערפון, האט דער פריץ איבער געפרעגט דעם יוד צי איז דאס אמת, אז די ביסט מיך מבזה? האט דער יוד געענטפערט, וואס זאל איך טהון, אז די ביסט אזוי ברייט און דיק און לאנג, אז די פערנעמסט

די שטוב, און וואו איך זאָל מיך דרייען מוז איך דיך אומווילענדיג א שטויס טהון! דאָס זעלבע – האָט דער קעלעמער פערענדיגט – איז מיט אייך אייערע חטאים זענען אַזוי גרויס, אַז וועגען וואָס איך זאָל נאָר רעדען אין מיין דרשה מוז איך אלץ דערמאַהנען פון אייערע זינד...

## 1377

א יונגערמאַן וואָס איז דאָס ערשטע מאָהל געפאָהרען צום רבי'ן ר' הירש מלך דינובער ז"ל אויף א שבת, מוצאי שבת זאָגט דער יונגער מאַן צו א צווייטען חסיד, איך ווייס ניט מיט וואָס איך פאָהר א היים, איך האָב גאָר ניט דאָ עפּעס געפּיהלט, דער דינובער האָט דאָס דער הערט, האָט ער געזאָגט צום יונגערמאַן, זאָרג ניש, אין דער היים וועסטו שוין דערפּיהלען...

## 1378

דער גאון ר' קאָפּיל ליקאָוועער ז"ל דעם חוזה'ס א זיידע האָט געטייטשט „האם תמנו לגוע" צו האָבען מיר שוין געענדיגט מקיים צו זיין אלע מצות אויף די וועלט, וואָס מיר זאָלען שוין שטאַרבען, דער מענטש וואָס האָט שוין געענדיגט זיין חוב וואָס ליגט אויף עהם, דער קען שוין א וועק גיין פון דער וועלט...

## 1379

די רביצ'ן פון ר' ישעי'לע פראַגער ז"ל, האָט געהאַט א שם פאַר א שלעכטע זי פלעגט איהם זידלען, און ער האָט גאָר ניט אָבגעענטפערט, ער האָט אלעס סובל געווען, האָבען די חסידים איהם געפרעגט, רבי היתכן, איהר לאָזט דאָס צו, עס איז דאָך ניט קיין כבוד פאַר אייך, און ניט פאַר די פּראַגער קהלה? האָט ער געענטפערט, די רבי'צין איז איינע פון די 4 הונדערט, – האָבען די חסידים איהם געפרעגט, וואָס מיינט איהר רבי? האָט ער זיי ערקלערט, די חז"ל דערצעהלען אין מסכת (גיטין דף נ"ז), ווען טיטוס האָט חרוב געמאַכט ארץ ישראל, האָט ער געפאַנגען פיער הונדערט יונגלעך מיט מיידלעך, און האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף א שיף, געפיהרט די שיף אינמיטען ים, זיי האָבען פערשטאַנען אַז ער וועט זיי פּייניגען, האָט זיי דער עלסטער געזאָגט, עס שטייט „מבשן אשיב" די דערטרונקענע פון די טיעפענישען פון ים, וועל איך צוריק קערין צו געבין זיי זייער חלק עולם הבא, וויא די מיידלעך האָבען דאָס געהערט, זענען זיי אלע אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין האָבען די יונגלעך זיך אַרויס גענומען א קל וחומר פון די מיידלעך, מה דאָך די נקבות וואָס זענען ניט מצווה אויף

קיין מצות האָבּן אַזוי מקדש השם געווען, מכל־שכן מיר ראַרפֿען דאָך אַוודאי אַזוי טוהן, ווענען זיי אויך אַריינגעשפּרינגען אין וואַסער, אַז די מיידלעך ווענען געקומען אויפ'ן עולם העליון, האָט מען זיי גלייך געהייסען פֿיהרען אין גן עדן אַריין, האָבּען זיי זיך אָבּגעזאָגט דערפֿון מיט פֿערדראָס טענה'נדיג אַז פֿאַר זיי איז ניט גענוג דאָס אַליין, ווייל מיר זענען פֿריער אַריינגעשפּרונגען אין ים ווי די זכרים, ווילען מיר אַ גרעסערע זאַך, ווי דאָס צו זיצען אין גן עדן האָט זיי דאָס בית־דין של מעלה געפֿרעגט, וואָס דען ווילט איהר? האָבּען זיי געענטפֿערט, אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה „והוא ימשול בה", דער מאַן זאָל געוועלטיגען איבּער דעם ווייב, ווילען מיר אָבּער, אַז מיר זאָלען נאָך אַ מאָהל געבּוירען ווערין און חתונה האָבּען און מיר זאָלען מושל זיין איבּער דעם מאַן, האָט דאָס בית דין של מעלה געזאָגט מיר מוזען זיך איבּער פֿרעגען, וועגין דעם משפּט בּיי דעם אייבּערשטען, ווייל מיר אַליין האָבּען ניט קיין רשות צו ענדערען אַ פּסוק אין דער תורה, — דער אייבּערשטער האָט געענטפֿערט, אַז מען זאָל די מיידלעך נאָכגעבּען זייער פֿערלאַנג. אַז זיי זאָלען מושל זיין איבּער די מענער, און מיין רבּי'צין איז טאַקע איינ׳ער פֿון די 4 הונדערט, און דאָס האָט דוד המלך געבּעטען אין תהלים — פֿיהרט ר' ישעי'לע אויס — „על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא" (דרשנען די חז"ל אין ברכות ח' „לעת מצוא זו אשה" שנאמר מצא אשה מצא טוב) אויף דעם זאָל בּעטען יעדער חסיד אַז אין דער צייט ווען ער וועט נעמען אַ פֿרוי „לשטף מים רבים אליו לא יגיעו" אַז איינע פֿון יענע פֿיר הונדערט פֿון די פֿאַרפֿלייצטע אין וואַסער זאָלען צו איהם ניט גרייכען...

## 1380

**א** רב איז אַ מאָהל געקומען אויף שבּת קיין פּרשיסחא צום רבּי'ן ר' בּינם ז"ל, דער ר"ב איז געווען בּטבע שטענדיג פֿערדאגה'ט, אומעטיג, וועלכעס דאָס איז געווען געגען דעם שטייגער פֿון רבּי'ן, ער האָט דאָס פֿיינד געהאַט בּתכלית השנאה, דער רבּי בּאמערקענדיג אַז דער אורח איז פֿער אומערט בּעצבות, האָט ער זיך צו איהם בּאַצויגען גלייכגילטיג ניט אומגעקוקט זיך אויף איהם, מוצאי שבּת האָט דער רב פֿון גרויס פֿאַרדראָס זיך גרייט געמאַכט אַוועק צופֿאָהרען, ער איז אַריין צום רבּי'ן זיך געזעגענען, האָט דער רבּי איהם געזאָגט, זייט מוחל וואַרט צו בּיז מאָרגען נאָך חצות, די הייליגקייט פֿון שבּת איז נאָך דאָ, פֿרעגט דער רב וואָס מיינט איהר רבּי דערמיט, אַז איך זאָל וואַרטען בּיז מאָרגען? האָט דער רבּי געענטפֿערט, דער שבּת איז זפּהר מכבּד אַ אורח למשל יום טוב געפֿאַלט אום שבּת, גיט איהם דער שבּת אַוועק, זיינע תפלות, דעם מפטיר, אַז יום כּיפּור געפֿאַלט אום שבּת, שפּט ער אויך ניט צוליעב דעם אורח, אַז עס געפֿאַלט אָבּער תשעה בּאב אום שבּת, אַנטרוקענט איהם נישט דער שבּת, ווייל קיין טרויעריגען אומעטיגען

אורח וויל דער שבת ניט האָבען נאָהר ער הייסט איהם קומען אויף צומאָרגענ׳ס און אַזוי ווי איך פיהל נאָך דעם שבת, דערום הייס איך אייך אויך קומען צומאָרגענס..

1381

ווען דער „קדושת לוי" איז געווען אין אונגארען, האָט ער אַ מאָהל איבער געגעכטיגט ביי אַ יוד אַ קצב, דער קצב האָט איהם ניט געקאָנט, פרעגט איהם דער קצב, — ווערכער האָט באַדאַרפט פונקט שעכטען אַ בהמה, — אויב ער איז אַ שוחט? זאָגט דער „קדושת לוי" איהר האָט טאַקע געטראָפען, האָט דער קצב זיך זייער געפרייט, און געזאָגט צום „קדושת לוי" איך דאַרף נייטיג שעכטען אַ בהמה דער שוחט וואוינט ווייט פון מיר, איך וועל אייך באַצאָהלען שחיטה געלד, און מאַכט גרייט דעם חלף, — האָט דער „קדושת לוי" געזאָגט צו איהם, איך פערלאַנג פריצער פון אייך אַ טובה, איך האָב געקריגען אַ טעלעגראַמע פון מיין פרוי, אַז זי מוז האָבען 25 רובעל, בעט איך אייך טוט מיר די טובה באָרגט מיר, און איך בין אייך מבטיח אַז איך וועל אייך אָבגעבין, זאָגט דער קצב, איך קען עפּעס אייך, אַז איך זאָל אייך באָרגען געלד? אויב אַזוי — זאָגט צו איהם דער „קדושת לוי" געלד ווילסטו מיר ניט באָרגען, ווייל די קאָנסט מיך ניט, און אַ בהמה שעכטען ווילסטו יאָ ביי מיר, זיי ווייסען אַז איך בין ניט קיין שוחט, וואָלסטו אָבער אָנגעטראָפען אויף אַ אַנדערין, וואָלט ער דיר אפשר געווען געשאָכטען צוליעב דער שחיטה געלד, וואָלסטו דאָך מאַכיל טריפות געווען יודען, וואָס דאָס איז ערגער, ווי באָרגען אַ אומבעקאַנטען יוד 25 רובעל...

1382

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געטייטשט, „רבים מכאובים לרשע" דער עיקר וועהטאָג וואָס דער רשע האָט, „והבוטח בד'" חסד יסובבנהו" — וואָס דער אייבערשטער באַהאַנדעלט דעם „בוטח בד' מיט חסד און גוט׳ס, נאָר דאָס, איז דער עיקר פאַרדראָס פון רשע...

1383

א חסיד האָט זיך געקלאָגט פאַר דעם קאָצקער רבי׳ן ז״ל, אַז ער ליידט דחקות און האָט גרויס דאָגה דערפון, האָט דער קאָצקער רבי ז״ל איהם געזאָגט, בעט דעם אייבערשטען, ער זאָל דיר העלפען, זאָגט דער חסיד, איך ווייס אָבער נישט, וויא אַזוי צו בעטין, האָט דער קאָצקער רבי ז״ל איהם געענטפערט, אויב אַזוי האָסטו דאָך אַ גרעסערע דאָגה, ווי דאָגת הפרנסה, די ווייסט ניט, וויא אַזוי צו בעטין...

1384

דער „יוד הקדוש" האט א מאהל בעהייסען דערלאנגען צום טיש אום אחרון של פסח ביינאכט קניידלעך, ווייל עס שטייט „בוגס כנד (קנייד) מי הים", דרום איז גלייך צו עסין קניידלעך נאך קריעת ים סוף...

1385

דער רבי פון לובלין האט א מאהל געזאגט, צו א יונגערמאן, וואס האט זיך שטארק געשטופט צום טיש, כדי ער זאל זיין נאהנט צום רבי'ן — אויב דו גלייבסט אז די ביסט טאקע צו געקומען צום בארג סיני מקבל זיין די תורה, דארפסטו דאך אבער אויך וויסען, אז עס איז געווען א מצות „הגבלה" אז נאהנט בלויז משה רבינו האט געמעגט צו געהן, נים אזעלכע יונגעלייט ווי די ביסט...

1386

דער בארדיטשובער רב ז"ל האט געזאגט, דרום זאגען מיר „זמן מתן תורתינו" אום שבועות, נים „קבלת תורתינו" ; ווייל די קבלת התורה איז אלעמאהל אין יעדער צייט, נים דווקא אום שבועות...

1387

ר' נפתלי ראפשיצער ז"ל האט געטייטשט, „ואין לנו שיור רק התורה הזאת" קיין שום זאך האלט מען נים פאר אזא שיריים, ווי די תורה...

1388

דער „קדוש לוי" פלעגט דאווענען ימים נוראים פאר'ן עמוד, איינמאהל צוקומענדיג ביים סוף זכרונות, צו די פסוקים, „וזכרתי אני את בריתי אותך בימי נעוריך, ונאמר הבן יקיר לי אפרים", האט ער געזאגט, דער טאטע זכרונו לברכה, האט מיר דערצעהלט, אז א מאהל איז געקומען צו איהם א אידענע מיט א געוויין בכן אז עס געהן א זעלכע פארכטיגע טעג, און איך האב א איינציג קינד, האב איך מורא טאמער ווער דאס קינד מיינ'ס נישט זוכה זיין בדין, האט דער טאטע געענטפערט, א טאטע האט רחמנות אויף זיין איינציג קינד, ובפרט אויף אזא טייער קינד „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד על כן המו מעי לו רחם ארחמנו נאום ד'"...

## 1389

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט געזאָגט, אַז דאָס אמת׳ע יראת שמים הייסט, פונקט ווי איינער דערזעהט אַ לעבעדיגען טיגער, איז ער דאָך פון גרויס שרעק אַזוי צוטראָגען, אַז ער טראַכט גאָר ניט וועגען דער שרעק, אַזוי דאַרף אַ מענטש מורא צו האָבען פאַר׳ן אייבערשטען, אַז ער זאָל גאָר ניט פיהלען אַז ער האָט מורא...

## 1390

דער אלעקסאַנדער רבי ז״ל האָט געזאָגט, אַז דרום זאָגען מיר „סלח לנו אבינו״ – ווייל דו ביסט אונזער פאָטער, מיר זענען דיינע קינדער, דרום דאַרפסטו אונז מוחל זיין...

## 1391

ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער ז״ל האָט געטייטשט „אדם ביקר״ אַ מענטש וואָס מען טיילט צו גרויס כבוד, („יקר״ איז טייטש „כבוד״) „ולא יבין״ ער פאַרשטעהט זיך נישט ער מיינט אַז עס קומט איהם דאָס, ער האַלט זיך בגאוה, ער בלאָזט זיך, ער מיינט אַז ער איז טאַקע אַזאַ גרויסער מענטש. אַזעלכער, „נמשל כבהמות נדמו״ איז גלייך צו אַ בהמה, ער איז גאָר נישט קיין מענטש...

## 1392

דער יוד הקדוש ז״ל האָט געפרעגט זיין תלמיד דעם רבי׳ן ר׳ בינם ז״ל וואָס וועסטו טוהן אין משיח׳ס צייטען? האָט ער געענטפערט: איך וועל לערנען, דאַוונען, עסען צוזאַמען מיט חסידים, נאָכ׳ן עסין וועל איך זיך לייגען שלאָפען אויף אַ באַנק מיט אַ טלית צוקאָפּען׳ס, ווייל אַז מען וועט געבין אַ געשריי משיח איז דאָ, וועל איך שנעל אויפשטעהען פון שלאָף, און וועל כאַפּען דעם טלית און אַנטקעגין לויפען משיח׳ן האָט דער יוד הקדוש געענטפערט: איך האָב מורא אַז מען וועט אייך ניט לאָזען שלאָפען...

## 1393

ווען הרב ר׳ יונתן מפראַג איז געווען אַ יונגעל האָט מען איהם גערעדט אַ שידוך פאַר אַ גרויסען גביר׳ס אַ קינד, און דער גביר האָט זיך מתחייב געווען זעהר פיעל נדן נאָהר עס איז געבליבען אַז מען זאָל פאַר הערען דעם חתן, ביידע מחותנים זענען זיך צונויף געפאָהרען, און מען האָט געבראַכט

א למדן מופלג בתורה ער״זאָל פאַרהערען דעם חתן צי קען ער לערנען, די ביידע מחותנים זענען זיך צונויף געפאָהרען אין א דאָרף, ווי זיי קומען אין דאָרף האָבען זיי זיך אומגעקוקט אז זיי האָבען קיין ספרים ניט אויף צו פאַרהערען דעם חתן, דער פאַרהערער האָט דערזעהען א סידור אויף דעם טיש, האָט דער פאַרהערער געזאָגט, דאָס קינד וואָס האָט א שאַרפען מוח קען זאָגען אומעטום, האָט ער איהם אויף געמוטשט „רבי ישמעאל אומר בשלש עשרה מדות התורה נדרשת״, איז צוגעגאַנגען דער חתן און האָט געזאָגט עס איז דאָ פאַרהאַנען דריי קשיות, איין קשיא פאַרוואָס רופט מען א יוד מיט דעם נאָמען ישמעאל, ישמעאל איז דאָך גאָהר געווען א רשע ווי קומט דאָס אז מען זאָל אום רופען ישמעאל, און די אַנדערע קשיא וואָס זאָגט ער אומר, עס וואָלט געדאַרפט שטיין אמר ער האָט געזאָגט? וואָרום דאָרט ווי צוויי קריגען איז שייך צו זאָגען דער זאָגט אזוי, און דער זאָגט אזוי, אָבער דאָ קריגט זיך קיינער ניט, וואָלט געדאַרפט שטיין אמר, וואָס שטייט אומר. און די דריטע קשיא וואָס זאָגט ער אז די תורה ווערט גידאַרשענט אין א כלל ופרט, דאָס איז נאָהר נאָך דעם מאן דאמר וואָס ער זאָגט אז עס איז דאָ אין דער תורה א מוקדם ומאוחר, אָבער נאָך דעם וואָס ער זאָגט אז אין דער תורה איז ניט דאָ קיין מוקדם ומאוחר, קען דאָך זיין אז דאָס וואָס איז געווען פריער שטייט שפעטער און דאָס וואס איז געווען שפעטער איז געווען פריער, איז דאָך דאָס גאָר ניט קיין כלל ופרט, עס קען דאָך זיין אז דער כלל איז געווען נאָך דעם פרט, און דער פרט איז געווען נאך דעם) כלל. נאהר אונזערע חכמים האָבען געזאָגט אין דער גמרא (בבא בתרא ט״ז) אז ישמעאל האט געטוהן תשובה וואָרום עס שטייט ביי אברהם׳ס קבורה ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו, איז דאָך א קשיא ווי קומט אז יצחק זאָל שטיין פאַר ישמעאל׳ן ישמעאל איז דאָך געווען דער עלטערער זוהן. איז געדרונגען אז ישמעאל האָט תשובה געטוהן און האָט אָפגעטיילט כבוד יצחק׳ן, דאס איז נאָהר רעכט נאָך דעם וואָס ער זאָגט אז יש מוקדם ומאוחר בתורה, אָבער נאָך דעם וואס ער זאָגט אז עס איז ניט פאַרהאַנען מוקדם ומאוחר בתורה, איז דאָך שוין נישט נעדרינגען אז ישמעאל האָט תשובה געטוהן, וואָרום ווי באַלד אז איך זאָג אין דער תורה איז ניט אזוי ווי עס שטייט קען דאָך זיין אז ישמעאל איז טאַקע געגאַנגען פאַר יצחק׳ן. נאָהר אַלע קשיות איז אָהן געהאָנגען איינס אין דעם אַנדערען, וואָרום דאָס וואָרט אומר ווייזט אַז די זאַך זאָגט אַזוי, דהיינו איך לערען דערפון אָפ אַז אַזוי איז די כוונה, ר׳ ישמעאל ווען ער רופט אָהן אַ יוד ישמעאל און מען טאָהר ניט רופען אַ יוד ישמעאל וואָרום שם רשעים ירקב, מוז איך זאָגען אַז ישמעאל האָט תשובה געטוהן, וואָרום עס שטייט דאָך יצחק וישמעאל בניו. און עס שטייט יצחק פריער מוז איך זאָגען אַז ישמעאל האָט תשובה געטוהן און האָט אָפ געגעבען כבוד צו יצחק׳ן איז זיך דערפון געדרונגען אַז יש מוקדם ומאוחר בתורה, וואָרום אַז ניט איז דאָך קיין ראיה ניט אַז ער האָט געטוהן תשובה, אומר קומט דאָס

מיר צו זאגען אז התורה, נדרשת בכלל ופרט, ווארום אז יש מוקדם ומאוחר בתורה הייסט דאס שוין אגוטער כלל ופרט...

1394

אגלח האט א מאהל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ יהונתן אייבעשיץ ז״ל, אייערע חכמים זאגען, אז צוליעב די תורה וואס יודען לערנען, עקזיסטירט די וועלט, ווייזט דאך אויס, אז דעם טאג וואס מען לערנט ניט, דארף די וועלט אונטער גיין, טא מיט וואס איז געזיכערט די וועלט זי זאל האבען א קיום, אין די נאכט פון „ניטעל״ ווען ביי אייך יודען איז א מנהג נישט צו לערנען דאמאלס ? — האט דער רבי ר׳ יהונתן ז״ל באלד איהם אפגעענטפערט, אונזערע חכמים זאגען אבער אויך „מנהג ישראל תורה״ (מנחות כ׳ תוס׳ ד״ה נפסל) איז דאס אליין וואס מיר יודען האלטען פון מנהג, נישט צו לערנען אום „ניטעל״, אט דאס אליין איז תורה, אין צוליעב די תורה עקזיסטירט טאקע די וועלט אין דער נאכט פון ניטעל...

1395

אקינדער לאזע פרוי איז א מאהל געקומען צו ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ז״ל, ער זאל בעטין פאר איהר זי זאל האבען א קינד, אינדעם קומט אריין א טרעגער, שוין א עלטערער יוד, און קלאגט זיך פאר׳ן רבי׳ן, אזוי ווי ער איז אויף די עלטער און האט ניט קיין כח צו טראגען, די שווערע משאות, אפשר קען מען איהם צוזאמען קלויבען א נדבה ער זאל זיך קויפען א פערד און וואגען, ארויפצולייגען די משאות, ער זאל פארשפארען צו שלעפין די משאות אויף זיינע פלייצעס, — האט דער פרימישלאנער געזאגט צו די פרוי, ביז א הער האסטו, געפיהרט (דעם סדר נשים) און ער האט געטראגען, (די משאות) גיב דשע איהם געלט צו קויפען פערד און וואגען, וועט ער פיהרען, און די וועסט טראגען...

1396

דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פרשיסחא, האט געטייטשט, „דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב״ אז דאס הארץ איז איבער געפילט מיט רייד, עס איבערגייט שוין, דאמאלסט, גיסען זיך די רייד איבער אין א אנדער הארץ...

1397

דער קאצקער רבי ז״ל האט געזאגט, דער חסרון פון א פרומען יוד איז

דאָס, וואָס ער מאַכט פון עיקר אַ טפל, און פון טפל אַ עיקר...

1398

דער חי׳ הרי״ם האָט געזאָגט, אַז דרום האָט אברהם אבינו געבעטען, אַז ישמעאל זאָל לעבען, כדי יצחק זאָל ניט בלייבען קיין בן יחיד, ווערכער האָט אַ סך מקטריגים...

1399

דער רבי ז״ל פון אַלעקסאַנדער האָט אַ מאָהל געזאָגט, אויף דעם וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט „טוב פת הריבה ושלוה בה״ אייגענטליך פונוואַנען האָט ער דאָס גענימען, זייענדיג אַ מלך, און עס האָט איהם גאָהר נישט געפעהלט פון כל טוב, און קיין פת חריבה האָט ער קיין מאָהל נישט געגעסין טאָ פונוואַנען האָט ער געקריגען, די דערפאהרונג, צו זאָגען דעם פסוק ? נאָהר נאָך דעם ווי דער אשמדאי האָט איהם פערוואָרפען פון ירושלים און ער איז נע ונד ארומגעגאַנגען פון איין שטאָדט אין דער צווייטע, און געשריגען „אני שלמה״ איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף צו אַ דאָרפ׳ס מאַן וואָס האָט לכבוד שלמה המלך געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און געבעטען די גרעסטע מענטשען, נאָהר פאַר׳ן עסין האָט דער בעל סעודה גערעדט אַ רעדע לכבוד שלמה, אויס זאָגענדיג ווער דער שלמה המלך איז, וואָס פאַר אַ רייכער מאַן דאָס איז געוועזן און שלמה המלך הערענדיג דאָס, האָט פון גרויס עגמת נפש נישט געקענט טועם זיין, און איז געבליבען הונגעריג, איז ער אַוועק אין אַ צווייטע שטאדט, און איז אריין צו אַ חסיד, אַ אָרימאַן האט דער חסיד איהם געטרייסט אַז ער וועט צוריק זיין שלמה המלך ווי אַמאהל, און האט איהם מכבד געווען מיט טריקען ברויט וואס ער האט געהאַט אין שטוב, און פון דעם „פת חריבה״ האט שלמה המלך מעהר הנאה געהאַט ווי פון דער גרויסע סעודה...

1400

ר׳ ברוך גארליצער ז״ל אַ זוהן פון ר׳ חיים צאַנזער ז״ל איז אַ מאהל געקומען צום פאטער, און געבעטין ער זאָל איהם ארויסהעלפען מיט געלד, ער זאל קענען חתונה מאַכען זיין טאכטער, — איך האב גראַדע יעצט ניט קיין געלד, — האט ר׳ חיים ז״ל געענטפערט, — מיט אַ פאר טעג שפעטער זענען געקומען קיין צאַנז עטליכע נגידים, און זיי האבען איבערגעלאזט דעם רבי׳ן פדיונים אַ היבשע סומע געלד, האט ר׳ חיים ז״ל געשיקט רופען אַ שטאדטישען ארימאַן און האט איהם אַוועק געגעבין דאס גאַנצע געלד ער

זאָל חתונה מאַכען זיינע בוגרת'ן, דער זוהן איז דאָס געוואָהר געוואָרען, איז ער אַריין צום פאָטער און געפרעגט היתכן ? מיר נישט, אין אַ פרעמדען יאָ ? האָט ר' חיים געזאָגט : מיך און דיך קען יעדער, און ווען די' וועסט אַרויס גיין שאַפען געלד וועסט די באַקומען, אָבער דעם אָרימאַן קען דאָך קיינער נישט, און אויב איך זאָל ניט זאָרגען פאַר איהם, ווי אַזוי וועט ער קענען חתונה מאַכען די בוגרת'ן...

## 1401

אַ רב איז אַמאָהל געקומען אין אַ שטאָדט איז דאָרט געווען אַ ווייגשענקער, און ביי דעם ווייגשענקער איז געווען אַ משרת, דער משרת האָט געבעך געהאָרוועט אַ צייט ביז ער האָט זיך צונויף געקליבען הונדערט גילדען, אַז עס איז געקומען ערב שבת האָט ער קיינעם ניט געוואָלט געבען צו באַהאַלטען דאָס געלד, נאָהר ער האָט דאָס באַהאַלטען אונטער די פעסער וויין, אַז עס איז געקומען מוצאי שבת איז ער געגאַנגען זוכען דאָס געלד, ווי ער האָט אַ קוק געטוהן אַז דאָס געלד איז נישטאָ האָט ער זעהער געוויינט, איז דער רב דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער געשיקט רופען דעם משרת מיט דעם בעל הבית, און האָט געפרעגט דעם בעל הבית אויף דעם געלד, האָט דער בעל הבית געענטפערט אַז ער ווייסט גאָר ניט פון דעם געלד, האָט איהם דער רב געזאָגט, ווי באַלד די ווייסט ניט פון דעם געלד קען דאָך זיין אַז אַ גוי האָט צוגענומען דאָס געלד פון אונטער די פעסער, האָט ער דאָך געפאַסערט דיין וויין, זאָלסטו וויסען אַז איך וועל הייסען אויסרופען אין אַלע בתי מדרשים אַז דער וויין איז יין נסך, ווי דער ווייגשענקער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך באַלד מודה געווען אַז ער אַליין האָט צוגענומען דאָס געלד האָט מען איהם ניט געוואָלט גלייבען, ביז ער האָט אָפגעבראַכט דאָס געלד און דער משרת האָט דערקענט די מטבעות...

## 1402

דער רב ר' משה חפץ איז געווען רב אין צאָוויש איז אויף איהם שטענדיג געווען אַ מחלוקת מען האָט איהם ניט געוואָלט פאַר אַ רב מחמת ער האָט קיינעם קיין כבוד ניט אָבגעגעבען און ער אַליין האָט זייער געוואָלט זיין אַ רב אין פינסק נאָהר אין פינסק האָט מען איהם ניט געוואָלט פאַר אַ רב ווייל זיי האָבען געוויסט אַז ער איז אין צאָוויש, און גיט קיינעם קיין כבוד ניט אָפּ, איינמאָהל האָט ער געזאָגט אַז ער האָט אַ קל וחומר אַז ער וועט זיין רב אין פינסק, מאַי דאָך צאָוויש, וואָס זיי ווילען מיך ניט איך זאָל זיין ביי זיי אַ רב, ווילען זיי איך זאָל זיין אין פינסק, פינסק וואָס זיי ווילען אַ וודאי איך זאָל זיין אין צאָוויש, איז שוין אַ קל וחומר אַז זיי ווילען איך זאָל זיין אין פינסק...

1403

דעם קאָצקער רבי'נס משמש ר' פייוויל האָט זיך אַ מאָהל געווייזערט אויף חסידים וואָס זענען אַרייַנגעקומען אין רבי'נס בית המדרש מיט שטויב אויף די שטיוועל, האָט זיך דער קאָצקער רבי אָנגערופען, — פייוויל, וואָס שרייסטו אַזוי אויף זיי, עס שטייט דאָך, „אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם"...

1404

דער רבי ר' בונם ז"ל האָט אַ מאָהל געזאָגט, איידער משיח וועט קומען, וועט זיין ווינטער אָהן קעלט, זומער אָהן היצען, לומדים אָהן תורה, חסידים אָהן חסידות, און נגידים אָהן געלד...

1405

דער דינובער רבי ר' הירש מלך ז"ל האָט זיך אַ מאָהל אויסגעדריקט, דוד המלך האָט גע'טענה'ט פאַר'ן אייבערשטען „אני עבדך בן אמתך" הגם איך בין טאַקע אַ שוטה, אָבער דער שוטה איז דאָך דיינער, טאָ צי וועמען זאָל איך זיך ווענדין און קערין, אויב ניט צו דיר ?...

1406

דער רבי ר' שלמה לייב ז"ל פון לענטשנע האָט געטייטשט „יברך יראי ד' הקטנים עם הגדולים" (תהלים) מיר בעטין ביים אייבערשטען, אַז די „יראים" די פרומע יודען, זאָלען זיך ניט גרויס האַלטען, זיי זאָלען נישט געשטרויכעלט ווערין מיט גיאות, זאָלען זיך האַלטען קליין, גלייך ווי די קטנים...

1407

דער אַלעקסאַנדער רבי ז"ל האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל, „אין מחזיקין במחלוקת" (סנהדרין ק"י) די זאָלסט קיין קריג נישט האַלטען פאַר קיין מחלוקת, די זאָלסט דאָס צו נישט מאַכען, וועסטו ממילא זיין מיט יעדען מענטש בשלום...

1408

אַ יונגע פרוי איז צו אַ מאָהל געקומען צום קאָזשעניצער מגיד ז"ל, מיט אַ געוויי אַז דער מאַן האָט זי פיינד געקריגען, און שרייט אַז זי איז מיאוס, און

ווען איך בין געגאַנגען צו דער חופה, האָט ער אַליין געזאָגט צו מיר אַז איך בין די שענסטע, פאַרוואָס זאָל איך יעצט ביי איהם נמאס ווערין? — האָט דער מגיד ז"ל דערהערענדיג די פרוי'ס ווערטער, אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, און אויסגעשריגען, רבונו של עולם! ווען די אידען האָבען געזאָגט, נעשה ונשמע, האָסטו זיי אָנגעטוען אויף די קעפ קרוינען, האָסט זיי גערופען עם סגולה, און יעצט זיינען מיר נמאס געוואָרען ביי דיר פאַרוואָס?...

## 1409

א קאָצקער חסיד, אַ גביר איז געוואָרען אַ יורד, האָבען דעם רבי'נס מקורבים זיך פאַר איהם משתדל געווען, אַז דער רבי זאָל איהם צווינטשען הצלחה, — האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט, ער איז דאָך אַ חסיד, אַ ירא שמים, פעהלט דאָך איהם גאָר נישט...

## 1410

דער וואָרקער רבי ז"ל האָט געזאָגט, „בורא רפואות" אַ חולה דאַרף דאָס ערשטע נעמצן אַ דאָקטער, — אַז עס העלפט ניט, „נורא תהלות" זאָל מען זאָגען תהלים, אַז עס העלפט ניט, — „אדון הנפלאות" דאַרף ער האָבען רחמים...

## 1411

אין ירושלמי תרומות פרק ד' איז דאָ אַ מאַן דאמר אַז דער שיעור פון אפשיידען „תרומה גדולה" איז איינ'ס פון הונדערט, אייגענטליך פונוואַנען נעמט דאָס דער ירושלמי? (זעה אין ספרי פ' שלח אַז עס האָט ניט קיין שום שיעור, מדאורייתא), האָט ר' יאָשע דענעבורגער ז"ל דערויף געזאָגט, די חז"ל זאָגען אַז ווען עס איז בטל געוואָרען די מעשרות, איז צוגענימען געוואָרען דאָס פעטקייט פון די תבואות, (סוטה מ"ח) זעהען מיר אַז מעשר איז דער „שומן הדגן" אין עס איז פאַראַן אַ תוספתא אין ערכין פרק ד' אַז פון הונדערט קוואָרט מילך גייט אַרויס איין קוואָרט פיטער, זעהען מיר דערפון, אַז שומן (פעטקייט) איז איינ'ס פון הונדערט...

## 1412

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געטייטשט, „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" די אידען האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוואָהנט צו די ארבייט, אַז זיי האָבען שוין גאָר נישט געפיהלט, האָט דער אייבערשטער געזאָגט, „והוצאתי

אתכם מתחת סבלות מצרים" איך וועל אייך ארויס נעמען פון דעם „סבלות" פון דעם קענען געדולדיג פארטראגען די מצרי'שע קנעכשאפט, אט פון דעם מוז איך אייך ארויס נעמען, ווייל אויב ביי אייך איז שוין געווארען א רגילות דאן קענט איהר נאך שטענדיג פערבלייבען אייביגע עבדים...

## 1413

דער קאצקער רבי ז"ל האט געטייטשט „צהר תעשה לתיבה" (פ' נח) זאלסט ארייגלייכטען מיט'ן אמת'ן טייטש, אין דעם ווארט...

## 1414

דער רבי ר' בינם האט אויסגעטייטשט דעם מאמר חז"ל „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" (פסחים קי"ח) אייגענטליך וואס עפיס דוקא אזוי ווי קריעת ים סוף? נאהר ווען די יודען זענען ארויס פון מצרים, און זענען געקומען צום ים סוף, און האבען דערזעהען, ווי די מצרים יאגען זיי נאך, זענען זיי געווארען שטארק פערצווייפעלט, און האפענונג'ס לאז, זיי האבען נישט געקענט באגרייפען פונוואנען וועט קומען צו זיי א רעטונג, פון די מצרי'שע הענד, יעדער פון די אידען האט גערעכענט אז די ישועה וועט קומען דורך א אנדער אופן, אבער קיינעם איז נישט איינגעפאלען אז עס זאל זיין אזא נס ווי קריעת ים סוף, אזוי איז מיט פרנסה, שטענדיג זארגט דער מענטש, פונוואנען וועט ער נעמען פרנסה, און טראכט אפשר אזוי, אדער אזוי, ער ווערט פארצווייפעלט, שיקט איהם אבער דער אייבערשטער צו די פרנסה פון א אומגערעכטען פלאץ, וואס ער האט זיך אויף דעם גאר נישט גערעכט...

## 1415

ר' מאיר'ל פרימישלאנער ז"ל האט געטייטשט. „וצרת הכסף בידך" (ראה) די זאלסט בינדען און זאלסט הערשען איבער'ן געלד, נישט דאס געלד זאל דיך בינדען...

## 1416

דער רבי ר' יצחק'לווארקער ז"ל האט געטייטשט, „ויאנחו בני ישראל מן העבודה" (שמות) דער יוד האט פון זיי ארויסגעזיפצט, פונקט ווי איינער פערשפעטיגט זיך אין מסחר פרייטיג ביז שפעט אין דער נאכט אריין, און אז ער כאפט זיך אז עס איז שוין אזוי שפעט, לויפט ער געשווינד א היים, און ווארפט פון זיך אראב די וואכענדיגע קליידער, און לויפט גלייך אין שוהל דאווענען, און קומענדיג אין שוהל גיט ער א טיעפען זיפץ מעומק הלב, דאס

פינטעלע יוד האָט פון איהם אַרויסגעזיפצט, דאָס איז דער פשט, „ויאנחו בני ישראל מן העבודה" דורך דעם „וידע אלקים" האָבען זיי אנערקענט דעם רבונו של עולם, און דורך דעם זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים...

## 1417

דער רבי ר' בינם ז"ל האָט געזאָגט, „ואלה תולדות יצחק" ווייל „איזהו חכם הרואה את הנולד" (תמיד ל"ב) פון דעם נולד. פון דעם קינד, דערקענט מען אז „אברהם הוליד את יצחק"...

## 1418

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געטייטשט, „שמע בקולי איעצך" (יתרו) אז יתרו האָט געזאָגט צו משה, די עצה איז אז „שמע בקולי" די זאָלסט זיך צו הערין צו מיין קול...

## 1419

דער יוד הקדוש האָט געטייטשט, „ופרעה הקריב ויצעקו בני ישראל אל ד'" (בשלח) פרעה האָט דערנעהנטערט די אידען צו אונזער פאָטער אין הימעל. פרעה האָט גורם געווען אז „ויצעקו אל ד'"...

## 1420

„ויקהל משה את כל עדת בני ישראל" האָט דער וואָרקער רבי ז"ל געזאָגט אז יודען קומען זיך צו זאַמען צום רבי'ן, „ויאמר אליהם" דאַרף דער רבי זאָגען פאַר זיי תורה...

## 1421

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געטייטשט „ויקח מן הבא בידו מנחה לעשו" (וישלח) אז אַ יוד נעמט אַלץ וואָס קומט איהם אונטער די האַנד, ער איז זיך נישט פריהער מיישב, אויב עס איז גוט אָדער שלעכט, אפילו ער מיינט אז דאָס איז לשם מצוה, איז דאָס אַ מנחה לעשו...

## 1422

דער רבי ר' בינם ז"ל פון פרשיסחא האָט פערענטפערט דאָס וואָס די תורה

זאָגט, אז יצחק האָט ליעב געהאַט עשו'ן „כי ציד בפיו" זאָגט רש"י עשו האָט געוואוסט צו נאַרען דעם פאָטער מיט'ן מויל, ער האָט איהם געפרעגט, „אבא האיך מעשרין את המלח ואת התבן" האָט יצחק געמיינט אז ער איז אַ מדקדק במצות, איז דאָך שווער, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס אנטקעגען יעקב וואָס איז געזעסען יום ולילה און געלערינט? נאָהר דער תירוץ איז, יצחק האָט געמיינט אַז יעקב איז אַ בטלן, ניט קיין סוחר, ממילא איז ניט קיין וואונדער וואָס ער זיצט נאָהר און לערינט, ווייל ער קען ניט עפּיס אַנדערש, דאַגעגען עשו איז אַ איש שדה, אַ סוחר, דאָך איז ער אַ מדקדק במצות, דרום האָט ער איהם מעהר ליעב געהאַט ווי יעקב'ן, אָבער דערנאָך אַז עשו האָט דערצעהלט יצחק'ן, אַז יעקב האָט איהם גענאַרט, האָט יצחק צו איהם געזאָגט, אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ גרעסערער סוחר פאַר דיר, און דאָך זיצט ער און לערינט יומם ולילה, דרום קומט איהם די ברכות..

## 1423

דער רבי ר' בונם ז"ל פון פרשיסחא האָט אמאָל געזאָגט „קרח" זענען די אותיות „חקר", דער עיקר חטא קרח'ס איז געווען וואָס ער האָט אַריינגעחקר'נט אין אַלעס פאַרוואָס איז טלית שכולה תכלת מחויב בציצית? אַ בית שכולה ספרים מחויב במזוזה דערפאַר איז ער געבליבען „קרח מכאן וקרח מכאן"...

## 1424

דער „חפץ חיים" ז"ל האָט אמאָהל געזאָגט נישט דער עיקר איז צו קלאַפּען זיך אין האַרץ אַריין נאָך יעדען „על חטא", נאָר פאַר יעדען „על חטא" – זאָל דאָס האַרץ קלאַפּען און אָבהאַלטען פון דער עבירה...

## 1425

א גאון האָט געזאָגט, „ציפּהו (לשופר) זהב במקום הנחת פה – פסול" (ראש השנה כ"ז ע"ב) אויב דאָס מויל פונ'ם שופר. פונ'ם מוסר זאָגער איז בעדעקט מיט גאָלד, ער איז דער מיט אויסצן זיין פריוואַט נוצען, איז ער פסול...

## 1426

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט געטייטשט, „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך" (אבות) זאָלסט נישט האַלטען די גוטע, די בעקוועמע זאַכען פון דער תורה פאַר זיך, און די חומרות, פאַר אַנדערע..

1427

ר׳ ברוך מרדכי שעדלעצער פלעגט זאָגען, פונוואַנען נעמט זיך עס, וואָס
די חברה קדישא לייט זענען אַזעלכע שטאַרקע אָנהענגער פונם „ביטערען
טראָפּען״? דען די חז״ל זאָגען, „כתיב לד׳ הארץ ומלואה וכתיב והארץ נתן
לבני אדם, כאן קודם ברכה, כאן לאחר ברכה״, איז דעריבער איידער זיי
מאַכען אַ „ברכה״, האָבען זיי קיין רעכט נישט צו פאָדערען געלד פאַר אַ
קרקע, דען די ערד געהער דאָך צום אייבערשטען, דאַנעגען נאָך דער „ברכה״,
דעמאָלס איז דאָך שוין די ערד זייערע, מעגען זיי זיך שוין הייסען געבען
פאַר איהם וויפיעל זיי ווילען...

1428

ר׳ מרדכי ז״ל פון קרעמעניץ האָט געטייטשט, „לעומת המסגרת תהיין
הטבעות״ (תרומה) „לעומת המסגרת״ — ווי אונטער אַ שלאָס, „תהיין
הטבעות״, דאַרף זיין די מענשליכע טבעות, די מענשליכע תאוות, וועלכע
ווערען מיט דער צייט פערוואַנדעלט און געוואָנהייטען...

1429

דער גאון ר׳ שמואל יוסף העלער ז״ל האָט געטייטשט „ועתה אל תיראו
אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם״ (ויחי) איהר דאַרפט שוין נישט מורא האָבען
פאַר קיין אַנדערע שטראָפען, איך וועל אייך שפייזען און דאָס איז שוין אַ
גאַנץ גענוגענדע שטראָף, ווייל המצפה לשלחן אחרים חיו אינם חיים (ביצה ל״ב)...

1430

דער לובלינער רב רבי עזריאל (דער אייזערנער קאָפּ) האָט געפּערגט
אַ מאָהל רבי נפתלי׳ן ראָפּשיצער, וואָס זעהט עס די וועלט אין רבי׳ן
פון לובלין, וואָס זי קלעבט אַזוי אין איהם ער איז אַ יודע מחשבות האָט
רבי נפתלי קורץ געענטפערט, פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? ווייל איך
דער קלענסטער פון זיינע תלמידים, האָב אויך אַ שטיקעל ידיעה אין איהם...

1431

אַ מגיד האָט געזאָגט, „ויגדל משה ויצא אל אחיו״ (שמות) „ויגדל משה,
נתגדל שלא כדרך העולם״ (מדרש) דען עס איז נישט לויט׳ן דרך העולם,
אַז אַ אידיש קינד, וואָס ווערט אַזאַ נאָהנטער מקורב למלכות, אַ בן־בית

אין קייזערליכען הויף, זאָל זיך פּלוצים געהן פערגעהמען מיט אָזעלכע זאַכען און זיך אינטערעסירען בצרות אחיו...

## 1432

דער מלבי"ם פלעגט זאָגען, פאַרהאַן אַ דר. „רופא חולים", אַ דאָקטער מעדיצין, און פאַרהאַן אַ דר. „מתיר אסורים", אַ דאָקטער ראַבינער, וועלכער איז מתיר אַלע אסורים פון דער תורה, און „ומקיים אמונתו לישני עפר", זיין גאַנצע אמונה איז געבויט אויף „ישני עפר", אויף די יאָהר־צייטען און הזכרת נשמות...

## 1433

דער ווילנער גאון ז"ל זאָגט, אַז דרום הייסט דאָס „גט" ווייל דריי פערפליכטונגען האָט דער מאַן אויף זיך בנוגע זיין פרוי (שאר כסות ועונה) און ניין פליכטען האָט די פרוי אויף זיך בנוגע איהר מאַן (באַקען, קאָכען, וואַשען וכו', זעה מס' כתובות), דער דאקומענט בעפרייט דעם מאַן פון זיינע דריי פליכטען און דער פרוי, פון איהרע ניין פליכטען. דאָס ווייזט דער „גימל טית" פון וואָרט „גט" (גימל איז דריי, און טית ניין)...

## 1434

פון דער גאוה גופא, פלעגט זאָגען רבי וואָלף זשיטאָמירער ז"ל דאַרף זיך דער מענטש אַראָבלערנען די מדה פון ענוית, וואָרום זעהט אַדרבה ווי פשוט און איינפאַך די גאוה איז ביי זיך, זי איז אַ כל ולך ביי די סאַמע נידריגסטע און געמיינסטע ברואים, וויא ערגיץ אַ ליידאַק און וואו ערגיץ אַ גראָבער יונג — חבר'ט זי זיך מיט איהם...

## 1435

אין דער ערשטער דרשה, וואָס ר' שמעלקי ניקעלשבורגער האָט געהאַלטען, ווערענדיג אויפגענומען אַלס רב, האָט ער אַחוץ לומדות און גאונות אויך אַרויסגעוויזען גרויס בעהאַוועוסקייט אין ידיעות העולם, אין פרעמדע ליטעראַטור, בעת מען האָט איהם שפּעטער געפרעגט, צוליב וואָס ער האָט זיך אַזוי בעמיהט אַרויסצווייזען אין דער דרשה זיינע קענטעניסען אין וועלט זאַכען, האָט ער געענטפערט: „טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים", מוסר איז גוט צו הערען פון אַ זעלכען וואָס איז דערביי אַ „שומע שיר כסילים", וועלכער האָט אַ ידיעה אויך אין די

„נאַרישקייטען", כדי מען זאָל איהם נישט קאָנען פאָרוואַרפען אז ער איז אַ בטלן.

## 1436

„ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים", (מגלת אסתר) „יודעי העתים" — פלעגט זאָגען רבי בעריש מייזעלש — מיינט מען די דיפלאָמאַטען, וועלכע בייטען אָפט זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען, צופאַסענדיג זיך צו דער צייט, לויט ווי דער ווינד בלאָזט...

## 1437

דער רבי ר' הירש רומאַנאָווער ז"ל איז יונגעלוויים געווען אַ שניידער, איינמאָהל ווען ער איז שוין געווען רבי, איז געקומען צו איהם אַ שניידער און איהם דערמאָהנט, — איהר געדענקט רבי, מיר האָבען ביידע געלערענט די מלאכה, ביי משה שניידער און געשלאָפען אין איין בעט? — יאָ — האָט דער רבי געענטפערט — נור איך האָב מיך איבער געדרעהט אויף דער צווייטער זייט...

## 1438

דער רבי חיים בריסקער האָט אַ מאָהל בעמערקט אין בית המדרש, ווי אַ יוד מאַכט מורא'דיגע געוואַלדען ביים דאַווענען, האָט ער איהם נאָכ'ן דאַווענען צוגערופען צו זיך און געזאָגט, — איהר ווייסט, ליעבער איד, עס איז מיר שטאַרק קשה, נאָכוואָס מען האָט געדאַרפט האָבען די פעמוני זהב, די תורה האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל דעם כהן גדול אָנטוהן פעמוגים, גלעקלעך, בכדי אז ער וועט אַריינקומען אין בית המקדש אַריין זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקדש", זאָל מען הערען, אז דער כהן גדול איז דאָ, און איז מתפלל, ווען אָבער די כהנים וואָלטען געמאַכט געוואַלדען ביים דאַווענען, נאָכוואָס האָט מען געברויכט צו האָבען די פעמונים?...

## 1439

אַ גאון האָט געזאָגט, „ויחי יעקב בארץ מצרים" „למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד". (רש"י), פיעל ערגער פונ'ם שעבוד גופא איז דער „נסתמו עיניהם ולבם" דאָס וואָס די אידישע אויגען און הערצער ווערען פערשטאָפט, דאָס וואָס מען הערט אויף צו זעהען און צו פיהלען, צוגעוועהנענדיג זיך צום דאָזיגען שפל'דיגען לעבען...

## 1440

דער רבי ר' הירש מרימנוב ז"ל האָט אַ מאָהל געטייטשט דעם פסוק: — „קדש לי" — ווילסטו זיך היילינען פאַר מיר, „כל בכור" — זאָלסטו פיהלען אַז יעדער איינער איז גרעסער פאַר דיר, — „פטר כל" — פאַר אַלעם — „רחם בבני ישראל" — זאָלסטו האָבען רחמנות אויף אַ יוד, — „באדם ובבהמה" — די פראַגע צי דאָס איז אַ מענשט בבחינת אדם, צי דאָס איז אַ מענשט בבחינת בהמה, (און ס'לוינט נישט אויף איהם זיך מרחם צו זיין) — „לי הוא" — דאָס איז מיין זאַך, און דיך זאָל עס גאָר נישט אָנגעהן...

## 1441

אַנ'אָרימאַן אַ קראַנקער, איז געקומען צו הרה"ק רבי יאַנקעלע ראַדזימינער ז"ל און זיך בעקלאָגט דאָס לא די וואָס ער איז אַנ'אָרימאַן איז ער נאָך קראַנק אויך און ער פערמאָגט נישט קיין געלד צו היילען זיך ביי אַ דאָקטאָר. אין פסוק שטעהט — האָט דער רבי זצ"ל איהם געזאָגט — „והסיר ד' ממך כל חולי" מען קען אָבער אויך לייענען „והסיר ד' מ-מך כל חולי" און טייטשען, אַז „ג-ט וועט אָבטוהן פון אָרימאַן („מך — איז דער טייטש אָרים „כי ימיך אחיך) — אַלע קרענק, און די וועסט אי"ה געזונד ווערין...

## 1442

דער טעם — פלעגט זאָגען דער אָסטראָווצער רבי, פאַרוואָס אַ טאַטע האָט מעהר רחמנות אויף זיין קינד, ווי אַ קינד אויף זיין טאַטען איז דערפאַר, מחמת אַלע דורות ציהען זיך דאָך ווי אַנאונאויפהערליכע קייט פון אדם הראשון און די מידות פון די עלטערען געהען איבער בירושה פון דור צו דור, איז בנוגע די אַנדערע גוטע מענשליכע מדות, צווישען זיי אויך די מדה פון רחמנות אויף קינדער, זענען זיי אַלע איינגעוואָרצעלט געוואָרען אינ'ם ערשטען מענשט, אין אדם הראשונ'ען, און פון איהם זענען זיי איבערגעגאַנגען צו די ווייטערע דורות. דאַגעגען די מדה פון רחמנות צו עלטערען האָט נישט געקענט אין איהם איינגעוואָרצעלט ווערען וממילא האָבען מיר זי נישט געקענט פון איהם איבערנעמען, מחמת אדם הראשון האָט דאָך קיין טאַטען נישט געהאַט...

## 1443

דער לאָדזער רב ר' חיים מייזעל ז"ל האָט אַ מאָהל אום פסח געטראָפען אַ לאָדזער גביר שפּאַצירען מיט אַ רעגען שירם אין האַנד, האָט ער זיך

געוועגדעט צום גביר מיט פאָלגענדע ווערטער, — מיר האָבען דערפאַר דעם יום טוב פסח, ווייל מיר זענען פטור געוואָרען פון פּרעה'ס עול, געהסטו און געהמסט היינט אויף זיך צוריק פרעה'ס עול (פּאַראַסאָל) ?..

1444

רבי יאָשע בער בריסקער זצ"ל האָט געפרעגט זיין זוהן חיים ז"ל, ווען ער איז נאָך געווען א יונגעל, — ווער קען בעסער לערנען, דו צי דיין חבר? האָט ער געענטפערט: — זאָל איך זאָגען, אז איך קען בעסער לערנען, וועל איך זיין א בעריהמער, וועל איך זאָגען, אז ער קען בעסער לערנען, וועל איך זיין א ליגנער! האָט דער פאָטער צו איהם געזאָגט שמייכלדיג, מיט דיינע ווערטער ביזטו ביידע, אי א בעריהמער, אי א ליגנער!...

1445

באשר יתן מום באדם" (אמור) אויב איינער געפונט שטענדיג אויפ'ן צווייטען חסרונות און פעהלערען, איז דערפון א סימן — „כן ינתן בו", אז ער אליין איז פול מיט חסרונות. „כל הפוסל — במומו פוסל! (קידושין ע')...

1446

דער מדרש זאָגט, אז לעתיד וועט פון די גאַנצע תוכחה ווערין בלויז ברכות. אייגענטליך ווי אזוי וועט פון „ואכלתם בשר בניכם" קענין ווערין א ברכה? האָט געזאָגט דערויף ר' מאיר'ל פרימישלאַנער ז"ל, אז עס וועט ווערין אויס געטייטשט, „ואכלתם" איהר וועט עסין, וועט הנאה האָבען, „מבשר" פון די בשורות טובות, „בניכם ובנותיכם" וואָס מען וועט אייך איבערגעבען פון אייערע זיהן און טעכטער...

1447

דער רבי ר' שלמה קלוגער ז"ל פלעגט זאָגען, אז עפ"י רוב ווערט מחלוקת געפיהרט אָדער דורך גבירים, דען „עשיר יענה עזות", אָדער דורכן נידריגען המון, דורך די אָרימע לייט. וועלכע האָבען נישט וואָס צו ריזיקירען און וואָס צו פערלירען, דער מיטלסמאַן שטעהט מעהרסטענטייל אין א זייטע פאַלען פון דערווייטען, און אזוי געפונען מיר אויך ביי מחלוקת קרח ועדתו. די דאָזיגע מחלוקת איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון איין זייט דורכ'ן גביר קרח, און פון דער צווייטער זייט דורך די אָרימע לייט דתן ואבירם, וועגען וועלכע די חז"ל ערקלערען „כי מתו האנשים — שירדו מנכסיהם" — (נדרים דף ח')...

1448

דער רבי ר׳ מענדיל פון קאסובע ז״ל האָט געטייטשט, „על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה״, אויף דעם חטא, וואָס מען איז יוצא מיט׳ן „ודוי פה״, זאָגענדיג בלויז מיט׳ל מויל...

און דאָס איז אויך דער פשט, „כי עוני אגיד אדאג מחטאתי״ מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס „אגיד אדאג מחטאתי״, וואָס כ׳זאָג בלויז, אז „אדאג מחטאתי״, וואָס כ׳בין יוצא מיט׳ן מויל און דאָס הארץ איז נישטאָ דערביי...

1449

דער אזולאי טייטשט, „חדש ימינו כקדם״ אַ כלל האָבען מיר, אז „מדה טובה מרובה ממדת פורעניות״ (סוטה י״א) איז מה־דאָך ביי מדת פורעניות (ווי ביים עונש פון די מרגלים) ווערט געזאָגט: „יום לשנה יחשב״. אז פאַר יעדען טאָג וואָס זיי האָבען געזינדיגט, וועלען זיי בעשטראָפט ווערען מיט אַ יאָהר, מכל־שכן ביי מדה טובה האָבען מיר דאָך אודאי דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אז מען זאָל אונז פערגיטיגען און אָבצאָהלען פאַר יעדען טאָג גלות און יסורים אַ יאָהר גאולה ומנוחה. מיר זענען אָבער בעשיידען אין אונזערע פאָדערונגען, און אויסגעמאַטערטע פונ׳ם לאַנגען צוויי טויזענד־יעהריגען גלות, וועלכען מיר האָבען קיין כח נישט מעהר איבערצוטראָגען, בעטען מיר זיך „חדש ימינו כקדם״! מיר זענען שוין מוחל דעם פּראָצענט, בעצאָהל אונז כאָטש דעם קרן, כאָטש אַ טאָג פאַר אַ טאָג!...

1450

דער „שפת אמת״ ז״ל זאָגט אויף דעם וואָס רש״י זאָגט, אין פרשת ויחי „בקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו״. דעריבער ווערט נישט דערלאָזט, מען זאָל מגלה זיין דעם קץ, ווייל אויב מען זאָל וויסען ווען דער קץ איז, הערט מען דאַן אויף צו פיהלען דעם צער־הגלות, איז דער גלות מעהר קיין גלות נישט...

1451

אויף דער וואַנד פון בית־דין שטוב בײ׳ם רבי׳ן רב שמעלקי ז״ל איז געהאָנגען אַ טאָרבע מיט אַ שטעקען, דאָס האָט געזאָלט דערמאָהנען זי אַלע שטאָדט־תקיפים, אז ער ווערט זיי נישט שוינען, אָדער חנפה׳נען, ובאם זיי וועלען איהם צונעהמען די רבנות איז איהם נאָך געבליבען אַ טאָרבע מיט אַ שטעקען...

1452

דער „לבוש" זאָגט, דעריבער זענען אַלע מגילות געשריבען אויף פּאַרמעט, אויסער „מגילת איכה", וועלכע ווערט געלייענט פון אַ חומש, ווייל מיר האָפען יעדען טאָג צו ווערען אויסגעלייזט פון גלות און צו פערוואַנדלען דעם טרויער-טאָג אין אַ יום שמחה, און ווען מען וואָלט מגילת איכה געשריבען אויף פּאַרמעט, וואָלט עס אויסגעזעהן, ווי מיר, וואָלטען זיך גרייטען צו בעניצען דערמיט אויף לאַנגע יאָהרען...

1453

דער לובלינער רב ר' אלי' קלאַצקין ז"ל האָט געזאָגט, אַז דעריבער זאָגען די חז"ל „המספר לשון הרע ראוי להשליכו לכלבים" (פסחים קי"ח) אַז דער וואָס רעד לשון הרע, איז ווערט איהם צו וואַרפין פאַר די הינד, — דען דער לשון הרע'ניק שטעהט פיהל נידריגער פון די כלבים, ווייל די כלבים האָבען געהיטען די צונג, „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" (בא) ממילא דער וואָס היט ניט די צונג איז ער דאָך ערגער פון די כלבים, דרום איז ער ווערט מען זאָל איהם וואַרפען פאַר די הינד...

1454

ר' מאיר'ל דזיקובער ז"ל האָט געזאָגט, „ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש", דער שטייגער איז ווען קומט אַ יוד אל הקודש, ווען ווערט ער פרום? בשעת עס פּאַסירט מיט איהם אַ נגף, עפּעס אַנאומגליק חלילה, די תורה פאַרלאַנגט אָבער אַז, „ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש" נישט צוליעב אַ נגף, זאָל ער זיך באַווייזען אין בית המדרש, נישט פון צער חס ושלום, נאָר מתוך נחת...

1455

ר' יוסף שאול ז"ל לעמבערגער רב האָט געזאָגט, אויף דעם פסוק „ובחוקותיהם לא תלכו" טייל יודען האָבען ליידער אַ טבע נאָכצוטהון די גויים, אַפילו אין אַזעלכע זאַכען וועלכע זענען חוקים, וואָס האָבען קיין שום זין נישט..

1456

א גאון האָט געטייטש, „ובמרבית לא תתן אכלך" (שופטים) מאַך דיר נישט קיין פּרנסה, פון רבית, ציה נישט דיין חיונה, דיין אכילה, פון פּראָצענטער...

## 1457

קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" (פסחים קי"ח) וואָס פאַר אַ שייכות האָט פּרנסה צו קריעת ים סוף? האָט ר' שלום בעלזער ז"ל געזאָגט דען ביי קריעת ים סוף כידוע, האָט דער שר של מצרים געטענה'ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", אַז צוליב דעם וואָס אויך די יודען זענען זינדיג, זענען די דעריבער נישט ווערט דעם נס און די זעלבע טענה טענה'ט אויך דער מקטרג ביי פּרנסה, אַז די זינדיגע דאַרף מען קיין פּרנסה נישט געבען, אָבער אויך דאָ פונקט ווי ביי קריעת ים־סוף, מען דאַרף נישט מאַכן קיין אונטערשיד, וואָרום „אין בודקין למזונות"...

## 1458

דער לובלינער רב הרב מאיר שפּירא ז"ל פלעגט טייטשען: „משמת רבי מאיר בטלו מושלי משלים" (סוטה מ"ט), רבי מאיר איז, ווי בעוואוסט געווען אַ גרויסער משלים זאָגער, ער האָט געקענט דריי הונדערט „משלי שועלים" (סנהדרין ל"ט), איז כל זמן רבי מאיר האָט געלעבט האָבען אַלע נעהאָט פון וועמען צו שעפּען, פון וועמען צו לקחנען, קוים איז אָבער רבי מאיר נפטר געוואָרען איז „בטלו מושל משלים", זענען מיט אַמאָל אויסגעריינען אַלע משלים זאָגער...

## 1459

אין סלאָנים איז געווען אַ גביר אַ קמצן וועלכער פלעגט קיינמאָל קיין נדבה נישט וועלן געבען, דאַנעגען פלעגט ער זיך שטענדיק שטופּען צו דאַוונען פאַרן עמוד, הגם ער האָט ניט געקענט. פלעגט רבי אייזיל סלאָנימער זאָגען אַז דער דאָזיקער יוד איז אַ געוואַלדיגער קדוש, דען די גמרא זאָגט „ישראל קדושים הם, יש שיש לו ואינה רוצה ויש שרוצה ואין לו" (חולין ז'). דער דאָזיגער גביר איז דעריבער אַ דאָפּעלטער קדוש, ווייל ביי צדקה איז ער אַ „יש לו ואינו רוצה", און ביים דאַוונען פאַר'ן עמוד, אַ „רוצה ואין לו"...